STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03081

DER GETLEKHER BEN-TSIYON

Louis Sugerman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַ חופה אויפ׳ן בית עולם

Copyright by

LOUIS SUGERMAN

6541 SHERIDAN ROAD

CHICAGO 26, ILL.

Printed in U.S.A.

INTERNATIONAL PRINTING CO. • 3138-40 W. Roosevelt Road • Chicago

לואיס שוגערמאַן

דער געטלעכער בן־ציון

אַ נאָוועלע פון אידישן לעבן אין רוסלאַנד
אין אַכצענטן יאָרהונדערט.

ערשטער קאַפּיטל

ר׳ גרשון דער סופר

די אָרימקייט אין גרשון סופר׳ס הויז איז געווען, קאָן מען זאָגן, אַ היימישע, אַן אייגענע, אַ פֿאַרוואָרצלטע, איז זי געוואָרן זייט פֿילע יאָרן. עפּעס אַנדערש ווי אָט־די אָרימקייט האָט דאָס הויז ניט געוואוסט, סיידן שבת און יום טוב. אָבער אַפֿילו דעמאָלט איז די פֿרייד געווען צונויפֿגעפּאָרט מיט אָרימקייט, וואָס איז געלעגן אויף די ווענט, אויף דער סטעליע, אויף דער פּאָדלאָגע. גרשון סופֿר, די סופר׳טע, זייער זוהן בן־ציון האָבן דעם דלות געהאַלטן אַלס זייערס אייגנס, ווייל פֿון עפּעס אַנדערש האָבן זיי כמעט גאָרנישט געוואוסט.

אויפֿן טיש, ביי דער הרובע, זענען געלעגן צעוויקלטע תפֿילין, מזוזות, קלענערע און גרויסע שטיקלעך פּאַרמעט, געגנזענע פּעדערס און עטלעכע טינטערלעך אָנגעפֿילטע מיט שוואַרצן גולאַש־טינט, וואָס גרשון סופר פֿלעגט אַליין מאַכן, לויטן דין. דאָס אַלעס האָט עדות געזאָגט, אַז דער סופר האָט גראָד איצט, ברוך השם, אַרבעט, אָבער אַלעס אַנדערעס אין צימער האָט דערציילט אַז פּרנסה איז אַ גאָט׳ס זאַך און אַז מען קאָן קוים פֿאַרדינען אויף אַ שטיקל לעבן פֿון אָט־די הייליקע זאַכן, וואָס דער סופר דאַרף צושטעלן דעם שטעטל. די מעבל, באַשטייענדיק פֿון עטלעכע צערינצלטע בענקלעך און אַ שאַפֿע, וואָס דער שטויב האָט דיק פֿאַרשטעלט איר גלאָז־טיר, וואָס איז געווען אַלט און אָפּגעטראָגן. ווער ווייסט ווי לאַנג די דאָזיקע בענקלעך האָבן שוין געלעבט און צי זענען זיי ניט געקומען פֿון אַן אַנדער הויז, וואו זיי האָבן געדינט די אייגנטימער פֿאַר פֿילע יאָרן?

גרשון ספר איז ערשט איצט אַריינגעקומען אין צימער. ער איז נאָר־וואָס געווען אין מקוה, וואו ער האָט זיך געטובל׳ט איידער ער האָט זיך גענומען צו דער הייליקער אַרבעט. זיינע באָרד און פּאות זענען נאָך גע־ווען אַביסל נאַס פון טבילה אָבער די וואַרעמע הרובע האָט זי געטריקנט. גרשון האָט געפילט גוט איצט. די וואַרעמקייט האָט אים דורכגענומען די גלידער און ער האָט דעריבער געטאָן די אַרבעט מיט באַזונדער פלייס. אָבער פון צייט צו צייט האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אַביסל איינגעהערט, קוקנדיק אַרויס פון זיינע ברילן, וואָס זענען געהאַנגען אויף זיין נאָז. דאָס האָט ער זיך איינגעהערט פאַרזיכטיק צו זיין זון בן־ציונ׳ס קול, וואָס האָט זיך געטראָגן צו אים פונם צווייטן צימער. בן־ציון האָט גע־וואָלט קאָנען לייענען די מגילה מיטן ריכטיקן ניגון. גרשון סופר האָט זיך איינגעהערט און געשעפּט נחת. אַ געזונטער קאָפּ, אַ גוטער זכרון. גאָט צו דאַנקען מיט אַלע מעלות . . . האָט ער געטראַכט צו זיך, און אַרונטער־געבויגן דעם קאָפּ אויף דער יריעה. אַך, ווי עס האָט זיך אים געגלוסט **איצט גראָד צוצוגיין צו זיין פרוי, שרה די סופר׳טע,** און איר זאָגן בזה הלשון: „הערסט דו כאָטש אונזער נחת? ס׳איז דאָך אַ מחיה״ . . . אָבער ער האָט ניט געוואָלט אונטערברעכן די אַרבעט.

שרה די סופר׳טע איז אויך געווען שטאַרק פאַרטאָן אין איר אַרבעט — זי האָט געהאַלטן אין פאַרלאַטן די אַטלעסענע קאַפּאָטע. דער סופר מוז זי האָבן אויף שבת, און גראָד האָט די קאַפּאָטע שוין געהאַט געדינט אַ סך יאָרן. צורעכט־מאַכן האָט מען שוין לאַנג געדאַרפט. איצט, ווען דער זון ציקלט אויס קונציק די מגילה, איז זייער אָנגענעם צו לאַטן די אַלטע קאַפּאָטע. אויך זי האָט געוואָלט צוגיין צום סופר און אים פרעגן וועגן זונ׳ס מגילה־לייענען. אָבער זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן, ווייל די זאָרג פון פסח האָבן זי ניט געלאָזן רוען. אַלעס וואָלט טאַקע געווען גוט: בן־ציונ׳ס לערנען, זיין גאונות, און זיין באַליבטקייט אין שטאָט, ווען נאָר עס זאָלן ניט זיין אַזוי פיל צרות מיט אַריינברענגען דעם יום־טוב אין שטוב אַריין. זי געדענקט עס גאַנץ גוט נאָך פון פאַראַיאָרן. ענדלעך האָבן די זאָרג גובר געווען דעם נחת און זי האָט זיך אָפּגערופן:

„הער נאָר, וואָס וועט טאַקע זייען? פסח איז שוין באַלד ביי דער שוועל און . . . דער קאָפּ טוט מיר ווי פון טראַכטן, ווי איז מיר״.

גרשון דער סופר האָט דוקא געוואָלט ענטפערן. אָבער — וואָס? קיין וועג ווי צו קריגן אַלעס אויף פסח האָט ער ניט. סיידן גאָט אין הימל. האָט ער זיך טאַקע באַנוצט מיט דער פּריוועלעגע פון טאָן די עבודת הקודש, און האָט אַרויסגעמורמלט: אָ, אָ, דאָס הייסט ער קען ניט ריידן, אָבער עס איז פאַראַן אַ גרויסער גאָט אין הימל — דאָרט אויבן, ווייזט ער מיטן פינגער.

דערווייל איז בן־ציון אַרויסגעקומען פון זיין צימער. דער מאַמע׳ס ווערטער האָבן אים דערגרייכט. „מאַמע״ האָט ער געזאָגט אין אַן ערנסטן טאָן — „דו ווייסט דאָך אַז אַ איד מוז לעבן מיט בטחון — ווען ניט אונ־זער גלויבן אין גאָט וואָלטן מיר ניט געקאָנט לעבן . . . גאָט העלפט, ער שפּייזט די גאַנצע וועלט, און ער וועט אונז אויך ניט פאַרגעסן״.

שרה נעמט אָן דעם זונ׳ס ווערטער מיט אַ פרומער מינע. זי ווייסט, אַז ער איז גערעכט, אָבער דאָך בלייבט איר אייגענע פראַגע ניט פאַרענט־פערט: „יאָ, יאָ, מיין זון—זאָגט זי—ביזט גערעכט, אָבער נעכטן האָ־סטו זיך געלייגט שלאָפן הונגעריק . . . דאָס טרוקן שטיקל ברויט האָסטו דעם אָרעמאַן אַוועקגעגעבן, אים אויסגעבעטן דיין וואַרעמע בעט און אַליין געשלאָפן אף דער באַנק נאָך אַ גאַנצן טאָג לערנען אין בית המדרש, ווייז איז מיר״.

בן־ציונ׳ס יונגער פנים איז געווען טרויעריק. ער האָט געקוקט אויף זיין מוטער מיט ליבשאַפט, אָבער איר צו טרייסטן איז געווען שווער. זי האָט געהאַט גערעכטע טענות, הגם גאָט איז מן הסתם אויך גערעכט... ניט מן הסתם נאָר זיכער גערעכט . . . ער ווייסט וואָס ער טוט. פאַרוואָס למשל, האָט דער בלינדער אָרעמאַן געליטן? געשטאַנען איז ער אין בית מדרש נעכטן, ניט געהאַט וואו צו גיין נעכטיקן, געווען פאַרשמאַכט פון הונגער. טאָ, האָט ער אים אַוועקגעגעבן זיין בעט און דאָס שטיקל ברויט. פאַרוואָס האָט ער געטאָן אַזוי? ווייל גאָט האָט אַזוי געהייסן . . .

אָבער פאַרוואָס האָט גאָט געמאַכט דעם בלינדן אָרעמאַן צו ליידן? פרעגן גאָט קאָן מען ניט. אַלע קשיות און אַלע תירוצים ווערן גאָרנישט לגבי גאָט. אַ מענש איז מחויב צו העלפן אַן אַלטן, קראַנקן מאַן, אָבער גאָט קאָן אים לאָזן ליידן . . .

„כל המקיים נפש אחת מישראל״ . . . האָט בן־ציון געזאָגט. ווער עס ראַטעוועט אַ מענשן איז פונקט ווי ער האָט געראַטעוועט אַ גאַנצע וועלט . . . אַברהם אבינו איז געזעסן אַ קראַנקער ביי דער טיר, אונטער דער ברענענדיקער זון, און געוואַרט אויף אורחים . . . די מצוה פון הכנסת אורחים איז גרויס.

„יאָ, יאָ, מיין קינד״, ענטפערט זי. „אברהם אבינו איז טאַקע געווען אַ גרויסער מכניס־אורח! אָבער ער האָט נישט באַדאַרפט פאַרזעצן די לייכ־טער אויף צו מאַכן שבת. ער איז געווען געבענטשט מיט אַלעס — און מיר מיטן דלות״ . . .

דאָן האָט בן ציון זיי געגעבן די ליד וואָס ער האָט נעכטן געשריבן, געווידמעט צום מתמיד. זיי האָבן געלייענט מיט נחת און טרערן אין די אויגן.

דער בלינדער אורח

גשווידמעט מיינע עלטערן

חסד ואמת אל יעזבך

אין מית־מדרש, שפּעט ביינאַכט,
לערנט ר' גרשון מיט זאַכט,
און ער טובלט אין ארח־חיים,
זיין נשמה, אין מים חיים.

דאָך דער גוף הונגערט, ער טראַכט,
מ'האָט קיין מאָלצייט היינט געמאַכט,
ניטאָ קיין ברויט אויף מאָרגן,
וואָס וועט זיין? הויבט אָן זאָרגן.

ניטאָ אין הויז קיין גראָשן,
קינדער נאַקעט, אָפּגעריסן,
יום־טוב איז באַלד ביים טיר,
מיין אשת חיל פרעגט ביי מיר.

„מען דאַרף מצות, וואָס וועט זיין,
און אויף ארבע כוסות וויין,
צדקה נעמען? מעות חיטים?
קיין מאָל ניט — זאָל גאָט היטן.

„אַ גמילות חסד נעמען?
ווייס איך ניט ביי וועמען?
דעם יום־טוב ניט פאַרשעמען,
ס'האַרץ הייבט אָן קלעמען.

שוין צייט אַהיים צו גיין,
און פּלוצלונג געבליבן שטיין!
אַן אַלטער מאַן אַ בלינדער,
שטייט לעבן אים אין וואונדער!

פינצטער, יאָרצייט ליכט צאַנקען,
שוין אַלע זיך צעגאַנגען,
זיי האָבן גאָר פאַרגעסן,
אים אַ מאָלצייט געבן עסן.

קומט פעטער קומט מיט מיר,
צו וואָס שטיין ביי דער טיר?
און נעמט אים אָן ביי דער האַנט,
גייען אָרימע צוויי ביינאַנד.

און ער גייט אַזוי און טראַכט,
און צו זיך אַליין ער לאַכט־
איין אורח האָט מיר גאָט באַשערט,
ס'איז ביי מיר אַן אוצר ווערט.

וואָס גיט מען אָבער עסן?
אַ שטיקל דאַרן ברויט אַ ביסן,
אין הויז אַ דלות, טריקן,
מיט וואָס קען איך אים קוויקן?

ברויט אין וואַסער איינגעווייקט,
אויף זיין קישן אים געלייגט,
ער אַליין! גיט גאָט זיין דאַנק,
שלאָפט אַ הונגעריקער אויף דער באַנק.

ער שטייט אויף אין בלויען מאָרגן
דעם אורח וויל פאַרזאָרגן
וועט גיין אַ ברויט אַנטלייען
פון הונגער אים באַפרייען

שטיל דעם אורח ניט צו וועקן,
און בני־בית ניט דערשרעקן.
פלוצלונג פאַלט אויף אים אַ שרעק
ניטאָ דער אורח, אַוועק,

אַ הויפן רענדלעך אויפן טיש,
עס ציטערט אים הענט און פיס
נאָר אַנרירן יענעמס געלט
פאַר קיין זאַך אין דער וועלט.

טיר און טויער פעסט פאַרמאַכט
וואו איז דער אורח — ער טראַכט,
גאָט ווייסט וואָס קען זיך טרעפן
און די טיר גיט זיך אַן עפן

אויף דער שוועל אַ בריוו געלעגן:
געזונט און לעבן, פרייד און זיגן,
זיי געבענטשט מכניס אורח
איך בין דאָ פון אַ וויטן דרך.

אליהו הנביא איז דיין גייסט
מאַך זיך פסח ווי דיר פאַסט,
באַקלייד דיין ווייב און קינדער
און צום סדר קום איך ווידער.

„אַ גוטן אָוונט אייך״, האָט זיך געהערט אין הויז דאָס קול פון קאַדעש דעם וואַסער־טרעגער. ער האָט געסאָפּעט, אָוועקשטעלנדיק די עמער מיטן קאַראָמיסלע. „איר זענט ביי מיר די לעצטע סטאַנציע״, האָט ער געזאָגט. „אַך, אַך, ביי אייך איז שאַ־שטיל . . . אַ מקום קדוש: תפילין, מזוזות, און ספר תורה׳ס . . . גאָט רוט דאָ . . . אין אַנדערע הייזער איז אַ געשריי, אַ געפילדער, אַ גיהנם. דאָ אבער — אַ גן־עדן״ . . .

גרשון סופר האָט אָפּגעשטעלט דאָס שרייבן, און קאַדעש האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגן אים. שרה האָט דערווייל צוגעטראָגן אַ געבראָטענע קאַרטאָפליע, אַרויסגענומען פון דער הרובע. קאַדעש האָט זי געעפנט, און גענומען פאַרזיכטיק צו די ליפּן. „איך טראָג די עמער״, האָט ער געזאָגט, אויף דער וועלט, האָב איך אַ גיהנם פון וואַסער און דאָרט . . . אויף יענער וועלט — ווער ווייסט? וועט מען מיר געבן אַ גיהנם פון פייער . . . טאַקע אין אמת׳ן, פאַרוואָס קומט מיר דער גן־עדן? אַ צדיק בין איך? קוים וואָס איך קען דאַוונען, און זאָג גרייזן אויך, און צו חברה תהלים באַלאַנג איך ניט״.

„מיר ווייסן גאָרנישט”, האָט געזאָגט דער סופר. „ווער עס האָט דעם גיהנם אויף דער וועלט, וועט האָבן” . . .

קאַדעש האָט אים אונטערגעבראָכן: „אוי האָב איך אַ גהינם . . . אָן אמת׳ן גיהנם, ר׳ גרשון. יעדן טאָג, אין רעגן, שניי, בלאָטע איינגע־שפּאַנט אין דער קאַראַמיסלע ווי אַ פערד. און די וויבער באַקלאָגן זיך נאָך — די עמער ניט פול. וואָס קען איך טאָן אַז דאָס וואַסער כליופּעט זיך אויס? . . . ערב יום כפור גיב איך זיי אַ מאָל וואַסער פריי אָן געלט, און ווינש זיי אַ גוט יאָר און בעט זיי זאָלן מיר מוחל זיין. און גאָט איז אויך מוחל. נעכטן געפאַלן אין דער בלאָטע, און ווען ניט דעם גביר׳ס משרת וואָלט איך שוין אויפ׳ן פלאַץ געוועזן אַרויסגעלאָזט די נשמה . . . כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט ניט געקאָנט שלאָפן פון ווייטיק”, האָט ער געזאָגט, קרעכצנ־דיק. „די פיס זענען געשוואָלן — אַך, אָן אמת׳ער גיהנם . . . איך בין שוין ניט קיין יונגערמאַן . . . מען וועט באַלד רופן . . . שבת אין בית מדרש האָב איך געהערט דעם בעל דרשן . . . ער האָט גערעדט פון יענער וועלט... ער האָט געזאָגט אַז אַפילו אַ מענש ווי קאַדעש דער וואַסער־טרעגער קאָן אויך האָבן דעם גן עדן . . . נאַטירלעך, ווען איך האָב אַ מחותן אַ בן תורה אַ שטייגער ווי דער סופר . . . אָבער ווי קומט די קאַץ איבערן וואַסער?”

און זעענדיק אַז מען לאָזט אים מער ווייטער ריידן, האָט ער פאַרגעזעצט אין זעלביקן טאָן: „איך האָב אַפילו אָן אייניקל, אַ גאָלדן קינד, אַ טייערע נשמה . . . אָבער וואָס קומט אַרויס? ווער זענען מיר און וואָס זענען מיר? און ווער זענט איר? מען דאַרף טאַקע זאָגן להבדיל . . . ”

זיין טאָן איז געוואָרן אַלץ טרויעריקער, אָבער פלוצלינג האָט ער געענדערט דעם טאָן אַזוי ווי אַלעס זאָל שוין זיין פאַרפאַלן און מען קאָן גאָרנישט גוטמאַכן: „לאָמיר בעסער רעדן פון פריילעכעס — עס גייט צו פּסח . . . ”

ער האָט געגעבן אַ טיפן קרעכץ.

„זאָרגט ניט”, האָט דער סופר געזאָרגט. „גאָט וועט העלפן — אַ איד דאַרף האָבן בטחון. זינדיקט ניט”.

„ווער זינדיקט?—האָט קאַדעש געזאָגט—איך וועל טאָן ווי פאַראַיאָרן פּסח... כ׳וועל נעמען דעם שטויסל צום גביר... אַלס משכון... ער גע־טרויט מיר ניט.... איך טראָג אים וואַסער אַ גאַנץ יאָר, קיין געלט צאָל איך אים ניט, און אַזוי מאַך איך פּסח . . . אויף פורים וועל איך מן הסתם האָבן. די גבירנטע האָט צוגענומען מיין אייניקל אסתר זי זאָל איר העלפן באַקן פורים גרייט, לעקעך, און מלכות־ברויט, קוילעשן מיט זאַפראַן”. און דאָ האָט דער וואַסער־טרעגער אָנגעהויבן צו שילדערן וואָס פאַר אַ גרויסע בריה אסתר איז אין פרעגלען מאַנדלעך. זי קאָן אַלעס — אַ גאָלדן קינד.

וואו זי האָט זיך דאָס אַלעס אויסגעלערנט, ווייס ער ניט, אָבער זי קאָן . . . שרייבט, דאַוונט, ווי אַ מזמור, פּונקט ווי איר מאַמע איר צו לאַנגע יאָר. „אָבער וואָס קומט אַרויס?״ האָט ער פּלוצלונג געפרעגט. „ווען איך בין אַ גביר . . . הע, הע, וואָלט איך געקומען צום סופר און אָוועקגעלייגט טויזנטער, מיין גאַנץ פאַרמעגן, אייך צו האָבן פּאַר מיין מחותן . . . אויף יענער וועלט וואָלט איך געזעסן מיט אַלע גרויסע. וואָס איז? ס׳וואָלט מיר ניט אָנגעשטאַנען? איך האָב דעם אָרעמאַנ׳ס חשק! איך בין אייך מקנא מער ווי דעם גרעסטן גביר . . . כ׳וויל קיין געלט . . . ניט . . . מ׳נעמט עס דען מיט אויף יענער וועלט? מיט וואָס אָבער וועל איך קומען מיט מיין קאַראַמיסלע?״

ער האָט געקרעכצט טיף.

צווייטער קאַפּיטל

ביים גביר אין הויז

אַלע אין שטעטל האָבן מקנא געווען דעם גביר, ר׳ חיים מלכה׳ס, און עס איז געווען וואָס מקנא צו זיין. גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַלדאָס גוטס. אין שטאָט און אַרום איז געווען אַ גרויסע אָרעמקייט. עס זיינען געווען אַפילו עטלעכע וואוילהאָבנדיקע בעלי בתים אין שטעטל. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיי געהאַט קעגן אים? ר׳ חיים האָט געהאַט אַלעס: אַ הויז, פּרנסה איבערן קאָפּ, געהאַנדלט און געוואַנדלט און געמאַכט געלט. ממש רייך ווי קורח — האָבן די אידן געזאָגט.

ביי ר׳ חיים׳ן איז געווען אַ שמחה און מ׳האָט זיך געגרייט צו איר ווי צו אַ חתונה . . . פּורים ווערט 25 יאָר זינט זיי, דער גביר און די גביר־טע האָבן חתונה געהאַט, און זיי האָבן געוואָלט אַז לייט זאָלן אויך וויסן וועגן דעם. דעריבער האָט מען געמאַכט אַלע צוגרייטונגען, אַז די שמחה זאָל זיין די גרעסטע וואָס דאָס שטעטל האָט ווען עס איז געזען.

אמת, ניט אַלעס איז געווען גוט ביים גביר. טאַקע רייך ווי קורח, אָבער גאָט האָט אים געשטראָפט אויף אַן אַנדער אופן — דער אויבערשטער זאָל אונז אויסהיטן . . . ניט־דאַ־געדאַכט: האָבן איין איינציקע טאָכטער, וועלכע איז שיין ווי אסתר המלכה, אָבער אַ האַלב שטומע. אַ שטראָף פון גאָט, רחמנא לצלן. איז טאַקע פייגעלע געווען די גרעסטע זאָרג ביי ר׳

חיים׳ען. וואו געפינט מען אַ חתן פאַר איר? שוין צוואַנציק יאָר אַלט, און דערוויילע איז ניטאָ קיין אויסזיכט אויף אַ באַשערטן. ער האָט שוין אַפילו גערדט מיט׳ן רב וועגן דעם, אָבער יענער האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. די פראַגע איז געבליבן הענגען אין דער לופט.

דער גביר האָט באַשלאָסן צו געבן אַ ספר תורה אין שול אַריין, און די התחלה האָט געדאַרפט זיין פורים צו דער גרויסער שמחה. פאַר׳ן סופר איז עס געווען אַ ישועה. ווען דער רב האָט אים געזאָגט וועגן דעם, האָט ר׳ גרשון סופר שוין געוואוסט אַז ער וועט האָבן אַ שטיקל ברויט און האַלץ צו הייצן די הרובע. און וואָס נאָך האָט ער געדאַרפט?

דער סופר און דער רב זיינען געווען גוטע פריינט נאָך פון דער יוגנט. ער פלעגט קומען צום רב יעדן שבת אויף שלוש סעודות און זיין דאָרטן ביז טיף אין דער נאַכט. יענעם שבת אָוונט ווען דער רב האָט אים אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, האָט ער געפילט זייער גליקלעך. ענדלעך האָט זיך גאָט אומגעקוקט אויף אים.

„ר׳ חיים איז אַ וואוילער איד״, האָט דער רב אים געזאָגט. „ער האָט אַ גוט האַרץ, און ער וועט גוט באַצאָלן אויך . . . קיין פרייז דאַרפסטו ניט געבן — פאַרלאָז זיך אויף אים... יאָ, חוץ דעם, וויל ער נאָך עפּעס: דיין בן ציון זאָל לייענען די מגילה ביי אים אין הויז פאַר די געסט. וועסטו אים צוליב טאָן, וועט ער דיר גוט באַדאַנקען פאַר דעם אויך״.

דאָן איז געקומען אסתר תענית פאַרנאַכט. דעם גביר׳ס הויז איז געווען צוגעגרייט פאַרן יום־טוב. די מענער זיינען אַוועק אין שול, און דער גבירנטעס שכנה׳ס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין איר הויז צו הערן די מגילה.

בן ציון האָט געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, און ווען דער גרויסער טאָג איז געקומען האָט זיין האַרץ געקלאַפּט האַסטיק. האָט אָפּ־געפוצט די שיך, פאַרגרייזלט די פאות׳ן, אָנגעטאָן די שבת׳דיקע קאַפּאָטע, האָט ער געפילט יום־טוב׳דיק. איין קלייניקייט — גיין צום גביר! ער איז קיינמאָל אין גרויסן הויז ניט געווען, הגם ער האָט עס געדיינקט זייט זיין קינדהייט נאָך, אָבער נאָר פון דרויסן . . .

אין געראַמען צימער האָט ער זיך דערזען, אַט ווי ער האָט אויסגע־קוקט, אין שפּיגל. האָט ער געפילט אי גוט, אי קליין ביי זיך — גוט וואָס ער איז אין אַזאַ וויכטיק פּלאַץ און האָט אויף זיך אַזאַ וויכטיקע עובדא, און קליין וואָס ער איז דער זון פון אָרימע עלטערן. אָבער די גבירנטע האָט אים פריינטלעך אויפגענומען. „מיר וואַרטן שוין אויף אייך״, האָט זי געזאָגט שמייכלענדיק.

ער האָט אַרויסגענומען, פֿאַרזיכטיק און באַ'ישוב'ט די מגילה, ניט קוקנדיק אויף די פרויען אַרום אים, און זי צעוויקלט. איצט איז ער געווען דער בעל הבית. אויף זיין וואָרט, ער האָט זיך אַביסל אונטער־געשעמט. ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן קיין זאַך. שטיל האָט ער געמאַכט די ברכה.

זיין זיס קול האָט זיך געטראָגן איבערן צימער, ווי אַשיינע מעלאָדיע, און יעדעס וואָרט איז אויסגעציקלט געוואָרן מיט אַ באַזונדער חן. איצט האָט ער געפילט זייער גוט און גליקלעך. דאָס איז געווען אַ גליק וואָס איז געווען ניי אין זיין לעבן, ווארים אַלע האָבן געשוויגן און בלויז ער אַליין האָט געזונגען.

אַלעמענס אויגען זענען געווען געריכטעט צו אים. בן ציון האָט גע־פילט אויף זיך די גוטע בליקן. אָבער מער פון אַלעמען האָט געקוקט אויף אים פייגעלע, דעם גביר'ס טאָכטער. אירע אויגן זענען געווען פײַ־ערדיק. איר גאַנצער קערפּער איז געווען מאַגנעטיזירט. זי האָט אים ממש דורכגעשניטן מיט אירע בליקן. נאָך קיינמאָל פריער האָט ער געפילט אַזעלכע בליקן.

ביי דער טיר פון קיך איז געשטאַנען די דינסט, אסתר, און אויך איר בליק איז געווען שטייף און פייערדיק אָבער פיל אַנדערש ווי פײַ־געלע'ס.

ווען דאָס מגילה־לייענען איז געווען פאַרענדיקט, האָט בן ציון אַרויסגענומען פון דער אונטערשטער קעשענע די פאַטשיילע און זיך אָפּגעווישט דעם שטערן. באַלד האָט מען געשטעלט לעקעך און בראָנפן אָבער קיין בראנפן האָט ער ניט געטרונקען. צו שוואַך געווען פון פאַסטן און באַזונדערס פון דער אָנשטרענגונג וואָס ער האָט איצט דורכגעמאַכט. ער האָט גענומען אַ שטיקל לעקעך.

פייגעלע האָט געבראַכט אַ גלאָז מילך און דערווייל זענען אין טע־לער געפאַלן מטבעות פון אַלע זייטן. די פרויען האָבן געגעבן געלט יעדע נאָך איר מעגליכקייט. די גביר'טע האָט געגעבן צוויי רובל. גרויסע זיל־בערנע רובל. לאַנגזאַם האָט זיך דאַן בן ציון אויפגעהויבן פון פלאַץ, און האַלב־שעמעוודיק אַ זאָג געטאָן: אַ גוטן יום טוב . . .

„איר ווייסט", האָט אים די גבירנטע געזאָגט, „מאָרגן איז ביי אונז אַ שמחה — וויל איך אייך בעטן איר זאָלט קומען מיט אייער מוטער". און אַרויסבאַגלייטנדיק אים צו דער טיר האָט זי צוגעזעצט: „עס איז געווען אַ מחיה צו הערן די מגילה לייענען — לאָמיר דערלעבן איבער אַ יאָר און ווידער הערן" . . .

אָפּגייענדיק עטלעכע מיגוט פון הויז, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

ער האָט געפילט ווי אַ מענטש וואָס איז ערשט אַרויס פון שלאָף, און אַלעס האָט אויסגעזען ווי צעמישט. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער אַזוי ניט גע־פילט. צום ערשטן מאָל האָט די געשטאַלט פון אַ פרוי אים פאַר־פאָלגט, נאָכגעגאַנגען ממש פוס־טריט, און דאָך איז זי ניט געווען לעבן אים. געווען און ניט געווען — אויב דאָס איז מעגלעך. אָבער זי איז דאָך געווען לעבן אים — איר זיידן טיכעלע איז געווען אין זיין קעשענע. זי האָט עס אַריינגעשטעקט דאָרטן כמעט אומבאַמערקט, און אָט איז עס דאָרט, פונקט ווי זי אַליין זאָל זיין לעבן אים. ער האָט געפילט דעם גע־רוך פון טיכעלע, אַן אַראָמאַט וואָס איז אַזוי שטאַרק און פאַרשיכורדיק.

בן ציון איז לאַנגזאַם געגאַנגען אַהיים, ווייל עס האָט זיך אים גע־וואָלט מער טראַכטן וועגן דעם וואָס איז אים געווען אַזוי טייער. און דער גערוך פון קעשענע און געוואָרן אַלץ שטאַרקער.

געקומען אַהיים האָט שוין שרה די סופר׳טע אַרויסגעקוקט אויף אים. איר פנים איז געווען פול מיט נחת. זי האָט געפילט זייער שטאָלץ מיט איר זון, וועלכער וועט איינגעלאַדן צו גבירים זיי צו אונטער־האַלטן מיט מגילה־לייענען.

„גיי עסן, מיין קינד״, האָט זי געמורמלט אין דער שטל. „ביסט אַזוי שוואַך״.

בן ציון איז אָבער ניט געווען גערן איצט צו עסן. זיין מוח איז גע־ווען אָנגעפילט ווי מיט בליי. קאָלירן האָבן זיך געמישט. געדאַנקען זיי־נען געלאָפן איינער נאָכן אַנדערן אָן אַן אויפהער. „פאַרוואָס אַזוי פאַר־טראַכט, זון מיינער? האָט די מוטער געפרעגט, „נאָך אַזאַ לאַנגען תענית״.

„האָב שוין איבערגעכאַפּט, מאַמע״, האָט בן־ציון אַרויסגעשטאַמלט. „וואָלט זיך בעסער צוגעלייגט״.

ערשט ווען ער איז שוין געווען אין שלאָפצימער, האָט ער אַרויס־גענומען דאָס זיידענע טיכעלע און געפונען דאָרט אַ גאָלדן צענערל. ער האָט זיך פאַרטראַכט. עס איז געווען אַ פשוט טיכעלע, אָבער דאָך איז עס געווען אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. אין דער זייט איז געווען אויסגענייט אַ קליין פייגעלע, און עס האָט געשמעקט מיט אַזאַ ריח וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געוואוסט אַז אַזעלכעס עקזיסטירט אויף דער וועלט. עס איז געווען אַזוי עמיצער זאָל זיצן באַהאַלטן אין אָט דעם טיכעלע, הגם מען קאָן די געשטאַלט ניט זען.

„אומריינע געדאַנקען״, האָט בן ציון פלוצלונג געזאָגט צו זיך אין דער הויך, ווי ער זאָל רעדן צו עמיצן אין צימער. „עס איז דער יצר הרע וואָס פאַרפאָלגט מיך איצט?״ ניין, ער וועט עס ניט דערלאָזן. ווער האָט עס אים פלוצלונג אַריינגעשאָסן אַ קויל אין האַרצן? פון וואַנען קומט

דער פּייער וואָס ברענט און גליט אין האַרצן? פון וואַנען?... ער האָט זיך אַ הויב געטאָן פון בעט און איז צוגעגאַנגען צום אַלמער וואו עס זענען געלעגן ספרים.

„דאָס קאָן ניט דערלאָזט ווערן", האָט ער געטראַכט ווייטער. „די תורה איז די איינציקע רפואה צו אַזאַ ברענונג אין האַרצן".

בן ציון האָט דאָס טיכעלע באַהאַלטן אין אַ ספר, און איז געבליבן פאַר אַ ווײַלע שטיין אַליין אין צימער. ער האָט מורא געהאַט איצט צו בלייבן דאָ אין דער פינסטערניש. דאָס טיכעלע האָט אים ניט געלאָזן רוען. עס האָט אים גערופן און ס'האָט זיך אים געגלוסט צו נעמען עס און אַריינלייגן צוריק אָט־דאָרט אין קעשענע וואו עס איז פריער געלעגן. אָבער זיינע הענט האָבן געציטערט. אַ מיסטעריעזער פּחד, ווי פאַר עפּעס שרעקלעכעס האָט אים איצט דורכגעשניטן. ניין, ניט נעמען מער. זאָל עס ליגן...

ער איז דאַן אַרויס צוריק אין צווייטן צימער, און האָט אַוועקגעלייגט דאָס געלט אויפ'ן טיש. „דאָס איז מיין מגילה־געלט, מאַמעשע", האָט ער געזאָגט.

עס איז געווען אַן אוצר מיט געלט — אַלע מטבעות, קליינע און גרויסע, און אין מיטן פון זיי אַלע אַ פינקלדיק גאָלדן צענערל. „ווער האָט דיר געגעבן אַ צענערל, זון מיינער?"

ער קוקט און קוקט. „דאָס האָט, ווייזט אויס, פייגעלע געטאָן, מאַמע — דעם גביר'ס טאָכטער".

שרה די סופר'טע האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט. „כ'דיינק זי האָט געמאַכט אַ טעות — אנשטאָט אַ רובל".

„אפשר", האָט ער מסכים געווען.

„מ'טאָר ניט הנאה האָבן פון יענעמס פראַצע", האָט שרה געזאָגט מיט אַ פרומע מינע. „עס איז גזלה".

אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין בן ציון געגאַנגען שנעל אויף דעם זעלביקן וועג, גלייך צום גביר'ס הויז.

אין ליכטיקן זאַל, וואו ער איז ערשט פריער געווען, איז איצט געזעסן די גאַנצע פאַמיליע. מען האָט געטרונקען טיי, און מען האָט געשמועסט אויף אַ הויך קול. בן ציון איז געווען ערנסט, פאַרטראַכט, און זיין פּנים פאַרפלאַמט. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס צענערל אויפן טיש און געזאָגט: „דאָס איז געווען אַ טעות — געפונען עס צווישן די מטבעות".

דער גביר ר' חיים, איז געווען איבערראַשט, אָבער די גבירנטע האָט זיך אַריינגעמישט: „ער איז בן ציון דעם סופר'ס... האָט דאָ געלייענט די מגילה — דאָס איז זיין מגילה געלט, און ווענדנדיק זיך צו אים,

האָט זי געפרעגט: „פאַרוואָס האָט איר צוריק געבראַכט דאָס צענערל — עס איז אייערס".

„האָב איך עס פאַרדינט?" האָט בן ציון געשטאַמלט. ער האָט זיך געפילט פאַרשעמט.

„יונגערמאַן" האָט דער גביר געזאָגט. „זעצט זיך אַוועק ביים טיש און לאָמיר בעסער פאַרברייינגען אַביסל — עס איז יום טוב, אַנשטאָט זיך אַרומקריגן" . . . ער האָט זיך ביי דעם וואָרט גוטמוטיק צעלאַכט, „אַנשטאָט זיך אַרומקריגן איבער צענערלעך".

בן ציון האָט געקראָגן אַביסל מער קוראַזש. „דאָס מגילה געלט איז געווען מער ווי גענוג, ר' חיים... אונזערע חכמים האָבן דאָך געזאָגט, אַז מען טאָר ניט פאַרדינען מיט דער תורה . . . אַ רב, אַ מלמד, קריגט ניט באַצאָלט פאַרן לערנען נאָר פאַר דער צייט וואָס ער איז מבטל... דאָס צענערל איז ניט מיינס" . . .

ר' חיים איז איצט געזעסן ווי אַ קעניג אויף זיין שטול. זיין לאַנגע ווייסע באָרד האָט געגלאַנצט אַנטקעגן דער שיין פון בליץ־לאָמפּ און זיינע אויגן, בלויע און גרויסע, זיינען געווען ברייט צעעפנט, קענטיק, אַז די ווערטער האָבן געמאַכט אויף אים אַ טיפן רושם. דער הויכער שטערן זיינער האָט זיך פאַרקנייטשט.

„איר האָט רעכט", האָט ער געזאָגט, „אָבער אַ מתנה מעג מען נעמען".

„פאַרוואָס קומט מיר אַ מתנה?" די פראַגע איז געקומען אַזוי פלוצלינג אַז דער גביר איז געבליבן פאַרטראַכט.

אָבער אַ ווייַלע נאָכדעם האָט ר' חיים אַ זאָג געגעבן: „אַז מען גיט איז מן הסתם דאָ אַ טעם דערביי . . . זענט איר ווערט . . . איר פאַרשטייט?"

דערביי האָט פייגעלע צוגערוקט אַ גלאָז טיי צום פלאַץ וואו בן־ציון איז געזעסן. „דאָס איז מיין בתיחיד'קע"לע", האָט ר' חיים פלוצלונג אַ זאָג געגעבן. „איר פאַרשטייט", האָט ער געלאַכט. „זי פירט אויס ביי אונז וואָס זי וויל". און דאַן, פילנדיק אַז דער געשפּרעך איז עפּעס ניט ווי עס דאַרף צו זיין, האָט ער צוגעזעצט: „איבעריקנס, מיר קערן זיך עפּעס אָן . . . ר' גרשון סופר שרייבט פאַר אונז אַ ספר תורה".

„וואָס מיינסטו? מיר זענען שוין איצט אייגענע . . . דו זאָלסט, חיים, געווען הערן ווי ער האָט געליינט די מגילה — טעם גן־עדן, אַ מחיה" . . . און באַלד דאַרויף: „אויסקושן יעדן איבר האָט מען אים געדאַרפט".

„בן ציון האָט זיך פאַררויטלט. —

„איר ווייבער״ —האָט ר׳ חיים געזאָגט — „כאַפּט זיך באַלד קושן״.

„און מענער? . . . אַה ? ״ . . .

„מיר קושן . . . די תורה, תפילין, מזוזות״, האָט געזאָגט ר׳ חיים.

דער שמועס איז אַוועק אַן אַ זייט, און די גבירנטע האָט, ווייזט אויס, ניט געוואָלט הערן איצט וועגן אַזעלכע זאַכן. זי האָט צוגערוקט דעם איינגעמאַכטס צו בן־ציונ׳ען

די גאַנצע צייט האָט פייגעלע ניט אַרונטערגענומען אַן אויג פון אים. זי האָט קענטיק געזוכט זיין בליק, אָבער בן ציון האָט זיינע אויגן געהאַלטן אַרונטער. ענדלעך האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך גענומען גרייטן אַהיים צו גיין; און שטייענדיק שוין נאָענט צו דער טיר, האָט פייגעלע אים דערלאַנגט דאָס צענערל. „טוט איר ניט אָן קיין יסורים״, האָט די גבירנטע געזאָגט, בקשה׳דיק. ער האָט זיך דאַן פאַרנייגט, געזאָגט שטילערהייד אַ גוטע נאַכט, און איז אַרויס.

דריטער קאַפּיטל

פּורים ביים גביר

יעדער פּורים איז געווען אַ צווייענדיקער יום־טוב — ביי ר׳ חיים דעם גביר. פּורים, ווען המן איז אויפגעהאַנגען געוואָרן, און אידן זענען געהאָלפן געוואָרן, און דאָס אָנהויבן פון דער נייער ספר תורה, דעם גביר׳ס מתנה פאַר דער שול.

שיכור איז קיינער ניט געווען — אַ איד איז ניט קיין שיכור, ווי איר ווייסט, אָבער פריילעך איז געווען. אַזאַ שמחה האָט מען שוין לאַנג אין שטעטל ניט געזען, וואָרום עס איז גאָר נישט געווען קיין שיינער בעל־הבית וואָס איז ניט געקומען זיך באַטייליקן אין אָט דער שמחה של מצוה. איין קלייניקייט — שרייבן אַ ספר־תורה, וואו יעדער איינער קאָן אַריינשרייבן זיין נאָמען, דורך צוגעבן איין אות צו דער תורה, ווי דער שטייגער איז. און וואָס פאַר אַ קדושה עס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין אָט דער אַרבעט — די קדושה פון דורות און דורות, ליידן, פּייניגונג, יסורים. די תורה — דאָס איז די גרעסטע מתנה וואָס גאָט האָט געגעבן זיין פאָלק. זי איז אַ באַלוינונג פאַר אַלעס וואָס דאָס פאָלק האָט איבער־

געלעבט אין זיין לאַנגען גלות לעבן. טאָ, וואָס פאַר אַ שמחה קאָן זיך גלייכן צו איר?

דער יונגער בן ציון איז אויך געווען אין גביר'ס הויז, געשטאַנען ביים טיש אין מיטן צימער און צוגעקוקט זיך ווי זיין טאַטע האָט אַריינ־געשריבן אַ־ת נאָך אות און ווי אַזוי אין טעלער זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן מטבעות פאַרן סופר.

ר' חיים האָט אים באַלד באַמערקט, אָבער ער האָט אים געלאָזט צו־רו. געווען צופיל פאַר'עוסק'ט אין רעדן מיט די געסט. אָבער שפּעטער האָט דער רב צוגערופן בן־ציונ"ען און אים געבעטען זיך אָנועקזעצן לעבן זיך. „טרינק לחיים, בן־ציון", האָט דער רב אַ זאָג געטאָן. און אַז דער רב הייסט, פאָלגט מען... איצט איז צוגעקומען ר' חיים אויך און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן רב. „איר ווייסט, רבי", האָט ער אַ זאָג געטאָן פּלוצלונג, „היינט ווערט 25 יאָר זינט איך האָב חתונה געהאַט... יאָ... נו, וויל מיין משפּחה מאַכן אַ דריטע שמחה, אַט דאָ אויפן פּלאַץ — אַ צווייטע חופּה".

„איר, רבי," האָט דער גביר געזאָגט זענט געווען מיין מסדר קדושין, וויל איך איצט מאַכן דיזעלביקע חופּה און איר זאָלט מאַכן די צערעמאָניע און געבן אונז אייער ברכה".

באַלד האָט זיך צעטראָגן איבערן צימער דער קלאַנג: „אַ דריטע שמחה — די חופּה... ר' חיים האָט נאָך אַמאָל חתונה". און עס איז גע־וואָרן אַ טומל, וואָס אַזעלכעס האָט מען ניט געזען. אייניקע זענען אַוועק ברענגען אַ חופּה, אַנדערע — אָנזאָגן די כלי זמר. דערביי האָט מען גע־גרייט די טישן און מען האָט אַרויסגעלייגט פון כל־טוב. עס האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק, און דעם סופר האָט מען געהייסן פאַר־ענדיקן וואָס גיכער דאָס אותיות שרייבן. די נאַכט שטייט דאָך ניט אויף איין פּלאַץ ווי איר ווייסט.

און דאַן האָט ער זיך געווענדט צום שמש: „שטעלט אויף די חופּה זאָלן די קלעזמער שפּילן".

דער רב און אַלע אַנדערע געסט האָבן זיך אויפגעשטעלט.

באַלד האָט מען געגעבן אַן עפן אויף די זאַל וואו די פרויען זענען געווען, און אַ ברילי'אַנטענע ליכטיקייט האָט זיך באַוויזן. די כלה איז גע־זעסן אין מיטן זאַל און די ווייבער האָבן איר באַזעצט.

„איצט", האָט דער חתן געזאָגט, „וויל איך אַז מיין קינד זאָל נעמען אונטערפירנס... מען דאַרף האָבן צווי... רבי, קלייבט איר אויס דעם צווייטן".

דער רב האָט געטראַכט אַ ווײַלע, האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזען ווי בן ציון שטייט לעבן אים. „זאָל זײַן בן ציון", האָט ער אַ זאָג געטאָן, ער האָט אים באַלד אָנגענומען בײַ דער האַנט.

בן ציון איז געשטאַנען פאַרשעמט. „שעם זיך ניט", האָט געזאָגט צו אים דער רב, בן ציון האָט זיך ניט גערירט פון אָרט.

דאַן האָט דער רב צוגערופן דעם סופר און אים געבעטן ער זאָל מסכים זײַן אַז בן ציון זאָל זײַן דער אונטערפירער. „גיי", האָט דער סופר געזאָגט צו זײַן זון. „אַז דער רב הייסט, מוז מען פאָלגן. עס איז מער ניט ווי אַ פורים שפּיל".

די קלעזמער האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ מאַרש צו דער חופּה. דער גביר איז געגאַנגען און בן ציון האָט אים געפירט ווי אַ חתן צו דער חופּה. מען האָט געמאַכט אַ וואַרע. קאָדעש איז איבערגעגאַנגען מיט פולן, און דער חתן האָט אַרײַנגעוואָרפן צוויי זילבערנע רובל אין די עמער. דער רב איז מיטגעגאַנגען, איז אַרײַן אין זאַל און באַדעקט די כלה.

פײַגעלע איז געשטאַנען בײַ דער כלה. אירע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט בן ציונ'ס. די כלה מיט די אונטערפירער האָבן זיך געדרייט אַרום חתן זיבן מאָל. דער חזן האָט געזונגען. דער רב האָט געלייענט די כתובה. דער חתן האָט צובראָכן דאָס גלעזל.

מזל טוב! מזל טוב! האָבן אַלע געשריען. חתן כלה האָבן זיך צוקושט. פײַגעלע האָט אַרומגענומען בן ציונ'ען, אים צוגעדריקט צו איר ברוסט, און אָפּגעפּרעסט אַ הייסן קוש אויף זײַן באַק. ער איז אָבער געשטאַנען ווי אַ געליימטער. זי האָט אים נאָך אַמאָל געהאַלזט און געקושט און מען האָט זי קוים אָפּגעריסן פון אים.

בײַ דער סעודה האָט דער רב געלויבט דעם בעל שמחה, האָט גע־בענטשט חתן כלה און האָט אויך ניט פאַרגעסן בן ציונ'ען. ער האָט אים באַצייכנט אַלס אַ ליכטיקן שטערן וואָס האָט אָנגעהויבן צו שײַנען אין דער לומדישער וועלט. „געבענטשט זענען די עלטערן וואָס האָבן אַזאַ זון", האָט דער רב געזאָגט.

בן ציון איז אָבער בײַם טיש ניט געווען. די געסט האָבן געטאַנצט ביזן גרויען טאָג אַרײַן.

שפּעט אין דער נאַכט איז בן ציון געקומען אַהיים. ער איז געווען אויס מענטש. און באַלד האָט ער זיך אָפּגעשפּאַרט אין זײַן צימער, ווען־דיק זײַן מיט זיך אַליין.

ערשט מיט אַ טאָג צוריק, האָט ער געטראַכט, איז ער געווען פרײַ, איז געפלויגן הויך אין די הימלען, געשוואומען אין ים התלמוד. ער איז געווען ריין ווי אדם הראשון איידער ער האָט פאַרזוכט פון עץ הדעת. און

איצט — גאַר אַנדערע געדאַנקען. און גאַר אַנדערע געפילן. אירע הייסע קושן, איר וואַרעמער אָטעם, דאָס שטאַרקע דריקן צום ברוסט — אַ שד איז אין אים אַריין. ער פילט — עס וועט לאַנג ניט נעמען. ער וועט האָבן אַ מלחמה צווישן יצר הרע און יצר טוב. דער איינציקער מיטל, איז ווי די גמרא זאָגט, לערנען און לערנען. גאָט וועט אים דאַן קומען צוהילף. ער האָט בטחון.

בן ציון האָט געוואָלט ברעכן די נאַטור. ער וויל מלחמה האַלטן מיט גאָט'ס שאַפונג. אָבער וועט עס זיך אים איינגעבן? זי, פייגעלע, איז אַ פּראָדוקט פון דער ריינער נאַטור און פאָלגט נאָך דעם באַפעל. די פּרוכט איז געוואָרן צייטיק, פול מיט זיסע זאַפט. זי איז געוואָרן אַ מיידל מיט שטאַרקע חושים, שיין געוואַקסן, פול מיט לעבן. קיינע קונצן. זי האָט געוואָלט דעם ריינעם אמת. אַט ווי די נאַטור פאָדערט.

בן ציון איז צובראָכן, האָט שלאָפן ניט געקאָנט. אַ שרעקלעכער אומ־רו האָט אים אַרומגענומען. ער האָט געוואָלט אַז ער איז ניט דערזעלביקער מענטש. דאָס לערנען איז ניט מער אַזאַ תענוג ווי געווען. אַפילו די אַלטע תפילות האָבן מער ניט געקלונגען ווי אַמאָל. זיינע ליפּן האָבן געמורמלט אין דער שטיל צו גאָט אַז ער זאָל אים ניט לאָזן אַרונטערגיין פון גלייכן וועג. אָבער ער האָט געפילט אַז גאָט הערט ניט זיינע ווערטער, אַז זיינע תפלות בלייבן אומגעענטפערט. אַט אַזוי האָט ער געפילט, ליגנדיק אויף זיין בעט, און דרייענדיק זיך פון איין זייט אויף דער אַנדערער ביז'ן גרויען טאָג אַריין ווען דער שלאָף האָט ענדלעך פאַרשלאָסן זיינע אויגן.

***

דער יום טוב האָט איבערגעלאָזט נאָך איין נשמה אַ צובראָכענע, אָבער עס האָט גענומען לאַנג ביז עמיצער האָט געוואוסט וועגן דעם.

זינט יענער חופה־נאַכט, האָט די שיינע פייגעלע קיין רו מער ניט גע־האַט. איר שמייכל איז פאַרשוואונדן. און אירע אויגן זיינען געוואָרן אַנגע־כמורעט און אומרואיק. זי האָט עפּעס געזוכט און ניט געקאָנט געפינען. „פייגעלע איז ניט מיט אַלעמען", האָט די גביר'טע געזאָגט צו ר' חיים'ען.

„רוף דעם דאָקטאָר".

נו, מען האָט דעם דאָקטאָר גערופן. אָבער קיין רפואה האָט ער ניט געהאַט. אַלעס איז געווען אין אָרדנונג: די לונגען, דאָס האַרץ. קיין ווייטיק ניטאָ. „עס איז עפּעס אַן אינערלעכע קראַנקהייט", האָט ער געזאָגט סו־דות'דיק.

ר' חיים האָט ניט געהאַט פאַר וועמען זיך אויסצורעדן דאָס האַרץ —

ניט דערפאַר וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין פריינט, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט געצווייפלט צי זיי וועלן אים פאַרשטיין. ער האָט דעריבער באַשלאָסן זיך דורכצורײדן מיטן רב, ווי עס איז געשריבן: דאגה בלב איש . . . , האָט אַ מענטש זאָרג זאָל ער אויסדערציילן פאַר אַן אַנדערן.

דער רב האָט אים אויפגענומען, ווי שטענדיק — האַרציק. מען האָט דערלאַנגט טיי און כיבוד.

„וואָס מאַכט עפעס די כלה?" פרעגט דער רב און שמייכלט אונטער, מיינענדיק די גביר'טע. „קיין ברית ניט", זאָגט ר' חיים האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס. דאַן קומט ער אַרויס מיטן אמת: „זיך געוואָלט מיט אייך אַן עצה האַלטן רבי".

„וועגן געשעפט?" פרעגט דער רב.

ניין, דוקא ניט. און ר' חיים הויבט אָן צו דערקלערן, פאַרהאַקנדיק זיך אַלעמאָל ביי אַ וואָרט, און באַלד דאַרויף געפינענדיק אַ בעסערס. זיין טאַכטער איז ניט מיט אַלעמען, אָבער קיין דאָקטאָר קאָן איר ניט העלפן. האָט מורא אַז דאָס האָט צו טאָן מיט דער פּורים שמחה. דעמאָלט איז געווען בן ציון דעם סופר'ס אין הויז און פון דאַן אָן איז דאָס „קינד" אומגליקלעך. געוואָרן ממש אויס מענטש. די הײנטיקע רופן עס . . . נו, ס'איז קיין אונטערשייד ניט ווי אַזוי עס ווערט גערופן. די פראַגע איצט איז וואָס צו טאָן. ר' חיים האָט געוואָרט אויף אַן עצה.

דער רב האָט ניט געהאַט איצט קיין עצה. אָבער, וואו תורה דאָרט איז חכמה, ער האָט געהייסן וואַרטן. „אפשר וועט גאָט וויזן אַ וועג . . . איצט האָט ער ניט קיין מיטל — שפּעטער, אפשר — יאָ, דער אויבערשטער וועט העלפן . . . "

מיט דעם האָט זיך דער שמועס געענדיקט צווישן רב און ר' חיים'ען. אָבער דער זעלביקער „שמועס" איז אָנגעגאַנגען, אמת, אויף אַן אַנדער אופן, אין שטעטל. מענטשן האָבן גערעדט, און דאָס וואָס זיי האָבן ניט געקאָנט דעררײדן האָבן זיי אויסגעדריקט דורך אַ וואונק, און אַ קנייטש מיטן שטערן. דעם גביר'ס שמחה איז לאַנג ניט פאַרגעסן געוואָרן אין שטעטל. מען האָט דערציילט די נסים ונפלאות — וועגן די קוילעטשן מיט זאַפרען, וועגן די מאכלים, געבראָטענע גענז, פעטע קוגלען, און אַזוי ווייטער. אָבער דער עיקר איז ניט געווען די שמחה. דער עיקר איז געווען דאָס געהיימניספולע וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען און די שטילקייט וואָס האָט נאָכגעפאָלגט . . . דער טרויער אין גביר'ס הויז, און בן ציון דעם סופר'ס, וועלכער איז געוואָרן „אַן אַנדער מענטש" . . . זיי האָבן געוואוסט, די שטעטלשע אידן, וואָס זיי ריידן.

נאָך דעם זעלבן טאָג וואָס ר׳ חיים האָט באַזוכט דעם רב, איז פֿאָר־געקומען אַ קורצער געשפּרעך צווישן רב און בן ציונ׳ען. דאָס איז געווען פֿאַר מנחה, האַרט איידער די נאַכט איז צוגעפֿאַלן, ווען בן ציון איז געזעסן ביי דער הרובע און געשמאַק געלערנט, אויף אַ הויך קול, הגם עס האָט זיך געהערט אַ טאָן פֿון אומרו אין די ווערטער. דער רב האָט אים איבערגעשלאָגן אין מיטן און זיי האָבן גערעט וועגן דער סוגיא. אָבער לאַנג האָט דער געשפּרעך ניט אָנגעהאַלטן, ווארים בן ציון האָט אין קורצע ווערטער געוויזן דעם רב אז ער פֿאַרשטייט וואָס ער לערנט.

דאַן האָט מען אַ רייד געטאָן וועגן אַנדערע זאַכן, און מען איז אַרויף אויף דעם ענין וואָס איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן—ר׳ חיים דער גביר. האָט טאַקע דער רב אָפּגעזיפֿצט און געזאָגט אַז דער גביר איז טאַקע אַ גביר, האָט אַלעס אין דער וועלט, אָבער גאָט האָט אים געגעבן אַנדערע זאָרג... גאָר אַנדערע... איינער איז אָרים און אומגליקלעך און דער אַנדערער איז רייך און אומגליקלעך . . . און פֿון דעם איז דער רב צוגעקומען צו עפּעס אַנדערש: ר׳ חיים האַלט פֿון אים, בן־ציונ׳ען זייער שטאַרק, ער וויל אים מהנה זיין און עס וואָלט גאָרנישט געווען אויסרן וועג אַז ער זאָל זיך דערנענטערן צו אים. ווארים . . . אַזאַ יונגערמאַן וואָלט בעסער געקאָנט זיצן און לערנען און דינען גאָט, ווי אַ איד איז מחויב צו טאָן. בן ציון האָט אָבער ניט געענטפערט. ער האָט בלויז געהערט און געשוויגן.

דערוויילע איז מען געגאַנגען דאַוונען מנחה און בן ציון האָט געדאַוונט מיט האַרץ און נשמה. ער האָט געבעטן גאָט, הגם ער האָט ניט געוואוסט פֿאַרוואָס ער בעט אַזוי שטאַרק. עס איז געווען קלאָר אַז דער רב האָט עפּעס אין זינען, אָבער עס האָט אויסגעקוקט אַזוי אומגלויבלעך. ער, אַן אָרים בחור, האָט עפּעס ניט געפּאַסט פֿאַר דעם. אין הויז, האָט ער געדענקט, זיצט די אָרימקייט און דער טאַטע איז קראַנק. אמת, ער האָט ניט געוואוסט אין וואָס די קראַנקייט באַשטייט. דער סופֿר האָט קיינמאָל ניט געוואָלט ריידן וועגן זיך. ער איז געזעסן איינגעבויגן איבער זיין טיש און געשריבן. אָבער אַלע האָבן געוואוסט אַז ער איז קראַנק. אין די לאַנגע ביינאַכטן פֿלעגט ער אויסהוסטן די נשמה, דאָך האָט מען גאָרנישט געקאָנט טאָן פֿאַר אים. וואָס אייגנטלעך דאַרף ר׳ חיים דער גביר האָבן אַזאַ אָרימע פֿאַ־מיליע? האָט ער זיך געפֿרעגט. אָבער דער רב האָט, דאַכט זיך גערעדט אָפֿן וועגן דעם. קומט עס פֿון דעם גביר אַליין, אָדער דער רב האָט עס ביי זיך אַליין אָפּגעמאַכט און עס מיינט גאָרניט? אייגנטלעך וואָלט עס געווען זייער גוט פֿאַר טאַטע־מאַמע, ווען . . . זיי וואָלטן שוין גאָרנישט געדאַרפֿט זאָרגן וועגן פּרנסה. און ער אַליין וואָלט טאַקע געקאָנט ווערן אַ . . . אַך, וואָס פֿאַר אַ גליק! אָבער די פֿראַגע איז: צי האָט עס אַ ממשות ? . . . און

דערביי האָט אים געצויגן דאָס האַרץ ערגעץ וואו, הגם ער האָט ניט קלאָר געוואוסט וואוהין עס ציט אים אַזוי שטאַרק. ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיך און האָט ניט געוואוסט וואָס עס קומט פאַר מיט אים, איצט.

בן ציון איז געזסן אַ טיף פאַרטראַכטער ביי דער הרובע, לערנען האָט ער ניט געקאָנט. און די געדאַנקען זיינען געלאָפן איינער באָכן אַנדערן. דער מוח האָט זיך אים אַ היבש ביסל געדרייט, און ער האָט מורא געהאָט צו טראַכטן ביז׳ן סוף . . .

פלוצלונג האָט ער געהערט פון דער זייט דאָס הויכע קול פון קאַ־דעש דעם וואַסערטרעגער. ער האָט גערעדט הייזעריגלאַך, און די ווערטער זיינען געפאַלן שווער און וואַגיק ווי ער זאָל האָבן אויף זיינע אַקסלען אַ קאַ־ראמיסלע. ער האָט עפּעס גערעדט, און בן ציון׳ען האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ער רעדט וועגן אים. ניין, וועגן זיין טאַטן. „אַ שטאָט איז עס? סדום איז עס...״ האָט דער וואַסערטרעגער געשריען. „זיצט אַ מענטש און גייט אויס ווי אַ ליכט און קיינעם אַרט עס גאָרניט, קיינעם ניט . . . אַלע שיינע אידן האָבן זיך אין זינען, נאָר זיך״ . . .

די אידן האָבן זיך געקאַכט. „וואָס רעדט ער דאָרט, דער וואַסער־טרעגער ? צו די עמערס גיי, דו חצוף...״ האָט זיך עמעצער אָפּגערופן.

דאַרפסט מיר ניט הייסן גיין צו די עמערס״, האָט דער וואַסערטרע־גער געזאָגט אויף זיין הייזעריקלעכן קול. „אָבער ווי אַזוי לאָזט מען עס אַ מענטשן שטאַרבן? אַזאַ ערלעכן אידן, אַפילו ניט אָנועקפירן צו אַ דאָק־טאָר אין שטאָט אַריין . . . ״

יאָ, האָט בן ציון געטראַכט, דאָס רעדט ער אַזוי וועגן זיין טאַטן.

„ער שפּייט מיט בלוט... איך ווייס״. האָט דער וואַסערטרעגער גע־שריען, און זיי האָבן אין זינען רכילות און דעם גביר׳ס פורים שמחות...

אין שטעטל איז קיין דאָקטאָר ניט געווען, נאָר אַ פעלדשער, און ווען עס איז געווען אַ חולה מסוכן האָט מען אים אָדער געדאַרפט פירן צום דאָקטאָר אין שטאָט אַריין אָדער מען האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר אַהער. בן־ציון האָט וועגן דעם געוואוסט, ווייל ווען נאָר דער טאַטע זיינער איז געלעגן קראַנק האָט מען גערעדט וועגן דעם, אָבער קיין געלט עס צו טאָן איז ניט געווען. ווייזט אויס, אַז דער טאַטע איז ווידער קראַנק געוואָרן אין דער היים, און דער וואַסערטרעגער איז ערשט געקומען פון דאָרט. ער, בן ציון, איז דעריבער צוגעגאַנגען צום רעדל מענטשן, זיך איינגעהערט וואָס זיי ריידן, און אויף שנעל אַרויס פון בית מדרש.

קומענדיק אַהיים האָט ער געטראָפן דעם טאַטן ליגן אין בעט. ער איז געווען בלאַס און האָט שווער געאָטעמט. פון צייט צו צייט האָט ער

זיך שטאַרק פאַרהוסט און געקרעכצט פון ווייטיק, האָט טאַקע בן־ציון אים געוואָלט העלפן, אָבער וואָס אייגנטלעך האָט ער געקאָנט טאָן פאַר אים? די מאַמע האָט אים אַוועקגעשטופּט פון בעט. „גיי, זון מיינער, אַריין אין דיין חדר . . . בעט בעסער גאָט פאַר דיין טאַטן".

אַזעלכע אַטאַקעס פלעגט דער סופר קריגן פון צייט צו צייט, אָבער זיי פלעגן אַריבער אויף שנעל. אָבער דאָס מאָל איז עס געווען אַ לאַנגע אַטאַקע, און אַ פיל שטאַרקערע ווי אַלע מאָל. דער סופר אַליין האָט גע־בעטן אויף זיך דאָס ערגסטע . . . דער ערלעכער איד, דער צדיק, האָט גע־האַט טענות צו גאָט, און דאַך האָט מען בן־ציונ'ען געהאַלטן אין דער פינס־טערניש. מען האָט אים ביט אויסגעזאָגט אַ גאַנצן טאָג. איצט האָט ער גע־בעטן גאָט פאַר זיין טאַטן. ער האָט אַרויסגענומען פון דער שאַפקע דאָס תהילימ'ל און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן אין דער שטיל קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל.

אַזוי האָט זיך געצויגן די צייט, שטונדע נאָך שטונדע, און בן ציון האָט אַלץ געזאָגט תהילים, ביז די אויגן האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרמאַכן. ער האָט געמורמלט מיט די ליפּן. אָבער די אויגן זיינען געווען צוגעשלאָסן. און דער קאָפּ, הגם ער האָט געאַרבעט, איז געווען צומישט. פאַרשידענע בילדער האָבן אויפגעטויכט אין זיין מוח . . . אָט האָט ערווידער געזען דאָס הויז פון גביר . . .דעם געגרייטן טיש. די גוטע געבעקסן, פייגעלעך, וואָס קומט דאָ פאַר? ער האָט געזאָגט ווייטער און ווייטער. גאָט, דו מוזט העלפן דעם טאַטען . . . אָבער ווידער אַמאָל איז אַרויסגעקומען דער רב, וועלכער האָט גערעדט צו אים אַזוי פריינטלעך און זיס.

און אַזוי איז ער איינגעשלאָפן ביים קליינעם טישל אין אַלקיר.

פערטער קאַפּיטל

מ'פאָרט ברענגען אַ דאָקטאָר

אין דער צייט וואָס בן ציון דעם סופר'ס האָט אויסגעגאָסן זיין האַרץ פאַר גאָט, איז שעפסל בעל עגלה געפאָרן איבערן ברייטן שליאַך אַרויס פון שטאָט אין זיין וואָגן אין דער ריכטונג פון דער גרויסער שטאָט, וואָס איז געלעגן פיל מייל אַוועק פון דער שטעטל.

ער איז געפאָרן ברענגען אַ דאָקטאָר — קאָדעש דעם וואַסערטרעג־גערס געשריי איז דאָך ביט געווען אומזיסט.

פון דעם בית מדרש איז קאַדעש דער וואַסערטרעגער אַוועק צו ר׳ חיים׳ען און האָט דאָרטן געמאַכט אַ גוואַלט, און דאָס מאָל האָט עס אים טאַקע געהאָלפן אויך.. ניט בלויז האָט ר׳ חיים געגעבן געלט פאַר אַ דאָקטאָר, ווי דער וואַסערטרעגער האָט געהאָפט, נאָר ער אַליין האָט זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען צו אים אַהיים. נאָך אַלעמען, האָט ר׳ חיים גאָט אין האַרצן, האָט דער וואַסערטרעגער געטראַכט . . . און זיי זיינען געגאַנגען. עס איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט, און אַ שטורעם האָט געבושעוועט אין דרויסן, אָבער דאָס איז ניט געווען קיין אָפּהאַלט.

„העי, שעפּסל, — האָט דער גביר אַ קאָמאַנדעווע געגעבן, — וועסט מיט מיר פאָרן אין שטאָט אַריין . . . איינגעשפּאַנט די פערד זאָל ווערן״.

„אין אַזאַ נאַכט, טאַטע?״ האָט שפּעסל געקוקט צו קאַדעש דעם וואַסערטרעגער, פאַרוואונדערט. „זון מיינער, עס איז צו ראַטעווען אַ מענטשן — דו מוזט פאָרן . . . אויב ניט פאַר איך״.

„מיר וועלן פאָרן — צוזאַמען״, האָט ר׳ חיים געזאָגט. און שעפּסל האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין.

„ביין״, האָט קאַדעש דער וואַסערטרעגער זיך אָנגערופן. „מען דאַרף ניט . . . מען שפּילט מיטן לעבן . . . ביינאַכט, און די וועלדער זענען געדיכטע און אָנגעפּילטע מיט שניי . . . שעפּסל ווייסט יעדן שטעג — פאַר אים האָב איך קיין מורא ניט . . . און וואָס קאָנט איר אים העלפן ,ר׳ חיים?״

„נו, גוט, ר׳ קאַדעש״, האָט דער גביר געענטפערט. „וועלן מיר געבן מער אַביסל . . . איר ווייסט דאָך פאַר איך, פאַר שעפּסלען . . . ס׳וועט צוניץ קומען, ניט אַזוי?״ און ער האָט גוטמוטיק געלאַכט. און דאַן האָט ער צוגעזעצט: „מיין משרת משה וועט מיטפאָרן מיט שעפּסלען, איר פאַרשטייט?״

דער וואָגן איז באַלד געשפּאַנט געוואָרן, און שעפּסל האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

שנעל זענען געלאָפן די פערד, און ווען זיי האָבן אַביסל נאָכגעלאָזן, האָט שעפּסל געוואוסט וואָס אַ בייטש קאָן אויפטאָן. האָט ער געשמיסן און די פערדלעך זענען געגאַנגען ווי צוויי אָדלערלעך. ענדלעך האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קרעטשמע, וואו מען האָט צעפּרוירענע, גענומען אַ גוטן טרונק בראָנפן, און נאָכדעם ווי מען האָט גערעדט אַביסל מיט די גוים, איז מען ווייטער אַוועק. באַלד, באַלד הויבט זיך אָן דער וואַלד וואָס ציט זיך צווישן די בערג און טאָלן, און אָט־דאָ דאַרף מען פאָרן שנעלער, וואָרים ניט אַלעמאָל איז דער וועג זיכער, דערהויפּט ביינאַכט. ניט איינמאָל האָט מען געפונען די קערפּערס פון פאַרבייפאָרער און מען האָט נאָך געהאַט צרות ביז מען האָט זיי געבראַכט צו קבר ישראל. שעפּסל האָט טאַקע קיין

מורא ניט. ער איז שטאַרק און געזונט און קאָן זיין שטעטל באַשטיין, אָבער באַגעגעניש אין אַזאַ פינסטערער נאַכט וואָלט ער ניט געוואָלט האָבן.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אין שטאָט, האָט שוין אָנגעהויבן זשאַריען אויף טאָג, און באַלד זענען זיי צוגעפאָרן צום דאָקטאָר. אָבער שעפסל האָט שוין ניט געקאָנט צוריקפאָרן, ווייל ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער פאָליציי. מיטן דאָקטאָר איז שוין צוריקגעקומען משה דער משרת. אָבער וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט שעפסלען, איז לאַנג איבערדערציילט געוואָרן פון די שטעטלשע איינוואוינער, און אָט וואָס עס איז פאָרגעקומען.

ווי דאָס האַרץ האָט שעפסלען געזאָגט, אַז דער וואַלד איז ניט געווען זיכער. און באַלד ווי ער איז אָפּגעפאָרן אַ שפּאָר ביסל מייל, האָט ער דער־הערט אַ געשריי: „סטוי” (שטיי). באַלד דערויף זיינען אַרויס פון באַהעלטע־ניש עטלעכע פויערים מיט ביקסן אין די הענט און האָבן זיך געהייסן געבן געלט. זייערע פנים׳ער זיינען געווען פאַרמאַסקירט און זיי האָבן אויסגע־שאָסן אין דער לופט, כדי איבערצושרעקן די „זשידעס”. משה דער משרת האָט זיי געגעבן דאָס געלט וואָס ער האָט געהאַט. איינער פון זיי האָט גע־וואָלט מער. ער דערלאַנגט שעפסלען אַ קלאַפּ מיט פריקלאַד פון זיין ביקס, און שעפסל האָט אויך ניט געשוויגן. עס איז געוואָרן אַ געשלעג, אָבער שעפסל איז געווען צו שטאַרק פאַר זיי. ער האָט זיי אַלעמען גוט צולשאָגן, און ער אַליין איז געווען צובלוטיקט. ערשט ווען די רויבער האָבן געזען אַז עס איז אַ מעשה אָן אַ עק, און אַז דער פירער גייט אָפּ מיט בלוט, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגע און געלאָזט דעם וואָגן אַוועקפאָרן. אָבער איין גוי איז זיי נאָכגעלאָפן און זיך נאָכגעהאַנגען. שעפסל האָט אים געגעבן אַ זעץ און ער איז אַרונטערגעפאַלן.

אין שטאָט איז שעפסל דערווייל פאַרהאַלטן געוואָרן ביז אַן אויספאָר־שונג וועט דורכגעפירט ווערן. „דאָס איז דער פינסטערער גלות”, האָבן די שטעטלשע אידן גערעדט. הערט נאָר הערט: אַנשטאָט באַשטראָפן די רויבער, די גוים, נעמט מען נאָך דעם אידן און מען וואַרפט אים אַריין אין תפיסה אויף דער קלאַגע אַז ער איז געקומען גנב׳ענען פערד . . . אַ גנב שעפסל, קאַדעש דעם וואַסערטרעגערס זון . . . דאָס גאַנצע דאָרף אַרום און אַרום איז געקומען עדות זאָגן געגן דעם אידן דעם גנב . . . אַז מען זאָגט גלות זאָל מען גלויבן.

***

דער דאָקטאָר פון דער גרויסער שטאָט האָט געגעבן אַ רפואה, און יעדער דאָקטאָר ווערט באַגלייט פון אַ גוטן מלאך, וועלכער טראָגט, אויב דער קראַנקער איז די ווערט, גאָט׳ס רפואה אויף זיינע פליגלען. אָט אַזאַ

רפואה האָט דער גרויסער דאָקטאָר געבראַכט דעם אָרימען סופר, וועל־כער, הגם ער איז ניט אינגאַנצן געזונט געוואָרן, האָט ער אָבער געפילט בעסער.

ר׳ חיים איז געקומען אַלעמאָל געוואויר ווערן — יעדן טאָג, פּאַקטיש אויב נאָר ער איז ניט געווען פאַרנומען מיט די געשעפטן, און ווען יאָ, האָט ער געשיקט זיין דינסט אסתר׳ן אַז זי זאָל זיך אָנפרעגן און אים ברענ־גען אַ באַריכט. און אסתר איז גערן געגאַנגען צום סופר. די שליחות אירע פלעגט זיין די אָנגענעמסטע וואָס זי האָט געהאַט, אָנגענעמער ווי אַלעס אין גביר׳ס הויז. ווייל וואָס פאַר אַ אַנדערע געלעגנהייטן האָט זי געהאַט? שטענדיק ראַמען, שטענדיק קאָכן און באַקן. ווען אָבער זי איז געגאַנגען צום סופר, איז זי ניט נאָר געווען פריי, נאָר זי האָט נאָך געקאָנט זען מענטשן, דערהויפּט איין מענטשן וועגן וועלכן זי האָט שטענדיק געטראַכט און וועגן וועמען זי האָט מורא געהאַט אויסצורעדן אַ וואָרט צו אַנדערע. דאָס איז געווען בן ציון דעם סופר׳ס.

וואָס אייגנטלעך זי האָט צו טראַכטן וועגן בן ציונ׳ען, האָט זי אַליין ניט געוואוסט. זי, אַן אָרימע דינסט, האָט געקאָנט חלומ׳ען וועגן אַנדערע... אָבער ניט וועגן אים? ווי קומט זי בכלל צו טראַכטן וועגן אַזאַ בחור? דאָך פלעגט זיין אַזוי אָנגענעם אים צו זען. ווען נאָר דער גביר האָט געזאָגט... האָט זי אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געקוקט מיט אָפענע אויגן. וועט ער איר הייסן גיין צום סופר? און ווען ער האָט געהייסן, איז זי ניט געגאַנגען נאָר געלאָפן.

איינמאָל האָט זי אפילו געהאַט אַ געלעגנהייט צו רעדן צו בן ציונ׳ען, הגם דער געשפּרעך איז געווען אַ קורצער. „וואָס טוט ר׳ חיים?״ האָט בן־ציון געפרעגט. „פאַרנומען — געשעפטן״, האָט זי געענטפערט. „און אײַ־ער טאַטע?״ האָט זי גיך דערקונדיקט וועגן סופר. און ווען בן ציון האָט גע־געבן אַ קנייטש מיטן שטערן, האָט זי געוואָגט צו זאָגן אַ טרייסט וואָרט: „גאָט וועט העלפן — ער וועט געזונט ווערן; נעמט זיך ניט צום האַרצן״.

דאָס איז געווען אַלעס וואָס זיי האָבן גערעדט, אָבער די ווערטער זיינען געבליבן הענגען אין זיין מוח און ער האָט פילע מאָל געטראַכט וועגן דעם. ער פלעגט זען אירע מילדע, גוטע אויגן. און ער האָט אויך געזען פייגעלען. ביידע געשטאַלטן זענען אים נאָכגעגאַנגען ווי שאָטנס. וועגן בייַ־דע האָט ער געטראַכט, און דאָס האָט אים היבש געשטערט צום לערנען, אָבער ער האָט צו קיינעם וועגן זיי ניט גערעדט. דאָס איז געווען זיין אייַ־גענער סוד.

אַנדערש איז אָבער געווען די באַציאונג פון ר׳ חיים׳ען צום סופר און פון סופר צו אים. דאָ איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ נאָענטע פריינט־

שאַפּט. וואָס האָט ניט געקאָנט מער פאַרזען ווערן פון קיינעם. אין שטעטל האָט מען געוואוסט וועגן דעם און מען האָט זיך געשושקעט וועגן דער מעגלעכקייט אַז . . . נו, אַזאַ גליק . . . אַ שידוך צווישן סופר און ר׳חיים׳ען. בן ציון וועט דאָך אַריינפאַלן אין אַ שמאַלץ גרוב. און דער סופר אַליין — ער נויטיקט זיך דאָך אין הילף. אַ קראַנקער מענטש. שיין וואָלט ער אויס־געזען אָן דער הילף פונם גביר.

אין סופר׳ס הויז האָט מען טאַקע געפילט דעם אונטערשייד. דער גביר האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער פאַמיליע. אַלעס האָט זיך גע־ענדערט. שרה די סופר׳טע האָט געהאַט געלט איינצוקויפן אין קראָם אַלעס וואָס זי האָט נויטיק געהאַט. אויסער דעם האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין שטעטל, אַז דער גביר האָט געגעבן אויף אַ קו — יאָ, אויף אַ קו. ווער האָט עס געהאַט אַ קו אין שטעטל? וואָס זיינען מיר — גבירים? אָבער אַז ר׳ חיים וויל, טאָ גיט ער געלט און קאָדעש דער וואַסערטרעגער קריגט די אויפגאַבע צו קויפן אַ קו פאַרן אָרימען סופר. און עס וועט דאָן זיין פרישע מילך אין סופר׳ס הויז. ניט מער, וועט דער סופר האָבן צרות . . . אַזאַ גליק ! . . .

מען האָט אויך פיל גערעדט וועגן אַנדערע צרות וואָס דער גביר האָט צוליב דעם סופר. די גרעסטע צרה איז געווען אַרויסצושלעפן שפּס־לען פון געפענגעניש. און דאָס איז געווען אַן ערנסטער ענין. פאַרוואָס האָט דער גביר געדאַרפט האָבן די דאָזיקע צרות? האָט איר אַ קשיא. איר ווייסט? ער איז געפאַרן אין שטאָט אַריין זיך משתדל צו זיין. ווילק אַפילו אויסצוגעבן אַזוי פיל און אַזוי פיל געלט, אַ מטמון ממש . . . אבי אים צו באַפרייען. האָט איר געהערט וועגן דעם?

אָבער אַן אַנדער איד האָט צו דערציילן עפּעס אַנדערש: איר ווייסט, ר׳ חיים האָט אויסגענומען אַ תנאי . . . ער וויל זען די ספר תורה . . . ניין, ניט דאָס מיין איך, די יריעות יעדן דאָנערשטאָג, זאָל בן ציון אים דאַרפן ווייזן וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין פאַרלויף פון דער וואָך״.

„אַ־האַ, ניט קיין שווערער תנאי . . . האָט געקאָנט זיין ערגער . . . יעדער איד וואָלט עס געטאָן, אַבי צו האָבן אויף שבת״.

אָט אַזוי האָבן זיי גערעדט, די שטעטלשע אידן. און ווען מ׳האָט זיך גוט אָנגערעדט וועגן דער קו און קאָדעש דעם וואַסערטרעגער, וועלכער האָט זי געקויפט — ער, וועלכער איז געווען דער גרעסטער מבין אויף בהמות, האָט מען גענומען רעדן וועגן אַנדערע זאַכן. עס איז געווען הימל און ערד און דער גביר, הימל און ערד און דער סופר און בן ציון. אָט האָט מען גערעדט וועגן שעפּסל דעם בעל עגלה . . . זיצט נעבאַך אַלץ אין גע־פענגעניש, טראָץ דעם גביר׳ס השתדלות. גאָט זאָל אויסהיטן אַלע אידן —

קאָנען נאָך גיין אויף קאַטאָרגע. איין קליינִיקייט, אַ גאַנץ דאָרף מיט גוים קומען עדות זאָגן, אַז ער האָט געוואָלט גנב׳ענען פערד און אַז מען האָט אים געכאַפּט ביי דער האַנט. נאָך אַ גליק וואָס עמיצער נעמט זיך אָן זיין קריוודע. וואָס וואָלט טאַקע דער אָרימער שעפּסל געטאָן, ווען ר׳ חיים וויל ניט בעמען אַ האַנט אין דעם? אָבער ר׳ חיים איז דאָך דער שולדיקער — ער האָט אים געשיקט ברענגען דעם דאָקטאָר. דארויף איז געווען אַ תשובה: וואָס מיינט איר, ער איז געווען דער שולדיקער? ער איז שוין גאָר נישט שולדיק. ער האָט דאָך געוואָלט ראַטעווען אַ מענטשן — דעם סופר. און דאָ האָט זיך אַנטוויקלט אַ דעבאַטע: האָט ער אים דען געמוזט שיקן אין מיטן דער נאַכט און שטעלן אים אין סכנה? פאַרוואָס האָט ער אים ניט געשיקט בייטאָג? איז ווידער אַ קשיא.

און עס האָט זיך טאַקע געפונען איינער וועלכער האָט געצווייפלט אין דער גאַנצער זאַך: דער גביר האָט ניט געוואָלט ראַטעווען דעם סופר... ער האָט געהאַט אַן אַנדער זאַך אין זינען, און אַלע האָבן געוואוסט וואָס ער מיינט. אַ שליח מצוה ווערט ניט באַשעדיקט, ווי די גמרא זאָגט . . . נו, און חתונה מאַכן אַ טאָכטער איז ניט קיין מצוה? האָט אַן אַנדערער גע־פרעגט. נו, יאָ, עס איז אַ מצוה, אָבער ניט אַזוי גרויס אַז מען זאָל איינ־שטעלן יענעמס לעבן, איר פאַרשטייט?

און דאַן איז געווען ווידער אַמאָל אַ שושקעריי. בן־ציון גייט יעדן דאָנערשטאָג צום גביר און קריגט געלט ביי אים. די גביר׳ענטע נעמט אים אויף, ווי אַן אייגענעם. פייגעלע איז . . . יאַ, יאַ, עס וועט זיין אַ פריילעכע חתונה... אַ גביר קאָן אויספירן, ער איז אַ תקיף, געלט, איר ווייסט דאָך. איר ווייסט דאָך.

אין שטאָט איז געוואָרן אַ טומל — די נייעס וועגן שעפּסלען האָט אַנגעוואָרפן אַ שרעק אויף אַלעמען. גנב׳ענען פערד, הרג׳ענען אַ גוי — מ׳דאַרף מער ניט האָבן אין אַזאַ צייט, ווען אידן זענען ניט זיכער מיטן מאָרגן. גאָט זאָל אויסהיטן וואָס עס קען נאָך געשען.

דער רב איז געווען זייער טרויעריק ווען די בעלי־בתים זענען גע־קומען צו לויפן צו אים. אַן אומגליק אויף אידן ! . . . אָבער דער רב האָט זיך ניט פאַרלאָרן. „איך וועל זיך זען מיטן גביר", האָט ער געזאָגט.

קאַדעש דער וואַסערטרעגער, אַ דערשראָקענער, איז אויך געקומען צו לויפן צום רב. ער האָט יאָמערלעך געוויינט: ראַטעוועט! ראַטעוועט. ער איז געפאַלן צו דער ערד און גע׳חלש׳ט.

ווען מ׳האָט אים אָפּגעמינטערט און קאַדעש האָט ווידער אָנגעהויבן וויינען און דערציילן ווי אַזוי די געשיכטע איז געשען — אַז די גאַנצע זאַך איז געטאָן געוואָרן כדי צו ראַטעווען דעם סופר׳ס לעבן, האָט דער רב גע־

זאָגט אין קורצע ווערטער: — „כל המקיים נפש אחת . . . שפּעסל איז גע־גאַנגען פאַר פּיקוח נפש, און די וואָס האָבן באַליידיקט קאָדעשן דאַרפן ביי אים בעטן מחילה".

דער רב האָט געוואָלט גוטמאַכן די עוולה וואָס אייניקע באַלעבאַטים האָבן זיך פריער ניט שיין אויסגעדריקט וועגן וואַסערטרעגער, וועלכער האָט געמאַכט געוואַלדן. „מיין זון איז אומשולדיק", האָט קאָדעש געמורמלט — גאָט העלף אים, ער איז אומשולדיק".

ער איז געוועזן ניט דערזעלביקער מענטש ווי געוועזן — פון אַ באַ־שיידענעם וואַסערטרעגער, איז ער געוואָרן פּלוצלונג אַ שטאָלצער מענטש.

דער רב האָט אים באַרואיקט: „האָט בטחון — דער אמת מוז זיגן"... דער אויבערשטער וועט העלפן.

שפּעטער איז קאָדעש אַוועק צום סופר, וועלכער האָט איצט שוין געפּילט אַביסל בעסער, און דאָרטן איז ווידער פאַרצויגן געוואָרן אַ גע־שפּרעך. קאָדעש האָט זיך באַקלאָגט וואָס אייניקע באַלעבאַטים האָבן אים ניט נאָר ניט געוואָלט אויסהערן, נאָר נאָך באַליידיקט. בן ציון האָט אים אָבער געטרייסט: „אייער זון, ר' קאָדעש", האָט בן ציון געזאָגט, „האָט אויפגעטאָן אין איין נאַכט מער ווי אַ צדיק האָט געקאָנט אויפטאָן אַ גאַנץ לעבן".

„יאָ, איך ווייס אַז מיין זון שטייט זייער הויך, אָבער איצט איז ער זייער נידריק . . ."

די סופר'טע האָט אים געטרייסט, זאָגנדיק אים אַז ווען ניט זיין זון ווייסט נאָר איין גאָט וואָס עס וואָלט געווען . . .

דערביי האָט זי אים דערלאַנגט אַ געבראָטענע קאַרטאָפליע, און קאָדעש האָט זיך ממש מחיה געווען — אַ גאַנצן טאָג ניט גענומען אין מויל אַריין. אָבער עסנדיק האָט ער נאָך אַלץ זיך באַקלאָגט: „פאַרוואָס קומט שפּעסל'ען, נעבאַך אַריינצופאַלן אין גויאישע הענט . . . זיין אין סכנה... קאַטאָרגע".

דער סופר, אויפזעצנדיק זיך קוים אויפן בעט, האָט דאַן געזאָגט: „מ'טאָר ניט רעדן קעגן גאָט . . . ער איז גערעכט און זיין משפּט איז גע־רעכט".

איך זינדיק ניט זאָגט קאָדעש מ'איז מער ניט ווי אַ מענטש, עס פאַרדריסט. פאַר וואָס קאַטאָרזשנע? פאַר וואָס?

פינפטער קאַפיטל

שעפּסל'ס פּראָצעס

עס האָט געדויערט לאַנג, ביז דער פּראָצעס איז געעפנט געוואָרן און אין משך פון דער צייט האָט ר' חיים זיך דערוואוסט אַז דאָס איז ניט קיין לייכטע זאַך און אַז ער וועט דאַרפן אויסגעבן אַ סך געלט צו באַפרייען דעם אָרימען בעל עגלה.

ער איז געווען ווילּיק דאָס צו טאָן, ווייל אַנדערש האָט עס ניט גע־קאָנט זיין.

צוערשט האָט ער געמיינט אַז עס איז ניט נויטיק קיין גרויסער אַד־וואָקאַט פאַר דעם צוועק — נאָך אַלעמען איז עס דאָך אַ בלבול, קלאָר און דייטלעך. אָבער שפּעטער ווען די „דיעלאָ" איז שוין געווען צו־זאַמענגעשטעלט, האָט מען ר' חיים'ען געזאָגט אַז אויב ער וויל האָבן אַ געלעגנהייט אַרויסצונעמען דעם אידן פון גויאישע הענט וועט ער מוזן אָנ־שטעלן ניט קיין אַנדערן ווי גאַספּאַדין זאַסלאַווסקי'ן, דעם גרעסטן אַד־וואָקאַט פון געגנט, ווארים די קלאַגע איז צו אַן ערנסטע. עס איז געווען אי גנבה, אי מאָרד, און דאָס גאַנצע דאָרף וועט עדות זאָגן, אַז אָט דער זשיד האָט עס דערלאַנגט איינעם פון דער הראָמאַדע מיט אַ שטיק אייזן איבערן קאָפּ און אים דער'הרג'עט. די אַנדערע גוים זענען געווען גרייט עדות צו זאָגן אַז שעפּסל איז אַלעמאָל געווען אַ גנב און אַ ווילדער יונג.

ווען דער פּראָקוראָר האָט גענומען דאָס וואָרט, האָט ר' חיים דער־פילט אַז ער האָט אויף זיינע הענט אַ שווערע קלאָגע, וואָס האָט צו טאָן ניט נאָר מיט שעפּסלען נאָר מיט אַלע אידן. ווארים דער פּראָקוראָר, ריידנדיק צו די צוועלף איינגעשוואוירענע, האָט זיך אָפּגערעכנט מיט אַלעמען. ער האָט נעמלעך געזאָגט, אַז די אידן זענען אַלעמאָל געווען און זענען שווינדלער, גנבים און פּראָצענטניקעס. לייענענדיג אַ גאַנצע נאָטאַציע וועגן די אידן, וועלכע מאַכן אומגליקלעך רוסלאַנד און קריוודען דאָס רוסישע פאָלק. ניט אומזיסט האָט ער געזאָגט, מאַכט מען אויף זיי פּאָגראָמען. ניטאָ קיין אַנ־דער ברירה — ווען דער צאַרן פון פאָלק גייט אַריבער אַלע ברעגן, פאַלן זיי אָן אויף זייערע שונאים און נעמען נקמה אַפילו ווען דעם צאַר'ס רע־גירונג וויל דאָס ניט. אַזוי האָט גערעדט דער פּראָקוראָר, און אַלסביישפּיל האָט ער געבראַכט דעם פאַל. אָרימע מענטשן וואוינען אין אַ דאָרף, קומט אָט דער זשיד און באַ'גנב'עט זיי. דאָס מאָל אָבער האָבן די ערלעכע מענטשן

פון דאַרף זיך געכאַפּט אין צייט און זענען אים נאָכגעלאָפן. ערשט דער זשיד האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און געגעבן איינעם אַ זעץ איבערן קאָפּ און אים דער׳הרג׳עט. וועט דאָס געריכט דערלאָזן אַז אַזאַ זשיד זאָל אַרויס אומבאַשטראָפט?

ערשט ווען דער פּראָקוראָר איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין אָנקלאַגע און מיט זיינע אָנפאַלן אויף די אידן, האָט מען גענומען אויספרעגן די עדות. עס זענען געווען אַ סך עדות אויף דער זייט פון דער אָנקלאַגע, אָבער די פאַרטיידיקונג האָט געהאַט בלויז עטלעכע עדות. אַדוואָקאַט זאַסלאַווסקי האָט אויסגעזען זייער טרויעריק, קוקנדיק פון צייט צו צייט אויף זיינע עטלעכע אידן. דער פּראָקוראָר, דאַגעגן, איז געווען שטאָלץ און צופרידן מיט זיך. ער איז זיכער, אַז אַלעס גייט ווי געשמירט.

פויער נאָך פויער איז אַרויסגערופן געוואָרן. נאָמען? ריצקאָ. ווי אַלט? 54 יאָר אַלט. וויפיל פערד האָסטו, ריצקאָ? צוויי. פון וואָס מאַכסטו אַ לעבן? זומער אַרבעט איך ביים פריץ אויף די פעלדער און ווינטער גיי איך אין שטאָט אַריין האַקן האָלץ ביי די זשידעס, זאָגט ריצקאָ. און אַזוי האָט גערעדט סטעפּאַן, אַנדריי און אַנדערע.

יעדער האָט געהאַט דאָס זעלביקע צו דערציילן, אָבער ביי יעדן איז געווען עפּעס אַנדערש, הגם זייערע אַלעמענס רייד האָבן געהאַט כמעט איין צוועק — צו באַווייזן די קלאַגע, אַזוי ווי עמיצער זאָל זיי האָבן פאַראויס אויסגעלערנט ווי אַזוי צו ריידן און וואָס צו זאָגן. אַלע האָבן גערעדט וועגן די זשידעס, און דערנאָך וועגן שעפּסלען, וועלכער איז געזעסן אַ בלאַסער און זיי אַלעמען אָנגעקוקט. ער האָט זיי געקאָנט פון פריער, און ער האָט גאָר קיינמאָל זיך ניט פאָרגעשטעלט אַז אָט די גוים וועלן אויפטרעטן קעגן אים און אים אָפּן באַשולדיקן אין אַ פאַרברעכן וואָס ער איז קיינמאָל ניט באַגאַנגען. אַזעלכע פּראָסטע גוים. איצט אָבער ריידן זיי אַזוי גלאַט.

ווען די אָנקלאַגע איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן רופן די עדות פון דער פאַרטיידיקונג. דער ערשטער איז געווען קאַדעש, וועלכער האָט דערציילט די געשיכטע ווי זי האָט פּאַסירט. דער וואַסער טרעגער האָט געהאַט שוועריקייטן אַרויסצוברענגען וועגן דער קראַנקייט פון סופר און וואָס עס איז פאָרגעקומען יענע נאַכט. אָבער ער האָט זיך דאָך אַרויסגעפּלאָנטערט. מיט טרערן אין די אויגן האָט ער דערציילט וואָס פאַר אַ הייליקער מענטש דער סופר איז און ווי אַזוי ער, קאַדעש איז באַשטאַנען אַז זיין זון זאָל פאָרן ברייננגען דעם דאָקטאָר.

„מיין זון״, האָט ער געוויינט, „איז ניט קיין גנב — קיינמאָל ניט געווען. עס איז אַ ליגן״. מען האָט גערופן ר׳ חיים׳ען, וועלכער האָט באַשטע־

טיקט אַלץ וואָס דער וואַסערטרעגער האָט געזאָגט, און צוגעזועצט אַז ער האָט אים מיטגעגעבן צוואַנציק זילבערנע רובל און דרייסיק רובל אין פּאַפּיר געלט. דאָס זעלביקע האָט ווידערהאָלט דער משרת. דאַן איז אַרויס־גערופן געוואָרן שעפּסל אַליין, וועלכער האָט דערציילט ווי אַזוי דער אי־בערפאַל אין וואַלד איז פאָרגעקומען און ער האָט אָנגעוויזן אויף די פינף גוים, וועלכע האָבן אים באַרויבט. און דאַן ווי אַזוי ער איז געקומען אין שטאָט אַריין און האָט זיך געווענדעט צו דער פּאָליציי, כדי צו געפינען די רויבער, אָבער אויסגעלאָזן האָט זיך גאָר אַז ער אַליין איז אַרעסטירט גע־וואָרן. און איצט איז ער אונטער די קלאָגעס פון גנבה, רויב און מאָרד. דער לעצטער עדות איז געווען דער דאָקטאָר, וועלכער האָט איבערגעגעבן ווי אַזוי זיי זענען געקומען צו אים און וואָס זיי האָבן אים דערציילט און ווי אַזוי ער אַליין האָט זיי געראָטן צו ווענדן זיך צו דער פּאָליציי.

דאָס עדות זאָגן פון די אידן האָט געמאַכט אַן איינדרוק. אָבער באַלד דאַרויף האָט זיי דער פּראָקוראָר גענומען איינעם נאָכן צווייטן אונטער אַ קרייץ פאַרהער, און דאָ האָט זיך די לאַגע אַביסל געענדערט. קאַדעש דער וואַסערטרעגער איז געווען דער ערשטער אויפן פייער.

„ביזטו געווען אַ סאָלדאַט?" „וויפיל מאָל האָסטו זיך געשטעלט?" קאַדעש האָט געענטפערט: „איין מאָל".

„זיך ניט אויסבעהאַלטן?" האָט דער פּראָקוראָר געפרעגט ווייטער.

„איך פאַרשטיי ניט וואָס איר מיינט", האָט קאַדעש געמורמלט.

„איך פרעג דיך צי האָסטו זיך ניט אויסבעהאַלטן ווי אַלע אַנדערע זשידעס, וועלכע באַהאַלטן זיך אויס פון דינען דאָס לאַנד".

„ניין, ניין, זיך ניט אויסבעהאַלטן", האָט קאַדעש געשטאַמלט אַ ציט־טערדיקער ווי אין די הענט פון אַ גזלן.

„ביזטו געווען אַמאָל אין שלאַכט? ביזטו פאַרוואונדעט געוואָרן? וויפיל כאַבאַר האָסטו געגעבן אַז דו זאָלסט אַרויס אַ פרייער.

קאַדעש האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: גאָרנישט! קיינמאָל ניט!"

„טרינקסטו?"

דער וואַסערטרעגער האָט געזאָגט אַז ער נעמט אַביסל בראַנפן. ווי־פיל בראַנפן טרינקסטו אָן אַקציז?—פרעגט דער פּראָקוראָר—דיינע זשידעס צאָלן קיינמאָל ניט קיין אַקציז?.

דער פּראָקוראָר האָט גענומען די אַנדערע. „וויפיל מאָל געווען אַרעס־טירט פאַר שווינדל?" וויפיל מאָל פאַר פאַלשער וואָג?"

אַדוואָקאַט זאַסלאַווסקי האָט פּראָטעסטירט יעדעס מאָל וואָס דער פּראָקוראָר האָט אַריינגעמישט זייטיקע זאַכן און אייניקע מאָל האָט דער ריכטער אים געשטיצט, אָבער גאַנץ אָפט האָט אים קיין פּראָטעסט ניט גע־

האַלפן. קענטיק אַז דער ריכטער האָט אויך אַביסל הנאה געהאַט פון דעם. דערהויפּט ווען דער פּראָקוראָר האָט גענומען אויף אַ פאַרהער דעם רבֿ, שטעלנדיק אים פראַגע נאָך פראַגע, איינע האַרבער פון דער אַנדערער: צי איז עס ניט אַ פאַקט, אַז די אידן האָבן געטויט קריסטוס'ן? צי איז עס ניט אַ פאַקט, אַז די אידן האָבן פיינט קריסטן?

דער פּראָקוראָר האָט אַלץ געזוכט צו בעאיינפלוסן די געשוואוירענע ריכטער מיט אַזעלכע זאַכן וואָס האָבן מיט דער קלאַגע ניט צו טאָן און אויף דעם געביט איז ער געווען אין אַ זייער גינסטיקער לאַגע. ניט בלויז די ריכטער, נאָר דער פאַרזאַמלטער עולם אין געריכט האָט הנאה געהאַט פון די שפּיזיקע באַמערקונגען און גיפטיקע „אַריינטייטשונגען" זיינע.

ווען דער פּראָקוראָר האָט געהאַלטן זיין אָנקלאַגע רעדע איז די אַט־מאָספערע אין געריכט געווען אַזאַ אָנגעהיצטע, אַז די אידן האָבן געפילט ווי זיי ווערן דערשטיקט. „געשוואוירענע ריכטער!" האָט דער פּראָקוראָר אויס־געשריען: „איך וויל איר זאָלט באַטראַכטן דעם אָנגעקלאָגטן ווי ער איז — אַ גנבֿ, אַ מערדער מיט אַ מאַסקע — פון אַן ערלעכן, אומשולדיקן זשיד... זיי זאָגן, אַז דאָס האָט ניט צו טאָן מיט זיי — דאָס איז דורכאויס פאַלש. די זשידאָווסקע רעליגע דערלויבט זיי צו גנבֿ'ענען און שווינדלען ביי קריסטן . . . אַלע אין רוסלאַנד ווייסן וואָס די אידן טוען פאַר פּסח — דאָס איז אַ הייליקער געבאָט ביי זיי — זיי זיינען פאַרשאָלטן פון גאָט . . . אין מאַטושקאַ ראָסיאַ זיינען זיי פרעמדע . . . זיי גנבֿ'ענען אַרויס דעם ביסן ביים אָרימען פויער . . . דערפאַר איז קיין חידוש ניט — ערשט ווען איר ווייסט וואָס זשידעס קאָנען אָפּטאָן, קאָנט איר פאַרשטיין פאַר וואָס אָט־דער גנבֿ־מערדער האָט געטאָן יענע נאַכט, ווען אַן אָרימער, פּראַוואָסלאַוו־נער רוס איז געפאַלן אַ קרבן, אַן אומשולדיקער קרבן. טוט גערעכטיקייט, געשוואוירענע ריכטער! און פאַרשיקט אים אויף קאַטאָרגע, כדי צו ווייזן גאַנץ רוסלאַנד אַז עס איז נאָך פאַראַן ביי אונז גערעכטיקייט".

אַדוואָקאַט זאַסלאַווסקי האָט איצט געוואוסט, אַז ער וועט האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט צו עפענען די אויגן פון די געשוואוירענע ריכטער. עס איז ניט געווען אַזוי די פראַגע פון דער קלאַגע גופא, ווי פון די „קלאַ־געס" וואָס דער פּראָקוראָר האָט אַריינגעבראַכט קעגן אידישן פאָלק. ער האָט ניט געקאָנט שווייגן... האָט ער גערעדט מיט האַרץ און נשמה:

„געשוואוירענע ריכטער!" האָט ער אָנגעהויבן אין אַ מילדן טאָן.

„איר זענט גוטע מענטשן און גוטע קריסטן, אָבער אָרים אין וויסן . . . און דערפאַר איז פאַראַן אַ געפאַר אַז איר זאָלט פאַרפירט ווערן פון פאָראור־טיילן און פאַר'משפט'ן אַן אומשולדיקן מענטשן צו אייביקע ליידן. איך ווייס אַז איר ווילט עס ניט טאָן — איר האָט מורא פאַר גאָט. אָבער דער פּראָקוראָר, וויל אייך איינרעדן אַז איר טוט גאָט'ס ווילן . . . דאָס איז פאַלש...

„אַדוואָקאַט זאַסלאַווסקי האָט דאַן אַנאַליזירט די לאַגע פון דעם פּויער, וועלכער פירט אַזאַ אָרים לעבן, און אין דער זעלבער צייט פאַרדרייט מען אים דעם קאָפּ מיט נאַרישקייטן און „פּאַראורטיילן" קעגן אַנדערע — די אידן, צום ביישפיל. דאָס ווערט געטאָן מיט אַ צוועק . . . עמיצער דאַרף עס האָבן אַז עס זאָל זיין אַ שנאה צווישן אידן און קריסטן. אויך אין דעם פאַל איז עס ניט אַנדערש. עמיצער שטייט אונטער דעם פּראָצעס — עס גייט אים ממש אין לעבן אַז די פּויערים באַפעלקערונג זאָל האָבן צו טאָן מיט די אידן.

„איצט", האָט ער געזאָגט, „וועל איך אייך ווייזן ווי אַזוי די קלאָגע איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן... ניטאָ אין איר קיין ברעקל אמת... איר האָט געהערט די עדות . . . דאָס גאַנצע דאַרף איז געקומען אַהער — אַלע פּויערים, אָבער איינער האָט דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון אַנדערן. ווען דער פּראָקוראָר האָט אָבער געוואָלט פאַרשטעלן די ווידערשפּרוכן, האָט ער גענומען ריידן וועגן אַלע אידן . . . וועגן רעליגיע . . .

און אַזוי איז ער געגאַנגען פון פּונקט צו פּונקט, אַנווייזנדיק ווי נאַריש עס איז אָנצונעמען אַזעלכע עדות אַלס אמת׳דיקע. דאָ איז פּשוט געווען אַ רויבעריי, און דער איד איז געווען דער באַפאַלענער. „וואָס וואָלט איר געוועזן געטאָן ווען איר זאָלט זיין אין וואַלד און באַפאַלן ווערן? איר וואָלט זיך זיכער פאַרטיידיקט, דערהויפּט נאָך ווען איר האָט שוין אָפּגעגעבן דאָס געלט און איין פּויער לויפט אייך ווידער נאָך?" — האָט דער אַדוואָקאַט פאַרגעזעצט. „דער אָרימער מענטש האָט ניט געמיינט צו דער׳הרג׳ענען דעם פּויער — ער האָט בלויז געוואָלט זיך ראַטעווען . . . יעדער מענטש איז באַרעכטיקט זיך צו פאַרטיידיקן!"

דאַן האָט דער פאַרטיידיקער אַנאַליזירט די קלאָגע און האָט אַרויסגעפירט איין גוי נאָכן אַנדערן, ווי אַזוי יעדער פון זיי האָט גערעדט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך ווידערשפּראָכן, און ווי פאַלש די גאַנצע מעשה איז.

נאָכדעם האָט ווידער גערעדט דער פּראָקוראָר, וועלכער האָט געלייקענט שטיין און ביין און האָט אָנגעוויזן אַז די פאַרטיידיקונג האָט ניט גענומען די זאַך ווי זי איז. ער האָט געזאָגט, אַז מיט שיינע ווערטער קאָן מען ניט פאַרלייקענען אַ פאַקט, און דער פאַקט איז אַז אַ ערלעכער פּראַוואָסלאַווונער מענטש איז געטויט געוואָרן און אַז דער מערדער זיצט דאָ אין געריכט. איז שוין ניט פאַראַן קיין גערעכטיקייט אין רוסלאַנד? האָט ער געפרעגט. אויב די ריכטער וועלן דעם אידן ניט געבן זיין פאַרדינטע שטראָף וועט עס זיין אַ באַווייז אַז רוסלאַנד איז אַרונטערגעפירט געוואָרן פון גלייכן וועג און אַז גרעסערע געפאַרן זענען נאָך פאַראַן. ער האָט געענדיקט מיט אַ פייערדיקן אַפּיל צו די געשוואוירענע ריכטער, אַז דער גאָט פון גערעכטיקייט זאָל זיי עפענען די אויגן און זיי ווייזן ווי צו האַנדלען.

ווען דער אורטייל איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן — שווערע קאַטאָרגע פאַרן גאַנצן לעבן, איז שעפּסל געפאַלן אין חלשות. און אפילו די גוים האָבן געפילט אַז די שטראָף איז אַ צו שטרענגע. ענדלעך ווען דער ריכטער האָט געדאַרפט זאָגן דאָס לעצטע וואָרט, און נאָכדעם זאָל די וואַך אַוועקפירן דעם שולדיקן, האָט דער פאַרטיידיקער געבעטן דאָס וואָרט. רעדענדיק זייער געלאַסן, האָט ער געבעטן דעם ריכטער צו נעמען אין באַטראַכט אַז עס בלייבט אַן אָרימע פאַמיליע, און אַז עס איז ניט מער ווי רעכט אַז די פאַרזאַמלטע זאָלן אַרויסווייזן קריסטלעכן רחמנות און שאַפן עטלעכע רובל אי פאַרן שולדיקן, אי פאַר זיינע אייגענע.

דער ריכטער איז געווען גערירט. פאַרוואָס טאַקע ניט? ער האָט דאַן געהאַלטן אַ קורצע רעדע. „גוטע קריסטן! האָט ער געזאָגט. וואָס די אידן זענען ניט, און ווי אַזוי געוויסע קריסטן דענקען ניט וועגן זיי, זענען זיי דאָך מענטשן. קריסטוס, אונזער דערלייזער, האָט אונז געלערנט צו זיין גוט און מילד, ניט נאָר צו אונזערע פריינט נאָר אויך צו אונזערע שונאים. מיר האָבן צו פאַרדאַנקען די אידן פאַר דער ביבל וואָס זיי האָבן אונז געגעבן. און די ביבל דערציילט אונז אַז זיי זענען פון גאָט אויסגעקליבן געוואָרן צו זיין אַ פאָלק . . . ווען זיי האָבן געזינדיקט און האָבן אונזער דערלייזער ניט געוואָלט אַנערקענען, און אומגעבראַכט, האָט מען זיי אַרויסגעטריבן פון זייער לאַנד וואו זיי האָבן געהאַט שאָף און רינדער, וועלדער און פעלדער. ניט אַלעס וואָס מיר טוען צו זיי איז גערעכט. איצט אָבער דענק איך, אַז דער פאַרטיידיקער איז גערעכט. מיר דאַרפן ווייזן דאָ אין געריכט אַז מיר זענען אמת'ע קריסטן און אַז מיר האָבן רחמנות אויף ליידענדיקע ווי אונזער גלויבן פאָדערט".

די גוים און גויעס האָבן געפאָלגט. אַנדריי, סטעפּאַן, מאַריסקע, און די אַנדערע האָבן צוגעבראַכט צום טיש געלט — פאַפּירענע אַסיגנאַציעס און אויך זילבערנע רובלס. דער פאַרטיידיקער האָט געהאַלטן זיין היטל אין דער האַנט און געלט האָט זיך געשאָטן פון אַלע זייטן. די באַגייסטערונג איז געווען גרויס. יעדער האָט געגעבן און געגעבן מיטן גוטן ווילן און מיט פרייד. פלוצלונג האָט אַדוואָקאַט זאַסלאַווסקי אויסגעשריען: דאָס איז געפעלשטע געלט — און ער האָט געהאַלטן פאַר אַלעמענס אויגן אַ זילבערנעם רובל. און ווען ער האָט געזען ווי עס איז געוואָרן שטיל אין געריכט, האָט ער אַרויסגענומען נאָך עטלעכע רובל און געזאָגט אין דער הויך: „דאָס איז אויך פאַלש געלט — די וואָס פאַרשפרייטן אַזאַ געלט קריגן, לויטן געזעץ, אַ שטאַרקע שטראָף . . . "

אַנדריי האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום אַדוואָקאַט און זיין פרוי האָט געקוקט מיט ציטערדיקע הענט צו אים. „האָסטו דעם רובל געגעבן?"

האָט אַדוואָקאַט זאַסלאַווסקי זי געפרעגט. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. „וואו האָסטו דעם רובל גענומען?‟ האָט ער ווידער געפרעגט, קענ־קענדיק שטרענג צו איר.

„מייך מאַן האָט מיר געגעבן, האָט די פרוי ציטערנדיק געמורמלט.. ער האָט עס גענומען ביי דעם אידן‟, און זי האָט געוויזן אויף שפּסלען.

„וואו האָסטו עס גענומען?‟‟ האָט אַדוואָקאַט זאַסלאַווסקי זיך געווענדעט צו אַנדרייען.

„יע באַגו, גענומען ביי אים‟. און ער האָט געוויזן מיטן פינגער אויף שעפּסלען. „ער האָט אונז אָפּגענאַרט — ער האָט געהאַנדלט מיט פאַלש געלט, דעך זשיד‟.

די איבעריקע גוים, מורא האָבנדיק אַז אויף זייַ אַלעמען וועט פאַלן אַ חשד אַז זיי האָבן עפּעס געהאַט צו טאָן מיט דעם, האָבן אָנגעוויזן אַז אַנדריי האָט זיי געגעבן דאָס געלט און ער האָט עס גענומען ביי דעם אידען — אין יענער פינסטערער נאַכט וועןָ...

עס האָט ניט גענומען לאַנג און די גאַנצע געשיכטע איז צופאַלן ווי אַ קאַרטן שטיבל. די גוים האָבן זיך מודה געווען, אַז דאָס געלט איז געווען גערויבט. די קלאַגע איז צונישט געוואָרן פון זיך אַליין.

זעקסטער קאַפּיטל

שווערע פּראָבלעמען

גרשון דעם סופר׳ס קראַנקייט איז לייכטער געוואָרן, אָבער ער איז נאָך געלעגן אין בעט. ער האָט געהוסט און מיטן הוסט איז זיין לעבן לאַנגזאַם אויסגעגאַנגען. אַרבעטן אויף די ספרי תורה׳ס האָט ער שוין ניט געקאָנט, און פּרנסה האָט מען געדאַרפט האָבן. האָט בן ציון איבערגענומען די אויפגאַבע און האָט שווער געאַרבעט.

אין שטעטל האָט מען געוואוסט אַז דער סופר און זיין פאַמיליע וועלן קיין צדקה ניט נעמען, האָט מען דעריבער געבראַכט צו בן ציון׳ען וואָס מען האָט געקאָנט — איבערזען תפלין, מזוזות, און אַנדערע זאַכן וואָס געהערן צו אַ סופר׳ס אַרבעט. שרה די סופרטע האָט באַדויערט איר זון, וועלכע מוז נעבאַך האָרעווען אַזוי שווער, אָבער וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? קיין גראָשן איז אין הויז ניט געווען. די אָרימקייט איז געווען גרויס, און

בן ציון איז געווען דער איינציקער, וועלכער האָט געקאָנט מיט זיין אַרבעט אויפהאַלטן זיי אַלעמען ביים לעבן. איי, ער האָט ווייניקער געלערנט? איז עס טאַקע שלעכט, אָבער גאָט וועט רחמנות האָבן. ער וועט ווייזן אַ נייעם וועג. וואָס לענגער דער סופר איז געווען קראַנק אַלץ ערגער איז געוואָרן. זי האָט ניט געוואָלט איר זון זאָל אַזוי פאַרשוואַרצט ווערן צוליב זיינע עלטערן און פאַרלירן אַלעס.

„מיין זון", האָט זי איינמאָל געזאָגט: „איך וויל ניט דו זאָלסט אַזוי שווער אַרבעטן . . . איך וויל ניט אַז דו זאָלסט פאַרבלייבן אַ סופר".

בן ציון האָט געקוקט אויף איר מיט זיינע גוטע אויגן. ער האָט גע־פּילט איר האַרץ און פאַרשטאַנען איר ווייטיק. „מאַמעשע, טייערע", האָט ער זיך אָפּגערופן. „וואָס קאָנען מיר דען טאָן? עס איז גאָט'ס ווילן אַזוי".

„אָבער . . . אָבער . . . " האָט די מוטער געזאָגט. „אַמאָל דאַרף מען טאָן און גאָט העלפט", האָט זי צוגעזעצט פרום. „איז עס ניט אַזוי מיין קינד? אפשר דאַרף מען שטענדיק טאָן" . . .

זי האָט, ווייזט אויס, נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, אָבער קאַדעש דער וואַסעטרעגער איז אַריינגעקומען און זי האָט מער ניט געקאָנט ריידן. קאַ־דעש האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן דער דיעלאָ... און ווי די גוים האָבן זיך אַריינגעפּאַקט . . . דאָס שטעטל איז געגאַנגען כאָדאָראָם. מען האָט נאָך אַלץ גערעדט, און קאַדעש איז געווען איינער פון די העלדן פון טאָג, דערציילנדיק אויף זיין לשון ווי אַזוי דאָס אַלעס איז פאָרגעקומען. ער האָט טאַקע איצט גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. ערשטנס, האָט אים דער רב אַליין געזאָגט אַז ער שטאַמט פון אַ גרויסער משפּחה, פון דעם אמתן וואַזשנעם יחוס . . . זיין זיידע איז געווען, איי, איי. איי איז ער געווען — ער האָט געקאָנט דערלאַנגען מיט דער בייטש. דעריבער טאַ־קע איז ער, קאַדעש, אַ מבין אויף פערד. און נאָך מער אַ מבין אויף קי . . .
„וואָס זאָגט איר עפּעס אויף דער קיעלע וואָס איך האָב אייך איינגעהאַנדלט?" האָט ער געפרעגט. „וואַרט נאָר ביזן צווייטן קעלבל — זי וועט גיסן מיט מילך".

ווען קאַדעש איז אַוועקגעגאַנגען, האָט שרה די סופר'טע דווקא גע־וואָלט פאַרציען נאָך אַמאָל דעם שמועס, אָבער זעענדיק ווי פאַרטאָן איר זון איז אין דער אַרבעט, האָט זי אים ניט געוואָלט איבערשלאָגן. איידער ער איז אַרויס. האָט זי בלויז פאַרוואָרפן עטלעכע ווערטער: „פאַרגעס ניט מיין זון דאָנערשטיק". דאָס איז געווען זייער וויכטיק, ווייל יעדן דאָנער־שטיק פלעגט בן ציון גיין צום גביר אין הויז אַריין, קריגן עטלעכע רובל פאַר דער אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן. די דריי רובל זענען געווען זייער וויכטיק, — אָן זיי האָט מען קיין שבת ניט געקאָנט מאַכן. איצט האָט ער

זייער גוט פֿאַרשטאַנען זיין מאַמעס ווערטער. ער האָט געוואוסט אַז מען דאַרף געדענקען „דאָנערשטיק".

דער אמת איז אַז ער אַליין האָט געוואָלט אַז דער דאָנערשטאָג זאָל קומען וואָס שנעלער, ווארים דאָס פֿלעגט זיין אַ יום טוב'דיקער טאָג ביי אים, היות ער האָט ניט אַלעמאָל זיך געקאָנט צענויפֿקלייבן אין געדאַנק וואָס עס ציט אים אַזוי צום גבירס הויז.

יענעם דאָנערשטאָג האָט אים אָבער די גביר'טע יאָ איינגעלאַדן און ער איז געווען צעפרידן. ער איז געזעסן אין אויפֿנאַמצימער מיט דער מו־טער, און באַלד איז אַריינגעקומען פייגעלע וועלכע האָט זיך אויך אַוועק־געזעצט. עס האָט ניט לאַנג געדויערט און אסתר, די דינסט, האָט אַריינ־געבראַכט טיי. בן ציון האָט געטרונקען. פֿון צייט צו צייט האָט ער אַ פֿאַר'־גנב'עטן בליק געוואָרפֿן אויף דער מיידל, הגם ער האָט מורא געהאַט לאַנג צו קוקן. ער האָט עס באַטראַכט אַלס אַ זינד און אַרונטערגעלאָזן פֿאַרשעמט די אויגן. אָבער דער געדאַנק האָט אים ניט צו רו געלאָזט.

געוויינלעך פֿלעגט ער זיך פֿאַרזאַמען זייער ווייניק אין גביר'ס הויז. אָבער אַמאָל האָט אים די גביר'טע פֿאַרהאַלטן און אים געלאַדן צו טיי. ער פֿלעגט זיך אין אָנהויב זשענירן און שפּעטער האָט ער שוין אַרויסגע־קוקט אויף דער איינלאַדונג, און ווען זי פֿלעגט ניט קומען איז ער אַפֿילו געווען אַנטוישט.

„פייגעלע וואונדערט זיך", האָט די גביר'טע געזאָגט און געקוקט גלייך אין בן ציון'ס אויגן, „פֿאַרוואָס איר קוקט אויס אַזוי שוואַך . . . איך האָב איר דערקלערט אַז איר אַרבעט צו שווער". און דאַן האָט זי צוגעזעצט: „איר ווייסט, זי איז אַ ברילּיאַנטן קינד, מיין פייגעלע . . . איר האַרץ איז געמאַכט פֿון גאָלד".

ווען ער האָט זיך אויפֿגעהויבן צו גיין אַהיים האָט די גביר'טע אים דערלאַנגט עטלעכע אַסיגנאַציעס. „וואונדערט זיך ניט", האָט זי אים גע־זאָגט, „וואָס עס איז מער ווי געוויינלעך . . . פסח דערנענטערט זיך און מען מוז אָנגרייטן אויף יום טוב".

אויפֿן וועג אַהיים האָט בן ציון געפֿילט זייער מאָדנע. ער האָט איצט שוין געוואוסט אַז עפּעס קומט פֿאַר אין אים וואָס ער אַליין פֿאַרשטייט ניט. זיין געמיט איז ניט געווען רואיק. דאָס איז געווען עפּעס נייעס אין זיין לעבן. קיינמאָל פֿריער זיינען זיינע געפֿילן ניט געווען אַזוי פֿיבערדיק. „וואָס קומט מיט אים פֿאָר?" האָט ער זיך אַליין געפֿרעגט. אָבער ער האָט קיין ענטפֿער ניט געהאַט. די גרעסטע צרה איז נאָך געווען וואָס עס איז ניט געווען וועמען צו דערציילן. און ער האָט זיך געשעמט, און ער האָט גע־וואוסט אַז קיינער וועט אים ניט פֿאַרשטיין. זיי וועלן לאַכן פֿון אים.

דער יום טוב איז געווען בעסער צוגעגרייט ווי אַלע יאָר. די מאַמע זיינע האָט זיך געקאָנט פאַרגינען. האָט זי טאַקע געהאַט אַלעס וואָס איר האַרץ גלוסט. אָבער דער יום טוב איז קיין יום טוב ניט געווען. דער סופר איז געוואָרן ערגער. ער האָט פון בעט ניט געקאָנט אַרונטערגיין. אפילו אין שול אַריינגעהן יום טוב. אך, אך. האָט ער געזיפצט און געהוסט. צום סדר איז ער יא אַרונטערגעגאַנגען, אָבער ער האָט געמוזט זיך באַלד אַוועקלייגן צוריק.

די ערשטע טעג פסח איז ער ניט געגאַנגען זיי באַזוכן. ער האָט גע־האַט באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן, אַז דער יצר הרע זאָל אים פאַרפירן. די זינדיקע געדאַנקען מוזן פאַרטריבן ווערן. ווארים זיי פלעגן אים שטערן אין זיין מלאכת הקודש. ער מאַכט גרייזן מחמת זיינע מחשבות זיינען ניט ריין.

דער פסח איז יענער יאָר ניט געווען קיין פריילעכער. זיין פאָטער איז געווען קראַנק און דער רופא האָט אַלעמאָל ווען ער איז געקומען געשאָקלט מיטן קאָפּ אַזוי ווי ער זאָל זאָגן: ניט גוט . . . ניט גוט . . .

דער גביר מיט דער גביר׳טע זענען געקומען דעם סופר מבקר חולה זיין. דאָס איז געווען ס׳ערשטע מאָל וואָס די גביר׳טע האָט זיי צוגעטיילט אַזאַ גרויסן כבוד. די אומעטיקייט און פינסטערקייט אין הויז האָבן גע־וואָרפן אַ פּחד, אָבער עס איז דאָך געווען ריין אין יעדן ווינקעלע. די לופט איז געווען שווער און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט געווען וואָס דער סופר איז קראַנק געוואָרן. אין האַרצן האָט די גביר׳טע בלויז געבעטן גאָט אַז בן ציון זאָל ניט קראַנק ווערן — אַזאַ זיידן קינד ווי ער איז.

די גביר׳טע האָט מיט פריינטלעכע, ווייכע רייד זיי אויסגערעדט דאָס האַרץ. ווי אַ שוועסטער האָט זי זיי געטרייסט אַז זיי זאָלן חלילה ניט פאַרלירן די האָפנונג. גאָט׳ס צאָרן איז ניט אייביק. דער סופר וועט מיט גאָט׳ס הילף געזונט ווערן.

זי האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף זיי. דאָס ערשטע מאָל וואָס זי האָט אַזוי גערעדט — ממש אַ שוועסטער. גוטע מענטשן! . . .

בן ציון האָט געהאַלטן אין איין דערציילן זיין מוטער ווי אַזוי זיי נעמען אים אויף זייער שיין. זיי טיילן אים צו כבוד און ווייזן אים אַרויס אַזאַ פריינטשאַפט אַז עס איז גאָרנישט צו באַשרייבן. „און זיי פרעגן זיך נאָך אויף דיר, מאַמע און אויפן טאַטן פונקט ווי אויף אייגענע״, האָט ער געזאָגט.

די מוטער האָט זיי באַדויערט: „גאָט האָט זיי געשטראָפט, נעבאַך, מיט איין איינציקע טאָכטער . . . אָבער דערפאַר האָט ער זיי געגעבן רייכ־טום, עשירות, און מיט געלט קאָן מען מער אויפטאָן ווי מיט אָרימקייט,

גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד... אַזאַ פינסטער לעבן ווי מיר האָבן עס.... קיין איין גוטן טאָג ניט געהאַט״.

די גאַנצע צייט האָט, ניט דער סופר, ניט די סופר׳טע גערעדט מיט בן ציון׳ען וועגן פייגעלען אָדער וועגן דעם גביר מיט דער גביר׳טע. אָבער ווען יום טוב איז געקומען און דער גביר מיט זיין פרוי זענען געקומען מבקר חולה זיין דעם סופר, האָט שרה די סופר׳טע נאָכדעם צום ערשטן מאָל פאַרוואָרפן אַ וואָרט וועגן גביר.

ווען דער סופר איז נאָך פסח געוואָרן נאָך ערגער, האָט בן ציון גע־נומען איינזען אַז ער וועט לאַנג זיין האָבן ניט פאָטער מיט זיך. און אין איין טאָג האָט זיך דער סופר שטאַרק פאַרהוסט, זיין פנים איז געוואָרן בלאַס און ער איז צוריקגעפאַלן אין אָנמאַכט אויפן קישן. שפּעטער אַביסל האָט ער געהייסן בן ציון׳ען רופן דעם רב.

בן ציון האָט געוואוסט פאַרוואָס דער טאַטע וויל דעם רב, און ער איז געלאָפן שנעל. ווען דער רב איז געקומען האָט דער סופר געפילט אַביסעלע בעסער, אָבער ער האָט אים געזאָגט אַז ער וויל זאָגן ווידוי, ווייל ער פילט סיי ווי אַז לאַנג וועט ער שוין ניט לעבן.

שפּעטער האָט מען שוין מיט אים געזאָגט ווידוי. דערביי זענען גע־ווען עטלעכע אידן, פריינט פון סופר, וועלכע האָבן אויסגעהערט יעדעס וואָרט וואָס ער האָט געזאָגט. דער סופר האָט זיי געבעטן אַז זיי זאָלן אַכ־טונג געבן אַז זיין בן ציון זאָל ענדיקן די ספר תורה מיט דערזעלביקער קדושה ווי ער האָט עס געטאָן. אָבער ער זאָל קיין סופר ניט זיין — דאָס איז זיין ווילן.

לאַנג האָט גרשון דער סופר נאָך דער ווידוי ניט געלעבט. זיין טויט האָט אַרויסגערופן אַ סך טרויער אין שטעטל. די לויה איז געווען אַ גרויסע. קינד און קייט זענען געקומען אָפּגעבן דעם סופר דעם לעצטן כבוד. די קלייטן זענען געווען פאַרמאַכט. אַלע האָבן רחמנות געהאַט אויף בן ציונ׳ען, וועלכער איז געבליבן אַ יתום און אויף זיין מוטער. זיי האָבן געוויינט און געקלאָגט וואָס גאָט האָט צוגענומען צו זיך אַזאַ הייליקע נשמה. און צווישן די קלאָגער איז געווען אויך אסתר, דעם גביר׳ס דינסט־מיידל. וועלכע איז געשטאַנען פון דער ווייט און האָט ניט אַרונטערגענומען אַן אויג פון בן־ציונען. זי האָט געוואָלט צו גיין צו אים, זאָגן אַ וואָרט, טרייסטן אים. אָבער זי האָט ניט געוואַגט. וואָס איר האַרץ האָט געפילט, איז געווען איר אייגענער סוד, און זי האָט געוואוסט אַז זי קאָן דאָס קיי־נעם ניט זאָגן — אַוודאי ניט בן ציונ׳ען אין זיין איצטיקן בראָך.

איר האַרץ איז געווען זייער פאַרוויייטיקט. זי האָט נאָך געדענקט איר מוטער׳ס לויה, און אירע וואונדן זענען אָפּגעפרישט געוואָרן. זי האָט גע־פילט אין די מאָמענטן ווי איר מוטער צערטלט און גלעט איר דעם שיינעם

קאָפּ און טרייסט זי: „גיי צו אים, זאָג אים אַז דו באַלאַנגסט צו אים און ער באַלאַנגט צו דיר . . . ער וועט זיין דיין טרייסט . . . וויש אָפּ זיינע טרערן.״

איר האַרץ האָט געצויגן צו איר טרויעריקן מלאך. זי האָט געוואָלט אָפּווישן זיינע טרערן און אויפמונטערן זיין האַרץ מיט ליבע און טרייסט־ווערטער, אים זאָגן אַז זי פילט זיין פאַרוויטיקט האַרץ. אסתר האָט די לויה ניט געזען. זי האָט נאָר געזען אים.

נאָך שבעה האָט בן ציון זיך גענומען ווידער צו דער אַרבעט און, צוליב צוויי וויכטיקע טעמים — ערשטנס, האָט מען באַדאַרפט פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט פאַר דער מאַמען און פאַר זיך, און קיין אַנדער מקור פרנסה איז ניט געווען. און צווייטנס, האָט אים דער רב געזאָגט אַז עס איז געווען דער וואונטש פון זיין פאָטער אַז ער זאָל ענדיקן, ווי אַמגיכסטן, די ספר תורה. וועגן דעם אַז ער זאָל קיין סופר ניט זיין האָט ער אים נאָך ניט געזאָגט. זאָל ער פריער ענדיקן.

יענעם דאָנערשטאָג האָט ער געבעטן זיין מוטער צו גיין פאַר אים צום גביר און זאָגן אַז פאַר די שלושים וועט ער ניט גיין אין ערגעץ נאָר אין שול.

ער האָט איצט געטאָן זיין אַרבעט מיט איבערגעבנקייט און הייליקייט,פאַרטרייבנדיק פון זיך די שלעכטע געדאַנקען. בייטאָג האָט ער געאַרבעט און ביינאַכט איז ער געזעסן איינגעבויגן איבער די ספרים. ער האָט געלערנט מיט התמדה און ער האָט געוואָלט פאַרגעסן אַלעס וואָס איז פאַרגעקומען פריער. אָבער ער האָט פאַרגעסן ניט געקאָנט. אין זיין האַרצן איז פאָרגעקומען אַ שטענדיקער קאַמף און צומאָל האָט ער זיך ניט געקאָנט העלפן און געטראַכט וועגן זאַכן וואָס ער האָט געוואוסט אַז זיי זענען אַ זינד.

זיבעטער קאַפּיטל

אַן עפּידעמיע

יענער ווינטער איז געווען באמת דער שווערסטער זייט פילע, פילע יאָרן. שוין לאַנג אַז מען האָט ניט געהאַט אַזאַ ווינטער מיט אַזוי פיל זאַווערוכעס און פרעסט. אידן האָבן זיך געקלאָגט. אָבער אפילו די גוים האָבן אויך געהאַט שוועריקייטן צו קריגן האָלץ פאַר זייערע כאַטעס.

אָבער אויסער די פרעסט, האָט יענער ווינטער, צוערשט אין אַ קליי־

נער מאָס, דערנאָך אַלץ מער געבראַכט אַ שוידערלעכע קראַנקייט, פריער איז די קראַנקייט געקומען אין דאָרף אַריין און דערנאָך האָט מען זי דער־פילט אין שטעטל אויך. מענטשן זענען קראַנק געוואָרן און אַ סך זענען שוין פון קראַנקנבעט ניט אויפגעשטאַנען. עס איז געווען אַ היציקע קראַנקייט, א מגפה אין דאָרף, און אין שטעטל—אַן אומגליק. וואָס ווייטער איז די קראַנקייט געוואָרן ערגער. זי האָט צוגעכאַפּט מענטשלעכע לעבנס ממש אונטער די הענט.

דער רב האָט געהייסן די אידן תשובה טאָן, כדי ניט צו דערלאָזן אַז דער מלאך המות זאָל האָבן די שליטה איבערן שטעטל, און אידן האָבן תשובה געטאָן. די ערשטע זאַך האָט מען איבערגעזען די מזוזות אויף די טירן. און בן ציון האָט געהאַט אַרבעט. און ניט קאָנענדיק אַליין טאָן די גאַנצע אַרבעט, האָט ער גענומען צו הילף משה דעם מלמד, וועלכער האָט אויך געקאָנט אַביסל שרייבן, אָבער האָט זיך מיט דעם שוין לאַנג ניט אָפּ־געגעבן. איצט איז ער געוואָרן בן ציונ׳ס אַרויסהעלפער, און ביידע האָבן געהאַט אַרבעט איבערן קאָפּ.

אין דאָרף האָט מען אויך געטאָן — וואָס מען האָט געקאָנט און וואָס דער גלח האָט געהייסן. מען האָט אַרויסגענומען די צלמים און איקאָנעס און געטראָגן זיי איבער די גאַסן. מען האָט באַשפּריצט מיט הייליקער וואַסער און מען האָט געבעטן אַז די מגפה זאָל זיך אָפּטאָן. עס האָט אָבער ניט גע־האָלפן. פאַרקערט נאָך מער פויערים זענען קראַנק געוואָרן יעדן טאָג.

איצט האָט מען שוין די קראַנקייט גערופן ביים נאָמען — כאָליערע, און מענטשן האָבן געוואוסט אַז ווער עס ווערט געטראָפן איז פאַראורטיילט צום טויט. אַ סך זענען געפאַלן אין מיטן גאַס. אַנדערע פלעגן זיך אַוועק־לייגן אין בעט און איידער וואָס־ווען האָט מען זיי שוין מער ניט געזען. לויות פלעגן פאָרקומען אָדער פאַרטאָג אָדער פאַרנאַכט.די מתים זענען פשוט אויסגעכאַפּט געוואָרן, און די לעבעדיקע זענען אַרומגעגאַנגען אין גרויס שרעק און זיך געבראָכן די הענט. דער טויט איז געלעגן אויף אַלע־מענס פּנימער. ווער האָט דען געוואוסט וועמעס טאָג עס איז?

צוערשט האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג אַז די עפּידעמיע נעמט זיך פונ׳ם וואַסער, האָט מען געטרונקען געזאָטענע וואַסער, ווי די דאָקטוירים האָבן געהייסן. מען האָט געמאַכט סאַמאָוואַרן אין די גאַסן און מען האָט געטרונקען. אָבער עס האָט קנאַפּ געהאָלפן. ווער עס האָט געדאַרפט גע־טראָפן ווערן, איז געטראָפן געוואָרן. מענטשן, וועלכע זענען געפאַלן אין גאַס, האָט מען געזאָגט אַז ווען מען רייבט זיי די אָדערן, קאָן מען זיי ראַ־טעווען. זיינען אויסגעוואַקסן גרופּן רייבערס און מיט זיי באַגרעבער. די געשטאָרבענע פלעגט מען באַגראָבן אין איילעניש און באַגאָסן זייערע קברים מיט קאַלך. אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן.

בן ציון האָט זיך אָנגענומען מיט גענוג צרות זעענדיק וואָס אַרום אים קומט פאָר. ערשט איצט פלעגט ער לערנען בײנאַכט נאָך מיט מער התמדה. דערהויפּט האָט ער געלערנט קבלה ספרים, זוכנדיק אין זיי אַ באַ־שייד פונם גרויסן אומגליק. ער איז געווען גלויביק, קיין מענטש קאָן דאָך ניט העלפן קעגן אַזאַ אָנשיקעניש. אָבער ער איז געווען זיכער אַז אין די אַלטע הייליקע ספרים איז פאַראַן אַ רפואה צו אָט דער מכה. דאָס אײנציקע וואָס מען דאַרף טאָן איז זוכן און נישטערן. האָט ער געזוכט און געלערנט. אין די קבלה ספרים האָט ער געפונען צירופים. עס זענען געווען אַנדײ־טונגען וואָס צו טאָן. אָבער דאָס לשון פון די ספרים איז ניט געווען לײכט צו פאַרשטײן. מען האָט גערדאַרפט לײענען און לערנען די ווערטער אַ סך מאָל ביז מען האָט געקאָנט פאַרשטײן וואָס זײ מײנען. און דערצו נאָך האָט בן ציון געגלויבט אַז לערנען אַלײן איז ניט גענוג. עס מוז קומען דורך אַ געטלעכער אָנטפּלעקונג. דאָס אמת׳ע ליכט אַנטפּלעקט זיך ניט אַזוי גיך.

ענדלעך האָט ער געפונען אין אַן אַלטן ספר אַ „רפואה” וואָס האָט געקאָנט העלפן אויב עס וועט דורכגעפירט ווערן פּינקטלעך. דער מיטל איז געווען אָנצושרײבן אויף אַ שטיקל פּאַרמעט דעם שם המפורש און דעם נאָמען פון דעם מאַן וואָס וועט עס דאַרפן טראָגן אויפן האַלז. אײדער דער שם המפורש ווערט אָנגעשריבן האָט דער שרײבער גערדאַרפט דורכמאַכן אַ געוויסע פּראָצעדורע פון טבילות און רײניקונג פון געדאַנק. אויף אַ צווייטן שטיקל פּאַרמעט האָט מען גערדאַרפט אָנשרײבן נאָך עפּעס, און דאָס שטיקל פּאַרמעט האָט גערדאַרפט אָנגעהאַנגען ווערן אויפן האַלז פון אַ בתולה. דערנאָך האָט מען גערדאַרפט דורכפירן אַ חופּה, און די מגפה וועט אָפּגע־שטעלט ווערן.

ניט לײכט איז אָנגעקומען בן ציון׳ען זיך צוצוגרײטן. ער האָט גע־פּאָלגט יעדן פּרט, ווי עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אין אַלטן ספר, און ער האָט געפילט אַז איצט איז געקומען די צײט דורכצופירן די אַרבעט. אָבער ער האָט עס קײנעם ניט געזאָגט. דערווײל האָט ער עס געהאַלטן בסוד.

אין פאַרלויף פון דער צײט, איז ער אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז און האָט געהאָלפן וועמען נאָר ער האָט געקאָנט. און מערקווירדיק, ער איז ניט באַרירט געוואָרן פון דער קראַנקײט. איז עס ניט דערפאַר וואָס ער ווײסט דעם גרויסן סוד? ער האָט דאָס קײנמאָל קײנעם ניט געזאָגט.

אין אײן טאָג איז אים אויסגעקומען דורכצוגײן קאָדעש דעם וואַסער־טרעגערס הויז. ער איז אַרײנגעקומען איבערצוזען די מזוזות, און צו זײן גרויסער דערשטוינונג האָט ער געטראָפן אסתר׳ן ליגן אויפן בעט. זי איז געווען זײער קראַנק, און קאָדעש איז געשטאַנען לעבן איר בעט און גע־וויינט מיט ביטערע טרערן. איר פּנים איז געווען געל ווי וואַקס. זי האָט געהאַט שרעקלעכע קראַמפּן.

„בעט גאָט, בן ציון, פאַר מיין איינִיקל”, האָט קאָדעש זיך געבעטן ביי אים, אַזוי ווי איר לעבן זאָל זיין אין זיינע הענט.

בן ציונ'ס ליפּן האָבן געמורמלט אין דער שטיל, און ווען דער וואַ־סערטרעגער האָט דאָס געזען האָט ער זיך אָפּגעטראָגן כדי ניט צו שטערן בן ציונ'ען ווען ער האָט באַטראַכט אַלס צדיק.

ערשט דאַמאָלסט האָט בן ציון פאַרריגלט די טיר און איז צו צו איר בעט. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער גענומען די קמיע.

„וואָס איז דיין נאָמען?” האָט ער געפרעגט.

„אסתר”.

ער האָט אָנגעשריבן דעם נאָמען און זיך איבערגעבויגן איבער איר. זי איז דערציטערט געוואָרן.

ער האָט געמורמלט אין דער שטיל און זי האָט איצט געפילט אַז ער וויל איר העלפן. פונדעסטוועגן האָט זי אים געבעטן: „רירט מיך ניט אָן... איר וועט זיך נאָך אָנגעמען” .

ער האָט אָבער ניט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו איר וואָר־נונג און אויפגעהויבן איר קאָפּ און געפרעגט :

„ביסט אַ בתולה?”

ווי בלאַס זי איז געווען, האָט זיך באַוויזן פאַרב אויף אירע באַקן, ווי ביי אַן אומשולדיק קינד, זי האָט געענטפערט: „יאָ, איך בין . . . גאָט איז מיין עדות”. אין אירע אויגן האָט ער איצט אויסגעזען ווי אַ מלאך פון הימל, וואָס איז געשיקט געוואָרן איר צו העלפן. ער האָט דאַן איר אָנגעטאָן די קמיע אויפן האַלז און זי האָט אָנגעהויבן צו פילן בעסער.

„דאָס”, האָט ער געזאָגט, „איז אַ שמירה. ווען דו וועסט ווערן גע־זונט, זאָלסטו עס שטענדיק טראָגן אויפן האַלז . . . זאָלסט עס האַלטן אַ סוד. קיינער טאָר דאָס ניט וויסן . . . דו וועסט קיינמאָל ניט קראַנק זיין, און וועסט לאַנג לעבן”.

ער איז דאַן אויף שנעל אַרויס, און זי איז געבליבן ווי באַצויבערט. איז דאָס אַ חלום? זי האָט מורא געהאַט אָנצורירן די שמירה און איז מוטיק אַרונטער פון בעט, רעדנדיק צו זיך אַליין: „יאָ, איך בין אַ בתולה... און די בתולה וועט וואַרטן . . . זי איז דיינע .. . דו ביזט פון גאָט מיר באַשערט”.

און פון פרייד זיך היסטעריש צעוויינט.

פון דאָרטן איז ער געגאַנגען אין אַנדערע הייזער און האָט איבער־געזען מזוזות. פאַרבייגייענדיק דעם גביר'ס הויז, האָט ער זיך דאָרטן אויך אָפּגעשטעלט. די גביר'טע האָט אים אויפגענומען ווי אַ גרויסן גאַסט.

— איר שטעלט זיך אַיין דאָס לעבן איצט... — האָט זי אים געזאָגט, אָבער גאָט איז אַ שומר ישראל.

זי האָט אים דערציילט וועגן זייער דינסט־מיידל, אַזאַ פריילעכע און לעבעדיקע, אָבער לעצטן מיטוואָך איז זי איינגעפאַלן און מען האָט זי גע־מוזט נעמען אַהיים. אַ יתומה נעבעך. ווער ווייסט צי עס איז פאַראַן עמיצער וואָס זאָל אַכטונג געבן אויף איר?

בן ציון האָט געענטפערט „זי וועט פילן בעסער . . . איך האָב זי ערשט געזען... זי איז געפערלעך קראַנק, אָבער גאָט וועט העלפן".

„אַז וואויל איז עס צום גלויביקן", האָט די גביר'טע געזאָגט מיט אַ פרומער מינע.

דערביי איז אַריינגעקומען פייגעלע. זי האָט זיך טיף פאַרנייגט און האָט זיך איינגעהערט צו דעם וואָס עס איז גערעדט געוואָרן. פון צייט צו צייט האָט זיך באַוויזן אַ לייכטער שמייכל אויף איר פנים, אָבער באַלד דאַ־רויף האָט זי אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און געקוקט צו דער פּאַדלאָגע. זי איז געווען אַ היפּש ביסל שעמעוודיק און בן ציון האָט זיך געפילט אַזוי היימיש.

ווען בן ציון איז אַרויס פון הויז זענען די גאַסן געווען שטיל, קיין מענטשן זיינען ניט געווען. ווער עס איז געווען קראַנק, איז געלעגן אין בעט. די געזונטע האָט זיך ניט געגלוסט צו גיין אין דרויסן. „צום רב גיין" האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק אין זיין מוח און ער האָט זיך פאַרנומען דורך זייטיקע גאַסן אין דער ריכטונג פון רב'ס הויז. ער איז געגאַנגען שנעל און באַלד איז ער געווען אינווייניק, דער רב איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט. די צרות זיינען געווען גרויס. אַ האַלב שטעטל איז שוין כמעט אומגעקומען, און גאָט'ס צאָרן האָט זיך נאָך אַלץ ניט אָפּגעשטאָן דאָס איינציקע וואָס מען דאַרף טאָן אין אַזאַ פאַל, איז זאָגן תהלים, פאַסטן, אָבער דאָס איז ניט לייכט געווען די שרעקלעכע קראַנקייט בושע־וועט אַזוי. פאַסטן האָט מען בכלל ניט געטאָרט. מיט פאַר'חלש'טע הערצער האָבן מענטשן געקאָנט נאָך מער קראַנק ווערן. דער רב איז אָבער געווען זיכער אַז די שטאָט איז ריין פון זינד. מען היט שבת, די מקוה איז אַ כשר'ע און אַזוי ווייטער איז אַלעס אין אָרדענונג, לויטן דין. דאָך, פאַר וואָס שטראָפט גאָט זיינע אידען? עפּעס מוז זיין ניט ריכטיק. ער האָט געפרעגט בן־ ציון'ען צי האָט ער ניט געפונען ערגעץ וואו אין אַ ספר אַ סגולה קעגן אַזאַ קראַנקייט.

בן ציון האָט זיך אָנפאַנגעס אַ היבש ביסל געשעמט צו זאָגן אַ וואָרט, ווארום ווער איז ער, נאָך אַלעמען, צו זאָגן דעם רב וואָס צו טאָן? אָבער ווען דער רב האָט אים עטלעכע מאָל איבערגעפרעגט און האָט אים דער־ביי געלאָזט פילן אַז ער האַלט פון אים זייער שטאַרק, האָט בן ציון געזאָגט: איר ווייסט דאָך רבי אַז שטעלן אַ שוואַרצע חופה אויפן הייליקן אָרט, איז אַ סגולה צו דער מגפה.

„יאָ, מיין זון", האָט דער רב געזאָגט. „איך האָב אויך געטראַכט וועגן דעם . . . דער מיטל איז געברויכט געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן . . . אַ שוואַרצע חופּה איז אפשר דער איינציקער מיטל. אָבער ניט לייכט איז דאָך צו קריגן עמיצן . . . אַ שווערע זאַך מיין זון", האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

בן ציון האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. ער האָט גע־וואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט מורא געהאַט. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגע־רופן: די גאַנצע שטאָט איז אין גרויס סכנה, רבי . . . און וואָס דאַרף ניט אַ איד טאָן פאַר זיינע ברידער ? . . . איך . . . איך וואָלט עס געטאָן . . . איך".

די ווערטער זיינען געפאַלן ווי אַ דונער פון לויטערן הימל: „דו בן־ציון, מיין זון? דו ווערסט זיך איינשטעלן דאָס לעבן. עס קאָן נאָך פּאַסירן אַן אומגליק אויפן בית עולם. דער מלאך המות איז שולט אויף אונז, און עס האָט זיך שוין געטראָפן... שפּילסט זיך מיט פייער, מיין קינד".

פאַר בן ציונ'ס אויגן איז אַרויסגעשוואומען די געשטאַלט פון אסתר'ן ווי זי איז געלעגן אין בעט און האָט געמורמלט אין דער שטיל: „איך פיל בעסער, בעסער".

בן ציון האָט פאַר אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער זיך אָפּ־גערופן: „דערציילט דען ניט די תורה וואָס משה האָט געטאָן? ער האָט אַוועקגעשטעלט אַ נחש הנחושת און ווער עס האָט געקוקט אַרויף איז געראַטעוועט געוואָרן...

"יאָ, דו ביזט גערעכט, מיין זון", האָט דער רב געענטפערט : אַז מען קוקט אַרויף צו גאָט, האָט דער מלאך־המות קיין שליטה ניט". און דערביי האָט ער צוגעזעצט: „מיר וועלן דאָך וואַרטן אַביסל".

זיי האָבן אָפּגערעדט אַז דערווייל זאָל קיינער ניט זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם.

ווען בן ציון איז אַרויס פון רב'ס הויז, איז געבליבן ליגן זיין ספר אויפן טיש. דער רב האָט אַריינגעקוקט אין ספר און דערזען אַ קליין טיכעלע צונויפגעלייגט אינעווייניג. עס איז געווען פון זייד געמאַכט און פאַרפיומירט. אין אַ זייט איז אויך געווען אויסגעהאַפטן אַ פייגעלע אין רויטן און אין קליינע אותיותלעך איז געווען אויפגעשריבן דאָס וואָרט: פייגעלע. ער האָט געקוקט און געקוקט דאַרויף און זיך געחידושט. וואָס מיינט עס ? און ניט קאָנענדיק זיך דערקלערן האָט ער עס צוריק אַריינ־געלייגט אין ספר.

אַכטער קאַפּיטל

דעם גביר׳ס פּלאַן

פייגעלע דעם גביר׳ס טאָכטער איז געווען זער אַ שענע און ליבלעכע. אָבער אירע חסרונות האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן. זי איז געווען טויבלעך און איר רעדן איז געווען זער פעלערהאַפט. אַ האַלב שטומע. און דאָס איז געווען די גרעסטע זאָרג ר׳ חיימ׳ס צו נעמען אַן איידעם אַבי וועמען, איז דאָך ניט שייך. און נעמען עמיצן וואָס איז די ווערט צו זיין זיין איידעם פון זיין טאָכטער, וועלכע באַזיצט אַזאַ טייערע נשמה. ער האָט געוואָלט זען זיין פייגעלען גליקלעך, אָבער ווי אַזוי קומט מען דערצו . . .

דער רב האָט פאַרשטאַנען זיין האַרץ, אָבער זיי האָבן פיל ניט גערעדט וועגן דעם. איצט אָבער האָט דער רב געהאַט זייער אַ וויכטיקע פראַגע אויפצונעמען מיט ר׳ חיימ׳ן, און ער האָט אים אַוועקגערופן אַן אַ זייט אים איבערצודערציילן וועגן דעם.

לאַנג, לאַנג האָבן זיי גערעדט, און צום סוף האָט ר׳ חיים געזאָגט: „איך האָב אַ פּלאַן, אָבער איך דאַרף ערשט איבעררעדן וועגן דעם מיט מיין פּלונית׳טע״.

ר׳ חיים האָט ניט געמאַכט קיין סך הקדמות, ווען ער האָט דערציילט די גאַנצע געשיכטע צו דער גביר׳טע. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם וואָס בן ציון דעם סופר׳ס וויל זיך איינשטעלן דאָס לעבן און ראַטעווען דאָס שטעטל. דער רב האָט זיך אונטערגענומען צו קריגן פאַר אים אַ כלה.

״הער אומיסנע אַ געשיכטע״, האָט ר׳ חיים געזאָגט. ״דער בחור האָט פאַרגעסן אַ ספר ביים רב, טאָ וואָס א שטייגער געפינט זיך אין דעם ספר? אַה, אַנו טרעף. דער רב האָט עס מיר אַליין געוויזן... פייגעלע׳ס זיידן טיכעלע״.

די גבירטע האָט פאַרשטאַנען: „הייסט עס אַז דו ווילסט?״ זי האָט ניט געענדיקט די ווערטער, וואָס זי האָט געהאַט אין זינען צו זאָגן. אָבער ר׳ חיים האָט געוואוסט אַז זי האָט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן ענין.

״דער רב האָט מיר געזאָגט אַז ער האָט צוגעזאָגט דעם סופר פאַר׳ן טויט.. אַכטונג געבן אויף זיין זון און זען אַז ער זאָל ניט זיין קיין סופר.. טאָ וואָס דענקסטו. ווי אַזוי קאָן ער מקיים זיין זיין וואָרט?

ווען ער וואָלט זיין אַ רייכער אידעם איז עפּעס אַנדערש. דאַן וועט ער שוין קיין סופר ניט דאַרפן זיין״.

„דאָס קינד גייט אויס נאָך אים, — איך ווייס וואָס דאָס מיינט. ווען נאָר ער קומט אַריין אין הויז, איז זי דאָ ביים טיש. זי ציילט אים ממש די טריט״.

ר׳ חיים האָט נאָך דעם זעלביקן טאָג באַזוכט דעם רב. זיי האָבן ווידער גערעדט וועגן דעם ענין און ר׳ חיים, וועלכער איז געווען אַ איד אַ פּקח, האָט זיך געמאַכט אַז ער איז פאַראינטערעסירט אין דעם מער סטענס ווי אַ זייטיקער, אַזוי צו זאָגן, וואָס ער האָט געוואָלט וויסן איז צי חתן כלה זיינען ניט אין געפאַר. דער רב האָט אים באַשטעטיקט אַז די כלה איז כלל ניט אין געפאַר. דער חתן — יאָ, אָבער בן ציון איז אַ מקובל און ער איז זיכער אַז עס וועט אים גאָרנישט געשען. ער וועט שוין מתפלל זיין צו גאָט ער זאָל אים דורכפירן אַלע שטרויכלונגען און בן ציון האָט זיין אייגענעם זכות אויך.

׳איך זע״, האָט ר׳ חיים געזאָגט, ״אַז עס איז באַשטימט געוואָרן אַזוי אין הימל און מיר מענטשן קענען זיך ניט שטעלן קעגן דעם רצון פון אינזער בורא״.

״איר זענט גערעכט, ר׳ חיים״, האָט דער רב צוגעשאָקלט.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג איז בן ציון ווידער געווען אויף אַ באַזוך ביים רב, און דער געשפּרעך האָט זיך געדרייט אַרום דער עפּידעמיע.

עס האָט אָבער ניט גענומען לאַנג ביז דער רב איז צוגעטראָטן צום ענין איצט האָט ער אים דערציילט וועגן זיין פאָטער׳ס צוואה וואָס איז געמאַכט געוואָרן פאַר עדות, און אויך וועגן דער בקשה אז ער, דער רב, זאָל זען, אַז זיין זון זאָל ניט זיין קיין סופר. ״וואָס דער טאַטע דיינער האָט געהאַט אין זינען דערביי ווייס איך ניט״, האָט דער רב גע־זאָגט, דאָס איז געווען זיין ווילן איידער ער האָט אָפּגעגעבן זיין הייליקע נשמה צו גאָט, און יעדער ערלעכער זון דאַרף מקיים זיין דעם וואונטש פון זיין פאָטער. דאָס איז כיבוד אב ואם״.

בן־ציון איז איצט געווען מיד, און עס האָט זיך אים געגלוסט ניט אַריינצוגיין אין קיין שמועס וועגן אַ זאַך וואָס האָט דירעקט ניט צו טאָן מיט זיינע איצטיקע זאָרג. פונדעסטוועגן האָט ער אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו די ווערטער.

״דער איינציקער וועג״, האָט דער רב ווייטער פאָרטגעזעצט, ״פאַר אַזאַ אָרימען זון איז צו משדך זיין זיך מיט אַ רייכער משפחה... אָט ווי ר׳ חיים... און דאָס וועט שוין מאַכן מעגלעך, אַז...״

בן־ציון האָט נאָך אַלץ ניט פאַרשטאַנען וואָס דער רב מיינט אייגנטלעך. האָט ער זיך אָפּגערופן אויף זיין נאאיוון אופן: „נאָך פאַראַן צייט צו טראַכטן וועגן דעם... איצט איז אַן אומגליק אויף יידן, רבי".

"יאָ, עס איז טאַקע אַן אומגליק אויף יידן", האָט דער רב געזאָגט, "אָבער גאָט ברוך הוא וויל אפשר אַזוי. פאַרשטעסט, מיין זון, עס איז אפשר דיין זיווג. און דערביי וועט די צוואה אויך קאָנען דורכגעפירט ווערן".

בן ציון האָט זיך ניט געשטעלט געגן. ער האָט שוין פאַרשטאַנען דעם פּלאַן און עס האָט זיך אים געדאַכט אַז, נאָך אַלעמען, איז דאָך קיין אונטערשייד ניט ווי אַזוי דאָס ווערט געטאָן. דער עיקר איז דאָך אָפּצושטעלן די מגפה און אויב זי איז טאַקע זיין זיווג איז פאַרפאַלן. דער געדאַנק איז אים אָבער געווען צומישט.

"אויב דו ווילסט מיך פאָלגן, בן־ציון", האָט דער רב אים לאַנג ניט געלאָזט טראַכטן. „גיי איצט אַריבער צו ר' חיים'ען. זינט נעכטן האָט ער מיר דערציילט, אַז זיין טאָכטער איז קראַנק. עס איז ניט די עפּידעמיע. עפּעס אַ מאָדנע קראַנקייט איז זי באַפאַלן און פלאָגט זי. דו מעגסט זיי באַזוכן, זיי זיינען דאָך דיינע בעסטע פריינט".

"איך פיל ניט גוט היינט", האָט בן ציון געזאָגט. "וועל זיין ביי זיי מאָרגן".

בן־ציון האָט מקיים געווען דעם רב'ס בקשה. ער איז אַריבער־געגאַנגען צום גביר דעם צווייטן טאָג, און די גביר'טע האָט אים באַלד אַריינגעפירט צו פייגעלען אין צימער. זי איזווירקלעך געווען קראַנק, געלעגן אין א בעט, און אירע גרויסע אויגן זיינען געווען פאַרצויגן מיט טרויער.

ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. זי האָט געקוקט אויף אים און ווי רופנדיק אין דער שטיל, האָט ער געהערט אַ שטילן קלאַנג אָן ווערטער. און ווען ער איז צוגעקומען צום בעט, האָט זי אים פּלוצלינג אַרומגענומען מיט אירע קליינע הענטעלעך וואָס זיינען געווען גליענדיק. ער האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן פון אירע הענט און איז געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך. באַלד דערויף איז אַריינגעקומען די גביר'טע. און קוקנ־דיק אויף איר טאָכטער האָט זי געזאָגט: "זעט נאָר, זעט, בן־ציון, אַזוי גיך ווי איר זענט אַריינגעקומען, איז מיין קינד געוואָרן לייכטער... זי איז שוין פריילעך".

ווען בן־ציון איז דערנאָך אַריינגעקומען אין אויפנאַם צימער, האָט אים ר' חיים באַגעגנט מיט אַ ברייטן שלום עליכם און האָט אים געבעטן

זיך זעצן. ער איז צוגעגאַנגען צום ענין דירעקט און האָט אין אָפענע ווערטער אים געזאָגט וואָס זיין פּלאַן איז און פאַר וואָס דאָס איז דער איינציקער אויסוועג אין דער לאַגע אין וועלכער דאָס שטעטל געפינט זיך. גאָט דאַרף היטן די ערלעכע און פרומע, און די וואָס ווערן געשיקט צו טאָן אַ מצוה זיינען באַוואָרענט פון אַלדאָס בייז.

די תנאים זיינען געשריבן געוואָרן, אַ קורצע צייט נאָכדעם, אין רב׳ס הויז. און אַלעס איז צוגעגאַנגען ווי עס דאַרף צו זיין. דער רב, וועלכער איז געווען זייער אַ פרומער, האָט געוואָלט אַז די גאַנצע זאַך זאָל זיין לויט׳ן יידישן דין און אויך אין די בעסטע אינטערעסן פון חתן כלה. ער האָט ר׳ חיימ׳ן געלאָזט וויסן פאַר אַלעמען אין די אויגן, אַז ער איז מחויב צו שטעלן בן־ציונ׳ען אויף די פיס און אים געבן אַ געלעגנהייט צו זיצן על התורה ועל העבודה. באַלד דאַרף ער אים געבן אַ געוויסע סומע געלט נדן און איבערשרייבן אויף זיין נאָמען אַ טייל פון זיין פאַרמעגן. דאָס איז אין פאַל — עולה יפה זיין. אָבער אויב חלילה, עס וועט ניט זיין אַזוי, איז ער מחויב צו באַפרייען בן־ציונ׳ען ער טוט עס דאָך לשם שמים. ״זענט איר צופרידן, ר׳ חיים?״ האָט דער רב געפרעגט.

די חתונה איז באַשטימט געוואָרן פאַר עטלעכע טעג שפּעטער

בן־ציון האָט געקוקט אויף דער גאַנצער זאַך גאָר אַנדערש ווי די אַרומיקע. ביי אים איז עס ניט געווען גלאַט אַ חתונה, אין וועלכער ער פאַרבינדט זיין גורל מיט דעם לעבן פון עמיצן אַנדערש. גיכער איז עס געווען אַ קאַמף מיט׳ן מלאך המות. ער גייט דאָך אויף אַ הייליקער שליחות. און דעריבער טאַקע דאַרף זיין קערפּער, זיין נשמה, זיין הייליק און ריין. די קערפּערלעכע געפילן האָבן אים נאָר געשטערט. ער האָט זיי דעריבער געוואָלט אויסראָטן, פאַרטרייבן דעם יצר הרע אין כף הקל אַריין.

אין משך פון די עטלעכע טעג איז ער געגאַנגען איייניקע מאָל אויפ׳ן הייליקן אָרט, צו די שטיבלעך פון די צדיקים. האָט אויסגעטאָן די שיך, אַריינגעגאַנגען מיט די זאָקן און מתפלל געווען, אַז גאָט זאָל אים דורכ־פירן דעם שווערן וועג וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען דורכצוגיין. ער האָט געבעטן גאָט אַז ער זאָל אים מציל זיין פון מלאך המות און אַז

ער זאָל אַרויס בשלום, ווייל עס איז פאַרן כלל ישראל. ביינאַכט האָט בן־ציון געהאַלטן אין איין לערנען. דער זכות פון דער תורה וועט זיכער מגין זיין אויף אים.

נאָך דעם זעלבן טאָג, ווען ער האָט באַזוכט דעם רב האָבן זיי ביידע באַשלאָסן אַז מ׳זאָל אויסרופן אין די שולן פון שטאָט, אַז דאָנערשטאָג, איז טאָג פון דער חופה, זאָלן אַלע פאַסטן און מען זאָל זאָגן סליחות. פאַר־נאַכט זאָלן אַלע קומען זאָגן תהלים ביז די שטערן וועלן זיך באַווייזן. נאָכדעם זאָל מען גיין אָפּפאַסטן און צען א זייגער אין אָוונט זאָלן אַלע זיך צונויפקומען אין דער גרויסער שול. ווער עס האָט אַ לאַמטערן זאָל אים מיטנעמען מיט זיך. און פונקט צוועלף אַ זייגער באַנאַכט זאָל מען חתן־כלה פירן צו דער חופה. דאַן וועט די מגפה זיכער אָפּגעשטעלט ווערן. אָפּגערעדט וועגן אַלע פּרטים, האָט מען אָנגעשריבן אַ מודעה אין וועלכער דאָס אַלעס איז אין דעם שטעדטל אָנגעזאָגט געוואָרן. ווער דער חתן איז האָט מען ניט געשריבן. בלויז די מחותנים האָבן וועגן דעם געוואוסט.

דער צושטאַנד אין שטעדטל איז דערווייל געוואָרן ערגער. מענטשן זענען געשטאָרבן יעדן טאָג און די לוויות פלעגן פאַרקומען אויף גיך — ווי פריער.

ווי אַ בליץ האָט זיך פאַרשפּרייט די נייעס וועגן דער חופה. באַלד ווי דער שמש האָט אויסגערופן וועגן דעם אין שול און די מודעות זיינען צעהאַנגען געוואָרן, איז עס געוואָרן דער געשפּרעך פון טאָג. אַלע האָבן געגלויבט אַז איצט איז געקומען די הילף. עס וועט נעמען אַ סוף צו דער מגפה. ניט נאָר די אידן האָבן געיובלט אַזוי, נאָר אויך די גוים אין די דערפער אַרום. די מורא איז געווען אַזוי גרויס אַז יעדער הילף האָט אַריינגעבראַכט האָפנונג אין די פאַראומערטע הערצער. עס איז אפילו געקומען אַ שליח פון דאָרף וועלכער האָט געוואָלט וויסן צי עס וועט דערלויבט ווערן די גוים צו קומען צו דער חופה. עס איז געווען אַ מאָדנע בקשה. אָבער דער רב האָט ניט געזען אין דעם קיין שלעכטס.

מיטוואָך באַנאַכט האָט זיך בן ציון געגרייט צו דער חופה. יענע נאַכט איז ער געבליבן ביים רב אין הויז. דאָס האָט ער געטאָן כדי צו האָבן אַ שומר... דער שטן קאָן נאָך מקטרג זיין. און אין דער פרי זענען ביידע, דער רב און בן ציון, אויפגעשטאַנען און געגאַנגען אין וואַסער, און דערנאָך באַזוכט דאָס הייליקע אָרט. און דעם גאַנצן טאָג האָט זיך געטאָן חושך אין שטעדטל. מען האָט דורכגעפירט אַלעס ווי מען האָט געהייסן. אידען האָבן דערקלערט קריג דעם משחית.

אַזעלכעס איז נאָך קיינמאָל ניט פאָרגעקומען אין שטעדטל. דאָס פאַסטן, דאָס תהלים זאָגן, דאָס וויינען און קלאָגן, די קולות זענען גע־גאַנגען ביז'ן הימל.

אין אָוונט האָבן די ווייבער געגומען די כלה אין מקוה אַריין, כדין. פון דער שול זענען זיי געגאַנגען צו באַדעקן די כלה. מען האָט זי באַזעצט, און אַלע ווייבער האָבן געוויינט, בעטנדיק ביי גאָט אַ ישועה. דער רב האָט באַפוילן דער חברה קדישא צוצוגרייטן אַ לויה, וואָס זאָל גיין פאַר דער חופה. נאָכדעם ווי דער חתן איז אָנגעטאָן געוואָרן מיט אַ קיטל, אַ שבת׳דיקן שטריימל, און אַלעס איז געווען אין אָרדנונג, האָט זיך אָנגע־פאַנגען דער מאַרש. די מטה איז געטראָגע געוואָרן פון פיר מענטשן. און אַ פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן נאָך דער לויה, אָן ליכט און די קלעזמער זענען נאָכגעגאַנגען. ביז זיי זענען אָנגעקומען צו דער שול. דער חתן איז געגאַנגען און מיט אים דער רב, דער גביר, און נאָך בעלי בתים. דאַן זיינען געגאַנגען די כלה, און אירע באַגלייטער, איר פנים פאַרדעקט מיט אַ זיידענעם פּרוכת. ביי דער שול האָט דער שמש געגעבן אַ וואונק די קלעזמער צו שפּילן אַ מאַרש. מען האָט אָנגעצונדן ליכט און לאַמטערנעס, און אַלע וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט אין שול זענען אַרויס פון דאָרט. אַ גרויסער עולם האָט זיך צונויפגעקליבן. מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער, און מען איז געגאַנגען פון שול צו שול. אַ סך גוים זענען אויך מיטגעגאַנגען. עס האָט אויסגעזען ווי אַן אַרמיי גייט אין שלאַכט אַריין צו פירן אַ קאַמף מיט דעם מלאך המות.

בן ציון האָט אויסגעזען זייער בלאַס. זיינע פיס זענען געווען אויף דער ערד, אָבער זיינע רעיונות האָבן געשוועבט ערגעץ וואו אין די הימלען. די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן איבער די גאַסן און געסלעך פון שטעטל וואָס זענען געלעגן איצט אונטער אַ שוואַרצן הימל.

אָנקומנדיק צום הייליקן אָרט, איז דער רב צוגעגאַנגען צום טויער און געגעבן אַ קלאַפּ מיט זיין שטעקן. דאַן האָט ער געגעבן נאָך אַ קלאַפּ. און צו לעצט אַ דריטן. נאָכדעם האָט ער אויף אַ הויך קול אויסגעשריגן אַז אַלע זאָלן הערן: „הייליקע נשמות! מיר ווילן אייך בעטן מחילה וואָס מיר שטערן אייך די רו, איצט אין מיטן דער נאַכט... אַ גרויסער אומ־גליק האָט אונז געטראָפן... די מגפה ברענגט אונדז אום... מיר בעטן אייך, הייליקע נשמות, קומט אונדז צו הילף און בעט פאַר אונדז דעם רבש״ע אז ער זאָל שיקן דעם גוטן מלאך, ער זאָל אָנשרייען אויפ׳ן משחית... אל תשלח ידך, שומר ישראל, האומרים שמע ישראל״...

דאַן האָט מען געבלאָזן שופר און מען האָט געעפענט דעם טויער.

פריער האָט מען אַריינגעטראָגן דעם מת. און באַלד נאָכדעם איז אַריינ־געגאַנגען דער חתן מיט די אונטערפירער. מען האָט אויפגעשטעלט די חופה. און דער חזן האָט געמאַכט אל מלא רחמים נאָך דעם חתנ׳ס פאָטער.

נאָכדעם ווי די כלה מיט די אונטערפירער האָבן זיך געדרייט אַרום דעם חתן זיבן מאָל, האָט דער רב מסדר קדושין געווען. דער חתן האָט צובראָכן דאָס גלעזל, און אַ טרויעריקער מזל טוב האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן פעלד פון אַלע זייטן.

שעפסעל האָט אויך געהאַט אַן אויפגאַבע — ער האָט געטראָגן אויף אַ שטאַנג דעם פּאַרמעט וואָס בן ציון האָט אָנגעשריבן. דאָס איז געווען אַ פּאַרמעט אויף וועלכן בן ציון האָט אָנגעשריבן שמע ישראל און אַ „שם״ און אויך דעם נחש הנחושת און „אבינו מלכנו מנע מגפה.״ און קאַדעש דער וואַסערטרעגער האָט געטראָגן אַ לאָמטערן צו באַלויכטן דעם פּאַרמענט. זיי זיינען געוועןביידע זייער ערנסט, ווי עס זיינען געווען אַלע אַנדערע פּנים׳ער. אָבער זייערע אויגן האָבן געלויכטן, ווארום זיי האָבן באמת געגלויבט אַז דאָס וואָס זיי האַלטן אין דער האַנט איז דער בעסטער מיטל געגן דער מגפה.

ווען מען האָט צוגענומען די חופה, האָט בן ציון אויפגעהויבן די הענט צום הימל און האָט געמורמלט, הגם אַלע האָבן געהערט, די הייליקע ווערטער וואָס אַלע האָבן געוואוסט: שמע ישראל, ד׳ אלוקינו... אָבער ניט קוקנדיק וואָס זיי זיינען געווען אַזוי באַקאַנט, זיינען זיי אַרויס־געקומען פון זיין מויל ווי נייע ווערטער, וואָס מען האָט ערשט איצט געהערט, אַזוי אויסערגעוויינלעך איז געווען די געשעעניש וואָס איז דאָ פאָרגעקומען.

שוואך איז בן ציון געווען פון די איבערלעבונגען, און זיינע פיס האָבן זיך געוואַקלט. אָט אָט און ער וואָלט אומגעפאַלן. אָבער די אונטערפירער האָבן אים אונטערגעהאַלטן, אַז ער זאָל ניט פאַלן. און ער האָט מיט אַלע כוחות געשריגן שמע ישראל. דער רב האָט געבלאָזן שופר. דער חזן האָט געזונגען שומר ישראל. און דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן צו גיין צוריק פון בית הקברות. אָבער דאָס גיין איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן. דער שטן האָט זיך נאָך געקאַנט אַריינמישן, און שדים און רוחות האָבן געקאָנט שולט זיין און שטערן. אָבער גאָט אין זיין רחמנות האָט אויסגעהיט די יידן פון משחית. און ווען מען איז געקומען צו דער שול, האָט מען בן ציונ׳ען געדאַרפט אריינטראָגן אינעווייניק אַזוי

שוואַך איז ער געווען. מען האָט געבענטשט גומל ווען די סכנה איז שויז געווען פאַראיבער.

ערשט איצט האָבן די קלעזמער געשפּילט אַ פריילעכס, און בן־ציון האָט גענומען אַביסל ווייַן.

די פרייד האָט זיך אָנגעפאַנגען זינט מען האָט אויפגעהויבן דעם שלייער פון דער כלה׳ס פּנים. די כלה, פייגעלע, האָט געוואָלט אים אַ קוש טאָן, אָבער בן ציון האָט פאַרשטעלט מיט דער האַנט. דאָס האָט גע־מיינט אז דאָ איז ניט די פּאַסיקע צייט פאַר דעם. מיט דעם איז די געשעעניש געווען פאַרענדיקט...

דער רב האָט געהייסן זאָגן תהלים ביז דער מאָרגנשטערן וועט אויפגיין, און אַלע זענען פאַרבליבן אין שול מקיים צו זיין דעם רב׳ס באַפעל.

אינדערפרי האָט די גאַנצע שטאָדט אידן אָפּגעפירט די חתן כלה אַ היים, באַגלייט פון די קלעזמער. און די פרייד האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. אַלע קלייטן זענען געווען צוגעשלאָסן און די איינ־וואוינער, אידען ווי גוים, זיינען געווען אין מאַרק, וואו די קלעזמער האָבן געשפּילט. דער גביר האָט געגעבן משקה וויפיל מען האָט געוואָלט. מענער און פרויען האָבן געטאַנצט. מען האָט זיך געקושט איינער מיט׳ן אַנדערן. גוים מיט אידען. אפילו דער גלח איז אַרויסגעקומען און מיט אים אַ גרויסע מאַסע גוים. אַ סך גוים האָבן אָנגעהויבן צו טראָגן מתנות — גענז, קאַטשקעס, און הינער. דאַן האָבן זיךביידע פּראָצעסיעס — דער רב מיט די אידן און די קלעזמער פון איין זייט, און דער גלח מיט הונדערטער גוים נאָך אים, פון דער צווייטער זייט, — באַגעגענט. דער רב מיט׳ן גלח האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט פאַר אַלעמען אין די אויגן. שפּעטער האָט מען ערשט געבראַכט חתן־כלה מיט מוזיק אין מאַרק און די שמחה איז נאָך געוואָרן גרעסער. קאַדעש מיט זיין קאַראַ־מיסעלע און עמער איז זיי געגאַנגען אַנטקעגן — מיט פולן, אַז גאָט זאָל זיי שיקן אַלע ברכות.

דאַן האָט מען זיי אַוועקגעזעצט אין מיטן מאַרק און די אידען און די גוים האָבן געטאַנצט אַרום זיי. דער גלח האָט זיי געגעבן אַ גאָלדע־נעם בעכער אַ מתנה און זיי געקושט און געבענטשט.

וואָלט עס ניט געווען פרייטאָג וואָלט די שמחה געווען פאַרצויגן געוואָרן ביז אין דער טיפער נאַכט. אָבער עס איז אָנגעקומען דער ליבער שבת. און אַלעס איז געוואָרן רואיק, ווי גאָר נישט געווען. און די שמחה

איז איבערגעהאַקט געוואָרן פֿאַר אַ ווייל. אָבער שפּעטער זיינען זיך אידן ערשט צונויפֿגעקומען אין גביר׳ס הויז און מען האָט גענומען פּראַווען די שמחה אויפֿסניי. און די שמחה האָט אָנגעהאַלטן אַ גאַנצע וואָך. יעדן טאָג האָט מען געגעסן און געטרונקען און זיך משמח געווען.

ר׳ חיים איז געווען גליקלעך. אויסערדעם וואָס ער האָט אַריינ־געקראָגן אַזאַ טייערן איידים, אַ זיידן קינד, האָט ער נאָך געראַטעוועט דאָס שטעדטל פֿון דער מגפֿה. האָט ער טאַקע געקוקט אויף זיין איידים ווי אויף אַ געטליכן מענטשן. באמת אַ צדיק... און אַזוי האָבן זיך באַ־צויגן צו בן ציונ׳ען אַלע אידען פֿון שטעטל. נישט אומזיסט האָט מען אים גערופֿן מיט אַ צונאָמען — בן ציון גאָט... זיי האָבן געוואוסט אַז ער איז פֿאַרבונדן מיט גאָט, אַז ער שטייט נאָענט צו אים מיט זיין גרויסער נשמה. אין זיין חדר מיוחד איז ער געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט. ער איז געווען איצט רואיג. צום ערשטן מאָל האָט זיך צועפֿנט פֿאַר אים אַ ניי לעבן. עס איז געווען דער גן עדן אויף דער וועלט. זיין נשמה איז געוואָרן גרעסער פֿון טאָג צו טאָג, און אַזוי זיין פֿרומקייט און ערליכקייט — און אַלע האָבן אים ליב געהאַט.

בן ציון האָט זיך ניט געוואָלט אָפּגעבן מיט ערדישע זאַכן, אָבער ר׳ חיים האָט אים צוגערעדט אַז אַ מענטש דאַרף אויך וויסן עפּעס וועגן דער וועלט... טוב תורה עם דרך ארץ, האָט ער אים געזאָגט, און בן־ציון האָט אויך דאָ געפֿאָלגט. אין איין שטונדע האָט אים זיין שווער געוויזן אייניקע זאַכן וואָס ער האָט פֿריער ניט געוואוסט.

ר׳ חיים פֿלעגט לייען געלט אויף משכנות, און לייען פֿלעגט ער אי גוים אי אידען. ער פֿלעגט ניט רעכענען קיין גרויסן פּראָצענט, און האָט דעריבער גערעכענט אַז די הלוואות וואָס ער גיט זיינען מער אַ גמילת חסד ווי גלאַט געליען יענעמס געלט אויף פּראָצענט. ער האָט עס גיכער באַטראַכט אַלס אַ מין הילף פֿאַר די אָרימעלייט. אָבער דאָס גע־שעפֿט איז דאָך געפֿירט געוואָרן אין אָרדענונג.

בן ציון האָט זיך באַקענט מיט די בעלי חובות, אָבער ער האָט גע־האַט גאָר אַן אַנדער באַציאונג צו זאַכן. אָפּטמאָל ווען אַ פּויער, וועלכער איז געקומען דעם גביר געלט, האָט זיך באַקלאָגט אַז עס איז געווען אַ שווערער ווינטער, און דעריבער האָט ער ניט געקאָנט אָפּצאָלן דעם חוב, האָט אים בן ציון, אַנשטאָט נעמען ביי אים, נאָך צוריקגעגעבן עטלעכע רובל.

קאַפּיטל ניין

קאַדעש דער וואַסערטרעגער

קאַדעש דער וואַסערטרעגער האָט נאָך אַלץ געטראָגן זיינע צוויי עמער און די קאַראמיסלע מיט וועלכע ער פלעגט אויסאַרבעטן זיין אָרים לעבן, אָבער ער האָט זיך גיך אַרונטערגערוקט אין געזונט. גע־וואָרן שוואַכער פון טאָג צו טאָג, און די עלטער האָט אים געבויגן צו דער ערד. דאָך האָט ער געאַרבעט יעדן טאָג — ווי שטענדיק. צומאָל האָט ער געהאַלטן ביים אומפאַלן מחמת זיינע פיס זענען געווען גע־שוואָלן, אָבער ער האָט זיך אַלץ ניט געוואָלט אונטערגעבן.

איינמאָל האָט אים בן ציון באַמערקט טראָגנדיק וואַסער פונ'ם ברונים און עס האָט זיך אים געדאַכט, בן ציונ'עו, אז אָט־אָט און קאַדעש דער וואַסערטרעגער פאַלט אום אזא גליטש האָט ער זיך געטאָן. בן ציון האָט איבערגעלאָזן זיין ספר און איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. אין עטליכע סעקונדן איז ער געווען לעבן אים. קאַדעש האָט שווער גע־סאָפּעט און האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. ער האָט אים אַריינ־געבעטן אין הויז אַריין אז ער זאָל זיך אַביסל אָפּרוען. האָט אים מכבד געווען מיט טיי און איינגעמאַכטס.

„גוט צו זיין אַ גביר"... האָט קאַדעש זיך אָזש באַלעקט. „עס איז אַ מחיה נפשות... אין מיטן דרינען זיסע טיי און נאָך מיט — איינגעמאַכטס."

בן ציון האָט געהאַט גרויס מיטלייד מיט אָט דעם פשוט'ען פאָלקס מענטש, וועמענס האַרץ איז געווען פול מיט גוטסקייט. „ווי לאַנג, רב קאַדעש, וועט איר נאָך טראָגן וואַסער?" האָט ער אים געפרעגט.

„וואָס הייסט ווי לאַנג נאָך?" האָט קאַדעש אים אָנגעקוקט פאַר וואונדערט, אַזוי ווי ער זאָל אים פרעגן עפּעס אַ קלאָץ קשיא. „וואָס הייסט — ווי לאַנג? ביז איך וועל שטאַרבן."

„ווי לאַנג איז שוין אז איר טראָגט וואַסער?" האָט ער אים גע־פרעגט ווייטער.

„ווי לאַנג?" קאַדעש האָט דעם חשבון שוין לאַנג פאַרלאָרן. גיי צייל די יאָרן! ער האָט קיינמאָל ניט געציילט... און ער האָט איצט אָנגע־הויבן צו רעכענען: ווען בן ציון'ס טאַטע איז געבאָרן געוואָרן האָט ער, קאַדעש, שוין געטראָגן וואַסער. דערנאָך איז ער אַוועק דינען פאָניען.

אָפּגעדינט פינף יאָר. געקומען פון סלוזשבע האָט ער זיך גענומען צו דער קאַראַמיסלע. „אַך, אַך, דעמאָלט איז עס געווען אַ שפּילעכל ביי מיר... געקאָנט לויפן מיטן קאַראַמיסלע אַרויף אַ באַרג... אָבער איצט... ווער איך שוין אויסגעשפּילט, בן ציון, יאָ, אַ ים מיט וואַסער שוין איבער־געטראָגן אויף מיינע פּלייצעס.”

בן ציון'ס אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט טרויער. „שוין צייט איר זאָלט זיך אָפּרוען, רב קאַדעש”, האָט ער געזאָגט שטילערהייט.

„נו, און עסן? ווער וועט געבן אַ שטיקל ברויט, בן ציונקע? גיין אין די הייזער? ניין, ניין, ניט פאַר מיר, בן ציון.”

„די שטאָדט איז אייך שולדיק, רב קאַדעש”, האָט בן ציון גע־מורמלט ווי צו זיך. גענוג... איר טראָגט ניט מער קיין וואַסער, רב קאַדעש”, האָט ער אויסגעשריגן אויף אַ הויך קול אַזוי ווי עמיצער זאָל שטיין אַנטקעגן אים און ניט וועלן פאָלגן וואָס מען הייסט.

קאַדעש האָט זיך געגעבן אַ קראַץ אין דער פּאַטילניצע. ער האָט עס עפּעס ניט אַזוי גוט פאַרשטאַנען. ס'האָט זיך ניט געלייגט אויפן שכל, אז ער, קאַדעש, זאָל אויפהערן טראָגן וואַסער. אָבער עס האָט אים באַאומרואיקט נאָך אַ פראַגע: „וואָס וועלן מיינע באַלעבאַטים טאָן?” האָט ער נאַאיוו געפרעגט. „ווער וועט זיי ברענגען וואַסער?” עס איז אויס־געקומען ביי אים אַזוי ווי ער איז מחויב זיי צו ברענגען וואַסער.

„זאָלן זיי אַליין טראָגן”, האָט בן ציון געגעבן אַ וואָרף אַן ענט־פער.

„זיי קאָנען דען?”

„אויב זיי קאָנען ניט, קענט איר אודאי ניט, רב קאַדעש”, האָט בן־ציון ווייטער געזאָגט.

„אָבער?...”

„קיינע אָבערס, רב קאַדעש... איר טראָגט מער קיין וואַסער ניט... איר קאָנט איצט זיך צולייגן אַביסל אָפּרוען”. און זאָגנדיק די ווערטער, האָט ער צוגענומען די קאַראָמיסלע.

„און אויף שבת וואו וועל איך נעמען?”

בן־ציון האָט אים דערלאַנגט דריי רובל.

„כ'האָב ניט קיין משכון, האָט קאַדעש געפרעפּעלט, קוקנדיק אויף בן־ציונ'ען מיט פאַרוואונדערטע אויגן. „איך גלויב אייך אָן אַ משכון”, האָט בן־ציון געענטפערט און האָט לייכט געשמייכלט.

„רב בן־ציון”, האָט פּלוצלונג קאַדעש געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט געשוויגן א לענגערע צייט, רופנדיק אים „רב” אַזוי ווי ער זאָל

ערשט האָבן זיך באַקאַנט מיט אים. „מען וועט אייך מאַכן אויס קאַ־פּעליושמאַכער אויב איר וועט געבן אַן אַ משכון... זיי וועלן אייך צעטראָגן דיביינער און איר וועט בלייבן מיט'ן בייטשעל".

עס האָט ניט גענומען לאַנג אַז שטאָט זאָל זיך דערוויסן אַז קאַדעש דער וואַסער־טרעגער האָט אויפגעהערט טראָגן וואַסער. און באַלד דאָ־רויף האָט זיך פאַשפרייט אַ קלאַנג, אַז קאַדעש דער וואַסער־טרעגער איז ניט געבליבן, נעלם געוואָרן, וואו איז ער אַהינגעקומען? וואָס איז געוואָרן מיט קאַדעש דעם וואַסער־טרעגער? דאָס שטעדטל איז גע־גאַנגען אויף רעדלעך. אייניקע האָבן דערציילט אַז זיי האָבן געהערט אַ פּליוסק אין וואַסער און זיכער איז קאַדעש דערטרונקען געוואָרן אין טיפן ברונעם. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז דאָס לעצטע מאָל וואָס זיי האָבן אים געזען איז געווען אויפ'ן בריק. זיכער איז ער אַריינגעפאַלן אין טייך אין האָט געפונען אַ נאַסן קבר. אָבער נאָך ערגער איז געווען: ניטאָ קיין וואַסער... קאַדעש איז שוין געווען אַן אינסטיטוציע. מען האָט געוואוסט: ער ברענגט וואַסער.... איצט אָבער איז געבליבן אַ גאַנצע שטאָדט פאַריתומט. מען איז געלאָפן צום רב. אָבער וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? אַזאַ טייערער איד, דערטרונקען געוואָרן... ברוך דיין אמת. אָבער ביז מען מאַכט זיכער אַז דער קערפּער איז אַרויסגענומען געוואָרן פון דעם ברונעם, איז אַ שאלה אויפן וואַסער, האָט דער רב געזאָגט. פון טייך מעג מען נוצן וואַסער, אָבער בלויז אויף צו וואַשן. טרינקען און קאָכן קאָן מען אָבער ניט, האָט דער רב געגלעט זיין באָרד. איז געבליבן דער איינציקער וועג — נעמען פון דער קרעניצע ביים קלויסטער.

צום ערשטן מאָל האָט אַ שטאָדט מיט אידן דערפילט ווי נויטיק קאַדעש דער וואַסערטרעגער איז געווען. ביז איצט האָט ער גאָר קיינעם ניט געפעלט. איצט אָבער האָט מען יעדן טאָג געפילט וואָס פאַר אַ גרויסער פאַרלוסט ער איז. מענער, פרויען, קינדער זיינען געגאַנגען צו דער קרעניצע מיט טעפּלעך, קריגלעך, פלעשער צו נעמען וואַסער.

דעם ערשטן אין דער פרי האָט פאַסירט אַזעלכעס וואָס די שטאָט האָט געהאָט לאַנג צו געדיינקען. און אָט ווי אַזוי דאָס איז פאַרגעקומען.

פון פאַרשיידענע זייטן זיינען געקומען פרויען און מענער צו דער קרעניצע שעפּן וואַסער, און יעדער האָט זיך געאיילט צו טאָן זיין אַרבעט, אַזוי ווי עמיצער זאָל זיי אונטערזאָגן אַז אָט־אָט באַלד וועט דאָס גאַנצע וואַסער אויסגעשעפּט ווערן. איז טאַקע אַרום דער קרעניצע געווען אַ גרויסער טומל. מען האָט זיך געשטופּט און געשטויסן און יעדער האָט געוואָלט זיין צווישן די פאָדערשטע. פּלוצלינג האָט עמיצער אַ געשריי

געטאָן: דער קלויסטער ברענט! און עס איז געוואָרן אַזאַ טומל, אַז איינער האָט ניט געוואוסט פון אַנדערן. וואו ברענט? ווער האָט געמאַכט אַ שריפה? אַלע זיינען געלאָפן, און פון אַלע זייטן האָבן זיך באַוויזן גוים און זיי זיינען אויך געלאָפן. דער קלויסטער ברענט. נו, עס איז טאַקע געגאַנגען אַ רויך פון ערגיץ וואו און אַלע האָבן געשריען: אָט זעט! איר זעט ניט? אַך, עס ברענט, די „תפלה". דערווייל האָט עס דערזען דער גלח, האָט ער געהייסן קלינגען. און ביז וואָס ווען האָט מען אויפ־געבראָכן פענסטער. הונדערטער, טויזנטער גוים זיינען זיך צונויפ־געלאָפן און געזוכט פון וואַנען דער פייער האָט זיך אָנגעפאַנגען, און וואו דער פייער טליעט נאָך. זיי האָבן געוואָלט ראַטעווען דעם קלויסטער און די הייליקע בילדער.

ענדלעך האָט מען דערזען אז דער טומל איז אַן אומזיסטער און אז עס איז קיין פייער ניט געווען. אָבער ביז וואָס־ווען זיינען די הייליקע בילדער רואינירט געוואָרן און דער קלויסטער איז געשטאַנען ווי אַ צובראָכענער.

דער גלח איז געשטאַנען ווי פאַראַליזירט. ערשט איצט האָט ער איינגעזען, אַז דער גאַנצער טומל האָט געמוזט קומען פון די אידן, וועלכע זיינען אַלע געשטאַנען מיט זייערע כלים אָנגעפילט מיט וואַסער. ער האָט געוואוסט, אַז ביי אידן איז פאַראַן אַ פראַזדניק ווען מען גייט נאָך מצה וואַסער. אָבער פאַר וואָס זיינען זיי פּלוצלונג באַפאַלן די קרעניצע ביים קלויסטער, ווען זיי האָבן דעם טייך און זייער איי־גענעם ברונעם?

ווען די פּאָליציי איז אָנגעקומען, איז שוין אַלעס געווען אָפּגעטאָן, און מען האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל. און באַלד נאָכדעם האָט זיך אָנ־געפאַנגען אַן אונטערזוכונג ווער עס איז שולדיק אין דעם וואָס דער קלויסטער איז רואינירט געוואָרן. דער פּריסטאַוו איז געקומען אין שטעטל אַריין און מען האָט גערופן דעם רב און די בעלי בתים. ערשט איצט איז קלאָר געוואָרן וואָס עס איז פאָרגעקומען. די אידן האָבן דערציילט די מעשה מיט קאָדעש דעם וואַסער טרעגער, אַזאַ ערליי־כער און גוטער מענטש, וועלכער איז פאַרפאַלן געוואָרן, און מען ווייסט ניט צי דער קערפּער געפינט זיך אין ברונים אָדער אין טייך. הכלל, דאָס איז געווען די אורזאַך. און די פּאָליציי האָט איבערגענומען די אויפגאַבע צו געפינען דעם קערפּער. דער שולדיקער איז גאָר געווען דער גלח, וועלכער דערזעענדיק דעם טומל האָט געהייסן קלינגען, און דאָס גאַנצע דאָרף מיט גוים צוזאַמען מיט די אידן האָט זיך דערשראָקן. טאָ, ווער קען מען באַשולדיקן? עס פּאַסירט אַמאָל אַן אומגליק. ווען דער גלח הייסט ניט קלינגען, וואָלט דער קלויסטער ניט געברענט.

וואָס איז דערווייל פאַרגעקומען מיט קאַדעש דעם וואַסערטרעגער? ער איז געשלאָפן אין בן־ציון'ס צימער און האָט ניט געוואוסט וואָס עס איז געשען. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך באמת גע־פילט פריי פון קאַראַמיסלע און די עמערס און דאָס ערשטע מאָל איז זיין לעבן האָט ער זיך אויסגערוט די אַלטע ביינער. וואָרים אפילו שבת האָט ער ניט געהאַט קיינמאָל קיין ריכטיקע רו, וויסנדיק אז עס וועט קומען זונטאָג וועט ער עס אויסקריינקען. איצט אָבער האָט אים בן־ציון באַ־פרייט פון אַלעס. איצט האָט ער געהאַט אמת'ע רו. איז ער געשלאָפן, זיך אפילו ניט איבערדרייענדיק פון פלאַץ. אָבער ווען עס איז אַריבער דער טאָג, איז בן ציון אַריין צו אים און האָט אים דערציילט וואָס עס איז פאַרגעקומען אין דער פרי און אז די גאַנצע זאַך איז אַרויסגעקומען צוליב אים. האָט ער, קאַדעש, טאַקע געוואָלט זיך אַנטאָן און אַרויס אין גאַס, צו זאָגן די אידן, אַז ער איז ניט געשטאָרבן און אז ער וועט טראָגן ווייטער וואַסער. אָבער בן־ציון האָט אים ניט דערלויבט.

„ניין", האָט ער אים געזאָגט. „דאָס טאָר מען ניט — צוריקכאַפּן קאָן מען ניט". אָבער וואָס זאָל מען טאָן? בן־ציון האָט געזאָגט אז ער וועט אים מוזן פאָלגן און פאַרלאָזן דאָס שטעטל. „מיר וועלן דאַרפן", האָט ער אים געזאָגט, לאָזן דאָס שטעטל זיך באַרואיקן, און דערנאָך וועלן מיר זען".

באַלד האָט ער געהייסן משה דעם משרת איינשפּאַנען די בריטשקע און צוגרייטן די פערד, ווייל ער מוז אָפּפאָרן פאַר אַ וויכטיקן צוועק.

„וואָס ווילסטו טאָן, בן ציונקע?" האָט קאַדעש דער וואַסער־טרעגער פּרובירט אויסגעפינען ביי אים, ווען זיי זיינען שוין געוועזן לעבן דער בריטשקע הינטער דעם הויז. און פרעגנדיק דאָס, האָט קאַדעש געקוקט אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט און געטראַכט ביי זיך: „וואָס וויל ער פון מיר, אָט דער יונגערמאַן?"

„זעצט זיך אַריין ר' קאַדעש, און מאַכט קיין שהיות ניט", האָט בן ציון אים געזאָגט. אין דער בריטשקע, האָט ערשט בן ציון אַרויס־גענומען אַ פּעקל מיט זאַכן און אים געוויזן אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע, אַ פּאָר שטיוול, אַ שטריימל, וואָס דער רב האָט אים געשיקט אַ מתנה, און אַ פּאַטשיילע. אין אַן אַנדער פּעקעלע איז געווען טלית און תפילין און אַ סידור און אַ תהלים. „טוט זיך איבער אין אָט די בגדים, רב קאַדעש", האָט בן ציון געזאָגט.

עס האָט זיך דעם וואַסערטרעגער ניט געגלויבט, אָבער דאָך האָט ער געפאָלגט. ער האָט געגלויבט אין בן ציונ'ען. מן הסתם דאַרף עס אַזוי זיין, הגם עס האָט זיך אים ניט געלייגט אויפן שכל. אָבער נאָך אַלעמען וואָס ווייסט ער דען? בן ציון ווייסט. דאַן זיינען זיי געפאָרן

און געפאָרן איבער בערג און איבער טאָלען. מיד און אויסגעמאַטערט, האָט קאַדעש איינגעדרימלט און דערנאָך טאַקע גוט איינגעשלאָפן, כּראַ־פּענדיק שווער. קיין וואונדער ניט. די עמערס וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיינע אַקסלען האָבן אים אויסגעמאַטערט. יאָרן זיינען געלאָפן איינס נאָכן אַנדערן, און קאַדעש האָט געטראָגן און געטראָגן וואַסער. איצט, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, האָט ער אַרונטערגעוואָרפן פון זיך די שווערע לאַסט, פאַר וואָס זאָל ער ניט פילן גוט?

ערשט אין גרויען פרימאָרגן זיינען זיי אָנגעקומען אין אַ שטאָט, און קאַדעש האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. זיינע אויגן זיינען נאָך געווען פאַרקלעפט. „וואו זיינען מיר, בן ציון?" האָט ער געפרעגט, גענעצנדיק מיט'ן פולן מויל.

בן ציון האָט אים געזאָגט אז ער זאָל ניט זאָרגן. „עס איז צו אַ גרויסער טומל אין שטעטל, און ווער ווייס וואָס פון דער אונטערזוכונג וועט אַרויסקומען? איך וויל אָבער אַז איר זאָלט זיך אויסרוען, רב קאַדעש, ניט האָבן קיין זאָרג... דערנאָך וועט איר צוריקקומען — מיט צוויי וואָכן שפּעטער און אַלעס וועט זיין גוט און וואויל".

און בן ציון האָט טאַקע געמיינט אין אמת'ן געזעדט האָט ער אַליין ניט געוואוסט ווי אַזוי ער איז געפאַלן אויפן פּלאַן. אָבער עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג. בן ציונ'ס האַרץ איז געווען גוט. און ווען עס פלעגט אים איינפאַלן אַ געדאַנק אין מוח אַריין וואָס ער האָט באַטראַכט אַלס גוט, האָט ער זיך ניט גערעכנט מיט די קאָנסעקווענצן. ער האָט עס געטאָן און געהאַט הנאה פון דער זאַך גופא.

באַלד זיינען זיי פאַרפאָרן אין אַן איינפאָר, און בן־ציון האָט פאַר קאַדעשן געדונגען אַ צימער. „דו בלייבסט מיט מיר?" האָט קאַדעש גע־פרעגט. „ניין, איך מוז צוריקפאָרן... רב קאַדעש. איר וועט דאָ בלייבן פאַר אַ צוויי וואָכן. און דאַן וועל איך קומען אייך אַרויסנעמען פון דאַנען.... זאָרגט ניט וועגן קיין זאַך".

קאַדעש האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן פון אויסדריקן זיין דאַנקבאַרקייט, הגם ער האָט געפילט זייער מאָדנע אין דער נייער אומ־געבונג. איך זאָל אַזוי וויסן פון שלעכטס, צי איך פאַרשטיי וואָס דו ווילסט פון מיר.... אָבער אז דו זאָגסט אז אַזוי דאַרף עס זיין... נו, זאָל זיין אַזוי".

איידער בן ציון איז אָפּגעפאָרן, האָט ער געהאַט אַ קורצן גע־שפּרעך מיט קאַדעשן. „איר ווייסט, רב קאַדעש, איר זענט איצט מער ניט קיין וואַסערטרעגער... איר זענט אַ רבי, וועמעס גבאי איז אָפּגעפאָרן ערגעץ וואו... איך האָב איינגעקויפט פאַר אייך אַביסל עסנוואַרג: שמאַלץ

הערינג, ציבעלעס, און ברויט... און ווען איר וועט דאַרפן נאָך עפּעס, וועט איר הייסן ברענגען... האָב אָנגעזאָגט אין סטאַנציע אַז מען זאָל אייך פאָלגן... איך וויל אַז איינמאָל אין אייער לעבן זאָלט איר פילן ווי אַזוי אַ מענטש דאַרף לעבן... רוט זיך אויס און זאָרגט ניט".

עס האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן פון אָט דעם פשוט'ן מענטשן. ער האָט געצוקט מיט די אַקסלען. „ס'איז עפּעס אַזעלכעס", האָט ער געזאָגט, „וואָס איך פאַרשטיי ניט, אָבער...."

„וואָס דאַרפט איר פאַרשטיין? די אַלטע ביינער אייערע וועלן פאַרשטיין... זיי וועלן זיך אויסגלייכן נאָך אַזוי פיל יאָרן טראָגן וואַסער", האָט ער געזאָגט.

דער טומל מיטן רבין

די שטאָט האָט געגומען קלינגען אַז אַ רבי, אַ פאַרבאָרגענער צדיק, אַ לאַמעד וואָווניק, איז אַרונטערגעפאַלן אין שטעטל ווי פון הימל, אָבער ער וויל ניט זען און ניט הערן פון קיינעם. זיצט פאַרשפאַרט אין זיין צימער אין בערל כאַפּ'ס איינפאָר־הויז און לערנט און דאַוונט. „ווער איז דער רבי? פון וואַנען איז ער געקומען?" קיינער ווייסט ניט. אָבער אַלע ווייסן אַז ער איז דאָ און אַז ער וועט בלייבן דאָ צוויי וואָכן צייט... אפשר מער... האָט מען זיך געשושקעט.

„ער עסט גאָרנישט, דער צדיק", האָט אַן אַנדער איד געזאָגט. „בערל כאַפּ האָט מיר אַליין דערציילט... בלויז וואַסער מיט ברויט... און אַ שטיקל הערינג... און רק ער בעט גאָט פאַר אידן".

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען שוין דערציילט וואונדער. דער רבי האָט געטאָן אַ מופת. שרה־חיה די פליקערין איז געלאָפן צו אים. זי האָט געשריגן און געוויינט: „רבי, העלפט מיר, מיין קינד איז פאַרביי.. ראַטעוועט מיין קינד". אָבער ער האָט ניט געעפענט די טיר, הגם זי האָט געקלאַפּט אין טיר און שיער זי ניט צובראָכן. ערשט ער האָט אויפגעעפנט אַ קליין שפאַרינקעלע און געזאָגט: „גייט אַ היים גוטע אידענע.. פאַראַן אַ גרויסער גאָט — ער וועט אייך העלפן". איז שרה חיה געלאָפן אַ היים. איר קינד איז שוין געווען געזונט.

ווען די מעשה האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן שטעטל, האָט מען אָנגע־הויבן צו לויפן פון אַלע זייטן. אידן האָבן געהאַט געגוג צרות. זיי זייגען אַלע געלאָפן צו קריגן אַ ברכה פון רבין. אָבער דער רבי האָט זיך ניט געוואָלט באַווייזן. פון יענער זייט טיר האָט מען געהערט זיין ק"ל, גראָב

און הייזעריגלעך. „איך בין ניט קיין רבי... וואָס ווילט איר פון מיין לעבן האָבן? גייט אַהיים אידן.. איך בעט אייך... איך בין אַ פּראָסטער חי וקים״...

אָבער עס האָט אים ניט געהאָלפן. וואָס מער ער האָט געשריען און זיך געבעטן מען זאָל אים צורו לאָזן אַלץ מער זיינען זיי געקומען. זיי האָבן פשוט באַלאַגערט די הויז. די פרוי, וועמעס קינד איז געזונט געוואָרן האָט זיך דורכגעריסן דורכן עולם צו דער טיר, האָט אַרונטער־געדוקט אַ רובל אונטער דער טיר און געזאָגט: „רבי טייערער, געבענטש־טער, מיין קינד איז געזונט געוואָרן, ווי איר האָט מיר צוגעווינשעוועט.

קאַדעש האָט צום ערשטן מאָל געקראָגן אַ רובל פאַר גאָרנישט טאָן. פאַר אַ רובל האָט ער געדאַרפט טראָגן וואַסער ווער ווייסט וויפיל טעג. האָט ער זיך טאַקע ניט געוואָלט צורירן צו דעם. „פאַר וואָס קומט עס מיר? וואָס האָב איך דען געטאָן?״ האָט ער געמורמלט צו זיך. ער האָט אַרויס־געקוקט דורכן פענסטער און דערזען אַן אָרימע פרוי שטיין, אַ פאַר־כמורעטע, האָט ער אַרויסגעוואָרפן דעם רובל. מער האָט ער ניט באַדאַרפט. בליץ־שנעל האָט זיך צוטראָגן דער קלאַנג אַז דער רבי גיט געלט, און פון אַלע זייטן זיינען אָנגעקומען אָרימעלייט, קאַליקעס און קרומע, בלינדע, שטומע, און אַלע האָבן זיך געריסן אין איינפאָר אַריין.

„רבי, לאָזט אונז ניט שטאַרבן פון הונגער... רבי, האָט רחמנות, האָבן זיי אַלע געשריען. עס איז געוואָרן אַזאַ טומעל אַז מען האָט מורא געהאַט אַז די פּאָלייציי וועט קומען און וועט כאַפּן אידן און זיי אַרעסטירן. און קאַדעש איז געשטאַנען דאָרטן אין זיין צימער און גערעדט צו זיך אַליין: „וואָס האָט ער געוואָלט פון מיין לעבן, בן ציון?״ אָבער ער האָט ניט געקאָנט געפינען קיין מיטל. אַרויסגיין האָט ער מורא געהאַט. וואָס קאָן ער דען פאַר זיי טאָן? ער האָט געלאַכט פון זיך אַליין: קאַדעש דער וואַסערטרעגער אַ רבי געוואָרן... פלוצלונג, אויף דער עלטער... אָבער ווי אַזוי קאָן מען די דאָזיקע מענטשן דערציילן דעם אמת?.. ערשטנס, זיי וועלן ניט גלויבן און צווייטנס... ער האָט דעריבער אַרויסגעשריען: „שיקט מיר אַריין דעם בעל הבית פון איינפאָר... שיקט מיר...״

איז געוואָרן אַ געשריי: „דער הייליקער צדיק וויל זען בערל כאַפּ... — ברייינגט אים... זאָל ער קומען, דער דאָזיקער בערל״...

ווען בערל איז אַריינגעקומען אין צימער און האָט גערעדט מיטן צדיק עטלעכע ווערטער האָט ער באַלד פאַרשטאַנען וואָס דאָ טוט זיך, הגם ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען. ער האָט דער־זען אין דער גאַנצער זאַך עפּעס גרויסעס, און ער האָט אים דערוויל באַרואיקט.

מיט עטלעכע מינוט שפּעטער איז ער אַרויסגעגאַנגען צו די מענטשן און האָט אָנגעשטעלט אַ פרום פּנים: „דער צדיק האָט געזאָגט”, האָט ער זיך אָנגערופן אויף אַ קול, „אַז איר אַלע זאָלט אַהיימגיין... ער קאָן אייך אַלעמען ניט העלפן מיט אַמאָל... אלא ניט, וועל איך אַרויסרופן פּאָליציי... איר דאַרפט גליקלעך זיין אַז אַזאַ הייליקער מענטש איז געקומען צו אונז אין שטאָט אַריין... מיר וועלן אַלע געהאָלפן ווערן, ווען איר וועט אים צורו לאָזן. אויב ניט קאָן נאָך קומען אַן אומגליק.” דערביי האָט ער אַרויסגענומען קליינגעלט און אָנגעהויבן צו טיילן די אָרימעלייט. דאָס האָט זיי באַרואיקט און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צוגיין, זייענדיק זיכער אַז עס וועט שוין זיין גוט און וואויל פאַר אַלעמען.

די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט וועגן דעם פאַרבאָרגענעם צדיק — אפילו די חסידים וועלכע האָבן געגלויבט אין זייערע רביים און האָבן געוואוסט אַז אַ רבי קומט ניט אויף אַזאַ אופן. זיי האָבן טאַקע געצווייפלט אין דער גאַנצער געשיכטע און אייניקע האָבן זייערע ספקות אַרויסגעזאָגט. אָבער דאָך האָבן אידן געקנייטשט מיט די שטערנס און געזוכט אַ דערקלערונג. פון וואַנען קומט ער, דער צדיק? אָדער אפשר איז ער... ניין, די קלאַנגען זיינען געגאַנגען אייגער נאָכן אַנדערן. פון מויל צו מויל איז די געשיכטע געוואָרן לענגער און וואונדערלעכער.

קאַפּיטל צען

שעפּסל פאָרט צום רבין

זינט קאַדעש דער וואַסערטרעגער איז פאַרפאַלן געוואָרן, האָט שעפּסל, זיין זון, ניט געהאַט קיין רו. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט זיין טאַטן און האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ גוטער מענטש ער איז, און איצט פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין... אפילו צו קבר ישראל ניט געקומען. אַזאַ אומגליק, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט. אָבער וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? עס איז ניט געווען קיין שפּור וואָס זאָל פירן ערגעץ וואו. עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט און דאָס שטעטל האָט אַפילו פאַרגעסן, אַז עס איז געווען אַזאַ מענטש ווי קאַדעש. אַ נייער וואַסערטרעגער איז געקומען. וואַסער איז געווען גענוג. און אַלעס איז געווען ווידער אַמאָל לויט דעם אַלטן סדר. אָבער שעפּסל האָט ניט פאַרגעסן. ער האָט גע־

דענקט זיין טאַטן און געבעטן גאָט אַז ער זאָל אים ווייזן אַ וועג. אויב דער טאַטע לעבט, זאָל מען אים געפינען: אויב ער איז געשטאָרבן, זאָל מען זיין קערפּער ברענגען צו קבר ישראל.

פּלוצלונג האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אין שטעטל אַז אין דער שטאָט ש. האָט זיך באַוויזן אַ וואונדער מענטש, אַ צדיק, וועלכער ווייסט אַלע סודות פון הימל און ערד און צו וועמען מען פאָרט פון אַלע עקן וועלט, אַז ער זאָל בעטן גאָט. און אָט דאָ איז אים איינגעפאַלן דער געדאַנק אַז אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן אָפּצופאָרן אַהין און זען דעם הייליקן צדיק. אפשר קאָן ער אים אויך העלפן.

געזאָגט און געטאָן. שעפּסל האָט געפילט אַז דאָס איז, נאָך אַלעמען, זיין פליכט צו זיין טאָטן.

אָבער אין איינפאָר האָט ער ערשט דערזען, אַז ניט אַזוי לייכט וועט אים אָנקומען צו זען דעם רבין. „רב איד", האָט מען אים געזאָגט. „איר זיינט, ווייזט אויס, ניט קיין היגער... דער רבי לאָזט ניט צו צו זיך"...

„וואָס?" האָט שעפּסל אויסגעשריען. „איך קאָן צוברעכן די טיר... מיך לאָזט מען אַריין"...

ער האָט אָנגעקלאַפּט אָן טיר, און אידן האָבן געוואַרט צו זען וואָס דער דאָזיגער געזונטער יונג וועט אויפטאָן. „וואָס ווילסטו?" האָט זיך געהערט אַ פאַרדומפּט קול פון צימער.

„איך וויל וויסן אויב מיין פאָטער לעבט.. עפענט די טיר, רבי.""

עס איז ווידער אַמאָל שטיל געוואָרן.

שעפּסל האָט ווידער געקלאַפּט מיטביידע פויסטן. „רבי, איר מוזט מיר ענטפערן וואו איז מיין פאָטער אַהינגעקומען?"

„ער וועט זיך אָפּזוכן", האָט זיך געהערט אַ שטילער קול פון יענער זייט טיר. און מער קיין וואָרט האָט ער ניט געהערט.

און דאָ איז אַרויסגעקומען בערל כאַפּ און געזאָגט כיטרע. „רב איד, איר קאָנט ניט ברעכן קיין טירן — עס איז מיין איינפאָר... איר קאָנט דאָ איינשטיין אויב איר ווילט, אָבער קיין טירן ברעכט ניט."

שעפּסל האָט דאָן באַשלאָסן צו בלייבן אין איינפאָר פאַר עטלעכע טעג און איינמאָל פאַר אַלעמאָל זען דעם צדיק. עס האָט אים עפּעס געצויגן צו אָט דעם הייליקן מענטשן וואָס ער אַליין האָט ניט געוואוסט וואָס דאָס איז אַזעלכעס. עפּעס איז אים דאָס קול געווען היימיש. אָבער דאָך האָט ער ניט געהאַט דעם מינדסטן פאַרדאַכט. ניט מער — עס קאָן געמאָלט זיין אַז דער צדיק ווייסט טאַקע וואו זיין טאַטע איז און ער מוז עס ביי אים אַרויסקריגן וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן. ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו ווערן גוט פריינט מיט בערל כאַפּ, האָפנדיק אַז דורך אים וועט ער ענדלעך

קאָנען צוקומען. האָט ער אים געקויפט אַ טרונק בראָנפן און אים אַרויס־געוויזן גוטברודערשאַפט, ווי עס פירט זיך. יענער האָט אים אָבער דער־ציילט די זעלביקע מעשה וואָס ער האָט געהערט פון פריער.

ניין, האָט שעפסעל באַשלאָסן — מיט בערלען אָדער אָן בערלען, ער מוז צוקומען צום פאַרבאָרגענעם צדיק און טאַקע רעדן מיט אים פּנים אֶל פּנים. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס, אַז מען לאָזט ניט צו צו אים?

דערווייל איז ער אַוועק צו זיך אין צימער וואָס ער האָט געדונגען טאַקע אין איינפאָר.

„קאָן מען טאַקע ניט צוקומען צום צדיק?" האָט שעפסעל איינמאָל געפרעגט בערלען.

בערל האָט אים אָנגעקוקט פאַרטראַכט. „ווי עס איז קאָן מען טאַקע ניט — ער לאָזט ניט אַריין... אָבער ווען איך האָב עמיצן"...

„וואָס מיינט איר, רב בערל?"

בערל האָט, ווייזט אויס, ניט געוואוסט ווי אַזוי אַריינצוקריכן אין דעם ענין און האָט געזוכט אַ וועג. „איר פאַרשטייט, עס איז פאַראַן אַ זאַך וואָס קוקט אויס אַנדערש... אָבער עס קאָן ווערן אַמאָל אַ געשעפט".

„וואָס מיינט איר?" האָט שעפסל געפרעגט.

„איך מיין דעם רבי'ן, מיין איך", האָט ער געזאָגט, פאַרטרינקענדיק אַביסל שנאַפּס און זיך פאַרקרימענדיק.

„איך האָב אין זינען איינס — געפינען מיין אומגליקלעכן טאַטן".

„כ'ווייס, כ'ווייס" האָט בערל געזאָגט. „איך האָב עפּעס מיט אייך צו רעדן, אָבער דערווייל דאַרף מען נאָך וואַרטן... איר זאָלט ניט אַוועק־פאָרן פון דאַנען, איר הערט? איר זיינט מיר געפעלן... עס קאָן זיין אַז מיר וועלן האָבן אַ געשעפטעלע וואָס וועט זיין גוט — בעסער ווי דער איינפאָר".

דער דאָזיקער געשפּרעך האָט אָנגערעגט שעפסלען צו טראַכטן מער און מער וועגן דעם צדיק, און נאָך די זעלביגע נאַכט האָט ער באַשלאָסן צו טאָן עפּעס וואָס זאָל אים ברענגען נענטער צו אים. אויב בערל כאַפּ האָט עפּעס גוטעס, דאַרף מען וואָס גיכער אויסגעפינען וועגן טאַטן, כדי דער קאָפּ זאָל ווערן ריין פון זאָרג.

ביינאַכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן אין איינפאָר, האָט שעפסל זיך גענומען עפענען די טיר וואָס האָט געפירט אין צווייטן צימער. דאָס איז געווען אַ טיר אַ פאַרקלעפּטע מיט טשוועקעס און קיינער איז אין דעם צימער ניט געווען. אָבער פון דעם צימער האָט מען געקאָנט אַריינקומען אין צדיק'ס צימער. אַהאַ, דאָס איז געווען אַ גוטער פּלאַן. און עס האָט

אים טאַקע ניט גענומען לאַנג. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער שוין געווען אין צווייטן צימער. דאָ ערשט האָט ער אַנגעצונדן אַ שוועבעלע און אויסגעפונען אַז עס איז פאַראַן אַ טיר וואָס פירט אין רבינ׳ס צימער. ער האָט טאַקע געהערט פון דאָרטן טיפע קרעכצן. דער רבי בעט דאָרט מן הסתם גאָט. ער האָט אַריינגעקוקט אין שלאָס־לעכל פון טיר און ער האָט דערזען דעם צדיק זיצן אין שטריימל. אָבער וואָס האָט ער געטאָן? ער איז געזעסן מיט דער פּלייצע צו דער טיר און האָט געגעסן אונטער־קרעכצנדיק: אַך, אַך, ווען שעפּסל זאָל דאָ זיין! וואָס איז דאָס? האָט ער געהערט זיין נאָמען אָדער ניט? אים האָט זיך געדאַכט אַז יאָ. ער האָט דעריבער זיך צוגעקוקט ווי אַזוי צו עפענען די טיר, און אין איינע עטלעכע מינוט האָט ער זי טאַקע געעפנט. אָבער ווי איבערראַשט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט געטראָפן זיין טאַטן זיצן אין שטריימל און עסן הערינג מיט ציבעלעס.

פאַר איבערראַשונג איז שעפּסל שיער אומגעפאַלן. אַ קאַלטער שוויס האָט אים אַרויסגעזעצט אויפן פנים. אפשר איז עס גאָר אַ שד, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר זיין טאַטן? אָדער אפשר האָט דער צדיק זיך פאַרשטעלט? ניין, עס איז אָבער יאָ זיין טאַטע. „וואָס טוסטו דאָ, טאַטע? האָט ער אויסגעשריען.

„שעפּסל, מיין זון!״ האָט קאַדעש געגעבן אַ געשריי, און זיי זיינען געפאַלן איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס. עס האָט ניט גענומען לאַנג און קאַדעש האָט מיט טרערן אין די אויגן גענומען דערציילן וואָס פאַר־אַן אומגליק עס איז אים באַפאַלן. „זיי שרייען אַלע אַז איך בין אַ צדיק! און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן״, האָט ער געוויינט. „שעפּסל, העלף מיר אַרויסצוקריכן פון דעם אומגליק.

ערשט דאָ האָט זיך שעפּסל דערמאָנט אָן דעם וואָס בערל האָט אים געזאָגט, און ער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין אַז דער כיטרער איינפאַר מאָן וויל מאַכן געשעפט פון דעם פאַל. ער האָט דעריבער באַרואיקט זיין טאַטן און אים געזאָגט אַז ער זאָל ניט זאָרגן. „עפּעס וועט געטאָן ווערן, טאַטע... מיר וועלן זען״.

דעם צווייטן פרימאָרגן האָט שעפּסל געהאַט אַ לענגערן געשפּרעך מיט בערל כאַפּ. ער האָט אין אָנהויב ניט דערציילט וואָס עס איז פאָרגע־קומען ביינאַכט, אָבער ווען יענער איז אַרויס מיט לשון אַז מען קאָן מאַכן פון דער גאַנצער זאַך אַ גוט געשעפט, האָט שעפּסל אים אויסגעזאָגט אַז דאָס איז זיין טאַטע און אַז ער האָט מיט אים גערעדט היינט ביינאַכט. „דאָס איז אוודאי גוט״, האָט בערל געזאָגט. „איך האָב געמיינט אַז איך וועל האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט מיט אייך צו רעדן וועגן דעם.

אָבער איצט — אַז איר זענט פון דעם צדיק׳ס משפחה איז דאָך אוודאי גוט... קאָן מען דאָך טאַקע מאַכן געשעפט... ווען זיי גלויבן אַזוי שטאַרק, טאָ זאָלן זיי באַצאָלן. איר פאַרשטייט?״

אין אָנהויב איז שעפּסלען געווען שווער צו פועלן ביי זיך אַליין וועגן דעם, אָבער דער יצר הרע פון געלט איז דאָך זייער גרויס, און עס האָט זיך אים געדאַכט אַז עס איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. נאָך אַלעמען די מענטשן גלויבן אין זיין טאַטן. נו זיי וועלן מאַכן אַביסל געלט און דערנאָך זיך קאָנען לעבן רואיק. איי, דער טאַטע? ער וועט אפשר ניט וועלן.. טאָ דאַרף מען אים איינרעדן.

ער איז באַלד נאָכדעם אַריין צום פאָטער און האָט מיט אים געגעבן אַ רעד. „וואָס קאָנסטו פאַרלירן, טאַטע?״ האָט ער געפרעגט. „עס איז טאַקע מעגלעך אַז דו ביסט אַ צדיק... און גאָט פאָלגט דיך. אַזוי פיל מענטשן זאָגן אַז דיינע ברכות העלפן... און עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל אומגליקלעכע — טאָ, פאַרוואָס זיי ניט העלפן?״

און ווען ער האָט זיך צורעדט, שעפּסל, האָט ער געהאַט גאַנץ גוטע אַרגומענטן אויך. האָט קאַדעש דער וואַסערטרעגער זיין גאַנץ לעבן ניט געאַרבעט שווער און ביטער? איצט מעג ער זיך אויסרוען, ווייל זיין ברכה איז טייערער ביי גאָט ווי די ברכה פון די לערנערס. „אַז עס העלפט אַנדערע — וואָס זשע גייט דיר אָן, טאַטע? גאָט וויל אַזוי.״

עלפטער קאַפּיטל

בן-ציון קומט נעמען קאַדעש׳ן צוריק אַהיים

די צוויי וואָכן זיינען פאַראיבער, בן־ציון איז געווען שטאַרק פאַר־נומען מיט דעם געשעפט פון לייען געלט, אָבער שפּעטער האָט ער אָנגע־הויבן ליקווידירן דאָס געשעפט, ווייל ער האָט בכלל פיינט געהאַט צו נעמען משכנות און רעכענען פּראָצענט. דאַן איז אַוועק נאָך אַ וואָך, ער האָט געוואוסט, אַז קאַדעש איז פאַרזאָרגט, ווייל פאַרן אָפּפאָרן האָט ער אָנגעזאָגט מען זאָל אים געבן אַביסל געלט, אַיב ער וועט ניט קומען צו דער באַשטימטער צייט. דאַן איז אַוועק נאָך אַ וואָך, משה דער משרת איז קראַנק געוואָרן, ביז וואָס ווען אַיז אַוועק נאָך אַ וואָך, ביז ער האָט זיך קוים אַרויסגעריסן.

ווען בן־ציון איז געקומען צו בערל כאַפּ׳ס אײַנפּאַר איז געווען בײַנאַכט, און אַלע זײַנען געשלאָפן. דער אײַנציקער וואָס איז ניט געשלאָפן איז געווען בערל. ער האָט בן־ציון׳ען באַלד דערקענט — דער גבאי וואָס האָט בײַ אים איבערגעלאָזט מיט אַ צײַט צוריק דעם רבי׳ן. ער איז, הייסט עס, געקומען צונעמען בײַ אים דעם אוצר וואָס ער האָט לעצטנס אַרײַנגעקראָגן..

„איך בין געקומען אָפּנעמען דעם רבי׳ן וואָס איך האָב דאָ איבער־געלאָזן?״, האָט בן־ציון געזאָגט.

„ער איז פאַרשוואונדן — הילד איננו״, האָט בערל כאַפּ געענטפערט שעלמיש. „טאַקע נאָך הײַנט אַוועק פון אײַנפּאַר״. און... ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער האָט אים ניט באַצאָלט, אָבער ער האָט זיך צוריקגעהאַלטן.

„איך וועל אים פאָרן זוכן״, האָט בן־ציון געזאָגט.

„פאָרט געזונטערהייד״, האָט בערל כאַפּ אָפּגעענטפערט. „נאַ דיר אַ רבי״, האָט ער ווײַטער געמורמלט ווי רעדנדיק צו זיך. געקומען אַהער, אָנגעמאַכט אַ טומל און — אַוועק... פון די ווײַבער ניט געווען אויסצו־האַלטן״. ער האָט איצט געשמייכלט צו זיך.

ערשט איצט האָט בן־ציון פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז דאָ מאַרגעקומען. איז עס מעגלעך אַז קאַדעש איז טאַקע געוואָרן אַ פאַרשטעלטער צדיק? וואָס עס קאָן זיך פאַרלויפן אין דער וועלט. אָבער איידער ער האָט באַ־שלאָסן זיך אַרויסצולאָזן אים זוכן האָט ער געטראַכט אַז אפשר איז קאַדעש צוריקגעפאָרן אין זײַן היים. איז הייסט עס, בעסער צו פאָרן פריער אַהיים און זיך ערקונדיקן.

אין דער היים, איז בן־ציון אַוועק צו אסתרן זיך אָנפרעגן, האָט ער זי געטראָפן אַ שטאַרק פאַרווייִנטע. איר אָרימער זיידע, וועלכער האָט אָפּגעפינצטערט זײַן גאַנץ לעבן איז פאַרשוואונדן און קיינער קימערט זיך אפילו ניט וועגן אים, און דערצו נאָך איר טאַטע, וועלכער איז אויך פאַרשוואונדן. בן־ציון האָט זי פרובירט טרייסטן: „אייער זיידע וועט נאָך קומען, אסתר... איר וועט זען״.

„פון וואַנען וועט ער קומען — פון יענער וועלט? האָט זי געוויינט. „ווער ווייסט וואָס מיט מײַן טאַטן האָט פּאַסירט... גאָט, העלף אים״, האָט זי ווײַטער געוויינט.

בן ציון איז געווען שטאַרק גערירט. „וויינט ניט, אסתר, גאָט

וועט העלפֿן", האָט ער זיך געבעטן ביי איר און אין זיינע אויגן האָבן זיך אויך באַוויזן טרערן. ער האָט געהאַט גרויסע יסורים פֿון דעם, וויסנדיק אַז ער איז שולדיק איז אירע צרות און האָט געפֿילט ווי זי אַרומצוּנעמען... אָבער ער האָט ניט געוואַגט דאָס צו טאָן.

ווען ער איז געקומען אַהיים האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט זיינע ענינים איז פֿון זיין פּלאַן אַרויסצופֿעאָרן זוכן קאַדעשן דערוויל געבליבן גאַרנישט. נאָך אַלעמען האָט ער דער פֿאַמיליע ניט געקאָנט דערציילן וואָס ער האָט געטאָן און ווי אַזוי ער האָט קאַדעשן אַריינגעשלעפּט אין אַ בלאָטע אין גלאַט אַרויספֿאָרן פֿון דער היים אָן אַ זיי געווינט איז אויך ניט געווען ריכטיק. ער האָט דעריבער אָפּגעלייגט זיין רייזע ביז וואַנען ער וועט עפּעס הערן וועגן דער גאַנצער געשיכטע, אָדער אפשר וועט זיך קאַדעש מיט שעפּסלען ענדלעך אָפּזוכן.

די ערשטע צייט וואָס קאַדעש האָט געשפּילט די ראָלע פֿון אַ רבי'ן איז די גאַנצע מעשה געווען מאָדנע ביי אים. דאָך האָט מען אים איינגערעדט. אָבער שפּעטער ווען בערל כאַפּ מיט שעפּסלען האָבן איינגעשטעלט דאָס געשעפֿט אין אָרדנונג און געלט האָט אָנגעהויבן צו קומען פֿון אַלע זייטן האָט ער זיך גענומען צוגעוואוינען. דאָס האָט אָבער אָנגעהאַלטן זייער אַ קורצע צייט. באַלד האָט ער אָנגעהויבן פּראָטעסטירן. די קאָמעדיע האָט אים דערעסן און ער האָט גענומען פֿאָדערן אַז מען זאָל אים ברייגגען צוריק אַהיים. שעפּסל אָבער האָט אים גענאַרט: ער האָט אים געבראַכט פֿון צייט צו צייט בריוו פֿון בן ציון'ען, וואָס בעט אים ער זאָל האָבן געדולד און וואַרטן ביז ער וועט אים נעמען אַהיים.

שעפּסל האָט אויך ניט לייכט אָנגענומען דאָס געשעפֿט. אין תוך איז ער געווען אַן ערלעכער מענטש. אָבער שפּעטער האָט ער געפֿונען גענוג תירוצים, וועלכע האָבן ניט נאָר אים באַרואיקט נאָר געשטאַרקט אין זיין באַשלוס אַז ער טוט אייגנטלעך אַ גוטע זאַך מיט דעם וואָס זיין טאַטע איז געוואָרן אַ צדיק. דער דאָקטאָר, האָט ער געטראַכט, העלפֿט אויך ניט יעדן איינעם ביי וועמען ער נעמט געלט. און גראָד האָט זיך געמאַכט אַז קאַדעש האָט געהאָלפֿן אייניקע. זיי פֿלעגן אַליין קומען און דערציילן. שעפּסלען און בערלען האָט ער אוודאי געהאָלפֿן.

דערנאָך האָט דאָס געלט וואָס איז אַריינגעקומען פֿאַרדעקט אַלעס. שעפּסל איז געווען צופֿרידן, אָבער קאַדעש האָט אים אַלעמאָל באַאומרואיקט. ער וויל פֿאָרן אַהיים. ער בייינקט און בייינקט...

צוועלפטער קאַפּיטל

בן־ציון'ען געפעלט ניט דאָס געשעפט

בן־ציון איז געווען גוט און ערלעך. אַ האַרץ פון גאָלד, האָבן מענטשן געזאָגט, האָט אים גאָט געגעבן. ס'איז אים ניט געפעלן צו נעמען משכּנות און רעכענען פּראָצענט. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער געוואוסט יעדן בעל־חוב און האָט אויך אויסגערעכנט וויפיל יענער האָט שוין איינגעצאָלט. דער פּראָצענט איז אָפטמאָל געווען גרעסער פון דעם קערן, און דערצו האָט מען נאָך געהאַלטן יענעמס משכּון.

נאַטירלעך, עס איז אים געווען שווער מיט איינמאָל אַיינצופירן אַ חברה גמילות חסד. און פּאָגעקומען איז אַזוי:

ר' משה, אַ איד אַן אָרימאַן, מיט עטלעכע קינדערלעך, קומט צו בן ציונען און ברענגט אים צען קאָפּיקעס אָדער אַ גילדן. זאָגט בן ציון פלוצלונג: ר' משה, די עטלעכע קאָפּיקעס זיינען טאַקע מיינע... אָבער איך וויל איר זאָלט זיי האַלטן פאַר מיר. „וואָס הייסט, איר ווילט שוין מער ניט האַנדלען מיט מיר?" זאָגט ר' משה פאַרוואונדערט, ווייסנדיק אַז איצט ער וועט מער ניט קאָנען ליַיען קיין געלט איז ער אַן אויסגעשפּילטער. „ניין", זאָגט בן ציון, „איר זענט אַן אָרנטליכער מאַן — מיר וועלן האַנדלען... איר קאָנט נעמען דעם משכּון צוריק, ווייל איך גלויב אייך אָן דעם". און זעענדיק ווי יענער איז נאָך אַלץ פאַרוואונדערט, זאָגט ער אים: „איך האָב ניט גענוג פּלאַץ צו האַלטן אַזוי פיל קופּער! טאָ, האַלט עס ביי אייך, ר' משה".

ר' משה האָט דאַן געהאַט צו דערציילן דעם וואונדער וועגן בן־ציונען: אַ מאָדנער גביר, אָט דער יונגערמאַן... און אויסגעדריקט ווידער זיין השד אַז ער וויל זיך אָפּטשעפּען פון די אָרעמעלייט, אָבער אַנדערע, וועלכע האָבן אים געקאָנט בעסער, האָבן געגלויבט אַז ער איז צו גוט צו זיין אַ וואוּ־כערניק. ער האָט רחמנות און איז אַ חסיד, וואָרום שטייט ניט געשריבן אַז דער וואָס זאָגט: שלי שלך ושלך שלך חסיד?

אָט אַזוי האָט בן ציון געהאַנדלט, ניט בלויז מיט אידן נאָר אויך מיט גוים. ער האָט די גוים צוריקגעגעבן די משכּנות, און ווען זיי האָבן עס ניט געקאָנט פאַרשטיין, איז בן ציון אפילו געגאַנגען צום גלח און אים דערקלערט אַז די תורה פאַרבאָט צו נעמען פּראָצענט. אין אַ קורצער צייט אַרום איז דאָס געשעפט געוואָרן גאָר עפּעס אַנדערש ווי עס איז געווען פריער — עס איז געוואָרן אַ חברה גמלת חסד, אַנשטאָט אַ געשעפט פון אַ וואוכערניק.

עס האָט בן־ציון׳ען הנאה געטאָן וואָס ער איז געווען אַזוי דער־פּאָלגרייך אין ענדערן דעם כאַראַקטער פון געשעפּט, פּילנדיק אַז ער טוט זיין פליכט צו די מענטשן. אָבער איינס האָט אים באַאומרואיקט — קאַדעש דער וואַסערטרעגער. דאָס איז געווען אַ סוד וועגן וועלכן ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט און וואָס האָט ביי אים צוגערויבט די רו. ביינאַכט פלעגט ער טראַכטן וועגן דעם. אַך, וואָס מענטשן וואָלטן געזאָגט וועגן אים, ווען זיי דערוויסן זיך ווי אַזוי ער האָט פאַרשלעפּט אַ נאַאיוון מענטשן אין אַן אַנדער שטאָט. אָבער וואָס האָט ער דען געקאָנט טאָן?

אין דער אייגענער צייט איז קאַדעש דער וואַסערטרעגער געווען אויך אומרואיק. ער האָט געפאָדערט זיינע רעכט — צוריקצוקומען אין שטעטל אַריין. ער האָט געוואָלט אַז בן ציון זאָל אים קומען אַרויסנעמען פון דער שטייג. אָבער די צוויי חברה׳לייט, שעפּסעל און בערל, האָבן אים אַלץ איינגערעדט אַז ער וועט קומען, הגם בן ציון האָט זיך ניט באַוויזן. אָבער איינמאָל האָט קאַדעש זיך אַוועקגעשטעלט און זיי געגעבן אַ וואָרנונג, אַז אויב בן־ציון קומט ניט וועט ער איבערלאָזן הכל־אשר־בכל, און וועט זיך אַליין צוריקקערן אין שטעטל אַריין. דאָס האָט געווירקט און שעפּסל האָט פאַרשפּראָכן אַז ער וועט פאָרן ברייגנען בן־ציונען.

פרייטאָג נאָך צוועלף האָבן זיי פאַרשלאָסן דאָס „געשעפט" און בערל כאַפּ איז אָנגעזאָגט געוואָרן אַז ער זאָל קיינעם ניט צולאָזן מער צום רבין. בערל, ווידער, האָט געבראַכט אַ פלאַש גוטן בראָנפן און עס אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַז דער „רבי" זאָל עס זען. נאַטירלעך אַז קאַדעש האָט פאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן. שוין אַזוי לאַנג אַז ער האָט ניט געהאַט אין מויל אַזאַ גוטן בראָנפן. און דערנאָך האָט ער גע־טרונקען נאָך אַ גלעזל. און נאָך אַ גלעזעלע. דאַן האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען. ער האָט פאַרגעסן זיינע צרות. און ווען נאָר עס איז געוואָרן אַביסל אומעטיג, האָט ער פאַרטרונקען מיט נאָך אַ גלעזעלע. עס האָט טאַקע ניט גענומען לאַנג און ער איז איינגעשלאָפן.

שבת אין דער פרי איז דער „צדיק" אויפגעשטאַנען שפּעט, אָבער אויפן טיש איז שוין געשטאַנען נאָך אַ פלעשל און דאָס איבעריגע וואָס איז נאָך געבליבן אויפן דנאָ פון נעכטן. ער האָט ווידער אַמאָל פאַרזוכט. און פון דעם פאַרזוכן איז אים געוואָרן אַזוי וואַרעם אַז ער האָט געוואָלט נאָך אַביסל און נאָך אַביסל.

איצט האָט ער געזונגען זמירות, און אויף אַ הויך קול. און באַלד דארויף האָט ער זיך דערמאָנט אַ פּאָר סאָלדאַטסקע לידער און האָט זיי אויך אויסגעזונגען צוזאַמען מיט די זמירות. אָבער ווען ער האָט געענדיקט די שנאַפּס איז ער געווען אַזוי פריילעך אַז ער איז אַרויס אין גאַס און האָט

גענומען טאַנצן און זינגען. עס זיינען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן און קינדערלאַך האָבן גענומען וואַרפן בלאָטע און שטיינדלעך אויף קאַדעש׳ן, אָבער ער האָט אַלץ געטאַנצט.

ווען בערל האָט דאָס דערזען, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. אָבער ער האָט באַלד אויסגעטראַכט אַ ליגן. אַ שנאָרער איז גע־קומען אין איינפאָר הויז, אַריינגעקומען צום רבין און זיך אָנגעטאָן דעם שטריימל און זיך גוט אָנגעשיכורט. אַ משוגענער, הייסט עס. און ער האָט נאָך דערביי צוגעלייגט אַז דער צדיק וועט אים זיכער העלפן, דאָס הייסט בעטן גאָט פאַר אים. דערווייל האָט ער און צוויי גוים וואָס ער האָט צו־גערופן גענומען דעם אַלטן משוגענעם און אים אַריינגעטראָגן אין שטאַל אַריין, וואו ער האָט געהאַלטן דאָס פערד. ער האָט דאָס פערד אַרויס־געפירט און אַריינגעפירט דאָרטן דעם שנאָרער. דער אמת איז אַז קאַדעש איז געווען אַזוי באַוואָרפן מיט בלאָטע אַז מען האָט אים בשום אופן ניט געקאָנט דערקענען.

דערביי האָט שוין בערל כאַפּ דערציילט אַ פּאָר גרויסע וואונדער פונם צדיק — ווי אַזוי ער העלפט מענטשן אויפן שטעל. ער האָט דער־ציילט אַ וויציקע מעשה אויך, דער דאָזיקער ליגנער מיט׳ן גלאַטן צינגל. עפּעס אַ מעשה מיט אַ ווייבל, וועלכע האָט געליטן פון אַ דיבוק און האָט גערעדט אַזעלכע רייד וואָס אַ קאָזאַק האָט געקאָנט רויט ווערן פון דעם. האָט דער צדיק ניט געטאָן קיין אַנדער זאַך ווי אַרויסגענומען זיין פּושקע טאַבאַק, איר געלאָזט שמעקן. די ווייבל האָט געגעבן אַ נאָס, און דער דיבוק איז באַלד אַרויס פון איר. זי איז דאַן אָפּגעפאָרן אַהיים אַזוי ווי גאָרנישט געווען. אָבער דער צדיק האָט איר געמוזט מיטגעבן אַ גאַנצע פּושקע מיט זיין טאַבאַק אַז ווען נאָר זי וועט פילן ניט אַזוי גוט זאָל זי אויפן ניכטערן האַרצן געבן אַ שמעק. און אַלס וועט שוין זיין גוט און וואויל, האָט בערל געשמייכלט. ווידער קיין געלט פון אָרימעלייט, האָט בערל געזאָגט, נעמט ניט דער צדיק. אַ געטלעכער מענטש האָט רחמנות אויף אַלעמען — בפרט אויף אָרימעלייט. און אָט דעם משוגענעם וועט ער מן הסתם אויך העלפן.

דאַן האָט ער אים גענומען אָפּוואַשן, אויסרייניקן. עס האָט פון קאַ־דעשן, אַ היפּש ביסל גע׳עיפּושט פון דעם בראָנפן מיט ציבעלעס און הערינג וואָס ער האָט זיך אָנגעגעסן אָבער בערל האָט אַלעס געטאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין. האָט אים אָנגעטאָן אַ ריינע העמד מיט תחתונים. אויסגעוואַשן דעם שטריימל און אים דערנאָך אַרויפגענומען אין צימער אַריין.

ווען שעפּסל איז געקומען צוריק אין שטעטל אַריין, האָבן אים

אַלע אויסגעפרעגט וואו ער איז געווען און צי האָט ער ניט געהערט וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט זיין טאַטן. ער האָט אָבער דעם אמת ניט געקאָנט זאָגן, וואָס האָט ער זיי אייגנטלעך געקאָנט דערציילן? האָט ער געבראָקט ליגן נאָך ליגן. ער האָט אָנגעשטעלט אַ פרום פנים, באַדויערט זיין טאַטן וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן, און אפילו געגאַנגען צום רב פרעגן אַ שאלה. ער האָט געזען אין חלום דעם טאַטן ווי ער קומט צו אים און זאָגט אים אַז אַז ער לעבט און איז ניט געשטאָרבן — צי מעג ער איצט זאָגן קדיש נאָך אים. דער רב האָט געהאַט אַביסל שוועריקייטן אים צו געבן אַ תשובה. אָבער ענדלעך האָט ער אים געזאָגט אַז עס קאָן גאַנץ גרייליך זיין אַז קאַדעש לעבט טאַקע. דאַריבער זאָל ער זאָגן קדיש כדי מענטשן זאָלן ניט דיינקען אַז ער פאַרשעמט זיין טאַטן, אָבער ווען ער זאָגט, זאָל ער איז זינען האָבן זיין מוטער. שעפסל האָט גראָד ניט אין זינען געהאַט זיין מוטער, נאָר זיך אַליין — דאָס הייסט, זאָל זיין אַז ער זאָגט קדיש נאָך זיך.

אויך בן ציון, נאָכדעם ווי ער האָט גערעדט מיט שעפסלען, האָט געהאַלטן אַז קאַדעש לעבט ערגעץ וואו. נאָר וואָס זשע דען? אַן אַלטער מאַן איז ער געווען, איז אים נמאס געוואָרן דאָס וואַסער טראָגן און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער וועלט.

און דאַן איז שעפסל צוריק אָפּגעפאָרן פון שטעטל — אַלץ צו זוכן זיין פאַרלאָרענעם טאַטן.

קאַדעש האָט אים דערציילט, אַז ער האָט ניט געפילט גוט און אַז בערל כאַפּ האָט אים פשוט געראַטעוועט פון טויט, ער האָט אַכטונג געגעבן אויף אים און אַזוי ווייטער. פון דער גאַנצער מעשה וואָס האָט פאַסירט האָט ער ניט דערמאָנט. דעם זעלביקן אָוונט האָבן זיי דעם רבין אַרויס־געפירט אין גאַס מחדש צו זיין די לבנה. נאַטירלעך, ניט אַזוי צוליב דער לבנה ווי טאַקע צוליב קאַדעש'ן וועלכער האָט ניט געפילט גוט, און די פרישע לופט האָט אים ממש מחיה געווען.

דאָס געשעפט איז ווידער אַוועק גוט. פון דער געשעענים אָן האָט בערל זיך אַרויפגעאַרבעט. זיי האָבן אים געפירט אין מקוה ביינאַכט און מען האָט פאַרשפּרייט וואונדער מעשיות וועגן אים. זיי האָבן עס שוין גע־מאַכט גאָר קונציק. ווען דער צדיק איז אַריין אין מקוה איז געוואָרן אַזוי ליכטיק, אַז מען האָט געקאָנט שפּילקעס קלייבן. עפּעס אַ גרויס פייער האָט זיך אָנגעצונדן. צוועלף ביינאַכט איז דער צדיק געגאַנגען אויפן בית עולם צו די שטיבלעך פון די צדיקים און אַז אויך דאָרטן קומט פאָר עפּעס וואונ־דערליכעס. מען הערט קולות און מען זעט ליכטיקע געשטאַלטן. מן הסתם רעדט דער צדיק דאָרט מיט מלאכים אָדער מיט די נשמה'ס פון די צדיקים, קאַדעש איז טאַקע געווען שטעניק פאַרנומען. אַ גאַנצן טאָג זיינען געווען

מענטשן און געבעטן הילף, און אין אָוונט האָבן די צוויי צוגעטראָכט ספּע־ציעלע זאַכן פאַר אים. ווען ער האָט געפרעגט וועגן בן ציונ׳ען האָט מען אים געזאָגט, אַז ער איז פריער געווען קראַנק און דערנאָך איז ער אַוועקגע־פאָרן צוליב געשעפט. אָבער ער וועט זיכער קומען, און אַז קאַדעש דאַרף בפירוש ניט זאָרגן. מיט דער צייט איז אים נמאס געוואָרן צו פרעגן.

די מעשיות וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן זיינען געגאַנגען פון מויל צו מויל. איין אַבערגלויבן איז אַריינגעוואַקסן געוואָרן אין אַזאַ אַנדער אַבערגלויבן, דער האָט דערציילט אַז אויפן בית הקברות האָט מען גע־הערט אַ קינד וויינען און מענטשן האָבן מורא געהאַט. אמת, ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אייניקע מעשיות זיינען ניט געווען אַזוי ריכטיק. אָבער קיין חילוק ניט. דערווייל האָט מען דערציילט און מען האָט געהערט.

אייניקע אידן זיינען ניט געווען צופרידן פון די דאָזיקע מעשיות — זיי זיינען געווען אמת׳ע חסידים, ערלעכע און פרומע אידן, און זיי האָבן געפילט אַז דאָס אַלעס איז אויסגעטראַכט. זיי האָבן אויך געוואוסט אַז די תורה פאַרבאָט שטרענג כישוף און מופתים און אַז אמת׳ע חסידות מיינט נאָך עפּעס אַנדערש ווי סתם אַבערגלויבן. עס מיינט ליב האָבן אַ אידן. דער רבי האָט איינגעפלאַנצט ליבשאַפט פון איינעם צום אַנדערן, צווישן אָרים און רייך, און פאַראייניקט זייערע הערצער מיט הייליקייט, ווי עס איז גע־שריבן: ואהבת לרעך כמוך... דו זאָלסט ליב האָבן דיין מיטמענטשן ווי זיך אַליין. אָבער וואָס האָבן זיי דען געקאָנט טאָן? די געשיכטע מיטן צדיק איז זיך צו גרויס צעוואַקסן. אידן האָבן געגלויבט און דערציילט מעשיות און אויך וואונדער איינעם גרעסער פון אַנדערן.

צוועלפטער קאַפּיטל

דער נייער וואַסערטרעגער

דערווייל האָט מען אין שטעטל געדאַרפט האָבן אַ וואַסערטרעגער. אידן האָבן דאָך ניט געקאָנט אַליין טראָגן וואַסער, איז אַרבאַזע געוואָרן דער וואַסערטרעגער. די געשיכטע מיט אַרבאַזען איז אַליין אינטערעסאַנט און עס לוינט זיך אין קורצן זי דאָ איבערדערציילן.

מיט יאָרן צוריק איז געקומען אַ פאַקנטרעגער אין שטעטל, אַפּגע־ווען עטלעכע וואָכן, און איבערגעלאָזן אַ אינגעלע אַכט יאָר אַלט אין בית מדרש. דער אַלטער שמש האָט דאָס אינגעלע גענומען אונטער זיין השגחה.

ווען דאָס אינגעלע איז עלטער געוואָרן האָט ער פאַרן שמש געטאָן געוויסע אַרבעטן. אויסגעקערט דעם בית מדרש, אויסגערייניקט די לאָמפּן, און ענלעכעס. דער שמש איז געווען אַלט און קראַנק און דאָס אינגל איז געווען אַ ברכה פון הימל. פאַרוואָס מען האָט דאָס אינגל גערופן אַרבאַזע איז ניט שווער צו פאַרשטיין — ער איז געוואַקסן ווי אַן אַרבאַזע. געווען שטאַרק און געזונט, מיט ברייטע פּלייצעס. דעריבער טאַקע האָט מען אים צו אַכצן יאָר צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט, ווייל ער איז ניט געווען קיין פאַרשריבענער און צו אַכצן יאָר האָט ער אויסגעזען ווי 21. ווען ער האָט אויסגעדינט זיין צייט, איז ער געקומען צום שמש אין שטעטל אריין, אָבער דער אַלטער שמש איז שוין געווען אויפן עולם האמת, און דער נייער שמש האָט אים ניט געדאַרפט. אָבער פּלוצלונג איז קאַדעש דער וואַסערטרעגער פאַרשוואונדן און עס איז געבליבן אַ ליידיק פּלאַץ. אַלזאָ, אַרבאַזע האָט גע־קראָגן דאָס פּלאַץ. די שטאָט איז געווען צופרידן — אַ יונג מיט ביינער, גע־זונט און שטאַרק, און אַרבאַזע איז אויך געווען צופרידן, כאָטש רעדן האָט אַרבאַזע ניט געקאָנט אַזוי גוט און זאָגן עמיצן האָט ער אויך ניט געוואָלט אָדער זיך געשעמט. דערפאַר אָבער האָט ער געקאָנט פייפן. דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט אין דער אַרמיי, ביי פאָניעס. ער פלעגט אויספייפן ליד־לעך און אויך אידישע ניגונים, אַפילו כל נדרי, כל מקדש און „טל".

אַרבאַזע, ווי געזאָגט, איז אויך געווען אַ צופרידענער. וואָס האָט ער דען געדאַרפט? זיין פּרנסה איז געווען אַ גוטע. ער איז שטענדיק געווען פריילעך. די קאַראַמיסלע איז געווען ווי צוגעמאָסטן צו אים. האָט ער באַ־געגנט אַ שיינע שיקסע, האָט ער אויסגעפייפט אַ סאָלדאַטסקע פּעסניע, האָט ער געזען אַ שיין מיידל, האָט ער אויסגעפייפט עפּעס פון שול. ער האָט שוין געוואוסט וואָס צוטאָן אָט דער אַרבאַזע, כאָטש ער האָט ניט גערעט, נאָר געפייפט. ווען ער פלעגט דערזען אסתר'ן, קאַדעש דעם וואַסערטרעגערס אייניקל, פלעגט ער גאָר ווערן פריילעך. ער פלעגט אויספייפן אַזעלכע גרויסאַרטיקע ניגונים אַז עס פלעגט אַזש פאַרקלעמען ביים האַרצן. אָבער ער פלעגט אַליין זיך ניט פאַרגינען צו קוקן אויף איר...

די לעצטע סטאַנציע נאָכן טאָג טראָגן וואַסער איז אַלעמאָל געווען ביי עזריאל דעם שוסטער. דאָ פלעגט ער זיך אָפּשטעלן פאַר אַ ווייל. מירקע די שוסטערקע איז כמעט אַלעמאָל געווען ביים אויוון. זי פלעגט קאָכן וועטשע־רע. און שטענדיק זיינען ביי איר געווען געבראָטענע קאַרטאָפליעס מיט זויערע אוגערקעס—דערהויפּט די זויערע אוגערקעס וואָס פלעגן זיין ביי איר פון יאָר צו יאָר. מיט אַ סך פעפער מיט קאָנבל און אַנדערע גוטע זאַכן. עס איז געווען אַ מחיה. די אוגערקעס זיינען קיינמאָל ביי איר ניט קאַליע געוואָרן ווי ביי אַנדערע באַלעבאָסטעס. אין אמת'ן איז מירקע גע־

ווען „באַרימט“ אין שטעטל צוליב ניט קיין אַנדער זאַך ווי צוליב אירע אוגערקעס. ווען ווײַבלעך, זײַנען פֿאַרגאַנגען אין טראָגן און עס האָט זיך זיי פֿאַגלוסט אַ זויערע זאַך, איז מירקע׳ס אַן אוגערקע געווען אַ דערקוויקונג. אַ צדקת, מירקע. קיין געלט האָט זי ניט גענומען. זי פֿלעגט זיך נאָך באַלײדיקן ווען מען האָט איר געוואָלט באַצאָלן. שײנע באַלעבאָסטעס פֿלעגן ברײנגען אַ פּאָר שיך צו פֿאַרריכטן און אַהיים גענומען אַ סלאָי מיט אוגערקעס. מירקע האָט טאַקע געוואוסט ווער עס איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן און וואו עס וועט זײַן אַ קימפּעט. אירע אוגערקעס האָבן דערצײלט די גרעסטע סודות.

אַרבאַזע פֿלעגט קומען יעדן טאָג צו עזריאל׳ן... זיך אָפּרוען, אָבער אין אמת׳ן איז עס גאָר געווען די זויערע אוגערקעס וואָס מירקע פֿלעגט האָבן. ער איז שוין טאַקע געווען היימיש אויך דאָרט, כאָטש קיין סך האָט ער ניט גערעדט. אי מירקע, אי עזריאל פֿלעגן אויף אים אַרויסקוקן יעדן טאָג, כאָטש זיי האָבן געהאַט עפּעס אַנדערש אין זינען. זיי האָבן אין זינען געהאַט פּעסלען, זייער בת יחידה, וועלכע האָט אויסגעזען ווי אַ פּעסל, אָבער דאָס וועלן מיר איבערלאָזן אויף שפּעטער... דערווײַל וועלן מיר נאָר דערצײלן **אַז עזריאל און אַרבאַזע פֿלעגן זיך** זייער פֿײַן פֿאַרברײנגען. מען האָט גענומען פֿון ביטערן טראָפּן און מען האָט פֿאַרביסן מיט אוגערקעס. ווען אַרבאַזע האָט אַרײַנגעכאַפּט אַ פֿעפֿערדיקע אוגערקע וואָס האָט גוט געשמאַרצט, פֿלעגט ער אַרויסלאָזן אַ פֿײַף און אַ שפּיי טאָן, זאָגנדיק: אַ פֿײַער אויף איר... האָט עס געמיינט באַטירלעך אַ פֿײַער אויף דעם ביטערן טעם, אָבער געהאַט אין זינען האָט ער גאָר מירקען וועלכע האָט געקאָנט מאַכן אַזעלכע אוגערקעס. שפּעטער צו פֿלעגט אַרבאַזע האַלטן שבת ביי עזריאל׳ן און יום טוב אויך. מען האָט אים געגעבן דאָס בעסטע שטיקל פֿיש און פֿלײש.

אין אַ קורצער צײַט אַרום איז טאַקע אַרבאַזע מיט פּעסלען געוואָרן גוט־ברידערלעך. זיי פֿלעגן נאָכן עסן זיצן אויף דער פֿריזבע אַנטקעגן דער לבנה. זי פֿלעגט אים אָננעמען ביי דער האַנט און ער האָט געפּײַפֿט ווי ער בענטשט חנוכה ליכטלעך, להדליק נר — שעשה נסים... אין שטעטל פֿלעגט מען זיך חכמ׳ענען וועגן זיי: ער — ווי אַן אַרבוזע און זי שוואַרץ און גראָב ווי אַ גרויסער רעטיך. אָבער וואָס פֿלעגן זיי רעדן צווישן זיך, אַרבאַזע און פּעסל? אַרבאַזע האָט טאַקע ניט ליב צו ריידן. נאָר צו פֿײַפֿן אָבער ווען מען דאַרף רעט ער. ער פֿלעגט שוין דערצײלן ווי אַזוי מען האָט אים ליב. דעם אַלטן וואַסערטרעגער האָט מען ניט ליב געהאַט ווײַל ער פֿלעגט שטענדיק קרעכצן... ער אָבער, אַך, ער זינגט און פֿײַפֿט. ער האָט אויך עפּעס אַרײַנגעוואָרפֿן אַ וואָרט וואָס איז לגמרי ניט געפֿעלן געוואָרן פּעסלען: פֿון איין

מענטשן, דעם גביר'ס דינסט, אסתר, קאָן ער זיך גאָרנישט אָפּטשעפּן... זי מאַכט חנ'דלעך... פּעסל באַשליסט דאַן אַז זי וועט שוין דערציילן דער מאַמען און זי וועט שוין זען אַז מען זאָל נעמען „בוזי'ן", ווי זי האָט אים גערופן און אויסלערנען די מלאכה פון שוסטעריי. זי וויל ניט ער זאָל זיין אַ וואַסערטרעגער. היינטיקע צייטן איז בעסער אַז דער מאַן איז אין דער היים ווי דער טאַטע...

איינמאָל אַ זונטיק איז אַרבאַזע שיער ניט אַריינגעפאַלן אין אַ שאָדן, ווען ניט בן ציון וועלכער האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן. און די מעשה דערפון איז געווען אַזוי: אַרבאַזע איז שבת אָוונט אַוועק צו זיינעם אַ פריינט אין דאָרף, דעם גוי מיכאַילע. געטרונקען דאָרט אַ גוט גלעזל און דערנאָך טאַקע איבערגענעכטיקט. אין דער פרי איז ער זיך אַרויסגעגאַנגען אַ שפּאַציר צו טאָן לעבן קלויסטער און דערזען אַ שיינע שיקסע... נו, איז ער דאָך אַ מענטש מיט אַ נשמה... ערשט די גוים האָבן עס דערזען און אים געפּאַקט, געבונדן הענט און פיס און געפירט אין דער פּאָליציי. אויפן וועג איז אָנגעקומען בן ציון. און זעענדיק ווי מען פירט דעם בחור, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. די גוים האָבן אים געקאָנט, האָבן זיי דערציילט. „וואָס האָסטו געטאָן, דו הולטאַי?" האָט בן־ציון געפרעגט אַרבאַזען.

ער האָט מיט טרערן אין די אויגן דערציילט אַז ער האָט גאָרנישט געטאָן, נאָר געפייפט אָבער די גוים האָבן געהאַט טענות: אַ זשידאָק זאָל פייפן צו אַ שיקסע, זונטיק, ביים קלויסטער און ... באַזשע מאַי, מן הסתם איז ער אַ... זוינער און אַזוינער און אַ זוינער... בן ציון האָט זיך אַריינגעמישט און אים קוים באַפרייט. פון דאַן אָן האָט שוין אַרבאַזע געפייפט אַ טרויעריק ניגונדל. ניט אומזיסט... די אידן זיינען אין גלות...

דרייצנטער קאַפּיטל

אַ וויגרישנער בילעט

ניט אַלע מאָל גייט אָבער אַ געשעפט גוט, און אויך דאָס מופתים־געשעפט האָט אָנגעהויבן צו גיין עפּעס ניט אַזוי אין אָרדנונג. מענטשן האָבן אָנגעהייבן אַביסל צו צווייפלען אין דעם. האָט בערל כאַפּ אָנגעהויבן מורא צו האָבן אַז עס זאָל זיך ניט ענדיקן מיט אַ קראַך. שוין פון לאַנג האָט ער געפּלאַנעוועט אַוועקצופאָרן קיין אַמעריקע, און איצט, אַז ער האָט געהאַט אַ

היבשע אַפּויתיקי, האָט זיך געוואָלט מאַכן נאָך אַ ביסל און פּטור ווערן פון עסק.

גראַד האָט זיך געמאַכט אַ ניי געשעפטעלע, וואָס האָט אויסגעזען זייער גוט. און פּאַסירט האָט עס ווי פאָלגט: איין טאָג האָט זיך אין איינפאַר אָפּגעשטעלט אַ רייכער סוחר, וועלכער איז געקומען צוליב אַ געשעפט מיטן גראַף. ער האָט געהערט וועגן צדיק און דעריבער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט דאָ. באַלד האָט בערל געוואוסט דעם סוד. דער סוחר האָט געהאַט אַ וויגריש־נעם בילעט וואָס האָט געדאַרפט געצויגן ווערן אין עטלעכע טעג אַרום, האָט ער געוואָלט אַז דער צדיק זאָל אים צווינטשעווען אַז ער זאָל געווינען דעם גרויסן געווינס. בערלס קאָפּ האָט דאָ געאַרבעט זייער שנעל. צו סאַמע ערשטן דאַרף מען ווערן אַ שותף צום בילעט און נאָכהער אײַנגאַנצן באַאַרבעטן דעם סוחר. אָבער ווי אַזוי ווערט מען אַ שותף? ער האָט וועגן דער גאַנצער געשיכטע דערציילט שעפּסלען, ער זאָל וויסן ווי צו האַנדלען.

שעפּסל האָט געזאָגט קאַדעשן אַז איצט האַנדלט זיך אין אַ גרויס געווינס, זיי וועלן קריגן אַ גרויסע סומע געלט צו צוטיילן אויף צדקה אָבער זיי ווילן ניט געטרויען דעם סוחר, ער וועט ניט האַלטן וואָרט, ווילן זיי דעם בילעט איבערשרייבן אויף בערלס נאָמען וועט אַלעס זיין גוט און וואויל.

ווען דער סוחר איז אַריין צום רבי'ן, האָט קאַדעש דער וואַסערטרעגער אויסגעהערט די גאַנצע זאַך, און זיך פאַרטראַכט. דערנאָך ערשט האָט שעפּסל זיך אָנגערופן: גרויסער צדיק, דער סוחר וויל אַז דער רבי זאָל בעטן גאָט, אַז דער בילעט זאָל געווינען און ער איז וויליק צו צוטיילן אַ העלפט פאַר צדקה. דער צדיק האָט ערשט דאַן גענומען דעם בילעט אין די הענט אַריין און געפרעגט אויף דעם נאָמען פון סוחר. און צולעצט האָט ער פאַרקנייטשט דעם שטערן און געזאָגט אַז דער נאָמען איז ניט מזל'דיק. ערשט איצט איז אונטערגעלאָפן בערל כאַפּ און פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל קריגן אַן אַנדער נאָמען. פּשוט מען זאָל איבערשרייבן דעם בילעט, און דאָס מזל וועט קומען. ער איז וויליק געוועזן אַפילו צו געבן דאָס לעצטע — עטלעכע הונדערט רובל, און נאָכ'ן ציען זאָלן זיי זיך צוטיילן.

איבערשרייבן האָט מען אָבער ניט געקאָנט גלאַט אַזוי — עס האָט געמוזט געטאָן ווערן ריכטיק ביי אַ נאָטאַריוס, און בערל איז באַשטאַנען אויף דעם. דער סוחר האָט דאַן געשטעלט אַ באַדינגונג אַז בערל זאָל אים געבן די האַנט פאַרן צדיק אין די אויגן. דאָס איז ווידער ניט געווען קיין מניעה. אַלעס איז אָפּגעטאָן געוואָרן ווי געהעריק. דער צדיק האָט אויך צוגעווינטשעוועט. דערווייל האָט מען זיך געלאָזט וואַרטן. אַלעס איז דאָך

געווען זיכער ווי דער טאָג. מען האָט געבראָטן קאַטשקעס און מען האָט געטרונקען שנאַפּס.

ווען דער טאָג פון ציען איז געקומען, האָט בערל געוואָלט אַרויס־פּטר׳ן דעם סוחר פון שטאָט פאַר אַ שטיקל צייט, און דערנאָך, — ווען דער געווינס וועט שוין זיין זיכער זאָל מען קאָנען עפּעס טאָן. אין דעם פּלאַן האָט אים שפּעטל ווידער אַרויסגעהאָלפן. עס האָט געהייסן אַז דער צדיק וויל אַז דער סוחר זאָל ניט זיין אין שטאָט יענעם טאָג. ענדלעך האָט דער סוחר זיך ניט געקאָנט פיל שפּארן און האָט אויך דערצו איינגעשטימט. ער וועט דאָך ניט גיין קאַליע מאַכן אַ געשעפט צוליב אַזאַ קלייניקייט. פונדעסט־וועגן האָט ער זיך נאָך אַלץ געקווינקלט. ער דאַרף נאָך זיין אין שטאָט. זיך זען מיטן גראַף. אָבער בערל האָט אים געהאַלטן אין איין איינרעדן. אַז דער גראַף איז איצט ניט וויכטיק.

דער עיקר איז דאָך דער בילעט, און דער צדיק וויל אַזוי. צום סוף האָט דער סוחר געזאָגט אַז ער זעט טאַקע איצט איין אַז עס איז בעסער אַז ער זאָל ניט זיין אין שטאָט ווארים אויב עס וועט ניט ברייגנען קיין גוטס איז... נאָך וואָס זאָל ער זיך שפּארן? אַלזאָ, ער האָט איינגעשטימט צו קומען צוריק שפּעטער מיט אַ טאָג אָפּילו אָדער מיט צוויי טעג, ווארים ער האָט דאָך צו טאָן מיט ערלעכע מענטשן און אַזוי ווייטער.

יענע נאַכט איז בערל געווען וואַכעדיק. ער האָט אַ אויג ניט געקאָנט צומאַכן. און אויף מאָרגנס איז ער אויפגעשטאַנען, פאַרשריבן דעם נומער פון בילעט, און איז אַוועק צום פּריץ. עס האָט אין אים געברענט ממש אַ פייער. איין קלייניקייט — ווי וועט טאַקע זיין אַז—? ער האָט זיך אפילו ניט גערעכנט מיט דעם וואָס ס׳זיינען געווען הינט אין פּריצ׳ס הויף. ער איז געגאַנגען גלייך, און די הינט זיינען אים באַפאַלן. אַ גליק נאָך וואָס די דינער האָבן דערזען ווי די הינט זיינען באַפאַלן דעם אידן און אים גוט צעביסן. ווייטער וואָלטן די הינט אים געווען צעריסן אויף שטיקער. ענדלעך איז ער געשטאַנען פאַרן פּריץ, און כאָטש עס האָט אים גוט ווי געטאָן אין אייניקע פלעצער, האָט ער אָבער מער אין זינען געהאַט דעם בילעט ווי זיך גופא. דער פּריץ האָט געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף אים, וואָס ער איז געקומען אַזוי פרי צו אים? בערל האָט ניט געמאַכט קיין צופיל שהיות און געזאָגט וואָס ער וויל. „וואָס דאַרפסטו וויסן וועגן די געווינסן?״ האָט דער פּריץ געפרעגט און באַלד דאַרויף האָט ער צו־געלייגט: „ניט קיין גוטער סימן ווען אַ הונט באַפאַלט אַ מענטשן גאַנץ פרי — ווען דו האָסט אַ בילעט״. בערל האָט אים ניט געוואָלט זאָגן דעם אמת און געפונען אַ תירוץ. דער סוחר ש. איז אַוועקגעפאָרן צייטווייליק פון שטעטל און ער האָט ביי אים איבערגעלאָזט אַ נומער. ער האָט אים,

הייסט עס געבעטן אויסצוגעפינען צו זיין בילעט האָט געוואונען. און ווען ער וועט אויסגעפינען וועט ער שוין פאַרדינען עטלעכע רובל... דער פריץ האָט געוואָלט פטור ווערן פון אים וואָס גיכער, האָט ער גענומען דעם נומער און אָפּגעטעלעפאָנירט וואו מען דאַרף. ווען דער פריץ האָט אים געזאָגט אַז דער נומער האָט געוואונען, האָט בערל כאַפּ גענומען לויפן ווי פון אַ שׂרפה. דער פריץ האָט געטראַכט: ער איז משוגע געוואָרן דער איד... ווען אַ הונט גיט אַ ביס... איז דער מענטש... נו, אַרונטער פון זינען. דער פריץ האָט אַנדערש ניט געקאָנט פאַרשטיין.

נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט אים שפּעסל צוגעפירט צו דער באַהן און בערל איז געפאָרן שנעל אין דער גובערנסקער שטאָט. זיינע ווייטאָגן זיינען נאָך אַלץ געווען שאַרף פון די ביסן, און אין באַהן איז ניט געווען קיין פּלאַץ צום זיצן, אָבער בערל כאַפּ האָט ניט געהאַט קיין אינטערעס אין זיך איצט. דאָס גרויסע געווינס האָט געלאָקערט פונדערווייטנס. אָט־אָט און ער וועט קריגן. דאַן וועט ער אַוועק קיין אַמעריקע און לעבן אַ גוטן טאָג, פּטור ווערנדיק פון דעם צדיק און דעם פּורהויז. וואָס וועט ער זיי דאַרפן צו אַלדי שוואַרצע יאָר?

קומענדיק אין קאַנטאָר, האָט ער פּרעזענטירט דעם בילעט און דערביי אויסדערציילט זיין האַרץ, אַז ער האָט איבערגעלאָזן זיין געשעפט אַליין און אַז ער מוז נאָך נעמען די צוריק־באַהן דעם זעלביקן טאָג, וואָרים הימל עפן זיך... ער קען ניט וואַרטן לאַנג. דער אָנגעשטעלטער, ווי דער שטייגער איז, האָט אָבער זיך גענומען צייט. אַריינגעקוקט אין בילעט און נאָך אַמאָל אַריינגעקוקט. און דערנאָך אים געזאָגט, אַז ער וועט מוזן וואַרטן ביז דער קאַסירער וועט קומען. און וואָס אַנבאַלאַנגט צום צווייטן צוג איז נאָך פאַראַן גענוג צייט. און ער האָט דערווייל גענומען אויספילן די פּאַפּירן, אויספרעגנדיק אים אַלע נויטיקע פראגן. בערל איז געווען זייער אויפגערעגט און נערוועז. ער האָט זיך ממש קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. אָבער דער אָנגעשטעלטער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין: אַז „דער בילעט איז טאַקע אַ בילעט אָבער דאָ האַנדלט זיך אום געלט און מען מוז מאַכן זיכער צי ער איז דער ריכטיקער אייגנטימער... מיר מוזן וויסן”, האָט ער געזאָגט גאַנץ קאַלטבלוטיק, „ווער איר זענט”.

בערל כאַפּ, ווי זיין שטייגער איז, האָט געבראַקט ליגן נאָך ליגן. זיינע געשעפטן, אַך, זיינען גרויסע. עס שטייט אים, האָט ער געשריען, פאָר גרויסע פאַרלוסטן. ער מוז... ער מוז... זיך באַפרייען וואָס גיכער . . . וואָרים זיין געשעפט איז געבליבן אין פרעמדע הענט... אָבער דער אָנגעשטעלטער האָט אים אַ זאָג געטאָן: „מיר פאַרלאָזן זיך ניט, מיין פריינט, אויף פרעמדע הענט... אַזאַ סומע געלט קאָן ניט אַרויסגעגעבן ווערן אַבי ווע־

מען... די קויפער פון די בילעטן און די געווינער מוזן באַשיצט ווערן״. און דערביי האָט ער געקוקט אויף אים קרום. דאַן האָט ער אים ערשט גע־נומען אין צווייטן צימער, וואו עס האָט זיך געפונען אַן אַנדער בעאַמטער פון דער קאָמפּאַני און ביידע האָבן אים ווידער אויסגעפּערגט און אַלעס פאַרשריבן ווי געהעריק איז. דאַן איז אַריינגעקומען אַ דריטער מאַן מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. „נעמט אַרונטער זיין בילד״, האָט ער געזאָגט צום מאַן. „דער קאָנטאָר דאַרף עס האָבן פאַר די רעקאָרדס״. בערל׳ען איז עפּעס ניט געפעלן געוואָרן דער גאַנצער עסק. ער האָט זיך געוואָרפן ווי אין אַ קדחת, פון פלאַץ צו פלאַץ, אָבער עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט ניט געקאָנט זיך שטעלן קעגן. אַלס ענטפער אויף דעם ערשטנ׳ס ווער־טער האָט דער צווייטער אָנגעשטעלטער געמאַכט די פאָלגנדיקע באַמער־קונג: „די באַנקירן וועלן דאָס בילד אייערס, גאָספּאָדין כאַפּ, אַריינשטעלן אין די צייטונגען — אַזאַ מזל׳דיקער מענטש!״

בערל האָט געזאָגט וואויל־יונגעריש: נאַט, האָט ער געזאָגט — זעט מיך, קוקט מיך אָן״...

„איצט, זאָגט דער אָנגעשטעלטער, „וועט איר זיין אַזוי גוט, גאָס־פּאָדין כאַפּ, איבערצולייענען וואָס איך האָב אָנגעשריבן דאָ... איך דענק אַז אַלע ענטפערס זיינען ריכטיק דאָ אָנגעגעבן געוואָרן... יאָ, לייענט עס איבער און שרייבט אונטער אייער נאָמען״. בערל אָבער האָט ווידער וואויל־יונגעריש אַ זאָג געטאָן: „ ווער דאַרף עס איבערלייענען?... אַזאַ קאָנטאָר טוט אַלעס ריכטיק״.

ווען ער האָט נאָך געהאַלטן די פּעדער נאָכדעם ווי ער האָט אונטער־געשריבן, איז אין צימער אַריין דער קאַסירער, וועלכער האָט אויסגעקוקט ווי אַ טשינאָווניק. בערל האָט ווידער אַמאָל זיך געגומען צו דער אַלטער מגילה:: ער איילט זיך... האָט איבערגעלאָזן די געשעפטן... און אַזוי ווייטער און ער מוז כאַפּן דעם צוג. דער קאַסירער האָט גוטמוטיק געשמייכלט: „ערשטנס״, האָט ער געזאָגט, „מוז נעמען אַ שטיקל צייט, גאָספּאָדין כאַפּ, צו קריגן אַזאַ סומע געלט... און צווייטנס, יאָ, צווייטנס — ווער וועט אייך באַגלייטן? אַזאַ סומע געלט איז ניט אַזוי זיכער היינטיקע צייטן ווען מען גייט אַליין!״

„נאַרעשקייטן!״ האָט בערל כאַפּ אויסגעשריען: „ווער האָט עס מורא? איך קאָן מיין שטעקל אַליין באַשטיין״. „ניין, זאָגט דער קאַסירער, איצט שוין ערנסטער, „איר קאָנט אַליין ניט גיין... מיר וועלן אייך געבן צוויי שומרים״. ער האָט געגעבן אַ דריק אַ קנעפּל און באַלד זיינען טאַקע גע־יעז אין צימער צוויי סאָלדאַטן. „איך וועל אייך באַקענען מיט גאָספּאָדין כאַפּ״, „נעמט אים און גיט גוט אַכטונג אויף אים״. די סאָלדאַטן זיינען

באַלד געוואָרן טעטיק. זיי האָבן בערלען אַ כאַפּ געטאָן און אים אַרויפגע־לייגט קייטעלעך אויף די הענט. „פּאַני קאַסירער", האָט בערל געשריגן. „איר מאַכט שפּאַס?".

„קיין שפּאַס, גאָספּאָדין כאַפּ", האָט דער קאַסירער געזאָגט. זיי וועלן אייך נעמען צו דער באַהן". און וואו איז מיין געלט?" האָט בערל געפרעגט. „אייער געלט?.. זיי וועלן אייך שוין זאָגן וואו אייער געלט איז..." און דער־ביי האָבן די ביידע שמתים געזאָגט אַז ער זאָל מוחל זיין און וויזן זיין פּאַס־פּאָרט. איצט האָט שוין בערל פאַרשטאַנען אַז עס איז ניט קיין שפּיל און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן אַלעס וואָס עס איז פאָרגעקומען. ער האָט גע־וויזן די וואונדן וואָס ער האָט געהאַט אויפן לייב.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און די אויספאָרשונג וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין שטאָט האָט געפירט די פּאָליציי צו קדיש'ן און צו שפּעסל'ען: די גאַנצע מעשה מיטן צדיק איז דאַן קלאָר געוואָרן און ביידע זיינען אויך אַרעסטירט געוואָרן.

דער טאָג ווען מען האָט אַרעסטירט קאַדיש'ן און שעפּסלען איז גע־ווען אַ טרויער טאָג אין שטאָט. עפּעס אַזעלכעס איז ניט געהערט געוואָרן. די גאַס אַרום דעם איינפאָר איז געווען שוואַרץ פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט צו זען וואָס עס וועט געשען. און ווען מען האָט אַרויסגע־פירט קאַדיש'ן מיט שטריימל און נאָך אים דעם גבאי איז געווען ממש תשעה באב. אַזאַ אומגליק שיקן דעם רבין מיטן עטאַפּ. און נאָך אום שבת. און פאַרוואָס קומט עס זיי? אָבער קעגן דער זשאַנדאַרמעריע האָט מען דערוויל גאָרנישט געקאָנט טאָן. קיינער האָט ניט געוואוסט די קלאָגע. איז געבליבן אַז מען זאָל אָפּוואַרטן און זען וואָס עס וועט זיך טאָן ווייטער. דער איינציקער, וועלכער האָט געטראַכט אַז דאָס קומט אים, איז געווען דער ערלעכער קאַדעש. מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ איז ער געגאַנגען און זיי־נע ליפּן האָבן געמורמלט אין דער שטיל: „קיינעם ניט אָפּגענאַרט... אַ גאַנץ לעבן פאַרדינט מיין שטיקל ברויט ערלעך", האָט ער געטראַכט צו זיך, און אויף דער עלטער זיך נאַריש געמאַכט און געבראַכט שאַנד אויף מיר און אויף אַלע אידן... ער האָט געבעטן מ'זאָל ברענגען דעם רב, ער וויל זאָגן ווידוי...

אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקה. אייניקע האָבן באַשולדיקט די פרומע אידן אַז זיי האָבן אויסגעגעבן דעם רבין. וואָס הייסט, אַריינגעבן אַ ערלעכן אידן אין גויאישע הענט? עס איז אַוועק אַזוי ווייט אַז מען האָט גערופן אַן אסיפה און מען האָט צוזאַמען געטראַכט וואָס צו טאָן... ווארים אפילו די קעגנער האָבן צוגעגעבן אַז דער צדיק צי ער איז געווען אַן אמת'ער צדיק, אָדער ניט, האָט ער אָבער געגעבן צדקה און די שטאָט האָט

נהנה געהאַט פון די אידן וואָס זיינען געקומען אים זען. עס איז געבליבן צו שיקן אַ דעלעגאַציע פון שיינע בעלי־בתים. אָבער די דעלעגאַציע האָט געבראַכט ניט קיין פריילעכן באַריכט. עס האָט צו טאָן מיט אַ שווערער קלאַגע, און אַז די רעגירונג וועט ערשט אַרונטערשיקן אַ קאָמיסיע צו אונטערזוכן די גאַנצע אָנגעלעגנהייט. עס שמעקט מיט פאַלשע געלט, מיט פאַלשע פּאַפּירן... עס קאָן אַפילו זיין אַז עס וועט קומען אַ רעוויזאָר צו אונטערזוכן די קלייטן, זען צי זיי האָבן בילעטן.

די פּאָליציי האָט אונטערזוכט דעם איינפאָר הויז און באַזונדערס דאָס צימער פון צדיק, אָבער קיין פאַרדעכטיקע זאַכן האָט זי דאָרטן ניט געפונען אויסער עטלעכע מאַרענירטע הערינג, אַ טאָרבע ציבעלעס מיט קנאָבל און קרויט. קיין פאַלשע געלט האָט מען ביים צדיק ניט געפונען.

שעפּסלען האָט מען באַלד אַוועקגעשיקט מיטן עטאַפּ אין דער גובערנסקער שטאָט. מען האָט מיט אים קיין שהיות ניט געמאַכט. קאַדעש׳ן האָט מען אָבער דערלויבט צו בלייבן אין שטאָט. ער איז געווען שוואַרץ ווי די ערד און האָט אויסגעזען זייער קראַנק, האָט דער רב זיך איינגעשטעלט פאַר אים. און עס האָט געהאָלפן. דער פּאָליציי בעאַמטער האָט איינגעזען אַז מען קאָן אַזאַ מענטשן ניט שיקן מיטן עטאַפּ — יעדנפאַלס דערווייל.

דער רב איז אים געקומען באַזוכן, אָבער האָט אים געטרייסט אַז אַ איד דאַרף האָבן בטחון און זאָגן צדיק ד׳ בכל דרכיו... און אַזוי ווייטער. גאָט וועט אים העלפן. אָבער קאַדעש איז געווען טרייסטלאָז. „מיין הילף", האָט ער געזאָגט „קאָן נאָר קומען דורכן טויט". דער רב האָט אים ווידער געזוכט צו טרייסטן, אָבער קאַדעש האָט זיך געהאַלטע ביי זיינס. ער וויל זאָגן ווידוי. ער פילט אַז לאַנג וועט ער שוין ניט לעבן. „אָבער איידער איך וועל זאָגן ווידוי", האָט ער געשלוכצט, „וועל איך אויסזאָגן דעם סוד פון מיין לעבן — דעם גאַנצן און פולן אמת".

דער רב האָט געהערט און געשטוינט. עפּעס אַזעלכעס האָט ער אין זיין גאַנץ לעבן ניט געהערט, און זיינע עלטערן — אויך ניט. אַ וואַסערטרעגער זאָל אַזוי פאַרפירט ווערן. אָבער ער האָט געזען אַז דער מענטש זאָגט אים דעם פולן אמת וועגן בערל כאַפּ, שעפּסלען, און דעם גאַנצן שווינדל.

דער רב האָט זיך פאַרטראַכט און, גלעטנדיק זיין ווייסע באָרד, גוטמוטיק געזאָגט: „איך האָב מיטלייד מיט אייך, ר׳ קאַדעש... איר זענט אַן אומשולדיקער קרבן... אמת, איר האָט זיך געלאָזט פאַרפירן, און די זינד איז גרויס. אָבער קיין שלעכטס האָט איר קיינעם ניט געטאָן... איר האָט צדקה געטיילט און געהאָלפן די וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין הילף. איי, זיי האָבן געגלויב אין אייך, אָבער וואָס האָט איר זיך געקאָנט העלפן? איר האָט זיי דאָך געזאָגט אַז איר זענט אַ פּראָסטער חי וקים. קאָן מען דאָך אייך

ניט באַשולדיקן... און אייניקע זענען טאַקע געהאָלפן געוואָרן... עס איז מעגלעך אַז אין אייך איז פאַראַן אַ גרויסע נשמה, ווער ווייסט? דאָך דאַרפט איר תשובה טאָן. מיין עצה איז אַז איר זאָלט יעדן טאָג זאָגן תהילים און פאַסטן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק. איר זאָלט בעטן גאָט מיט האַרץ און נשמה... תשובה העלפט... דער אויבערשטער איז אַ רחום וחנון״.

קאַדעש האָט אָנגעהויבן כליפּן ווי אַ קינד: „יאָ רבי, פאַסטן וועל איך אפשר קאָנען, אָבער תהילים זאָגן? ווי קאָן איך? זאָגן מיט אַזוי פיל גרייזן! ווײ צו מיין עלטער. דער גהינום וועט מיר ניט קלעקן. ווײ צו מיר פאַר מיינע זינד״.

דער רב איז גערירט געוואָרן פון זיינע רייד און פון זיין געוויין. ער האָט אים גענומען טרייסטן: „האָט קיין יסורים ניט... גאָט האָט ליב דאָס האַרץ. מיט אייערע גרייזן קאָנט איר אויפטאָן מער ווי אַ סך לומדים אָן גרייזן״.

אָבער קאַדעש האָט זיך ניט לייכט געלאָזט טרייסטן: „רבי״, האָט ער געוויינט, „ווער וועט מיך אויסקויפן? מיך באַפרייען? איך בין עלנד ווי אַ שטיין״.

„פדיון שביום״, האָט דער רב געענטפערט, „איז אַ גרויסע מצוה — אין קליינינקייט... מיר וועלן פון אַלעס אייך באַפרייען. זאָרגט ניט״.

וואָס מער דער רב האָט מיט אים גערעדט, האָט ער זיך אַלץ מער איבערצייגט אַז אַ גרויסע נשמה לעבט אין קאַדעשן. ער האָט אַליין אָנגעהויבן צו גלויבן: ווער ווייסט? אפשר... אַ למד וואָווניק... זיין תמימות, זיין שפלות איז ניט ווי פון אַ וואַסערטרעגער. עפּעס איז אין אים פאַראַן סודות'דיקעס... ווי דער בעל שם איידער ער איז נתגלה געוואָרן. דער רב האָט עס געהאַלטן בסוד ווייל ער האָט געוואוסט אַז די חסידים וועלן מיט אים ניט איינשטימען מחמת זיי קוקן אויף אים מיט פאַרדאַכט. דאָך האָט ער אים ניט געוואָלט פאַרהאַלטן אין שטאָט, מורא האָבנדיק אַז אפשר איז עס פאָרט ניט גלאַט.

פערצנטער קאַפּיטל

אין איין גרויען פרימאָרגן ווען די שטאָט איז נאָך געשלאָפן, האָט קאַדעש אָנגעטאָן זיין פאַרלאַטעטן וואַטאָווען לייבעל, וואָס איז געווען אָנגעבעט אויף די אַקסלען ווי אַ כאָמוט, צוגעפּאַסט צו דער קאָראָמיסלע וואָס ער פלעגט טראָגן יאָר איין יאָר אויס, דאַן האָט ער זיך אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, האָט איינגעפּאַקט אין לעכערדיקן זאַק זיין אַטלאַסענע קאַפּאָטע, דעם שטריימעל, דעם טלית זאַק, און צולעצט איינגעפּאַקט אין אַ קאָשעק

וואָס בעטלערס טראָגן, עטלעכע סקאָרינקעס און הערינג און ציבעלעס, און מיט זיין וואַנדער שטעקן אין דער האַנט זיך אַרויסגעלאָזן איבער דער וועלט.

אין זיין שטעטל האָט ער ניט געוואָלט צוריקקומען, האָט ער גע־וואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף, פון קרעטשמע צו קרעטשמע, ביז דער קאַ־שעק איז ליידיק געוואָרן. און הונגעריק און מיד האָט ער זיך קוים דער־שלעפּט צו אַ וויטראַק.

דער וויטראַק איז געשטאַנען ליידיק און דערביי איז געווען אַ קליינע כאַטקע. ער איז מיט אַ הכנעה'דיקן „גאָט העלף" אַריין אין דער הייזקע, און געבעטן דעם מילנער אים געבן אַ שטיקל ברויט.

דער מילנער האָט דעם אַלטן אידן געהייסן זיך זעצן ביים טיש און די מילנערקע האָט נאָכדעם ווי זי האָט געגרייט דעם טיש, דערלאַנגט שוואַרצע ברויט, און אַ שיסל באָרשטש. קאַדעש האָט זיך געוואַשן, פרום געמאַכט אַן המוציא און זיך דערקוויקט דאָס האַרץ.

„הערט, באַלעבאָסטע," האָט ער זיך אָפּגערופן, „געזונט זאָלט איר זיין. אַייער באָרשטש איז ווי וויין, טעם גן עדן. שוין אַ לאַנגע צייט אַזאַ טייערן מאכל ניט פאַרזוכט. איך וועל אייך בעטן איר זאָלט מיך לאָזן נעכ־טיקן ביי אייך. אין וויטראַק, אין אַ ווינקל, וועל איך זיך מאַכן אַ שטיקל גע־לעגער... מיינע פיס זענען געשוואָלן... איך קאָן מער ניט גיין... איך בין עלנד... איך זע איך בין צווישן גוטע מענטשן, איר האָט מיך ניט געלאָזט הונגערן, ווי אַברהם אבינו פלעגט עס טאָן".

„איר גלייכט אונז צו אברהם אבינו" האָט דער מילנער געזאָגט. צו אים זענען געקומען מלאכים און אים געבענטשט... און צו אונז קומען אָרימעלייט... אידן ווילן נעבאַך עסן, און אַ נדבה אויך... און דער וויט־ראַק שטייט שוין אַ לענגערע צייט... ניטאָ קיין ווינטן, און ראַטע דאַרף מען צאָלן. וואו נעמט מען, ר' אידי?"

„געבענטשט זאָלט איר זיין", האָט קאַדעש געענטפערט. „גאָט וועט אייך העלפן... אין זיין האַנט זיינען די ווינטן, די רעגנס, ברכה און הצלחה... זאָרגט ניט, מען דאַרף אים נאָר בעטן.

און ווען ער האָט געזען אַז זיי הערן זיך צו צו אים און אַז עס איז פאַראַן אַ האָפנונג צו פועלן ביי זיי, האָט ער ווייטער געזאָגט: „איך וועל שטענדיק זיין ביי אייך בלויז פאַרן עסן און אַ געלעגער אין וויטראַק... איך וועל אייך העלפן אין וויטראַק, אין הויז... איך זע איר האָט אַ קו, וואָס זעט אויס מאָגער. אָבער ווען זי קריגט גוטע פאַשע וואָלט זי געגאָסן מיט

מילך, און גוטע פּאַשע איז פאַראַן — איך בין דורכגעגאַנגען ביים וואַלד, פּאַשע ביזן האַלז.״

דער מילנער האָט זיך אָבער געהאַלטן אין איין באַקלאָגן אַז קיין פּרנסה איז ניט פאַראַן... און פון וויטראַק איז קוים קוים דאָ וואַסער אויף קאַשע. „איך וועל פירן די קו אין וואַלד אַריין״, האָט געענטפערט קאַדעש, „און עס וועט זיין מילך און פּוטער, ברכה און הצלחה״.

דער מילנער האָט אים געגעבן זיין האַנט: „נו, זאָל זיין מיט מזל... און קאַדעש האָט אים געזאָגט: „זאָרגט זיך ניט דער אויבערשטער וועט צו־שיקן אַ ווינט.

דערווייל איז די זון שוין געווען אויף די שפּיץ בוימער. קאַדעש האָט געוואַשן די הענט און זיך גענומען דאַוונען מנחה, בעטנדיק האַרציק: „משיב הרוח...״

דער מילנער האָט באַמערקט ווי דער פרעמדער איד דאַוונט עס אַזוי מיט אַזוי פיל האַרץ, און עס האָט איבערגעלאָזט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער געזען אַ אידן אַזוי דאַוונען. נאָך מנחה האָט ער אים געפרעגט: „ר׳ איד, ווי רופט מען אייך?״

„אברהם״, האָט ער געזאָגט. דאָס האָט קאַדעש מיט אַ כיוון געטאָן, דער וויטראַק איז ביים שליאַך, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, טאָמער שטעלט זיך עמיצער אָפּ.

נאָך וועטשערע האָט זיך אברהם אַריינגעקליבן אין וויטראַק, וואו מען האָט אים געגעבן אַ קאַניצל, אַ בענקל און אַ טישל. שפּעטער ווען אַלע זיינען שוין געשלאָפן, האָט אברהם אָנגעצונדן דאָס קאַניצל, אויפגע־עפנט דאָס תהילים׳ל און אָנגעהויבן מיט אַ זיסן קול זאָגן תהילים. ער האָט געדאַנקט גאָט וואָס ער האָט אים באַפרייט פון דער תפיסה. בן ציונ׳ען האָט ער שוין לאַנג מוחל געווען, ווייל ער האָט געוואוסט אַז ער האָט אים געוואָלט העלפן. בערל און שפּעסל, זיי האָבן אים גענאַרט — דער עיקר בערל. אים האָט זיך איינמאָל געדאַכט ווי ער האָט געהערט פון שלאָף אַז בן ציון איז געקומען אים אַהיים־נעמען. איז עס געווען אַ חלום? אָבער ווי עס איז איצט, האָט ער געפילט זיי אַלעמען מוחל צו זיין.

פופצנטער קאַפּיטל

קאַדעש׳ס געבעט ווערט אָנגענומען

ס׳האָט לאַנג ניט גענומען — אין אַ מאָנטאָג איז עס געווען — האָט פּלוצלינג אַ ווינט אָנגעהויבן רייסן די פליגן פון ווינטראַק. דער ווינטראַק האָט געסקריפּעט און געקראַכט.

דאָס איז געווען ביינאַכט, און קאַדעש איז אַרונטער פון זיין געלעגער, און איז אַוועקגעלאָפן וועקן דעם מילנער. ער האָט געקלאַפּט אין טיר און געשריען: ר׳ מאָטל, ר׳ מאָטל... שטייט אויף — גאָט איז מיט אייך. לאָמיר לאָזן דעם ווינטראַק... גאָט איז מיט אייך״.

אין שרעק און איילעניש זיינען דער מילנער און די מילנערקע אַראָפּ פון בעט און באַלד געלאָזן דעם ווינטראַק. קאַדעש האָט זיי געהאָלפן אויסליידיקן די זעק מיט קאָרן און אָנפילן זיי מיט מעל. די שפּע האָט זיך אָנגעהויבן. פּויערים מיט פורלעך ווייץ און קאָרן זענען געקומען, זיך געשטעלט אין אָטשערעד, זיך גע׳צלמ׳ט און געבעטן דער ווינט זאָל ברענגען רעגן, כדי די פעלדער זאָלן ניט טריקענען.

קאַדעש האָט געבעטן ביי די פּויערים פון יעדן זאַק אַ זשמעניע מעל פאַר דער אָרמער קו וואָס איז אַזוי אויסגעצערט און הונגעריק. „אפשר צוליב איר״, , האָט קאַדעש געזאָגט, „ האָט גאָט צוגעשיקט דעם ווינט.״

די פּויערים האָבן געגעבן מיט דער פולער האַנט. אַז גאָט גיט זיי, האָבן זיי אויך געגעבן. דער מילנער איז אויפגעריכט געוואָרן.

אויף דער אַנדער זייט וואַלד — ווי מערקווירדיק דאָס זאָל ניט זיין — איז אויך געווען אַ ווינטראַק, אָבער דאָרט איז דער ווינט געווען שוואַך. דאָ, אויף דער זייט, האָט דער ווינט געריסן די פליגלען. דער ווינטראַק האָט געקרעכצט. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען טאָג און נאַכט. און די שפּע איז געוואַקסן גרויס, וואַקסנדיק אַלץ מער פון טאָג צו טאָג.

דער מילנער איז דעם העלפער אברהם געווען אַזוי דאַנקבאַר אַז ער האָט אים געוואָלט מאַכן אַ געלעגער ביי זיך אין הויז, אָבער קאַדעש האָט בעסער געוואָלט זיין אין ווינטראַק.

**
*

איינמאָל האָט דער מילנער איינגערוימט דער מילנערקע אַ סוד. ער האָט זיך איינמאָל אונטערגערוקט ביינאַכט דורך אַ שפּאַרונג אין ווינטראַק און געזען ווי אין אַ ווינקל ביי ר׳ אַברהמ׳ס געלעגער איז געווען ליכטיק. דאָס

קאַניצל האָט געלייכט מיט די שטראַלן פון דער זון. ר׳ אברהם אַליין איז געזעסן איינגעוויקלט אין טלית און האַלטנדיק אן אָפן תהילמ׳ל, האָט ער מיט אַ זיסן ניגון געבעטן גאָט.

„דאָס איז געווען דאַנערשטיק״, האָט די מילנערקע געזאָגט. „דעם טאָג האָט ער געפאַסט״. די מילנערקע האָט דערקלערט איר מאַן אַז אויך זי האָט באַמערקט אַז ר׳ אברהם איז אַ באַהאַלטענער צדיק. „מיר דאַרפן אים אָפּהיטן ווי אַ טייערן אוצר... ער קוקט אויס ווי אברהם אבינו״.

שפּעטער איז זייער קינד פּלוצלונג קראַנק געוואָרן.

די קראַנקהייט איז געקומען, ווי זיי האָבן געגלויבט, דורך אַן אַלטע בעטלערן, וועלכע האָט געגעבן דעם קינד אַ גוט אויג בשעת עס האָט זיך געשפּילט, פריילעך און לעבעדיק, אין דרויסן. דאָס קינד האָט זיך געקאַ־טשעט אויפן בייכל און די מילנערין האָט גאַרנישט געוואוסט וואָס צו טאָן. האָט זי גערופן ר׳ אברהמ׳ען ער זאָל האַלטן דאָס קינד, ווייל זי וויל גיין אַריינרופן אַ שפּרעכערין. הערט, באַלעבאָסטע, האָט ר׳ אברהם גע־זאָגט. אַ גוט אויג קאָן איך אויך אָפּשפּרעכן... נאָך בעסער ווי די שפּער־כערין״.

ער האָט איר דאַן געפרעגט וואָס איר נאָמען איז, און דער נאָמען פון קינד.

„מיין נאָמען איז שרה״, האָט זי געזאָגט, „און מיין קינד׳ס נאָמען איז זיסיע... אַ נאָמען נאָכן הייליקן ר׳ זיסיע״.

קאָדעש האָט פרום פאַרגלאָצט די אויגן און גענומען שפּרעכן:
דריי ווייבער זיצן אויף איין שטייג:
איינע זאָגט זיסיע בן שרה האָט אַ גוט אויג,
די צווייטע זאָגט: ניין,
די דריטע זאָגט: פון וואַנען ס׳איז געקומען,
אַהין זאָל עס גיין.

„דריי מאָל געשפּראָכן, דריי מאָל אויסגעשפּיגן — דאָס וועט צונע־מען דאָס גוט אויג ווי מיט די הענט״, האָט ער איר געזאָגט.

עס האָט אָבער ניט געהאָלפן, און די מילנערקע איז אַוועק ברענגען די שפּרעכערין. אָבער ווען זי איז צוריקגעקומען איז דאָס קינד געזעסן אויף קאָדעש׳עס שויס און זיך געשפּילט מיט זיין זילבער־ווייסער באָרד.

קאָדעש איז געווען זייער געטריי אין זיין אַרבעט, און די פּויערים האָבן אים אָנגעהויבן צו אַכטן. אייניקע האָבן גענומען גלויבן אַז ער איז אַ געטלעכער מאַן און מען האָט דערציילט וועגן אים גרויסע וואונדער. זיין וואָרט ווערט מקוים. זיין ברכה גייט אָן. שפּעטער אַביסל האָבן ניט בלויז

אייניקע אַזוי געגלויבט, נאָר כמעט אַלע פּויערים פֿון אַרום האָבן אָנגעהויבן צו קוקן אויף אים ווי אויף אַ הייליקן. אייניקע האָבן אַפֿילו אָנגעוויזן אַז אין קלויסטער איז פֿאַראַן אַזאַ הייליק בילד וואָס איז כמעט ווי קאַדעש׳עס פּנים.

מען האָט דערציילט אַז די פּויערים וואָס האָבן גענעכטיקט ביים וויט־ראַק האָבן ביינאַכט געזען אַ שיין. זיי האָבן זיך שטיל אונטערגעהערט און אונטערגעקוקט און געפֿונען דעם „באָזשנע זשיד״ זיצן ביינאַכט איבער אַ בוך און זיך שלאָגן אין האַרצן, וויינען און בעטן גאָט. די פּויערים האָבן אויפֿגעוועקט אַנדערע און אַלע האָבן אַריינגעקוקט דורך דער שפּאַרונע. זיי האָבן זיך גע׳צלמ׳ט: איז דאָס אַ באָזשנער ראַבין?

איין טאָג האָט געטראָפֿן, אַז אַ פֿערד ביי אַ פּויער איז קראַנק געוואָרן. ער איז אַריין אין וויטראַק בעטן דעם ראַבין ער זאָל אים העלפֿן. קאַדעש איז באַלד אַריבערגעגאַנגען צום פּויער, באַטראַכט ווי אַ געניטער דאָקטאָר דאָס פֿערד. דאַן איז ער אַוועק צוריק אין הויז און געבראַכט אַ פֿלאַש מיט געזאַלצענע געלבלעכע וואַסער. ער האָט אַריינגעגאָסן מיטן פּויער׳ס הילף די וואַסער אין פֿערד׳ס האַלז אַריין. באַלד האָט דאָס פֿערד זיך אָפּגעטרייסלט די פֿעל און איז געזונט געוואָרן.

מער האָט מען שוין ניט באַדאַרפֿט. דער פּויער האָט איבערגעלאָזן אַ זעקל מעל פֿאַרן ראַבין, אָבער קאַדעש האָט אים געזאָגט אַז ער וועט דאָס ניט נעמען פֿאַר זיך נאָר וועט דאָס געבן אָרימעלייט. די פּויערים האָבן נאָך מער באַוואונדערט דעם הייליקן מאַן.

ווען מאָטל דער מילנער איז געפֿאָרן אין שטאָט אַריין, האָט קאַדעש אים געגעבן דאָס זעקל מעל ער זאָל עס איבערגעבן דעם רב לטובת די אָרימע לייט. דער רב האָט זיך געוואונדערט, ווארים מאָטל איז געווען אַליין אָרים, און ער האָט גערעכנט אַז אפשר איז אַ קינד ביי אים קראַנק געוואָרן. מאָטל האָט אים דערציילט וועגן דעם אַלטן אידן און וועגן זיין אופֿן פֿון לעבן, און דער עיקר וועגן דעם פֿערד וואָס איז געזונט געוואָרן דורך אים. „איך וויל אייך בעטן רבי״, האָט מאָטל געזאָגט, „איר זאָלט עס האַלטן בסוד... מיר היטן דעם אידן ווי דאָס אויג אין קאָפּ... מיר זענען ממש דורך אים אויפֿגעריכט געוואָרן״.

דער רב האָט גוטמוטיק געשמייכלט און געזאָגט: „אָ, אַ למד וואָווניק איז געקומען צו אייך! זאָל זיין מיט מזל״.

מאָטל דער מילנער האָט עס אָבער אָנגענומען פֿאַר גוט געלט און, ווען ער איז געקומען צוריק צו דער מילנערקע, האָט ער איר דערציילט וואָס דער רב האָט געזאָגט. האָבן זיי טאַקע אָפּגערעדט עס ניט צו צופּויקן, ווארים אברהם איז געווען טאַקע אַ ברכה. וואָס מען האָט אים געגעבן צו

טאָן איז געווען מיט מזל: אויסשלאָגן פּוטער, איז עס געטאָן געוואָרן איינס־צוויי און עס איז געווען אַ פולע מאקרעטע, ווי די מילנערקע האָט זיך אויסגעדריקט. און ווען מען האָט געשיקט די פּוטער אין שטאָט אַריין, האָבן עס די ווייבער צוכאַפּט. אַ מזל ברכה.

אָבער וואָס מער בסוד סודות די גאַנצע געשיכטע איז געהאַלטן געוואָרן אַלץ שטאַרקער האָט זיך די ידיעה וועגן דעם הייליקן מאַן צוטראָגן. איינער האָט דערציילט דעם אַנדערן. און וואָס נאָר עס האָט זיך געמאַכט ביי אַ פּויער — אַ קו האָט זיך געדאַרפט קעלבן אָדער אַ פערד האָט ניט געפילט גוט איז מען געקומען צו מאַטלען און באַלד האָט ער זיך געווענדט צום הייליקן מאַן. פּויערטעס זענען געקומען פון אַלע זייטן. ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ גרויסן אומגליק, פלעגט דער פּויער אָדער פּויערטע פאַלן מאַטלען ממש צו די פיס, און ער פלעגט באַלד אַרויסרופן אברהמן, אים בעטן ער זאָל האָבן רחמנות, אַ צער בעלי חיים. קאַדעש פלעגט זאָגן אַז ער וויל זען די קו אָדער פערד אָדער דאָס קראַנקע קינד. און עס האָט טאַקע געהאָלפן אַזיך. נאָכדעם האָט שוין דער פּויער געבראַכט צוויי גענז אַ מתנה אָדער עפּעס אַנדערש.

מען האָט זיך ממש געבוקט צו אים ווי צו אַ גאָט. ווען ער איז געגאַנגען אין געסל האָט מען פאַר אים אַרונטערגענומען דאָס היטל אַזוי ווי פאַר אַ גלח.

קאַדעשן איז די מעשה כלל ניט געפעלן געוואָרן. וואָס וויל מען פון אים? וואָס האָט בן ציון געוואָלט פון זיין לעבן האָבן וואָס ער האָט אים פאַרשטעלט אַלס רבי? אמת, ער האָט ניט געמיינט קיין בייז, ער האָט געוואָלט אַז קאַדעש זאָל אויסרוען אַביסל די ביינער, און דאָ האָט זיך גאָר פאַרפלאָנטערט אַ נעץ אַרום אים. עס איז אַוועק, אָבער אַזוי ווייט, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט העלפן.

איינמאָל, גייענדיק אַזוי אין געסל און באַטראַכטנדיק זיין גורל, האָט ער געהערט אַ שרעקלעך געשריי. הינט זענען באַפאַלן אַ אידן און אים שיער צעריסן. קאַדעש האָט זיך געוואָרפן אויף זיי מיט זיין שטעקן און זיי צוטריבן. בן ציון! בן ציון! — האָט ער געשריען. אָבער בן ציון איז געלעגן אין אונמאַכט אַ צעבלוטיקטער. מען האָט אים אַריינגעטראָגן צו מאַטלען אין הויז אַריין. ער האָט געעפנט קוים די אויגן און זיי באַלד פאַרמאַכט. קאַדעש, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן, האָט צו די בלוטיקע וואונדן צוגעלייגט פּאוטינע.

דער מילנער האָט דאַן געדונגען אַ פּויער מיט פערד און וואָגן, אַרויפגעלייגט בן ציונ'ען און אים אָפּגעפירט אין שטאָט אַריין. קאַדעש איז

ניט מיטגעפאָרן. ער איז געבליבן אין וויטראַק. דער מילנער איז באַשטאַ־נען דאַרויף אַז קאַדעש זאָל ניט פאָרן.

ווי דער שטייגער איז, האָט ער דעם אידן פאַרפירט צום רב, אים אי־בערגעלאָזט אויף קהל און אַליין געקומען אין וויטראַק אַריין. קאַדעשן האָט ער דערנאָך דערציילט, אַז דער רב האָט אים פאַרשפּראָכן צו רופן אַ דאָקטאָר צו דעם אידן, וועלכער איז געווען, ווייזט אויס, אַן אָרימער מלמד און איז געגאַנגען אויף שבועות פון דאָרף אין שטאָט אַריין.

דאָס געשעענים ביים פריץ

אַזוי האָט קאַדעש געלעבט ביז עס האָט זיך געמאַכט אַ געשעענים און דעם פריץ'ס בעסטער פערד איז צוגעג'גנב'עט געוואָרן. און אַזוי ווי דער פריץ האָט אויך געהערט וועגן באַזשנע ראַבין האָט ער באַפוילן דעם מיל־נער אַז ער זאָל בעטן דעם ראַבין צו העלפן אים געפינען זיין פערד. קאַדעש האָט איצט געהאַט אַ שווערע פּראָבלעם. „ר' מאָטל, וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס ווייס איך וועגן גע'גנב'עטע פערד? אַ נביא בין איך?"

אָבער מאָטל האָט גע'טענה'ט אַז דאָס מיינט פשוט ראַטעוון אַ מענטש־לעך לעבן. „האָט רחמנות אויף מיר — דער פריץ וועט מיך אומברייגנען... בעט גאָט אַז דאָס פערד זאָל זיך אָפּזוכן".

„וואָס ווילט איר פון מיר האָבן... איך בין אַ פּראָסטער חי וקים... איך רייד ניט מיט גאָט, און ווייס ניט וועגן גע'גנב'עטע פערד".

„וואָס פאַר אַ פּאָהיבל איז דאָס", האָט קאַדעש געטראַכט ביי זיך. „דיזעלביקע געשיכטע ווי מיט בערל כאַפּ"... מאָטל האָט ער אָבער גע־וואוסט, איז ניט קיין שווינדלער.

דערווייל האָט דאָס גאַנצע דאָרף גערעדט וועגן דעם וואָס דער פריץ האָט זיך געווענדט צום הייליקן מאַן אַז ער זאָל אויפזוכן דעם גנב. און יעדער גוי האָט געהאַט צו דערציילן וואונדער וועגן אים. איינער האָט דערציילט וועגן דער קו מיט די קעלבלעך וואָס ווי נאָר דער ראַבין האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף איר, האָט זי גענומען לעקן זיינע הענט און זיך באַלד געקעלבט און די מילך איז גאָלע פוטער. אַן אַנדערער האָט דער־ציילט וועגן אַן אַנדער מופת. און אַ דריטער האָט דערציילט אַז דער באַזש־נע ראַבין זיצט שוין און בעט גאָט און ער וועט שוין געפינען דעם גנב, וועלכער וועט באַלד אויפגעהאַנגען ווערן. אַזוי האָט געזאָגט דער פריץ. דער גנב, נאַטירלעך, איז אַליין געווען צווישן די פויערים אין קרעטשמע און ער האָט געציטערט אימת מות.

דער גנב האָט ניט געקאָנט רוען. ער האָט מורא געהאַט פאַרן באָזש־נע ראַבין, און נאָך דיזעלביקע נאַכט האָט ער זיך אַרויסגעשליאַכט פון דער קרעטשמע און איז אַוועק צום וויטראַק. ער האָט אַריינגעקוקט דורך אַ שפּאַרונע און געהערט ווי דער הייליקער מאַן בעט גאָט און שרייט און וויינט. פּלוצלונג האָט זיך אים געדאַכט אַז ער הערט זיין נאָמען „קוזמי״, פונם מויל פון ראַבין... ער האָט זיך איינגעהערט: יאָ, ער הערט טאַקע. קאַ־דעש האָט געזאָגט: עזי וזמרת יה ויהי לי לישועה, און ביים פויער אין די אויערן האָט עס געקלונגען ווי זיין נאָמען ווערט דערמאָנט. „קוזמי דער זלאָדיע... קוזמי דער גנב... „מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר. „וואָס ווילסטו?״ האָט קאַדעש געפרעגט. „עפן, ראַבין״, האָט זיך קוזמי געבעטן. „איך וויל דיר זאָגן וואו דאָס פערד איז״. קאַדעש האָט אים געעפנט. קוזמי איז אים געפאַלן צו די פיס און געבעטן ער זאָל אים ניט אויסגעבן און אַז ער וועט דאָס פערד צובינדן צו אַ סלופּ ביי די מאַלקעס, ניט ווייט פון וואַלד. ער האָט דערביי זיך געהאַלטן אין איין צלמ׳ען און שווערן, אַז ער וועט מער ניט גנב׳ענען.

„גיי שוין און טו וואָס דו זאָגסט... אַניט וועסטו ליגן אין קעסטל״, האָט קאַדעש געזאָגט.

ער האָט קוים דערלעבט אַז עס איז געוואָרן טאָג, און האָט אויפגעוועקט דעם מילנער, אָנזאָגנדיק אים אַז גאָט האָט געהאָלפן און דאָס פערד האָט זיך אָפּגעזוכט. מאָטל האָט געוואָלט וויסן ווער דער גנב איז, אָבער קאַדעש האָט אים געזאָגט אַז ער האָט בלויז אויפגעזוכט דעם פערד; דעם גנב׳ס נאָמען קאָן ער ניט אַרויסגעבן.

דער פּריץ איז געווען איבערגליקלעך און האָט צוגעשיקט פינף זעק קאַרטאָפליעס, פינף זעקלעך מעל און אַ קוויטל אין וואַלד פאַר פינף פור־לעך האָלץ. דאָס אַלעס איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין שטאָט אַריין פאַר די אָרימעלייט.

זעכצנטער קאַפּיטל

קאַדעש׳עס באַרימטקייט

קאַדעש׳עס באַרימטקייט איז נאָך געוואָרן גרעסער.

מאָטל דער מילנער איז געוואָרן זייער חשוב ביים פּריץ, און ער האָט געהאַלטן אין איין דערציילן די וואונדער פונם ראַבין. דער פּריץ איז אָבער געווען ווייט פון אַ גלויביקן און ער האָט געוואָלט זען דעם ראַבין

ביינאַכט. אין איין נאַכט איז ער טאַקע צוגעפאָרן צום וויטראַק און געהייסן דעם קוטשער בלייבן שטיין פון דערווייטנס. אַליין האָט ער אַריינגעקוקט דורך דער שפּאַרונע און געזען דעם ראַבין זיצן איבער אַ בוך און בעטן, מיט אויפגעהויבענע אויגן, צום הימל. קאַדעש האָט טאַקע אויסגעקוקט ווי אַ געטלעכער מאַן: זיין ווייסע לאַנגע באָרד, זיין בלייכער פּנים, די גרויסע ברעמען, דער גרויסער געקנייטשטער שטערן און די סאַמעטענע יאַרמולקע האָבן אים געגעבן אַן אויסזען פון אַ הייליקן. די פּריצטע האָט זיך געצלמ׳ט... איצט האָט זי באַשלאָסן זיך צו ווענדן צום הייליקן מאַן מיט איר אייגענער טראַגעדיע — זי האָט געוואָלט אַ קינד.

אויך אין שטעטל איז געוואָרן פרייליכער. די גערעטעניש אויף די פעלדער האָט אויפגעלעבט דעם מאַרק. קרעמער האָבן מער געלייזט. אָרעמע לייט זיינען אויך געהאָלפן. קאַדעש האָט אין זינען געהאַט די אָרימעלייט און האָט אַרונטערגענומען פון יעדן זעקל מעל אַ זשמעניע און די פּויערים זענען געווען העכסט גליקלעך וואָס דער געטלעכער מאַן האָט אַזוי געטאָן. זיי האָבן געגלויבט אַז אין זיין זכות ווערן זיי געהאָלפן.

די שטאָטישע אידן האָבן זיך אָבער געוואונדערט. וואָס פאַר אַ מענטש איז דער אַלטער מילנער? איז עס דען מעגלעך? די נייעס מיטן פּריצ׳ס פערד האָט געקלונגען ביי זיי ווי אַ פאַנטאַסטישע מעשה. אַ פּראָסטער מילנער זאָל פּראַווען חצות, פאַסטן יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, און מענטשן גלויבן אַז די גערעטעניש איז אויך אין זיין זכות. זיי האָבן אָבער געוואוסט אַז ער איז ניט קיין שווינדלער, ווייל אַלעס וואָס ער האָט געקראָגן פון די פּויערים האָט ער געשיקט אין שטאָט אַריין.

דאָך האָבן זיי געהאַט אַ שטיקל חשד און מע: האָט אָנגעהויבן חוקר ודורש זיין. צוערשט זיינען דריי סוחרים אַרונטערגעקומען צום וויטראַק זיך דערפרעגן, און מאָטל האָט זיי דערציילט די וואונדער. איצט, האָט ער געזאָגט, איז דער צדיק מיט דער קו אין וואַלד. די קו קאָן קוים דערטראָגן איר אייטער ווען זי קומט צוריק פאַרנאַכט און די מילך איז גאָלע סמעטענע. זיי האָבן געבעטן אַז מאָטל זאָל זיי ווייזן זיין ווינקל — אפשר וועלן זיי געפינען עפּעס... אָבער מאָטל האָט זיי געוויזן דעם לעכערדיקן זאַק און זיי געבעטן אַז זיי זאָלן עס ניט אָנרירן. זיי האָבן אים אָבער דערקלערט אַז זיי מוזן אַריינקוקן אין דער זאַך, ווייל דאָס אידישע פאָלק האָט אַ סך געליטן פון פאַרפירער. זיי האָבן פונם זאַק אַרויסגענומען קאַדעש׳ס וואַכן: אַן אַטלאַסענע קאַפּאָטע, אַ גאַרטל, אַ שטריימל, אַ טלית און תפילין, אַ סידור, און אַ תהילים מיט עברי־טייטש. צוריקלייגנדיק אַלעס האָבן זיי אָנגעזאָגט מאָטלען ער זאָל גאָרנישט זאָגן קיינעם און ביינאַכט האָבן זיי אָפּגעוואַרט צו זען וואָס דער צדיק טוט. עס האָט זיך זיי ממש געשטעלט

טרערן אין די אויגן זעענדיק ווי אַזוי דער צדיק גיסט זיך אָפּ נעגלוואַסער און פּראַוועט חצות. זיי האָבן געהאַט אַ התעורות, ווי ביים רבי׳ן צו סליחות.

די חקירה ודרישה האָט קאַדעשן נאָך מער באַרימט געמאַכט און פון אַלע זייטן זיינען געקומען צו אים אָרעמע, דערשלאָגענע, קראַנקע און צוקריפּלטע אַז ער זאָל זיי העלפן. קאַדעש האָט זיך געבעטן ביי זיי אַז ער קאָן ניט העלפן. אָבער זיי האָבן אַלע געשריען: העלף, רבי, העלף... און ווען ער האָט געזען אַז עס ווערט ערגער, האָט קאַדעש אָנגעהויבן צו טראַכטן פון פאַרלאָזן דעם וויטראַק. אָבער מאָטל האָט שוין צוריק ניט געקאָנט כאַפּן. עס איז שוין געווען צו שפּעט.

פּלוצלונג איז אַרויס די פינסטערע גזרה אויף אידן — צו פאַרלאָזן די גאַנצע טעריטאָריע וואָס ליגט ביז פּופּציק וויאַרסט פון דער גרעניץ.

די גזרה איז געפאַלן זייער שווער אויף אַלע אידן, אָבער ביי מאָטל דעם מילנער איז עס געווען דער גרעסטער אומגליק. ווארים ער האָט גע־מוזט איבערלאָזן אַזאַ גן עדן. האָט ער זיך געווענדעט צו קאַדעשן וואָס צו טאָן, און ער האָט אים באַרואיקט אַז גאָט וועט העלפן.

דערווייל זיינען געקומען די אידן אים בעטן ער זאָל זיי העלפן אין זייער נויט — דורך מתפּל זיין צו גאָט. אים אַליין האָט זיך אַוודאי ניט געגלוסט צו גייך אין אַן אומבאַקאַנטן פּלאַץ. האָט ער געגעבן אַ זאָג אַז אידן זאָלן זען געבן דעם פּריסטאַוו אין יד אַריין... און די פּויערים דאָט ער געהייסן שרייבן אַ פּראָשעניע צום גובערנאַטאָר אַז ער זאָל דערלויבן מאָטלען בלייבן אין דאָרף. דער גלח האָט די פּראָשעניע אונטערגעשריבן, און גאָט האָט טאַקע געהאָלפן.

דאָס מזל גיט אַ שיין

דער פּריץ, ווי געזאָגט, איז געווען אַ בעזדיעטניק און אַ קינד האָט ער געוואָלט האָבן. אָבער קיין דאָקטאָר און קיין טאָטער האָט אים ביז איצט ניט געהאָלפן. שוין פופצען יאָר אַז די האָפנונג אויף אַ קינד איז אויפגעגעבן געוואָרן.

האָבן זיי גערופן מאָטקען ער זאָל ריידן מיטן ראַבין און דערביי אים געשיקט צוויי ווייסע זאַנגענע העמדער און אַ רויטע פּאַטשיילע, און שפּעטער איז די פּריצטע צוגעפאָרן מיט איר קאַרעטע און געשיקט דעם דינער אַרויסרופן קאַדעשן. ער האָט געפילט זייער ניט גוט וועגן דעם ענין און האָט זיך ווי זיין שטייגער געהאַלטן אין איין בעטן: וואָס וויל

מען פון מיר? אָבער מאָטל האָט אים געהאַלטן אין איין איינרעדן אַז ער זאָל גיין. „גאָט האָט אייך געשיקט צו אונז” האָט ער געזאָגט. „עס קומט דער ווינטער. אידן וועלן האָבן האָלץ צו הייצן די הרובעס... האָט רחמנות. די פּאַטשיילע און די פּושקע טאַבעק. אין אמת'ן, פאָרן איצט אין פּריצ'ס הייף

קאַדעש האָט, קרעכצנדיק, זיך געוואַשן די הענט. ער האָט אויסגע־קאַמט די באָרד, אָנגעטאָן אין שבתדיקע קליידער, דעם שטריימל, גענומען די פּאַטשיילע און די פּושקע טאַבעק. אין אמת'ן, פאָרן אין פּריצ'ס הויף ווי אַ שלעפּער פּאַסט טאַקע ניט.

באַלד איז שוין קאַדעש געזעסן אין דער קאַרעטע, ווי אַ גראַף, און מאָטל איז געזעסן מיטן קוטשער. אַנטקעגן קאַדעש'ס פּלאַץ איז געווען אַ שפּיגעלע, האָט ער אַרייַנגעקוקט און זיך דערזען. ער האָט זיך ניט דער־קענט. ווער בין איך און וואָס בין איך? האָט ער זיך אַליין געפרעגט. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק אין זיין מוח: אפשר האָט מיך גאָט געשיקט... אפשר...

ווען די קאַרעטע איז אָנגעקומען צום הויף, האָט אַ באַדינער אין אַ גענעראַלסקן מונדיר שוין געוואַרט און געעפנט די קאַרעטע. דער גע־נעראַל אין איין זייט, מאָטל אין דער צווייטער, האָבן זיי אים געפירט ווי אַן אַלטן פּאַטריאַרך. מען האָט אים אַרייַנגעפירט אין זאַל, צו אַ שיין גע־בעטן פּאָטעל פון רויטן סאַמעט. ער האָט זיך אַרייַנגעזעצט און דערזען זיין פולע געשטאַלט אין דעם אַנטקעגנאיבערדיקן גרויסן שפּיגל. זיינע ליפּן האָבן שטיל געמורמלט: העלף מיר גאָט, העלף מיר... אַ קאַלטער שווייס האָט אַרויסגעזעצט פון זיין פּנים. „העלף מיר, גאָט, זיי מיט מיין מויל — לערן מיך וואָס צו זאָגן... היט מיין צונג איך זאָל ניט געשטרויכלט ווערן... זאָלסט מיר ניט פאַרשעמען, ווייל צו דיר זיינען מיינע אויגן געריכטעט. דו ביזט דאָך שטענדיק געווען מיט מיר אין מיינע נויטן”.

אַזוי גיך ווי ער האָט געענדיקט די תפילה איז די פּריצטע אַריין אין זאַל פאַרקליידט אין גאָלד, אין זייד, און באַהאַנגען מיט פּערל און זיך פאַרנייגט. קאַדעש האָט זיך באַלד פאַר איר אויפגעשטעלט און האָט גע־זאָגט: זייט געבענטשט, גנעדיקע פרוי. זי האָט זיך דאָס צווייטע מאָל פאַר־נייקט פאַר אים און דאַן אים געזאָגט אַז נאָר גאָט האָט אים געשיקט צו זיי. אין קורצע ווערטער האָט זי אים אָנגעוויזן, אַז דאָס גאַנצע רייכטום וואָס ער זעט גייט איר ניט איין, ווארים גאָט איז מיט איין זאַך ניט גוט צו איר וואָס ער האָט איר ניט געגעבן קיין קינד. „געטלעכער מאַן”, האָט זי ווייטער געזאָגט. „בעט גאָט פאַר מיר”.

קאַדעש האָט געוויזן אַרויף: „גאָט וועט אייך העלפן, גנעדיקע פרוי... טיילט צדקה... העלפט נויטליידנדיקע”. ער האָט דאַן אויפגעהויבן די הענט און זי געבענטשט.

די פּריצטע האָט אים אַרויסבאַגלייט צו דער טיר און די קאַרעטע האָט ווידער געוואַרט אויף אים. ווען קאַדעש האָט זיך פאַרבייגעטראָגן אין דער קאַרעטע דורכן דאָרף זיינען געשטאַנען פוןביידע זייטן פּויערים און האָבן זיך געצלמט. קאַדעש האָט זיך פאַרנייגט צו זיי ווי דער פּאָפּ.

די פּריצטע האָט אַריינגעשיקט אַ גרויסע מתנה צוויי פורלעך ווייץ און אַ קוויטל אויף צען פורלעך האָלץ צוצוטיילן אין שטאָט. מאָטל האָט דעם ווייץ באַלד צעמאָלן און אָפּגעשיקט צום רב און דאָס זעלביקע דאָס האָלץ. די פריייד איז געווען גרויס אין שטאָט. און אַלע חשדים וואָס זיי־נען געווען פריער זיינען צושמאָלצן געוואָרן. אַלע האָבן איצט געגלויבט אַז דער ר׳ אברהם איז אַ ערלעכער איד, און מעגלעך אַ נסתר.

קאַפּיטל 17

קאַדעש דער געטלעכער מאַן

דער געטלעכער מאַן האָט דערווייל געלעבט גאַנץ גוט: די פּריצטע האָט געטאָן אַלעס מעגלעכעס אַז עס זאָל אים זיין באַקוועם. צום סאַמע ערשטן האָט זי אויפגעבויט פאַר אים אַ קליין שטיבעלע ביים וויעטראַק און אים דערצו באַזאָרגט מיט אַ באַדינער, וועלכער זאָל אים צושטעלן אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן און אים סתם באַדינען. דאָס האָט זי געטאָן כדי ער זאָל קאָנען בעטן פאַר איר גאָט אַז זי זאָל איבערקומען בשלום, ווייל זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן פונקט אין יענער צייט.

דער באַריכט וועגן דעם האָט זיך צעשפּרייט ווייט און ברייט, אי־בער אַלע אַרומיקע דערפער, און עס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף דער באַפעלקערונג, הן אויף אידן הן אויף גוים. באַלד האָבן הונדערטער מענטשן באַלאַגערט דאָס קליינע שטיבעלע, גלויבנדיק אַז דער געטלעכער מאַן, ווען ער וועט בעטן גאָט פאַר זיי, וועלן זיי באַלד געהאָלפן ווערן.

דער באַדינער, אויספאָלגנדיק דעם פאַרזאָג ניט צוצולאָזן, איז גע־שטאַנען שטאָל און אייזן ביי דער טיר. אונזערע אידן האָבן געוואָלט געבן דעם גוי אין יד אַריין, ווי דער שטייגער איז, איז ער אָבער געווען, דער־ייִער אַ נקי־כפּימניק. הכלל, עס איז געווען צרות, אָבער זיך אָפּטשעפּען פון זיי האָט מען ניט געקאָנט, ווייל אידן זיינען דאָך עקשנים. איז מאָטל גע־פאַלן אויף אַן המצאה: צוקומען קאָן מען טאַקע ניט צום רבין אָבער אַ קוויטל מעג מען דאָך אָנשרייבן. ניט אַזוי? אַלזאָ? דאָס איז שוין געווען

אַ מיטל. ווער עס וויל אָנשרייבן אַ קוויטל מיט זיין נאָמען, דאַרף אַרייַנוואַרפן ח״י גראָשן אין אַ קופּערנער פּושקע און אַלעס וועט שוין זיין גוט. דאָס געלט וועט, נאַטירלעך, גיין אויף צדקה.

אין עטלעכע טעג אַרום איז שוין די פּושקע געווען פול. אידן און גוים האָבן געבראַכט קוויטלעך, ווער איין קוויטל און ווער צוויי — און ווען צוויי, איז עס צוויי מאָל ח״י. די קוויטלעך האָט מאָטל אַריינגעוואָרפן אין אַ הילצערן קעסטעלע און דאָס געלט אין דער פּושקע. דערביי האָט מאָטל אַ פּערטל געבראַכט צום רב צעצעטיילן פאַר צדקה, און דאָס איבעריקע האָט ער געלאָזן ביי זיך — ניט חלילה פאַר זיך גופא, נאָר פאַר ספּעציעלע פאַלן ווי פּדיון שבוים און ענלעכעס.

וואָס ער האָט געטאָן מיט די קוויטלעך האָט קיינער ניט געוואוסט, ווארום קאַדעש האָט זיי ניט געלייענט—ער האָט פּשוט ניט געקאָנט איבערלייענען אַ וואָרט. פונדעסטוועגן האָבן די מענטשן געגלויבט אַז ער בעט פאַר זיי גאָט און אַז זיינע תפילות ווערן אָנגענומען און ווערן געהאָלפן.

קאַדעש אין אַ שווערן געראַנגל

זינט קאַדעש איז געווען ביים פּריץ אין הויף און האָט געזען זיין געשטאַלט אין שפּיגל, האָט אים אָנגעהויבן פּיקן אין מוח: ווער בין איך?... בין איך דערזעלביקער אָדער ניט?...

נאַטירלעך אַז ער האָט קיינעם, אויסער זיך אַליין, ניט געקאָנט פרעגן, אָבער צו זיך אַליין האָט ער געמורמלט: קוק זיך אַרום, קאַדעש... ווער ביסטו? ווער איז גערעכט — דו אָדער די וועלט? ווען צוויי זאָגן שיכור, דאַרף דער דריטער גיין שלאָפן. דיינקסטו ניט, קאַדעש, אַז די צייט איז געקומען צו ווערן באַוואוסט און העלפן דער וועלט? אפשר ברייננגען משיחן?... אפשר ביסטו אליהו הנביא? ביז וואַנען וועסטו זיין פאַרשטעלט? אַנטפּלעק זיך בעסער פאַר דער וועלט און ברענג די ישועה.

אין קאַדעש׳עס האַרץ איז פאָרגעקומען אַ געראַנגל, אַ מין ויתרוצצו — דער מלאך מיטן שטן האָבן געקעמפט צווישן זיך.

טיף, טיף אין האַרצן איז געווען די מורא פאַר דער צוקונפט, פאַר דעם וואָס קאָן קומען. קאַדעש האָט געוואוסט אַז ער איז געווען ניט מער ווי קאַדעש דער וואַסערטרעגער. באשר בן ציון האָט אים פאַרשטעלט און אים געמאַכט פאַר אַ רבין. נו, איז וואָס? האָט ער זיך דען געביטן צוליב די רבנישע קליידער? ווי קאָן ער זיך פאַרגלייכן צום בעל שם טוב? דאָס

וואָלט דאָך געווען קריכן אויף גלייכע ווענט. דאָס וואָלט דאָך געווען צו ווערן אַ שווינדלער אויף דער עלטער. פֿע, ניט געדאַכט זאָל דאָס ווערן.

אָבער וואָס טוט מען פֿאַרט? האָט ער זיך ווידער געפֿרעגט. מענטשן בוקן זיך צו אים ווי צו אַן אָפּגאָט. וואָס ווילן זיי פֿון אים? פֿאַרוואָס לאָזן זיי אים ניט צורו? וואָס פֿאַר אַ יחסן איז ער ביי גאָט אַז זיינע ברכות זאָלן אָנגיין? און דאָך גלויבן זיי אַז זיין ברכה איז געטלעך, ווערט באַלד מקוים.

קאַדעש האָט געפֿילט זייער איבלדיק ווען ער האָט געטראַכט וועגן דעם. עס האָט זיך אים געוואָלט פֿאַרלאָזן דאָס שטיבעלע וואָס די פּריצטע האָט אויסגעבויט פֿאַר אים און פּטור ווערן פֿון דעם גאַנצן טאַראַראַם. אָבער ניט אַזוי לייכט קאָן עס געטאָן ווערן: דאָס שטיבעלע איז געווען וואַרעם און באַקוועם. דאָ האָט ער זיך געקאָנט אויסגלייכן זיינע אַלטע ביינער. און, צוריקשמועסנדיק, וואָס איז ער שולדיק וואָס די מענטשן קומען און קלאַפּן אין זיין טיר? האָט ער זיי דען גערופֿן?

נאַטירלעך אַז קאַדעש איז געבליבן.

קאַפּיטל 18

ס'איז ניט צו באַשרייבן די פֿרייד וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט צווישן דער באַפֿעלקערונג ווען די פּריצטע האָט געגעבן געבורט צו איר קינד, אַ אינגעלע. די גלעקער אין די קלויסטערס האָבן געקלונגען, אָנזאָגנדיק די גרויסע בשורה. און אין די דערפֿער און שטעטלעך האָט מען געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דער גרויסער געשעעניש.

שפּעטער האָט דער פּריץ געמאַכט אַ באַנקעט און איינגעלאַדן אַלע פּריצים פֿון אַרום און אַרום, די בעאַמטע פֿון די דערפֿער און דעם גלח, און ער האָט אויך געשיקט זיין קאַרעטע מיטן קוטשער צו ברענגען דעם געטלעכן מאַן, קאַדעשן, אַלס זיין פּערזענלעכן גאַסט. דער פּריץ האָט געוואָלט אַז דער הייליקער מאַן זאָל דאָס קינד בענטשן, און ער איז געווען זיכער אַז ווען ער וועט עס בענטשן וועט עס מקוים ווערן.

דער גרויסער טאָג איז אָנגעקומען. דאָס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק ווען קאַדעש האָט געפֿאַסט ווי שטענדיק, יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, און ווען דער קוטשער איז אָנגעקומען, האָט ער אים געהייסן וואַרטן ביז ער וועט אָפּדאַווענען מנחה. און ער האָט טאַקע געדאַווענט מיט אַ צעבראָכן האַרץ, בעטנדיק גאָט ער זאָל זיין מיט אים און אים וויזן דעם וועג און ניט געשטרויכלט ווערן מיט זיין צונג. דאַווענענדיק האָט ער

געפּילט ווי ער שטייט פאַר אַ משפּט אָדער ווי דער שליח ציבור וואָס זאָגט „הנני העני ממעש״.

ער איז געווען זייער שוואַך פון פאַסטן, אָבער ער האָט ניט גענומען אין מויל אַריין קיין זאַך. ער האָט אָנגעטאָן זיין אַטלעסענע קאַפּאָטע און זיין שטריימל. דאַן האָט ער גענומען דעם שטעקן און די רויטע פאַטשיילע און זיך געלאָזן גיין.

מאָטל און דעם פּריץ׳ס דינער אַזוי גוט ווי די גוים האָבן געוואַרט אויף אים אין דרויסן. ווען ער איז אַרויסגעקומען, אַ בלאַסער און אָפּגע־צערטער, האָט ער טאַקע איסגעקוקט ווי אַ געטלעכער מאַן. זיי האָבן אים געהאָלפן אַריינשטייגן אין קאַרעטע.

אויפן וועג האָט מאָטל געבעטן דעם דינער צו זאָגן דער פּריצטע, אַז דער ראַבין פאַסט שוין דעם צווייטן טאָג בעטנדיק פאַרן ניי־געבאָרע־נעם קינד, און אַז מען זאָל אים לאַנג ניט האַלטן. און אַזוי איז עס געווען. ווען זיי זיינען אָנגעקומען האָט דער באַדינער אים אַריינגעפירט אונטער די אָרמס. דער פּריץ מיט דער פּריצטע האָבן זיך העפלעך פאַרנייקט פאַר אים. דאַן האָט מען אים צוגעפירט אויבנאַן, וואו עס איז געווען אַ שטול. לאַנגזאַם האָט זיך קאַדעש אַוועקגעזעצט אויף דעם ווייכן שטול און האָט זיך לייכט פאַרנייגט פאַר די געסט.

דער פּריץ האָט דעם רבין דאַן פאַרגעשטעלט פאַר די געהויבענע געסט וואָס זיינען געזעסן אַרום טיש. אָנהויבנדיק מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

חשובע געסט: איך האָב די ערע אייך פאָרצושטעלן אַ געטלעכן מאַן, וועלכער גייט אין וועג פון די הייליקע. פאַר די לעצטע צוויי טעג האָט דער הייליקער מאַן ניט גענומען קיין זאַך אין מויל אַריין. ער איז אָרים און ליבט די אָרימע, ווייל ער האָט אַ גאָלדן האַרץ. אַלעס וואָס ער קריגט פון גוטע מענטשן גיט ער אַוועק די אָרימעלייט. נאָך מיטנאַכט איז ער שוין וואַך. די הימלען זיינען אָפן פאַר זיין געבעט. ער בעט פאַר אונז אַלעמען און פאַר דער גאַנצער וועלט. זינט ער איז דאָ מיט אונז האָט גאָט געשיקט זיינע ברכות אויף די פעלדער, און וועמען דער הייליקער מאַן בענטשט, איז ער געבענטשט.

און איצט, ליבע פריינט, לאָמיר אָנפילן די בעכער.

דער פּריץ האָט דאַן אָנגעפילט אויך קאַדעש׳עס בעכער, און גע־זאָגט: און איצט וועלן מיר טרינקען צום געזונט פון ניי־געבאָרן קינד. קאַדעש איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט וואָס צו טאָן, אָבער באַלד איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו בענטשן מזומן. ער האָט גענומען דעם גאָל־דענעם בעכער, און פאַרגלאָצנדיק די אויגן צום הימל, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ חסידישן ניגון די ווערטער: רבותי, מיר וועלן בענטשן... ברשות

מרנן ורבנן... און דאַן צוגעשטוקעוועט די ווערטער: מיטן נוסח ווי מ׳בענטשט חנוכה ליכט. שעשה נסים לאבותינו בימים הם בזמן הזה. און געענטפערט זיך אַליין: אמן.

די משקה איז געווען אויסגעצייכנט און קאַדעש האָט זיך פשוט מחיה געווען מיט דעם. ער האָט געוואָלט נעמען נאָך אַ כוסה. אָבער עס האָט ניט געפּאַסט דאָס צו טאָן. האָט ער געקוקט אויפן פלעשל מיט זשעדנע אויגן און ניט גענומען מער.

איצט האָט מען ערשט אַריינגעבראַכט דאָס קינד אַז דער רבי זאָל עס בענטשן. און קאַדעש האָט ווידער געהאַט פּאַר זיך אַ שווערע פראַגע. ער האָט געטראַכט: וואָס נאָך קאָן ער אויף ער אויסנווייניק? און ער האָט זיך דערמאָנט... האָט ער אויפגעהויבן די הענט איבערן קינד און גע־זאָגט אין דער הויך: יקום פורקן מן שמיא, חנא וחסדא ורחמי וחיי אריכי ומזוני רויחא... ווי לאַנג ער האָט נאָך געקאָנט דערגרייכן. אמת, ער האָט די טייטש ווערטער ניט געוואוסט, אָבער גראָד האָט עס זיך געפּאַסט, ווייל פשוט גערעדט מיינען די ווערטער: גאָט אין הימל, גיב אונז געזונט און לעבן, גענוג צו עסן און געזונטע קינדער.

ביי דער צערעמאָניע, ווען קאַדעש האָט געבענטשט דאָס קינד, האָט מען אַריינגעבראַכט אַ פאָטאָגראַף מאַשין און אַרונטערגעכאַפּט אַ בילד פונם רבין מיט די געסט. דאָס בילד און די געשיכטע מיטן געטלעכן מאַן אין הויף פון גראַף זיינען שפּעטער געווען געדרוקט אין די פוילישע, רוסישע און אידישע צייטונגען. אַפילו אין אויסלאַנד האָט מען איבערגע־דרוקט די געשיכטע. אַזוי ווי דער שטייגער איז זי נאָך אַ היבש ביסל צו־געפּאַרבט געוואָרן. דער רבי איז געשילדערט געוואָרן אַלס מלאך מיט פליגל און אַנדערע האָבן נאָך צוגעגעבן אַז ער שטאַמט פון אַן אַפּאָסטאָל, ישו הנוצרי׳ס אַ תלמיד.

קאַפּיטל 19

די אידישע קאָמיסיע

די געשעפטן זיינען געגאַנגען גוט און מאָטל האָט געטאָן אַלץ וואָס מען דאַרף, אָבער פּלוצלונג איז אַרונטערגעקומען פון אדעס אַ אידישע קאָ־מיסיע מיט אַ קאַזיאָנעם רב און גענומען מאָטלען אויפן צימבל. די פראַ־גע איז געווען: די קופּערנע פּושקע מיט דעם געלט... זיי האָבן געוואָלט וויסן וואָס עס ווערט געטאָן מיטן געלט און ווער קריגט עס אַריין די הכנסה.

נאָכדעם ווי מאָטל האָט זיך געזוכט אויסצודרייען מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט, מיט פֿוילע תּירוצים, האָבן די קאָמיסיע מיטגלידער אים געלאָזט וויסן אַז זיי האָבן דאָס רעכט, אויפֿן גרונט פֿון אַ פּאַפּיר פֿון גור־בערנאַטאָר צו אַרעסטירן קאַדעשן, אָבער פֿריער פֿון אַלעמען ווילן זיי דעם שווינדלער און מאַשעניק אַליין זען. מאָטל האָט זיך געבעטן ביי זיי: וואָס האָט איר צו אים? ווער האָט אייך געזאָגט אַז ער איז אַ שווינדלער? זיי האָבן אים געוויזן די צייטונג. און עס האָט אים ניט געהאָלפֿן קיינע שהיות און ער האָט געמוזט מיט זיי גיין.

געטראָפֿן האָבן זיי קאַדעשן איבערן תּהילימעל, מיט אַ געלן טלית. עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג און ער האָט געפֿאַסט. האָט ער טאַקע אויסגעזען ווי אַ געטלעכער מאַן. זיינע אויגן זיינען געווען פֿאַרוויינט.

„וואָס ווילן זיי?" האָט ער געפֿרעגט מאָטלען.

„מיר זיינען געקומען אויסגעפֿינען וואָס פֿאַר אַ שווינדל גייט דאָ אָן", האָט געזאָגט דער אָנפֿירער פֿון דער קאָמיסיע. „וואָס האָט איר דאָרט אין לעכערדיקן זאַק?"

קאַדעש האָט געקוקט נאַאיוו אויף זיי. „מיינע ליבע", האָט ער גע־זאָגט, „גאָט איז מיט אייך... דאָ האָט איר דעם זאַק, עפֿנט אים..."

זיי האָבן דעם זאַק ניט געעפֿנט. זיי האָבן בלויז אים פֿאַרזיגלט. דאַן האָבן זיי אים געוויזן דעם אויסשניט פֿון צייטונג מיט זיין בילד. „איז דאָס אייער בילד?" האָבן זיי געפֿרעגט.

ער האָט זיך גוט איינגעקוקט. „יאָ, עס זעט אויס ווי איך? ווי קומט עס אין דער צייטונג?" זיי האָבן אים געהייסן לייענען. אָבער קאַדעש האָט געזאָגט אַז ער קאָן ניט לייענען. „וואָס ווילט איר פֿון מיר?" האָט ער גע־שריען. „איר נאַרט אָפּ די וועלט!" האָבן זיי אים געענטפֿערט.

„וואָס בין איך שולדיק אַז מען מאַכט פֿון מיר אַ צימעס?" האָט קאַ־דעש געוויינט און זיך געבעטן ביי זיי. „איך בין אַ פּראָסטער חי וקים. איך בעט זיך ביי זיי לאָזט מיך צורו — איך קאָן אַפֿילו קיין גוט אויג ניט אָפּשפּרעכן, און זיי האַלטן אין איין קומען צו מיר. נו, זאָג איך גאָט וועט העלפֿן. טאָ, וואָס בין איך שולדיק אַז גאָט העלפֿט טאַקע? ווער קומט דען צו מיר? אָרימע, קראַנקע, אומגליקלעכע. מיין האַרץ טוט ווי אויף זיי־ערע ווייטאָקן. איך פֿיל זייער צער. איך וואָלט זיי מיין נשמה געגעבן. איך בעט פֿאַר זיי גאָט. קיין געלט האָב איך ניט זיי צו געבן. טאָ, פֿאַרוואָס זאָל איך זיי ניט געבן די ברכה אַז גאָט וועט העלפֿן? די פּאָר גראָשן וואָס אייניקע וואַרפֿן אַריין אין פּושקן ווערן צוטיילט צו אָרימעלייט. די מתּנות וואָס איך בעטל אויס פֿאַר זיי, שיק איך צום רבֿ. פֿרעגט אים וועט ער אייך זאָגן. פֿאַרוואָס זאָלט איר וועלן צונעמען ביי די אָרימעלייט זייער לעצטע

האָפנונג? גייט צו די רייכע, זאָלן זיי זען אַז עס זאָל זיין אַ דאָקטאָר אין שטעטל. זאָלן די אָרימע אידן ניט שטאַרבן דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער".

און זעענדיק אַז מען לאָזט אים ריידן אומגעשטערט, האָט קאַדעש גע־קראָגן מער מוט און האָט פאָרגעזעצט: „שטייט דאָ ביי דער טיר און זעט: ווער קומט אַהער? פרעגט זיי וואָס זיי פעלט? זאָל אייך פינסטער ווערן אין די אויגן, ווי מיר... זאָל אייך ווי טאָן דאָס האַרץ ווי מיר... וואָס ווילט איר פון די אָרימע אידן? איך וואָלט בעסער וועלן זען וואָס איר רייכע טוט פאַר די אָרימעלייט. גייט צום מלמד אין זיין חדר, צום קראַנקען סופר, צום אָרימען בעל מלאכה, און זעט די קינדער ווי אָפּגעריסן, הונגעריק, און שוואַך זיי זיינען. גייט צו די וואַסערטרעגער און האָלצהעקער און פרעגט זיי: וואו זיינען זייערע לייכטער? פאַרזעצט האָבן זיי די לייכטער ביים גביר... איר פוטערנע טולעפּלאַך און באַראַשקענע מיצעלעך און וואַרעמע קאָליאשן — גייט בעסער צוריק אין אייערע וואַרעמע היימען מיט די וואַרעמע קעלערס, זעצט זיך אַוועק אַרום די טישן און טרינקט פון די זידיקע סאַמאָוואַרן טיי מיט איינגעמאַכטס... מישט זיך אויס מיט די גוים, און לעבט ווי די גוים, ווייל אייך שטייט ניט אָן צו זיין צוזאַמען מיט איי־ערע אָרימע ברידער, וועלכע קוויקן זיך מיט אַ ציבעלע און קנאָבל".

די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן זיך צוגעהערט צו קאַ־דעש'עס רייד און האָבן גאָרנישט געזאָגט. ער האָט גערעדט אַזוי ערנסט אַז זיי זיינען געבליבן דערשטוינט און האָבן אייגנטלעך ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. און קאַדעש זייענדיק אויפן פערד, האָט ווייטער געזאָגט: „איר וועט מיך אַרעסטירן — נו, איז וואָס? וועט דער אָרעמער דערמיט געהאָלפן ווערן? וועלן קראַנקע דורכדעם געהיילט ווערן? נעמט מיך, וואַרפט מיך אַריין אין אַ לייבן גרוב, פאַרקויפט מיך ווי די ברידער האָבן פאַרקויפט יוספן... איך ווייס, איר וואָלט געוואָלט איינטונקען מיין העמד אין בלוט און אָפּנאַרן דעם אַלטן טאַטן, יעקבן... איידער איר גייט זאָל יעדער פון אייך אַריינוואַרפן אַכצן גראָשן אין פושקע און אָפּקרעכצן ווי אייערע טאַ־טעס און מאַמעס, און אויב זיי האָבן ניט גענומען פון צדקה, איז אייערע זיידעס און באָבעס... וועלכע האָבן געבעטן פאַר יענעם... לאָזט צורו די קופּערנע פושקע... לאָזט צורו דעם לעכערדיקן זאַק. איך ווייס איר האָט פון אַלעס — איך פאַרגין אייך מיטן גאַנצן האַרצן, אָבער האָט גאָט אין האַרצן... האָט אין זיבען אָרימעלייט".

די קאָמיסיע מיטגלידער האָבן זיך דורכגערעדט צווישן זיך און באַשלאָסן דערוייל צורו לאָזן דעם רבין. אַרויסגייענדיק אין דרויסן, האָבן זיי געזען אָרעמע, צעבראָכענע אידן און אידענעס, וועלכע האָבן געבעטן נדבות מיט אויסגעשטרעקטע הענט. קאַדש האָט זיי דערמאָנט זייערע אייגענע עלטערן, איינגעוויקלטע אין טליתים מיט די טרערן־

דורכגעווייקטע תהילימלעך; זיי האָבן דערזען דעם אידישן דלות אין זיין גאַנצן גרויס און זיי האָבן געהאַט, יעדער פאַר זיך, אַ סך צו טראַכטן וועגן דעם וואָס קאַדעש האָט זיי געזאָגט. שפּעטער אָבער ווען זיי האָבן זיך אויסגעטשוכעט פון ערשטן איינדרוק זיינען זיי אַוועק צום רב.

דער רב, ניט געקוקט דאַריף וואָס זיי זיינען געווען גילוחים, האָט זיי אויפגענומען ווי געהויבענע געסט. זיי האָבן אויסגעזען ווי רייכע אידן פון דער גרויסער שטאָט, און מיט אַזעלכע אידן טאָר מען זיך ניט זאַ־טשעפּן. אויסער דעם איז עס געווען ס'ערשטע מאָל וואָס אין שטעטל איז אַרונטערגעקומען אַ איד מיט אַ קנעפּל... און מיט אַזאַ איינעם האָט מען געמוזט אַוודאי זיין פאַרזיכטיק.

זיי האָבן דאָן אויפגענומען די פראַגע וועגן „שווינדלער" מיטן רב, טענה'נדיק אַז מען טאָר ניט דערלאָזן אַזאַ אַבערגלויבן.

„וואָס מיינט איר?" האָט דער רב געפרעגט. „ווער זיינען די שווינד־לער? אידן שווינדלער און נאָך אין אונזער געגנט! נייך, איר מאַכט אַ טעות. ווער האָט אייך דערציילט די בבא מעשה? אידן, רעדט קלאָרע דיבורים: ווער זענט איר?"

מיר זיינען אַ קאָמיסיע פון וויען", האָט איינער געענטפערט.

„אַ!, פון מענדעלסאָנ'ס קלייזל? נו, לאָמיר הערן... אָבער ווער איז דער איד מיטן קנעפּל?"

„דאָס איז דער ראַבינער איסאַק רובינשטראָס".

„ אָ, איר מיינט אַוודאי ר' יצחק ראַבינאָוויטש — מן הסתם אַביסל פאַרענדערט דעם נאָמען, אַ?"

„און ווער איז דער אַנדערער?" האָט דער רב געפרעגט.

„אבראַם סאַפּעראָוו".

„איר מיינט אַוודאי ר' אברהמעל שפירא...

„און דער איד?" אַלאַ... מאָריס גאַבריילאָוויטש... איר מיינט אַוודאי משהלע דעם גבאי'ס... אַלזאָ, אידן, טוט אויס אייערע פעלערינעס, און לאָ־מיר טרינקען אַ גלעזל טיי".

באַלד האָט דער שמש אַריינגעבראַכט אַ שטיינערנעם טשייניק מיט גלעזער און אַ פושקע מיט קלעצעלעך צוקער.

„הייסט עס, האָט דער רב ווייטער געזאָגט, איר זייט פון מענדעל־סאָנ'ס תלמידים... טאָ, איידער די טיי וועט זיך אָפּקילן, וועלן מיר דער־ווייל אַ שמועס טאָן מכוח די שווינדלער. אין וואָס באַשטייט דער שווינדל?

„דאָ ניט ווייט זיינען זיי, די שווינדלער. איינער אַ מאָטל האַלט דעם וויטראַק אין דאָרף".

„אָ, מאָטל דער מילנער. נו, און ווער נאָך?"

„דער אַלטער, זיין אַרויסהעלפער".

„דער אַלטער אברהם? איך ווייס. אַן אויסערגעוויינלעכער איד. זינט ער איז געקומען אין וויטראַק, איז דאָס שטעטל אויפגעריכט געוואָרן. זינט דער אברהם, דוקא אַ פשוטער איד, ניט קיין מלומד, אָבער אַ פרומער, האָט אַ גאָלדן האַרץ. ער שיקט אַריין זעקלעך מעל, קאַרטאָפליעס און האָלץ פאַר די אָרעמע לייט אַלס מתנות פון די גוים און פון פריץ. אויסער דעם איז ער אָפּגעהיט אין אַלעס: פאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק, ריכט אָפּ חצות, און דאַוונט ווי אַן ערלעכער איד דאַרף דאַוונען. ווער נאָר עס האָט זיך געווענדט צו אים, האָט אויסגעפונען אַז ער האָט אַ וואַרעם אידיש האַרץ... און מאָטל? אויף אים וועל איך עדות זאָגן אַז ער איז אַ פשוט'ער איד, אָבער אַ טאַטנס אַ קינד... זיין טאַטע איז געווען אַ חסיד. מיר פלעגן צוזאַמען פאָרן צום אַלטן זכותו יגן עלינו. ער פלעגט נושא חן זיין ביי די פריצים, און אַזוי איז אויך מאָטל, זיין זון. ווען ער קומט אין שטעטל אַריין ברענגט ער מתנות וואָס אברהם קריגט ביים פריץ".

דער רב האָט דאָ דערציילט ווי די גויים רופן אברהמ'ן — באָזשנע אַבראַם, וואָרים זינט ער איז געקומען איז אַ ברכה אויף די פעלדער. ווען די פויערים ברייגגען ווייץ, קאָרן צו מאָלן אין וויטראַק, נעמט אברהם אַרונטער אַביסל פאַר אָרימעלייט. און די פריצטע פון דאָרף האַלט פון אים ממש אַן עולם ומלואו, ווייל זי איז געווען קינדערלאָז און אברהם האָט איר צוגעווינטשעוועט צו האָבן אַ קינד. זינט דעמאָלט זיינען טאָקע די אָרימעלייט געהאָלפן געוואָרן. „זאָל דער אברהם לעבן און געזונט זיין", האָט דער רב פרום געזאָגט. „אַיין קלייניקייט — כל המקיים נפש אחת מישראל..."

אמת, האָט ער ווייטער דערציילט, מען האָט אין אָנהויב אַביסל אונטערגעמורמלט. בייזע ציגער. רכילות, ווי איר ווייסט. אָבער ווען מען האָט אַריינגעקוקט, האָט מען געזען אַז עס איז לא דובים ולא יער. אברהם גייט אין וואַלד אַריין און פאַרזאַמט זיך דאָרט. אָבער וועמעס עסק איז עס? דער בעל שם טוב הקדוש פלעגט אין וואַלד געפינען מער געטלעכקייט ווי אין שטאָט. אין אברהמ'ס שטיבל האָט מען געפונען אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע, אַ גאַרטל, אַ בינטל ציצית, אַ שטריימל, און אַ לעבערדיקן זאַק. גייט אָנגעטאָן ווי אַ מילנער, און מעגלעך אַז ער שטאַמט פון גדולים. נאָך זיינע מדות איז ער גאָר אַ נסתר.

און צולעצט האָט דער רב זיך אָפּגערופן: „הייסט עס, אַז איר באַטראַכט די צוויי אַלס שווענדלער? און געקומען פון אַזוי ווייט נאָך זיי?..."

„אָבער זעט, רבי, וואָס די צייטונגען שרייבן", האָט דער אָנפירער פון דער קאָמיסיע ווידער גע'טענה'ט. „אין איצטיקער צייט פון ציוויליזאַציע — אַ שטריימל, קונצן מאַכן, בענטשן... אַ איד מיט...

„אָ, ס'שטייט אייך ניט אָן? איך פאַרשטיי... אייער הויפּט צוועק איז צו געפעלן ווערן די גוים? ער גייט אָנגעטאָן ווי אַ איד, טויג עס ניט פאַר אייך? אָבער מיר ווייסן דאָך אַז עס איז אונמעגלעך זיך צו פאַרשטעלן... דער איד שרייט אַרויס... אויב איר וועט פאַרגעסן, וועט מען אייך דער־מאָנען".

דער רב האָט דאָן זיי גוט אויסגע'מוסר'ט וואָס זיי קניען צו דער אַסימילאַציע און פאַראייניגן זיך מיט די הויכע טשינאָווניקעס קעגן אומ־שולדיקע אידן. „פאַרשטייט איר זיין נשמה?" האָט דער רב געפרעגט. „האָט איז געזען ווער עס שטייט ביי זיין טיר? אָרימעלייט, צעבראָכענע און אומגליקלעכע, יאָ, ווער עס רעדט צום שלעכטן אויף אַזאַ אידן דאַרף זיך שטעלן ביי זיין טיר און בעטן מחילה... און איצט, אידן לאָמיר טרינקען טיי".

שפּעטער אַביסל, נאָכדעם ווי די קאָמיסיע האָט פאַרבראַכט אַביסל מיטן רב, האָט איינער זיך ווידער אָפּגערופן: „ווער דאַרף זיין פאַסטן"? ווער הייסט אים קריכן אין די הימלען...? מיר ווילן מער ציוויליזאַציע, מער אויפקלערונג, און פּטור ווערן פון דער פינסטערניש און פון אָבער־גלויבן... די צייט איז פאַראיבער פאַר אַזעלכע קונצן... מיר וויל ליכט..."

„ליכט?" האָט דער רב געפרעגט. איז ווייניק ליכט פאַראַן אין רעליגיע? מיר האָבן דעם יסוד פון רעליגע — דאָס זיינען די מצוות, די תורה... אייך געפעלט ניט אַזאַ רעליגיע און איר ווילט זי פאַרוואַרפן?" אָבער וואָס פאַר אַ אידנטום ווילט איר? איר בויט אַ בריק פון דער אי־דישער אין דער גויאישער גאַס... אַ איד וואָס גלויבט אין גאָט, ניט זייענדיק מקיים די מצוות איז אויך אַ איד — אַז אָך און ווי וועט זיין צו אַזאַ אידנטום... אייער אויסרעכענונג איז אַ פאַלשע, אָן ליבע און אָן רחמ־נות... איר ווילט ענדערן די געשיכטע? נעמט די עשרת הדברות, שטרייכט אויס דעם „לא" און פאַרטיק. אייער בנין איז אַ קאָרטן שטיבל וואָס פאַלט איין פון קלענסטן ווינטל... אָבער עס איז שוין שפּעט— צייט צו דאַוונען מנחה... אַשרי יושבי ביתך..."

ס'האָט לאַנג ניט גענומען זינט די קאָמיסיע איז אָפּגעפאָרן, ניט מער ווי עטלעכע וואָכן, ווען אין שטעטל איז געוואָרן פלוצלונג חושך. אַ שרעק איז באַפאַלן אַלע אידן ווען עס איז באַקאַנט געוואָרן אַז די פּאָלי־ציי האָט געקראָגן אַ באַפעל פון גובערנאַטאָר צו אַרעסטירן מאָטל דעם מילנער און זיין אַרויסהעלפער אברהם, און זיי ביידע צושטעלן מיטן עטאַפּ אין דער גובערניע אַריין אויף דער קלאַגע פון אויסנאַרן געלט און באַשווינדלען די פּויערים.

ווי אַזוי דער קלאַנג איז צוטראָגן געוואָרן און פון וואַנען ער איז גע־קומען האָט קיינער ניט געוואוסט. אָבער נאָך דיזעלביקע נאַכט האָבן אַ

צאָל באַלעבאַטים מיטן רב אַרויסבאַגלייט ביידע אידן צו דער גרעניץ וואָס איז געווען ניט ווייט פון שטעטל, כדי זיי צו ראַטעווען פון גויאישע הענט.

נאָכדעם ווי די פּאָליציי האָט געפונען די הויז ליידיק, האָבן אייני־קע פּויערים, שלעכטע גוים, אויסגענוצט די געלעגנהייט און געהעצט די אַנדערע קעגן די אידן. דער חשד איז געפאַלן, נאַטירלעך, אויף די אידן אין שטעטל אַז זיי האָבן אויסבעהאַלטן די צוויי... און עס האָט געהאַלטן ביי אַ פּאָגראָם. אָבער די באַמטע פון דאָרף און דער גלח האָבן די פּויערים אַביסל באַרואיקט, און זיינען דערנאָך אַוועק צום רב אויסצוגעפינען אפשר ווייסט ער עפּעס וועגן דער זאַך. דער פּאַרטרעטער פון פריץ האָט גע־טענה'ט אַז דער מאַן, וועלכער האָט געבראַכט אַזוי פיל גליק און ברכות דעם פריץ איז צוגע'גנב'עט געוואָרן דורך די אידן... די אידן האָט ער געהאַלטן אין איין ברייען, זיינען ווערט אַז מען זאָל באַשטראָפן, ווארים זיי האָבן פאַראורזאַכט גרויס שאָדן דעם דאָרף. ווען דער געטלעכער מאַן איז געווען זיינען קראַנקע געזונט געוואָרן, אָרעמע זיינען געהאָלפן גע־וואָרן, גנבות האָבן אויפגעהערט אין דאָרף, און אויף די פעלדער איז געווען אַ גערעטעניש. זאָגט ווער זיינען די מוסרים האָט דער פּאַרטרע־טער פון פריץ געפרעגט.

דער רב איז געווען אין גרויס שרעק, טענה'נדיק אַז אידן זיינען ניט קיין מוסרים. ער האָט פּרובירט צו געבן דעם פּאַרטרעטער צו פאַרשטיין אַז אידן ליידן פון אַפּיקורסים, וועלכע קוקן אויף די עכטע אידן אַלס ווי אויף אַלטמאָדישע מענטשן. זיי ווילן שפּאַלטן דעם אידנטום. זיי זוכן אונ־טערצוגראָבן דעם גלויבן. זייער נעסט איז אין דייטשלאַנד.

„מיר האָבן אַ שווערן קאַמף מיט זיי", האָט דער רב געזאָגט. „זיי מאַכן די אידן צו שאַנד און צו שפּאָט... אין זייערע רייכע טעמפּלען פּרע־דיקן זיי רעפאָרם און שפּייען קלעק אויף די עכטע אידן... זיי זיינען די מוסרים... מיר טרויערן אויפן ערלעכן אידן פונקט ווי איר, ווייל דורך אים זיינען הונגעריקע זאַט געוואָרן, און ווען ער האָט געבעטן האָט ער ניט געבעטן נאָר פאַר די אָרעמע".

דער רב האָט ווייטער דערציילט ווי אַזוי די רייכע פּעלערינע־אידן זיינען געקומען צו אים און האָבן געהאַלטן אין איין באַליידיקן דעם געט־לעכן מאַן און ווי אַזוי ער האָט זיך געבעטן ביי זיי אַז זיי זאָלן צורו לאָזן דעם ערלעכן מענטשן.

דער פּאַרטרעטער פון פריץ האָט זיך ווי ס'ניט איז אַביסל באַרו־איקט און געהייסן די פּויערים צורו לאָזן די אידן.

אין דער צייט ווען דאָס איז פאָרגעקומען האָט מאָטל ניט אַרויסגע־לאָזן קאַדעש'ן פון אויג, מורא האָבנדיק ער זאָל אים ניט פאַרלירן. ער

האָט געהאַט אַ פּלאַן פאָרן קיין אַמעריקע, אָבער ער האָט דעם גוטן מענטשן קיין וואָרט וועגן דעם ניט געזאָגט. ער האָט אים בלויז געגעבן אָנצוהערן אַז ער האָט אַ רייכן קרוב אין אַמעריקאַ, וועלכער פאַרמאָגט אַ גרויסע מיל, וויל ער אים, ר׳ אַברהמ׳ען פרעגן אַן עצה: היות זיי זיינען געבליבן ווי אויפן וואַסער, און קיין צופיל געלט האָבן זיי ניט, צי איז ניט אַ פּלאַן אָפּצופאָרן קיין אַמעריקע און דאָרט אַרבעטן ביים קרוב אין מיל?

„פאָרט אַליין... וואָס דאַרפט איר מיך האָבן?" האָט ר׳ אברהם גע־זאָגט.

אָבער מאָטל האָט געהאַט אַ געשליפן צינגל: „ניין, ר׳ אברהם, ווי קאָנען מיר זיך שיידן? וואו וועט איר זיך אַהינטאָן אויף דער עלטער?" און זעענדיק אַז ר׳ אברהם ווערט זיך ניט, האָט ער אָנגעהויבן צו שפּילן אויף זיינע געפילן און אים דערמאָנען ווי אַזוי זיי זיינען ביידע געוועזן הונגעריק און ערשט ניט לאַנג ניצול געוואָרן פון עטאַפּ און פון דער סכנה זיך צו וואַלגערן אין טורמעס. טאַ, ווי אַזוי קאָן ער אים איצט אי־בערלאָזן אַליין? „אפשר איז גאָר אַזוי פון הימל באַשערט", האָט ער פרום צוגעזעצט.

קאַדעש האָט זיך פאַרטראַכט: „יאָ, ר׳ מאָטל, גאָט פירט די וועלט... אונזערע פּלענער זיינען גאָרנישט ווערט... אַז גאָט וויל מיר זאָלן פאָרן קיין אַמעריקאַ, זאָל זיין מיט מזל... מיר גלוסט זיך ניט פון אייך צו שיידן. דער זעלביקער גאָט וועט זיין מיט אונז אין אַמעריקאַ".

קיין שוועריקייטן זיינען אין יענער צייט ניט געווען. עס איז ניט נויטיק געווען קיין פּאַפּירן אָדער וויזאַס. מען האָט בלויז געדאַרפט קריגן שיפס־קאַרטן און קיינער האָט ניט געפרעגט ווער איז ווער. ווען אברהם האָט געדאַרפט אָנגעבן זיין נאָמען אויף דער שיפס־קאַרטע, האָט ער פאַר־געסן זיך צווייטן נאָמען, אָבער מאָטל האָט זיך באַלד אונטערגערוקט און געגעבן אַ זאָג: אַברהם אבינו, און אַזוי איז עס טאַקע פאַרשריבן געוואָרן.

קאַפּיטל 20

בן ציון האָט קאַדעש׳ן כמעט פאַרגעסן. געזעלשאַפטלעכע ענינים האָבן געפאָדערט — זיך איבערגעבן מיט לייב און לעבן.

צוערשט האָט בן ציון איינגעשטעלט זיין גמילת חסדים געזעלשאַפט. ניט מער האָבן אַרימעלייט געבראַכט משכנות און ניט מער האָבן זיי גע־דאַרפט צאָלן פּראָצענטן. דאַן האָט ער זיך גענומען צו די יתומים וואָס די מגפה האָט איבערגעלאָזט. מען האָט די יתומים צוטיילט צווישן די

הייזער. און דערנאָך האָט ער געגרינדעט מיט דער הילף פון די בעלי בתים אַ תלמוד תורה. ער אַליין האָט געגעבן דאַרויף געלט און ער האָט אויך באַוויזן אַנדערע צו געבן. דאַן איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק צו גרינדן חברות וואו מען האָט געלערנט תורה. אָפטמאָל איז ער אַליין גע־קומען פאַר זיי לערנען. אויך אַנדערע האָבן געלערנט מיט זיי.

אין שטעטל איז ער ממש פאַרגעטערט געוואָרן. און ר׳ חיים, זיין שווער איז געווען איבערגליקלעך. אויך זיין מוטער, שרה די סופר׳טע, האָט אָפּגע־לעבט. זי האָט געהאַט פון אַלעס גוטן און איר נחת פון זון איז געווען גרויס. אָבער איר׳ם נחת האָט זי געהאַט אויך איבערטראַכטעניש. אמת, אַלעס איז טאַקע גוט און וואויל, אָבער בן־ציונ׳ס ווייב איז ניט אָמבעסטן. אַ בעלמום...

צוערשט האָט זי זיך געטרייסט אַז נאָך אַלעמען איז אַלעס אין אָרדנונג. אָבער דערנאָך האָט זי גענומען טראַכטן וועגן דער צוקונפט. ווי אַזוי וועט די שטומע פרוי קאָנען דערציען קינדער? וועט עס ניט פאַלן שווער אויף איר זון? און פאַרוואָס קומט עס אים בכלל אַזאַ פרוי? רייכטום, געלט, איז דאָך ניט אַלעס. ער וועט זיך אַמאָל אומקוקן... פלוצלונג וועט ער דערזען אַז ער האָט זיך פאַרקויפט פאַר געלט, און דאַן וועט איר בריליאַנ־טענער זון זיין אומגליקלעך. ס׳איז איר געוואָרן שווער צו טראַכטן וועגן דעם, און זי האָט באַשלאָסן זיך אויסצורירן דאָס האַרץ פאַר דער רביצין.

שרה די סופר׳טע האָט געוואוסט אַז דער רב האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם, אַז ער האָט עס ניט געטאָן צוליב אַ שידוך, אָבער איר זיכער־קייט איז בלויז געווען אין אַנהויב שטאַרק, שפּעטער אַביסל האָט זי אָנ־געהויבן האָבן אַ שטיקל חשד אַז אפשר, אפשר... זי האָט אַליין זיך גע־שעמט וואָס זי איז חושד אַזאַ ערלעכן איד... אָבער עס איז סיי ווי ניט גע־ווען גוט. אמת, דער גביר איז אַ שיינער מחותן און משה דער סופר וועט זיך חלילה ניט שעמען אויף יענער וועלט מיט אַזאַ מחותן, אָבער דאָס איז דאָך ניט אַלעס. בן ציון, איר זון, איז געווען נאָך וויכטיקער. וואָס אָנבאַ־לאַנגט איר וואָלט קאַדש דער וואַסערטרעגער געווען אַזוי טייער ווי דער גביר... איז קאַדעש דער וואַסער־טרעגער, הגם אַ פּראָסטער מענטש, ניט געווען קיין ערלעכער איד? אָט אַזוי האָט שרה די סופרטע זיך געוואַקלט צווישן אירע געדאַנקען. זי האָט זיך אַליין געזאָגט מוסר און ניט געקאָנט באַ־שליסן וואָס עס איז ריכטיק און וואָס עס איז ניט ריכטיק. אָבער איינס האָט זי געוואוסט אַז איר זונס גליק איז ניט גאַנץ. רייכטום איז ניט אַלץ. אַ שמאַלץ גרוב איז קיינמאָל ניט זיכער — דאָס שמאַלץ רינט אויס און די גרוב בלייבט, און געלט איז קיילעכדיק.

און שבת בייטאָג נאָכן שלאָף איז די סופר׳טע טאַקע אַוועקגעגאַנגען צו דער רביצין. ווי אַ שבת׳דיקע פרינצעסין איז די רביצין געזעסן, אָנגע־

טאָן אין גאַלע זייד, אויפן קאָפּ אַ ווייסע זיידענע פאַטשיילע מיט גאָלדענע קווייטן. אירע אויגן אָנגעגאָסן מיט גוטסקייט. די פרומקייט און צדקות איז איר געלעגן אויפן פנים. ווען די רביצין האָט זי דערזען האָט זי די סופר׳טע אויפגענומען מיט גרויס כבוד. די רביצין איז געווען פיל עלטער פון איר און האָט זי ניט געאירצט.

„וואָס מאַכסטו, טאָכטער? שוין אַ לאַנגע צייט דיך ניט געזען... וואָס מאַכט בן ציון?״.

עס האָט זיך פאַרצויגן אַ לענגערער געשפּרעך. די רביצין האָט שטאַרק געלויבט דער סופר׳טעס זון. אַ גאָלדן האַרץ און אַ גרויסער מוח, זאָגט דער רב. ווערט לויכטן ווי אַ שטערן אויפן אידישן הימל. „דו דאַרפסט זיך פילן גליקלעך, וואָס גאָט האָט דיך געבענטשט מיט אַזאַ זון, זאָל ער געזונט זיין״.

שרה האָט מיט אַ פרום פנים אויפגענומען דער רביצינס באַמער־קונגען, אָבער אירע אויגן האָבן געקוקט אומעטיק. די רביצין האָט באַלד געשפּירט אַז ניט אַלעס איז גוט און אַז איר האַרץ איז פאַרביטערט. אָבער וואָס קאָן עס זיין? און די סופר׳טע האָט געזאָגט צולעצט: ניט אַלעס וואָס שיינט איז גאָלד... בן־ציון איז טאַקע אַריין אין אַ שמאָלן גרוב. אָבער וואָס קומט אַרויס? זיין פרוי קאָן זיך דען אויפפירן מיט איר מאַן ווי אַ אידישע טאָכטער באַדאַרף זיך אויפפירן? און די שטראָף דערפאַר איז גרויס. און וואָס וועט זיין שפּעטער, ווען קינדער וועלן געבאָרן ווערן... אַז וויי איז מיר״.

די רביצין האָט געפילט אומבאַקוועם. די טענות פון דער סופרטע וועגן כשרות, אויפפירונג פון אַ אידישע טאָכטער... און אַנדערע זאַכן זיי־נען איר געווען פאַרשטענדלעך. אָבער ביי איר האָט עס אויסגעקוקט אַז עס איז אַ פאַרפאַלענע זאַך, נאָך אַלעמען. און זי האָט געוואָלט אַוועקגיין פון אָט דעם אונאַנגענעמען ענין ווי אַמגיכסטן. „עס איז שבת״, האָט זי אַ זאָג געטאָן — און מיר וועלן בעסער וועגן דעם ריידן אַן אַנדערשמאָל״.

זי האָט דאַן אַרויפגעפירט אַ שמועס גאָר וועגן עפּעס אַנדערש.

אָט דער אַרבוזע, קאָנסט אים, שרה? נו, אים וואָלט מען גענדאַרפט חתונה מאַכן. אַ געזונטער מאַן טאָר ניט אַרומגיין ווי אַ שייגעץ און פייפן״, האָט זי איר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער אַריין. „עס איז אַ שאַנדע פאַר דער שטאָט״.

די סופר׳טע האָט איינגעשטימט אַז עס וואָלט געווען אַ מצוה, אָבער וואָס קאָן זי דען טאָן?

„דו קאָנסט שוין אַ סך טאָן״, האָט די רביצין אַ זאָג געטאָן; „דער בייער וואַסע־טרעגער, אָט ווי דו זעסט אים, ווייסט וואָס ער וויל. ער וויל

אסתּר׳ן, דעם וואַסער־טרעגער׳ס אייניקל... וועלכע דינט ביי ר׳ חיים׳ן. אָבער עס דאַרף זיין עמיצער זיי צונויפפירן, און דיין בן ציון איז דער פּאַסיקער מענטש״, האָט די רביצין געזאָגט מיט מער קוראַזש ווי פריער.

שרה די סופר׳טע האָט זיך איינגעהערט און דערנאָך געזאָגט: „עס איז טאַקע אַ מצוה, אָבער עפּעס זאָגט מיר דאָס האַרץ אַז יאָ, איך האָב מורא ווען מען פאַרשלייערט, רביצין, און מען מאַכט יענעם התונה... אַט ווי מען האָט עס געטאָן מיט מיין זון. וואָס איז ער אַ קאַליקע ?״

און די סופר׳טע האָט ווידער אַמאָל גערעדט וועגן דעם וואָס האָט איר זויי געטאָן.

די רביצין האָט אויך ניט געשוויגן. איצט האָט זי געזען אַז זי מוז צעשלאָגן אירע טענות. און זי האָט געהאַט מיט וואָס — בן ציון האָט אַזוי פיל גוטס געטאָן דעם שטעטל. די יתומים ווייסן אַז עס איז פאַראַן אַזאַ גוטע נשמה וואָס זאָרגט פאַר זיי. מען לערנט תורה — ווייל ער האָט עס געמאַכט מעגלעך.

„ ניין, שרה, דו דאַרפסט גליקלעך זיין וואָס דו האָסט אַזאַ זון״.

— אָבער ווי קאָן איך זיין גליקלעך? — האָט די סופר׳טע געקלאָגט — „ווען איך זע ווי מיין איינציגער זון איז אַריינגעפאַלן...״

די סופר׳טע וואָלט נאָך אַ סך גערעדט, ווען ניט טריינע, משה דעם מלמד׳ס ווייב, וועלכע איז אַריינגעקומען מיט אַ ברייטן גוט שבת. משה דער מלמד איז שוין איצט געווען אַ סופר, און ווייזט אויס אַז טריינע איז געווען צופרידן מעט דעם — די פרנסה האָט זיך אַביסל פאַרבעסערט.

טריינע האָט מען גערופן „טריינע די דריטע״. דאָס איז געווען איר טיטל, אַט ווי לאָמיר זאָגן אַנדערע גרויסע ליַיט האָבן געקראָגן טיטולן, ווי ניקאָלאַי דער צווייטער אָדער ענלעכע. זי איז טאַקע געווען דאָס דריטע ווייב ביי משה דעם מלמד, און אַלע זיינען געווען מיט דעם זעלביקן נאָמען — אַ מאָדנער מזל פון אַ מלמד.

משה דער מלמד איז געווען אין די מיטעלע יאָרן, אָבער קינדער האָט ער געהאַט גענוג: צוויי פון דער ערשטער ווייב, דריי פון דער צווייטער און דריי פון דער דריטער. ביי דער דריטער ווייב האָט משה רעוואָלטירט — ער האָט ניט געוואָלט האָבן קיין ווייב מיטן נאָמען טריינע, אָבער דער שדכן האָט אים איינגערעדט אַז זי הייסט ניט מיט דעם נאָמען, נאָר יאַכ־נע. ווען אָבער עס איז געקומען אונטער דער חופה, האָט דער רב געליי־ענט די כתובה ,און, אַך, עס איז געווען דאָרט פאַרשריבן ,יאַכנע טריינע. אָבער צוריקכאַפּן איז שוין געווען אונמעגלעך. דער שדכן האָט טאַקע גע־קראָגן זיין ערלעך אויסקומעניש. מער וועט ער שוין מיט אים ניט האַנד־לען...

גראָד האָט זיך געמאַכט אַז יאַכנע טריינע האָט משה׳ן ניט אַנטוישט.

זי איז געווען אַ גוטע נשמה און האָט אים געהאָלפֿן טראָגן דעם עול פֿון פּרנסה. זי האָט זיך געקאָנט דינגען און אויפקויפן מציאות. האָט ער גע־בעטן גאָט זי זאָל זיך האַלטן ביי אים...

די רביצין איז געווען זייער צופרידן וואָס טריינע פלעגט קומען צו איר. זי האָט איר דערציילט אַלע מעשיות פון דער גאַס און עס איז אַלעמאָל געווען וועגן וואָס צו ריידן. אויך דאָס מאָל האָט טריינע גע־האַט עפּעס צו דערציילן.

„געהערט? כתריאל דעם שוסטער'ס טאָכטער וועט אין גיכן..."

און דאָ האָט זי דערציילט אַז פּעסל דעם שוסטער'ס טאָכטער האָט שוין איר באַשערטן.

„ווער איז ער?" — האָט די רביצין געפרעגט.

„אַרבוזע דער וואַסערטרעגער", האָט טריינע אויסגעשריען. „עס וועט אין גיכן זיין תנאים".

טריינע האָט אָבער געהאַט נאָך עפּעס צו דערציילן. און דאָס האָט נאָך מער אינטערעסירט די רביצין. עס האָט זיך נעמלעך געהאַנדלט וועגן דעם וואָס דעם פריערדיקן וואַסער־טרעגער'ס אייניקל לויפט נאָך אַר־בוז'ען און וויל אים צונעמען... זי וויל אים אָפּרעדן פון פּעסלען. אָבער מירקע די שוסטערקע ווייסט אויך וואָס צו טאָן. לעצטן שבת איז די מכשפה'ניצע געקומען זען אַרבוזען. און געקומען איז זי צו כתריאל דעם שוסטער אין הויז אַריין. האָט איר מירקע דערלאַנגט אַ פּאַרציע. זי האָט געוואָלט אירע צעפּ אויסרייסן. זאָל זי נישט נאָכלויפן נאָך פרעמדע מע־נער.

די רביצין האָט זי אונטערבראָכן: „מען טאָר ניט רעדן קיין רכי־לות".

**
*

די רביצין האָט פאַר אַ לענגערע צייט ניט דערציילט דעם רב וועגן דעם געשפּרעך וואָס זי האָט געהאַט מיט דער סופר'טע. זי האָט אים ניט געוואָלט פאַרשאַפן קיין יסורים, און דערצו נאָך האָט זי געהאָפט אַז עס וועט זיך אויסגלייכן — אָט, צום ביישפּיל, ווען דאָס יונגע ווייבל וועט פאַרגיין אין טראָגן. אָבער לאַנג האָט זי עס ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן פון רב.

די סופר'טע האָט יסורים", האָט זי איינמאָל געזאָגט דעם רב, וואָס איר שנור קאָן ניט אָפּהיטן ווי געהעריק אידישקייט, וויל זי דעריבער איבעררײדן מיט דיר וועגן דעם", האָט זי פרום געזאָגט.

דאָס האָט זי אים געזאָגט ווען די סופר'טע איז געקומען צו איר

נאָך אַמאָל צו גאַסט און האָט אויסגעדריקט איר וואונש איבערצורײדן מיטן רב. „זאָל זי אַרײנגײן", האָט דער רב געענטפערט, זיצנדיק אויף זײן שטול, אָנגעטאָן אין אַ זײדענעם כאַלאַט און האַלטנדיק די רויטע פאַטשײלע און די פּושקע טאַבאַק לעבן זיך. ווען ער האָט זי דער־זען, האָט ער אַרונטערגענומען די ברילן און זי געבעטן זיצן. זינט איר מאַן איז געשטאָרבן האָט ער זי ניט געזען. ער האָט זי געפרעגט וועגן געזונט. „נו, האָט ער געזאָגט, אײער בן־ציון איז באמת אַ תכשיט... היט כיבוד אם... נו, קײן דאגות פּרנסה און געזונט ברוך השם אויך".

פאַראַן אַנדערע צרות... עס איז אַ זינד, רבי...

„וואָס מײנט איר אַ זינד?" האָט דער רב געפרעגט פאַרוואונדערט.

„איך מײן", האָט זי געזאָגט, „אַז עס איז אַ זינד צו וואוינען מיט אַזאַ װײב — װײסט ניט װי אָפּצוהיטן אידישקײט... װײ צו מײנע יאָרן" און פאַרטראַכטנדיק זיך אַביסל האָט זי צוגעזעצט: „זי װײסט דען װי אַ אידישע פרוי דאַרף זיך אויפפירן? װי זיך האַלטן רײן, כשר..."

„וואָס הײסט?", האָט דער רב איבערגעפרעגט. „זי איז דאָך אויס־געוואַקסן אין אַ אידישער הויז! װײסט ניט דעם חילוק צװישן פלײשיקס און מילכיקס... אָדער אַנדערע דינים? זי איז אַ אידיש קינד... און אַז מען װיל נעמט מען אַרײן אַ אידישע פרוי אין הויז, וועט שוין אַלעס זײן כשר... ער אַלײן קאָן אויך אַכטונג געבן — צו וואָס זאָרג?"

דער רב האָט גערעדט קאַטבלוטיק, אָבער די סופר'טע האָט גע־האָט אַ תשובה דאַרויף און איר תשובה איז געװען מער קריטיק, װי גלאַט גערעדט. „אַ גליק האָט אים געטראָפן — אַרײנגענומען אַ פרעמדע פרוי און ער אַלײן זאָל אַכטונג געבן... גענומען אַזאַ טײערן בן־ציונ'ען און אים פאַרשלײערט... זײן גאַנץ לעבן פאַרװיסט".

דאָס איז שוין געװען צופיל געזאָגט, און דער רב האָט געפילט אַביסל אומבאַקוועם: „וואָס קאָן מען מאַכן? אַ זיווג... עס איז פון גאָט".

די סופר'טע האָט זיך פלוצלונג אויפגעהויבן פון פּלאַץ: „נײן, האָט זי געזאָגט שוין מיט מער מוט, קײנער קאָן מיר ניט אײנרעדן... אַ זיווג... דאָ איז עפּעס אַנדערש געװען... אָרימער בן ציון... אַ שמאַלץ גרוב איז געװען דײן זיווג... און איך װײס וואָס עס וועט זיך אויסלאָזן פון דעם.. אַזאַ גליק... ניאַנטשן קינדער... דאַרפן זײן אַ מאַמע און אַ טאַטע, אַז װײ איז מיר". זי האָט איצט געװישט די אויגן מיט איר פאַרטוך און געמורמלט: פאַרוואָס קומט עס אים, מײן בן־ציונ'ען? אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט, װי די ברידער האָבן פאַרקויפט יוסף'ן... ווען זײן פאָטער זאָל לעבן וואָלט געװען אַנדערש... ער קאָן אין קבר ניט רוען".

דער רב האָט געזען, אַז דאָ רעדט אַ פאַרביטערט האַרץ פון אַ מו־טער, און עס האָט אים גערירט ביז טרערן. „װײנט ניט, סופר'טע", האָט

ער געזאָגט... איר טאָרט אַזוי ניט זיין... בן־ציון איז מיר טייער ווי אַן אייגן קינד... איך וויל פריער איבעררעדן מיט בן־ציון. אָבער איר טאָרט ניט ריידן מיט קיינעם. גייט אַהיים, איך וועל אייך שיקן רופן ווען איך וועל אייך דאַרפן״.

דער פאַרזאָג ניט צו ריידן פאַר קיינעם איז ניט אומזיסט געמאַכט געוואָרן — דער רב האָט מורא געהאַט פאַר לייט, רכילות. מען דאַרף ניט מער אַז זי זאָל אויסריידן פאַר אַנדערע וואָס עס איז איר אויפן האַרצן און אַלע זאָלן האָבן וואָס צו זאָגן. איינער וועט דערהערן איין וואָרט: געלט...און עס וועט צעטראָגן ווערן אומעטום. שונאים זיינען פאַראַן גענוג. עס וועט זיין ווי בוימל אויפן פייער. פון דער אַנדערער זייט, האָט דער רב איינגעזען, אַז דער זין איז ניט אַזאַ פשוטער ווי עס האָט אויסגעזען. אַזאַ בן ציון האָט זיך כשר פאַרדינט צו זיין אַן איידעם אין אַן אַנדער פּלאַץ — ביי דער שענסטער רבנישער משפחה. אַזאַ בריליאַנט, אַזאַ גאָלדן האַרץ, ער וואָלט ווי אַ ליכטיקער שטערן געשיינט אין הימל ווען ער שטייט איין אין ריכטיקע הענט. און ווער טראָגט די שולד, ווער? ער, דער רב. ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף זיין וואָרט. זיין גוטסקייט, זיין ערלעכקייט האָבן אים געבראַכט צו טאָן עס. אָט אַזוי האָט געטראַכט דער רב, און ער האָט אָנגעהויבן צו האָבן געוויסנביסן. טרויעריקע מחשבות האָבן אים באַאומרואיקט. איינמאָל אַ ביינאַכט האָט ער אַפילו געהאַט אַ חלום ווי זיין פאָטער רופט אים צום בית של מעלה און האָט טענות צו אים... בן־ציונ׳ס הויז איז ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. דער אַלטער סופר האָט דעם רב געבעטן אין חלום אַז זי זאָל ניט פאַרגיין אין טראָגן און זען ווי ווייט מעגלעך אויסגעפינען ווי ער איז זיך נוהג מיט איר און אים טאַקע אויפמערקזאַם מאַכן דאַרויף...

דער רעזולטאַט פון דעם אַלעמען איז געווען, אַז דער רב האָט געחייסן דער רביצין אַריינקוקן אין דעם ענין און זיך זען מיט טעמע דער טיקעריז. איין קליינינקייט! מען קאָן דאָך ניט לאָזן אַזעלכע זאַכן ווי זיי זיינען. און עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַז די סופר׳טע האָט ניט גערעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין. עס איז טאַקע געווען אַ גרונט פאַר זאָרג.

טעמע די טיקעריז איז געווען אַן אַלטע אידענע, אַן איינגעבויגענע אין דרייען און אַן ציין אין מויל. אין אַ בייטעלע פלעגט זי האַלטן אירע אַרויסגעפאַלענע ציין, ווייל זי האָט ניט געוואָלט קומען אויפן עולם האמת אָן ציין. זי וועט זיי בעסער מיטנעמען אין קבר אַריין. מיט תכריכים האָט זי זיך שוין באַזאָרגט. וועגן אַ לויה איז זי געווען זיכער אַז זי וועט האָבן די גרעסטע. האָט זי דען אַלע ווייבער ניט גע׳כשר׳ט? אין אמת׳ן גערעדט, האָט זי געהאַט געזונג שוועריקייטן. די ווייבער האָבן אַלעמאָל

געהאַט פאָדערונגען — זיי ווילן נאָר אַז די מקוה זאָל זיין ריין, און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן. עלטערע לויפן ווי צו אַ טאַנץ, אָבער די אינגערע... נו, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. דאָס וואַסער איז צו־געדיכט. די בלעט־לעך פון די בעזימלעך שווימען אַרום און דאָס וואַסער איז גרוי, זעט אויס ווי אַ געדיכטער באָרשט... און ווען די רביצין איז געקומען צו איר וועגן פייגעלען, האָט זי נאָך אַ סך געהאַט צו דערציילן. אָפּגעשניטענע יאָרן. זי האָט זיך געוואָרפן ווי אַ שלאַנג... זי האָט איר צעדראַפּעט די נאָז. „איך האָב געהאַט דעם טויט", האָט טעמע געזאָגט. „ביז מען האָט זי אונטער־געטונקען". איצט קומט זי ניט מער. ווייזט אויס, שוין פאַרגאַנגען איר טראָגן. „בן ציון איז אַ מלאך, אַז ער קאָן מיט אַזעלכע אויסקומען", האָט זי צוגעזעצט. „וואָס ווייסט זי פון אידישקייט? גאָרנישט... וואָס געלט קאָן מאַכן... מיין אייניקל איז שיין ווי די וועלט, אַ טייער קינד, אָבער עס איז ניטאָ קיין נדן, זיצט זי".

אַלזאָ איצט איז געווען קלאָר די גאַנצע זאַך. און דער רב האָט איינ־געלאַדן בן־ציונ׳ען צו זיך אויף טיי.

גערעדט האָט מען וועגן פאַרשיידענע ענינים, און ענדלעך איז מען אַרויפגעקומען אויף סדר טהרות. מען האָט זיך מתוכח געווען וועגן פאַר־שיידענע הלכות, אָבער ענדלעך האָט דער רב אים שטילערהייט אַ פרעג געטאָן וועגן דעם וואָס עס האָט אים אינטערעסירט. נאָך אַלעמען, עס קאָן דאָך זיין אַ גרויסער מכשול. דער נסיון איז גרויס. מוז ער זיך היטן... אַ ממזר בן הנדה, איז אַ שווערער חטא... דער רב האָט פאַרשטאַנען פון זיינע רייד, אַז אויך ער האָט יסורים פון דעם, און ער האָט אים גע׳עצה׳ט זיך אָפּצושיידן פון איר ביז ער וועט וויסן וואָס ווייטער צו טאָן.

דער געשפּרעך וואָס בן־ציון האָט געהאַט מיטן רב האָט איבערגע־לאָזן אויף אים אַ שווערן איינדרוק. עס איז אָבער געווען אַן אינערלעכע מלחמה. דער יצר הרע האָט זיך ניט געלאָזן בייקומען. וואָס ער האָט ניט געטאָן — זיך פאַרטיפט אין לערנען, געווען פאַרזונקען אין מחשבות. אָבער די אַלע מיטלען האָבן ניט געהאָלפן. ווען נאָר ער איז שוין געווען אויפן וועג פון פאַרגעסן, איז פייגעלע געקומען און האָט אויפגעוועקט די זינדיקע געדאַנקען. די ליידנשאַפט איז געווען גרויס, פייערדיק. און מען איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש פון פלייש און בלוט. וואָס מער ער האָט זיך געוואָלט אויסהיטן פון איר, אַלץ מער האָט זי אים געצויגן צו זיך. בייטאָג האָט ער ווי ס׳ניט איז געקאָנט קאָנטראָלירן. ווען ער איז געווען פאַרנומען מיט לערנען אָדער מיט עניני עולם הזה, איז ער געווען אויסגעהיט. אָבער ביינאַכט איז ער געווען אין אַן אויפגערעגטן צו־שטאַנד. די תאווה איז געווען ווי אַ פייער אין אים. דער געדאַנק, אַז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, האָט אים שטאַרק באַאומרואיקט. האָט ער

זיך ווידער אַמאָל גענומען צום לערנען. אָבער ניט מער קאָן ער לערנען. בויגט ער אָן דעם קאָפּ איבערן ספר און וויל איינשלאָפן. קומט זי צו־גיין, אַ פּאַרפּיומירטע, און די ליידנשאַפט באַהערשט אים ווידער. אַ קוש פאַלט אַרונטער... און דאַן איז ער אין איר רשות. ער קאָן זי אַפילו ניט באַשולדיקן... זי איז פול מיט לעבן. האָט ער געזוכט אין די אַלטע ספרים אַ מיטל. אָבער אַזאַ מיטל איז ניט געווען — אַ מיטל צו בויען האָט זיך נאָך געפונען, אָבער ניט צוצושטערן... בפרט נאָך ביי געזונטע מענטשן...

פונדעסטוועגן האָט ער געקעמפט מיט זיך, און די תורה האָט אים ווי ס׳ניט איז אַרויסגעהאָלפן. זיין טאָג איז שטענדיק געווען פאַרנומען: גאַנץ פרי איז ער געגאַנגען אין וואַסער, דער נאָך געשריבן די תורה אַביסל און געגאַנגען אין בית מדרש אַריין. אָפּגעדאַוונט און געלערנט איז שוין געווען אַ האַלבער טאָג, איז ער געקומען אַהיים. און דאָרט האָט ער געהאַט אַנדערע אַרבעט. די גמילות חסד געזעלשאַפט, די תלמוד תורה, שפּעטער איז ער געגאַנגען אין בית מדרש אַריין לערנען מיט אַנדערע. און אַז ער איז געקומען אַהיים האָט ער זיך גענומען צו די קבלה ספרים. צו לערנען קבלה דאַרף מען האָבן אַ לויטערן מוח. ווען אַלע שלאָפן ווערט מען ניט געשטערט. אָט אַזוי פלעגט ער זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, געלערנט ביז ער איז איינגעשלאָפן אויפן ספר. פרייטיק צונאַכטס פלעגט ער אָנגיסן אין לאָמפּ גאַז, כדי דער לאָמפּ זאָל ברענען ביז האַלבע נאַכט.

קאַפּיטל 21

אסתר׳ס וואַנט

אסתר האָט באַמערקט ווי אַזוי בן־ציון לעבט און איז טיף באַ־דויערט. ער אַרבעט שווער פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, און ווערנדיק מיד ווערט ער אַנטשלאָפן אויפן ספר. אַזאַ יונגער מענטש און גייט לאַנגזאַם אויס ווי אַ ליכט... ער וועט נאָך קראַנק ווערן ווי זיין פאָטער. און ווער איז שולדיג? זיין ווייב ווייסט פון גאָרנישט. איז ווי אַ קאַלב, קוקט און שמייכלט... ניין, אסתר האָט ניט נאָר געהאַט רחמנות. אַ פונק פון אייפערזוכט האָט אין איר געגליט. אַזאַ טייערער יונגערמאַן — אַריינגעפאַלן אין אַ שמאַלץ גרוב, אָבער זיין לעבן איז פאַרלאָרן. אַך, ווען אסתר וואָלט געקאָנט זיך אויסטענה׳ן מיט גאָט. זי וואָלט אים גע־

געבן אַ גאַב... איבעראַל געלט און געלט — האָט באַשאַפֿן אַ וועלט, וואָס איז פֿאַרשאָלטן. אָבער האָט עס בן־ציון געטאָן פֿאַר געלט? אַזאַ גאָלדענע נשמה!... זיך געלאָזט איינרעדן. זאָל מען פֿרעגן דעם רב צי ער וואָלט זיך געלאָזט פֿאַרשלייערן, ווען ער איז יונג. טאָ, וואָס האָבן זיי געהאַט צו דעם אָרימען בן־ציון?

פֿאַרוואָס זאָל ער ניט רעדן וועגן דעם מיט זיין מוטער? עס איז געווען שווער פֿאַר איר דאָס צו טאָן. זיך אַריינצומישן אין אַ פּערזענלעכן ענין — אַך, מען קאָן איר נאָך זאָגן. אַז זי זאָל בעסער לאָזן צורו בן־ציון׳ען. אָבער פֿון דער אַנדער זייט איז ער געווען איר אייגענס... ווי ווייט ער איז געווען פֿון איר אין דער ווירקלעכקייט, האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז ער איז נאָענט צו איר. דאָס איז געווען אַזאַ געפֿיל ביי איר, וואָס זי האָט קיינמאָל ניט געקאָנט זיך באַפֿרייען פֿון דעם. זינט יענעם מאָמענט, ווען ער האָט זי געפֿרעגט יענע מאָדנע פֿראַגע: ביזטו אַ בתולה?.. האָט זי ניט אויפֿגעהערט צו טראַכטן וועגן אים. אמת, זי האָט עס באַהאַלטן. האָט קיינמאָל מיט קיינעם ניט גערעדט וועגן דעם. אָבער אין אירע געדאַנקען איז עס געווען עפּעס אַזוי נאַטירלעך, אַז וואָס מער זי האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ מער איז בן־ציון אַריינגעוואַקסן אין איר נשמה ביז זי האָט געזאָגט צו זיך: איך מוז אים אַרויסראַטעווען, איך מוז... אפֿילו ווען די גאַנצע וועלט זאָל זיך שטעלן קעגן איר. נאָך אַביסעלע און זי פֿייגעלע וועט פֿאַרגיין אין טראָגן, און דאַן וועט שוין זיין אַלעס פֿאַרפֿאַלן...

אַ גאַנצן טאָג פֿלעגט זי זיין פֿאַרטאָן אין איר אַרבעט. אָבער ביי־נאַכט, ווען בן־ציון איז געזעסן ביי זיך אין חדר האָט געלערנט און זי פֿלעגט הערן זיין קול דורכן קליינעם פֿענסטערל פֿון איר צימער לעבן קיך, וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין זיין חדר, פֿלעגט זי זיצן אַנטקעגן. זי האָט אים געזען, הגם ער האָט ניט געוואוסט אַז עמיצער קוקט אויף אים. ביי איר איז ער געווען איר מלאך: זיינע געקרייזלטע פּאות, זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן, זיינע ריינע, איידעלע הענט, און דער שטילער מעלאַנכאָלי־שער ניגון, וואָס האָט זיך געהערט פֿון צימער — דאָס אַלעס איז געווען פֿאַר איר עפּעס אַזעלכעס, וואָס זי האָט ניט געקאָנט אויסדריקן אין ווער־טער. עס האָט זיך איר אַלעמאָל אויסגעדאַכט, אַז ער בעט זיך ביי איר: באַפֿריי מיך! באַפֿריי מיך . . .! זי האָט אים געוואָלט קושן און האַלזן, אָדער כאָטש אַרומנעמען, און אים זאָגן וואָס זי טראַכט וועגן אים און ווי זי פֿילט, אָבער... אָבער ווי אַזוי קאָן זי עס טאָן, זי, אַ פּראָסטע דינסט־מיידל? סיידן ווען ער וועט אַנטשלאָפֿן, סיידן... ווען ער פֿאַלט אַוועק אַזוי אויסגעמאַטערט אויפֿן ספר...

אָבער דאָס איז אויך ניט געווען קיין פּלאַן. ווי וועט זיין אַז ער

וועט זיך אויפכאַפּן און זי טרעפן לעבן זיך? דאַן איז איר איינגעפאַלן אַ פּלאַן. פייגעלע שלאָפט אין אַ זיידן העמד, באַשפּריצט מיט פּאַרפיום... טאָ פאַרוואָס קאָן זי ניט טאָן דאָס זעלביקע? זאָל ער מיינען, אַז דאָס איז פייגעלע... פרייטיג צונאַכטס ווען עס איז פינסטער... מען טאָר קיין ליכט ניט אָנצינדן... יאָ, זי האָט באַשלאָסן, אָבער אין דער זעלביקער צייט איז איר אריבער אַ סקרוך איבערן לייב, ווען זי האָט געטראַכט וועגן דעם. עס איז איר געווען גוט און אַנגענעם, און אין דער זעלביקער צייט האָט איר האַרץ געציטערט...

זי האָט געציילט די טעג און די שטונדן ביז עס איז אָנגעקומען פרייטאָג. און ווען דער טאָג איז געקומען, האָט ער זיך געצויגן אָן אַן אויפהער און אָן אַ סוף... וואָלט זי געקאָנט, וואָלט זי געשטויסן די שטונדן ווייטער און ווייטער, אַזוי אַז עס זאָל שוין קומען די אָנגעצייכנטע מינוט. אָבער וואָס שנעלער זי האָט געוואָלט, אַז די שטונדן זאָלן לויפן, אַלץ לאַנגזאַמער האָבן זיי זיך געשלעפּט.

אַלע זענען שוין געשלאָפן, אָבער בן־ציון איז נאָך אַלץ געזעסן אין אַלקירל און האָט געלערנט. זיין קול האָט זיך אין דער שטילקייט גע־טראָגן ווי אַ געזאַנג פון ערגעץ ווייט. אָבער פּאַר אסתּרן איז דאָס געווען אַ געזאַנג, וואָס זי האָט פאַרשטאַנען אַמבעסטן. דער לאָמפּ האָט נאָך גע־ברענט, אָבער בן־ציון, זיצנדיק איבערן ספר, איז איינגעשלאָפן.

לאַנגזאַם, לאַנגזאַם האָט זי זיך צוגעשאַרט צום פענסטערל און אַריינגעקוקט. יאָ, ער איז איינגעדרימעלט. איצט איז געקומען די צייט אויף וועלכער זי האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. איצט איז דער מאָמענט. זי האָט דאַן אַרויסגענומען די העמד און אין דער פינסטער זיך באַשמירט מיט פּאַרפיום. אַלעס איז געווען ווי זי האָט אויסגעפּלאַנט. און מיט שטילע טריט איז זי אַרויס פון איר צימערל. אַ כשוף־קראַפט האָט זי געפירט. טריט נאָך טריט, זייענדיק פאַרזיכטיק זי זאָל זיך ניט אויס־גליטשן און דערמיט קאַליע מאַכן איר גאַנצן פּלאַן. ענדלעך איז זי געווען אין בן־ציונ׳ס צימער... דער וועג האָט געשיינט צו זיין אַזוי לאַנג.. דאָך איז זי צוגעקומען צו איר ציל... אירע הענט האָבן געציטערט, און איר האַרץ האָט זיך געצאַפּלט... זי האָט אָנגערירט זיין קאָפּ, און איר האָט זיך געדאַכט אין דער פינסטערניש ווי ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געשמעקט דעם פּאַרפיום און געגלעט איר זיידענעם העמד... דאַן האָט זי אים פאַרזיכטיק אָנגנומען ביי דער האַנט, ניט רעדנדיק אַ וואָרט, און אים אַריינגעפירט אין זיין אַלקירל... קיין וואָרט ניט צווישן זיי... אָבער זיינע ליפּן האָבן געמורמלט אין דער שטיל קריאת שמע. דער מלאך מיט פייערדיקע פליגל, אין דער געשטאַלט פון טיװל, האָט פאַרשפּרייט די שוואַרצע פליגל איבער זיי. לילית האָט געזיגט... ער איז איינגעשלאָפן...

שפּעטער איז אסתר געלעגן אין איר אייגענעם בעט און זי איז געווען זייער אויפגערעגט. זי האָט שוין ניט געקאָנט צומאַכן אַן אויג פאַר לאַנגע שטונדן, און ווען עס האָט אָנגעהויבן זשאַריען אויף טאָג האָט זי געהערט ווי ער שטייט אויף פון בעט. מן הסתם גייט ער אין מקוה אַריין, ווי יעדן שבת. זי האָט זיך אויף שנעל אָנגעטאָן, איז אַריין אין צימער, און אַרונטערגענומען דעם ליילעך פון בעט און פאַרשפּרייט אַ ריינעם.

קיין ענדערונג איז ניט געקומען אין בן ציון׳ס לעבן. ווען ער איז געקומען פון וואַסער, האָט ער גענומען זאָגן תהלים מיט אַ זיס קול, ווי זיין שטייגער איז געווען, און ווי די חסידים פלעגן זיך אויפירן... ביינאַכט לערנט מען און אין דער פרי זאָגט מען תהלים, ווי עס איז געשריבן: להגיד בבקר חסדך ואמונתך בלילות...

און שבת האָט דאָך יעדער איד אַ נשמה יתרה, בפרט נאָך בן־ציון, וועלכער האָט אַזוי טיף געפילט די געטלעכקייט אַרום זיך. אין זיין זיי־דענעם כאַלאַט, מיט דער שיינער יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ, און די הייליקייט פון שבת אין זיין נשמה, איז בן ציון געזעסן צוזאַמען מיטן גאַנצן בני בית, ווי אַ פּרינץ מיט זיין פאַמיליע. מען האָט געוואַרט אַז אסתר זאָל אַריינברענגען די קאַווע מיט מילך וואָס זיינען געווען אָנגעגרייט פון נעכטן אויפן אויוון.

ווען זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פּרינץ, האָט זי געפילט זייער אויפגעלייגט, און אירע הענט וואָס האָבן געהאַלטן די טאַץ האָבן גענומען ציטערן. און נאָך איידער זי האָט געקאָנט עפּעס טאָן צו האַלטן די טאַץ ריכטיק, איז אַ גלאָז אַרונטערגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן. די גבירטע האָט דאָס באַמערקט און געזאָגט אַביסל אָנגעשטרענקט: וואָס איז מיט דיר? אויפגעשטאַנען היינט אויף דער לינקער זייט...

וואָס האָט זי געקאָנט דען ענטפערן? דער אויסרייד פון דער גבירטע האָט געשלאָגן אויף איר אינערלעכער אָנגעשטרענגקייט, און זי האָט ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו טאָן אַזוי צומישט איז זי געוואָרן. עס האָט זיך איר אַפילו געגלוסט צו וויינען אויף אַ קול, אָבער בן ציון איז געווען דער וואָס האָט איר באַרוהיקט. — ס׳טרעפט זיך אַמאָל — האָט ער געזאָגט גוטמוטיק. אויך די גבירטע האָט איינגעזען אַז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און אַז צוליב אַ גלאָז, האָט זי איר ניט געדאַרפט מאַכן אַן אויס־רייד. זי איז צוגעגאַנגען, האָט וואָס געקומען רעדן צו איר אַזוי מילד און גוט אַז אסתר האָט שוין געמוזט ענטפערן. אָבער וואָס זאָל זי זאָגן? איז איר אַריין אין קאָפּ אַריין עפּעס אַ מאָדנער תירוץ: „דער קאָפּ איז מיר פאַרקלאַפּט... אַ חלום געהאַט“...

״אַ חלום?״ האָט די גבירטע זיך נאָכגעפרעגט.

אסתר האָט דאָ עפּעס געגעבן אַ זאָג אַרויס עטלעכע ווערטער וואָס

האָבן געמיינט אַז — איר קאָפּ איז צורודערט צוליב איר פאָטער און זיידן, וועלכע זענען פאַרפאַלן געוואָרן, און דאָס איז ווירקלעך געווען אַ גוטער תירוץ. בן ציון האָט זי געטרייסט: „מען דאַרף ניט זאָרגן. אייער פאָטער וועט זיך אָפּזוכן". און דאַן האָט ער צוגעזעצט: „עס איז שבת — מען טאָר ניט וויינען."

אסתר האָט געפילט בעסער איצט. זיינע ווערטער זענען געווען ווי אַ באַלזאַם אויף איר האַרץ. „אַזוי זענען זיי אַלע", האָט די גבירטע אַ זאָג געטאָן, „וואָס עפּעס עס פּאַסירט, וויינען זיי. וואָס פעלט איר? גאָט צו דאַנקען געגוג צו עסן."

פייגעלע האָט צוגערוקט די קאַווע צו בן ציונען און אים, הייסט עס, געהייסן טרינקען. עס האָט אָבער געמיינט נאָך עפּעס... צופיל אויפ־מערקזאַמקייט געשיינקט דער דינסט... דערביי האָט זי אים געגעבן אַ לייכטן קניפּ אין באַק, וואָס בן ציון האָט ניט גערן אויפגענומען, וואָרים עס איז ניט חסידיש. ר' חיים האָט באַמערקט בן ציונ׳ס אומצופרידענע מינע און ער האָט אים געזאָגט ער זאָל טרינקען די קאַווע.

ווען אַלע זענען אַוועק אין שול אַריין, האָט אסתר אַלעס פון טיש אַרונטערגענומען און געטאָן אַלעס אַז די גבירטע זאָל זיין צופרידן. און ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר אַרבעט, איז זי אַריין אין איר אַלקיר, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל. דאַכט זיך, זי איז געווען די זעלביקע, דאָך — ניט די זעלביקע. עפּעס איז געווען אַזוי ווי אויפגעשריבן אויף איר שטערן. זי האָט איצט געפילט ווי איינער וואָס איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף און די רעשטלעך פון חלום פאַרפאָלגן אים. אין איר מוח האָבן זיך געצויגן געדאַנק נאָך געדאַנק, דעראינערונג נאָך דעראינערונג... דאָס ערשטע מאָל האָט זי אים געזען אסתר תענית, ווען ער האָט געלייענט די מגילה. דעמאָלט איז זי געווען אסתר המלכה, און פון דעמאָלט אָן איז ער געוואָרן איר באַשערטער. האָט אים גאָט ניט געבראַכט צו איר אין הויז אַריין, אַז ער זאָל איר געבן אַ „שמירה" און זי ראַטעווען? פאַרוואָס האָט גאָט אַזוי געטאָן? מחמת דעם וואָס ער איז אירער. ווען ער האָט זי גע־פרעגט יענע פראַגע... זי געדענקט גאַנץ גוט, ווי אַזוי ער האָט זי אַ פרעג געטאָן, האָט ער זי מיט דעם אַליין מקדש געווען. זי איז געוואָרן זיינע אויף אייביק. יאָ, בן ציון האָט איר געזאָגט אַז זי זאָל עס האַלטן אַ סוד. זי זאָל טראָגן די שמירה אויפן האַלז. דאַן האָט דען איר פאָטער ניט איינ־געשטעלט זיין לעבן צו ראַטעווען דאָס לעבן פון זיין פאָטער? אָט דערפאַר טאָקע איז בן ציון אירער. זי איז זיין אמתע פרוי. איי, מען האָט אים פאַר־שלייערט, אַריינגעפּאַקט אין זאַק אַריין, איז וואָס? ער באַלאַנגט ניט צו „איר". און „זי" באַלאַנגט ניט צו אים. זי האָט געמיינט פייגעלען.

„פון היינט אָן און ווייטער,—האָט אסתּר געטראַכט צו זיך—וועל איך אָפּהיטן אַלע דינים ווי צווישן מאַן און פרוי ביז די צייט וועט קומען".

זי האָט ווידער אַמאָל אַ קוק געטאָן אין שפּיגל. „אַ שיינע כלה... אַ שיינע כלה בין איך... פאַרכמורעט... בלייך"... זי האָט זיך אַ וואַלגער געטאָן אין בעט און איינגעגראָבן איר קאָפּ אין קישן און שטילערהייד זיך צעוויינט.

ווען די באַלעבאָסטע איז געקומען פון שול, האָט זי אַרויסגערופן אסתרן און איר געהייסן גרייטן צום טיש. דאַן איז געקומען ר' חיים דער גביר אָנגעטאָן אין זיינע שבת'דיקע בגדים, אַן אַטלאָסענע אויבער־מאַנטל, אויף איין אַרבל אָנגעטאָן און דער אַנדערע איז נאָכגעהאַנגען. און נאָך אים איז געגאַנגען בן ציון, וועלכער האָט געטראָגן אַ זיידן טיכעלע אַרום האַלז, אַ זיידענעם גאַרטל און ווייסע זאָקן, און די הויזן אין די זאָקן. ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין סימן פון קיין באָרד, און האָט ווירקלעך אויסגעזען ווי אַ חתן נאָך דער חופּה. די שכינה האָט ממש אויף אים גע־רוט. אָבער אסתר האָט אויסבאַהאַלטן איר בליק פון אים. זי האָט זיך געשעמט...

דאַן האָט מען זיך געזעצט צום טיש און אַלעס איז געווען אין פולער אָרדנונג. אסתר איז געווען פילע מאָלביים טיש און הגם זי האָט געזוכט אויסצומיידן זיין בליק, האָט זי זיך אָבער ניט אַלעמאָל געקאָנט העלפן. ווען זייער בליק האָט זיך איינמאָל באַגעגענט, האָט פייגעלע עס באַמערקט.

אין איר געדאַנק האָט אסתר אָפּגעמאַכט אַז ער איז אירער און יעדן פרייטיק צונאַכט האָט זי באַנייעט איר זיידענע העמד און דער געטלעכער בן־ציון איז געווען איר קרבן. און זי האָט אמת געגלויבט אַז זי איז באַ־רעכטיקט דערצו. זי האָט איר צייט אָפּגעהיט ווי אַ כשר'ע אידישע פרוי דאַרף זיך אויפפירן ביז זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן און בן ציון האָט זיך איבערגעקליבן צו זיין מוטער.

קאַפּיטל 22

אַרבוזע ווערט אַ שטיקל מענטש

אַרבוזע האָט געהאַלטן וואָרט — ער איז שוין געווען אָנגעלערנט. ווען ער איז דעם שבת בייטאָג געקומען אין בית מדרש אַריין, האָט ער שוין ווייניקער געפּייפט. ער האָט שוין איצט געוואוסט אַז פון צופיל פּייפן קומט קיין גוטס ניט אַרויס. אָבער זיין געוואוינהייט האָט ער דאָך ניט איבגאַנצן

אויפגעגעבן. האָט ער ניט געפייפט צו שיקסעס, האָט ער געגומען פייפן צו אסתר׳ן. דאָ האָט ער ניט מורא געהאַט. שעפסל איז ניט געווען. וואָלט ער געווען, וואָלט ער אים... נו, שעפסל קאָן גוט דערלאַנגען איבן מען דאַרף.

אסתר פון איר זייט האָט אים פיינט געהאַט, טאַקע ווי אַ חזיר. ער פלעגט זיך טשעפּן צו איר. און זי פלעגט זיך אויסבעהאַלטן פון אים. ניט אַלעמאָל אָבער האָט זי דאָס געקאָנט באַווייזן.

עזריאל דער שוסטער, ווידער, האָט אַרבוז׳ען מקרב געווען, האָט אים אַריינגענומען אין דער חברה קדישא, און דאָס איז אודאי געווען פאַר אַרבוז׳ען אַ הויכע מדרגה. דערהויפּט האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין טרינקען. עזריאל איז געווען פון די אַלטע סאָלדאַטן, און אין דער כאָלע־רע איז ער שיעור ניט געוואָרן אַ גענעראַל, אַ גאַנצער טשינאָווניק. אים האָט מען געטרויט דעם בראַנפן, וואָס די חברה האָט באַדאַרפט צום טרינ־קען, און ער האָט געפירט דאָס רימעל מיט אַ שטאַרקער האַנט. עזריאל האָט פיינט געהאַט שיכורים. טרינקען — יאָ, און אַ סך טרינקען, אָבער שיכור טאָר מען ניט זיין. שיכור איז אַ גוי. נו, האָט טאַקע אַרבוזע גע־קאָנט אויסטרינקען אַן עמער בראַנפן און ניט זיין שיכור.

דאָס איז ניט געווען קיין קליינע מעלה. ער האָט געפּאַסט צו דער חברה — אָבער די צרה איז געווען וואָס עס זענען ניט געווען קיין מתים... און ווען עס האָט זיך שוין געמאַכט אַ מת, איז ער געווען ״טרוקען״. קוים די ליפּן צו באַנעצן. אַך, די אַמאָליקע צייטן — מען האָט דאַך זיך ממש געבאָדן אין בראָנפען... גאַנצע פעסער בראַנפען... אָבער וואָס קאָן מען טאָן?

עזריאל דער שוסטער האָט אַרבוז׳ען פאַרגעשטעלט פאַר די בעלי־בתים און אים געלויבט ווי עס באַדאַרף צו זיין. ער איז אַ כלי, האָט ער גע־זאָגט, האָט ער אים געגעבן אַ קלאַפּ אין פּלייצע, און דערביי צוגעלייגט די ווערטער: ״ער איז אַן אונזעריקער״. און אין שטעטל האָט מען גע־וואוסט וואָס ער מיינט דערמיט. עס וועט, הייסט עס, זיין אַ חתונה ביי עזריאל׳ן און עס וועט זיין ליהודים.

אַרבוזע האָט זיך טאַקע געפילט אַלס מענטש. עפּעס איין קלייניקייט — געוואָרן אַ באַגרעבער, אַ קברן. זאָל נאָר זיין די ערשטע לויה און עזריאל זאָל אים שיקן צו דער אַרבעט. ער וועט שוין ווייזן וואָס ער קאָן.

דעם ערשטן שבת האָט מען געטרונקען גאָלאָר. עס איז געווען שנאַפּס געגנוג. האָבן ביידע זיך אונטערהאַלטן גאַנץ פיין. אָבער פאַר הבדלה איז שוין ניט געווען אַ לעק... אויסגעטרונקען און פאַרטיק. ווי ניט איז האָט דער פראָסטער עזריאל געפונען אַ וועג — מאַכן הבדלה אויף מילך, און זאָל זיין אַזוי... טאַקע קיין ריכטיקע הבדלה ניט געווען. אָבער וואָס טוט מען אַז עס איז ניטאָ קיין טראָפּן ווייַן?

נאָך הבדלה האָט עזריאל אַרבוז'ען גענומען צו דער אַרבעט. נאָך אַלעמען, קאָן מען דאָך פון די מתים קיין לעבן ניט מאַכן. איז דאָס בעס־טע — זיך אויסלערנען אַ מלאכה. און אַרבוזע האָט גענומען לערנען. אמת, געווען אַביסל שווערלעך. אָבער אַז מען דאַרף איז דאָך ניט שייך.

אַזוי איז זיין לעבן איינגעאָרדנט געוואָרן ביי עזריאל דעם שוס־טער. ער האָט געקלאַפּט פּלעקלעך און געמאַכט די דראַטווע. דערצו האָט ער קיין שלעכטן קאָפּ ניט געהאַט, אַרבוזע. און אנגענעם איז אים אויך געווען. פּעסל פּלעגט זיצן לעבן אים גאַנץ אָפּט און צוקוקן ווי פלייסיק ער אַרבעט. גאַנץ אָפּט האָט מען געשטיפּט. זי גיט אים אַ שטורך, סתם אַזוי, אויף שפּאַס, האָט אַרבוזע איר געגעבן אַ גלעט מיט אַ פּאָדעשווע, און עזריאל זיצט מן הצד פאַרטאָן אין זיין אַרבעט, מאַכט זיך כלא ידע.

אָבער מער פון אַלעס האָט אַרבוזע'ן געפעלנעוועט מירקע. אוגער־קעס וואָס זי האָט געהאַט געבנוג, און גוטע מאכלים האָט זי אויך געקאָנט מאַכן. קאַרטאָפליעס זיינען אויך געווען גענוג אין קליינעם שטיבל, ברויט — לרוב, און אויף שבת האָט מען ניט געדאַרפט פאַרזעצן קיין משכון. אַלזאָ, זינט אַרבוזע איז געקומען אין הויז אַריין איז געוואָרן נאָך מער לע־בעדיק און פריילעך. פּעסל האָט דאָך געדאַרפט האָבן אַ חתן, ניט אַזוי? און גאָט אַז ער וויל העלפט ער. אַלע גוטע סימנים זיינען טאַקע געווען אַז אַרבוזע איז דער באַשערטער. ער פלעגט אַזאַ צי טאָן פּעסלען צו זיך, אַז אַלע האָבן עס געקאָנט זען באַשיינפּערלעך, און ווען דאָס האָט פּאַסירט, פלעגט עזריאל זיך אַזוי איינבויגן אַזוי ווי ער זאָל זוכן עפּעס אַ שטיקל לעדער. דאָס הייסט, אַזוי ווי ער זאָל ניט זען און ניט הערן גאָרנישט.

איינמאָל איז טאַקע פאַרגעקומען אָט אַזאַ „צי צו זיך" און דערצו איז נאָך געקומען אַ שטאַרקער קוש אויך, אַזוי אַז פּעסל האָט זיך גאַנץ היבשלעך פאַררויטלט. ווארים דאָס מאָל האָט אַרבוזע זיך ממש ווי איינ־געביסן אין איר, אַזוי שטאַרק איז דער קוש געווען. ווייזט אויס, אַז די קעסט ביי עזריאל דעם שוסטער האָבן אים אַ היבש ביסל געהאָלפן.

אָבער גראָד האָט זיך געעפנט די טיר, און אסתר איז אַריינגעקומען פּונקט אין דער מינוט. אַרבוזע האָט זיך אַ הויב געטאָן און זיך געוואָלט אויפשטעלן. אָבער פּעסל האָט אים אַ שלעפּ געטאָן ביים פאַרטוך אַז ער זאָל זיצן אויף זיין פּלאַץ. עפּעס האָט ער געפילט אַז ער מוז דאָס טאָן. אָבער דאָס האָט ער ניט געקאָנט. וואָרים מירקע איז ווי אַ וויכער אַריין און האָט געגעבן אַ געשריי: ווער האָט געשיקט נאָך דיר, ווער?

אסתר האָט געפילט אַביסל אומבאַקוועם, אָבער פונדעסטוועגן האָט זי געפונען וואָס צו זאָגן, הגם זי האָט אַביסל געשטאַמלט. „מיין באַלע־באָסטע", האָט זי געזאָגט, „איז ניט גוט געוואָרן... פאַרטשאַדעט געוואָרן

פון סאַמאָוואַר, וואָס איך האָב געמאַכט, און האָט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק... ווײַל זי אַ זויערע אוגערקע.

זויערע אוגערקעס דערהויפּט מירקע׳ס אוגערקעס, זײַנען געווען אַן אַנערקענטע רפואה פאַר קאָפּווייטיק. ווער נאָר עס האָט געהאַט אַ קאָפּ־ווייטיק, האָט ער געוואוסט, אַז ביי מירקע עזריאל דעם שוסטער׳ס ליגט זײַן רפואה. אָבער דאָס מאָל האָט מירקע ניט גענומען די ווערטער אַזוי קאַלטבלוטיק ווי שטענדיק. זי האָט זיך צעפּייערט אויף אסתר׳ן: „קיין אַנדער תירוץ האָסטו שוין ניט?״ אָבער אסתר, ניט פילנדיק זיך שולדיק אין קיין זאַך, האָט געמיינט, אַז זי שפּאַסט. האָט זי איגנאָרירט די גאַנצע געשיכטע און האָט, קוקנדיק אויף אַרבוזע׳ן אַ זאָג געטאָן זייער נאַאיוו: „ער קאָן שוסטעריי אויך?״ דאָ האָט שוין עזריאל דערפילט עפּעס אַ מין באַליידיקונג אין דער פראַגע, און ער האָט זיך אָפּגערופן: „וואָס זשע שוס־טעריי שטייט דיר ניט אָן? אַ שענערע מלאכה ווי וואָסער טראָגן...

„די שיינע פּרנסה פון דיין זיידן...״ דאָס איז שוין געווען אַ טיפער שטאָך אין דער זיבעטער ריפּ, ווי מען זאָגט. און ווען זי האָט ניט געענט־פערט, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „מיינע קינדער וועלן קיין וואַסערטרעגער ניט זיין״... און דאַן האָט ער געמאַכט אַ צווייטע אַטאַקע: „בעסער ווי וואַ־סערטרעגעריי... דאַרפן צוטראָגן יעדער באַלעבאָסטע און...״

דאַרויף האָט שוין אַרבוזע געענטפערט, ווי זיין שטייגער, מיט אַ פייף זיך פּשוט מער ניט געקאָנט צוריקהאַלטן.

אסתר האָט אויך געפילט אַז זי דאַרף עפּעס זאָגן, און זי האָט זיך אָפּגערופן: „ווער זאָגט דען אַז עס איז ניט קיין שיינע מלאכה... איר זענט אַ שיינער באַלעבאָס...״ און דערביי האָט זי געקוקט אויף אַרבוזע׳ן.

פעסל האָט אויך ניט געשוויגן: „וואָס זאָגסטו זאַזולקע — איז ניט בעסער אַ בעל מלאכה איידער אַ וואַסערטרעגער? אַ יאָ, מיין טייערער״, און זי האָט אים טאַקע דאָ אויפן שטעל אַרומגענומען, כדי צו ווייזן דער מיידל אַז ער איז אירער. אַרבוזע האָט ווידער אַמאָל מסכים געווען מיט אַ פייף.

מירקע האָט ניט געשריען אומזיסט. עס איז געווען אַ גאַנץ גוטע אורזאַך, און מען האָט זיך געקאָנט פאַרלאָזן אויף איר אַז זי ווייסט וואָס זי טוט. אסתר איז באַטראַכט געוואָרן ביי עזריאל דעם שוסטער אַלס קאָנ־קורענטקע צו זייער פעסלען, ניט דערפאַר וואָס אסתר האָט עפּעס געטאָן וואָס האָט געקאָנט דערוועקן אַ חשד, נאָר דערפאַר וואָס אַרבוזע האָט עס פעסלען געזאָגט.

ער האָט זייער ליב געהאַט אַז פעסל זאָל אים קעכלען, און וואָס מער אַלץ בעסער. האָט ער דעריבער אַזוי פאַרבייגייענדיק איר געלאָזן וויסן אַז אסתר גייט ממש אויס נאָך אים. איצט האָט ער גאַנץ גוט שכל געהאַט,

ווארים ער איז געוואָרן אַ גאַנצער יאַ־טעבע־דאַם... און ווען מירקע האָט אסתר׳ן דערזען דאָ אין הויז, האָט זיך איר דאָס האַרץ שיער אָפּגעריסן. זי האָט דעריבער איר באַצאָלט ווי איר קומט. „גיי״, האָט זי געזאָגט, און זאָג דיין באַלעבאָסטע אַז אויב זי האָט אַ קאַפּווייטיק זאָל זי קומען אַהער נאָך אַן אוגערקע... בעסער קום ניט מיט קיין תירוץ אַזעלכן און זוכן יענעמס מאַן. אַ העזה פון אַ מוידו! קומט נאָך אַהער״, האָט זי זיך ווידער אַמאָל צושריען.

אסתר האָט שוין איצט פאַרשטאַנען אַז אַרבוזע האָט אָנגעפירט אַ פּליאַטקע, און זי האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו פאַרלאָזן דאָס הויז. אָבער וואָס קאָן מען זאָגן דער באַלעבאָסטע?

שפּעטער אָבער האָט מירקע ניט געקאָנט רוען. ניט געבן קיין אוי־גערקעס איז געווען אונמעגלעך. האָט זי דערלאַנגט אַרבוזע׳ן צוויי גרויסע אוגערקעס און אים געהייסן זיי ברענגען צו דעם גביר, וועמענס טאָכטער האָט שוין מן הסתם פאַסטעמקעס. אַרבוזע האָט די אוגערקעס אויפגעגעסן ביים ערשטן שנאַפּס וואָס ער, האָט געטרונקען. אָבער דערווייל האָט זיך צע־טראָגן אַ קלאַנג איבערן שטעטל אַז פייגעלע דעם גביר׳ס טאָכטער איז שוין פאַרגאַנגען אין טראָגן.

**
*

נאָך דעם זעלבן טאָג האָט פּאַסירט עפּעס וואָס האָט פּלוצלונג אַריינ־געצויגן בן ציון׳ען אין דער געשיכטע. און פּאַסירט האָט עס אָט אַזוי:

אסתר איז געווען אין קיך ווען אַרבוזע איז אַריינגעקומען. און נאָך איידער זי האָט צייט געהאַט זיך אומצוקוקן, האָט ער געגעבן אַ פייף און איר ארויסגעשטעלט זיין צונג. ער האָט זיך דאַן צעלאַכט, אַזוי ווי ער זאָל זאָגן: „נו, דיר אָפּגעטאָן אויף טערקיש, אַה?״ דאָס האָט אסתר׳ן שטאַרק פאַרדראָסן. איר האַרץ איז סיי ווי געווען גענוג אָנגעווייטיקט. אַזאַ צוטשעפּעניש — גאָר אָפּריידן אַ פרעמדן מאַן פון אַ פרוי... און נאָך דער־צו דער ברוך הבא וואָס זי האָט געקראָגן ביי עזריאל דעם שוסטער. אָבער אַרבוזעס געלעכטערל איז נאָך געווען פיל ערגער. האָט זי געכאַפּט אַ פּאַן און אים געוואָרפן אין קאָפּ אַריין. זי האָט געגעבן אַזאַ היסטערישן גע־שריי אַז אי פייגעלע אי בן ציון זיינען אַריינגעלאָפן, און דאָס האָט אָפּגע־האַלטן אַרבוז׳ן פון איר צו דערלאַנגען אַ קלאַפּ ווי ער האָט געוואָלט. ער האָט דאַן איבערגעלאָזן די קאַראָמיסלע און איז אַנטלאָפן, אָבער אויף דער ערד זיינען געווען עטלעכע טראָפּנס בלוט. ווייזט אויס, אַז די פּאַן האָט גע־טאָן איר אַרבעט גאַנץ נישקשה׳דיק.

אסתר האָט היסטעריש געוויינט, און בן ציון, וועלכער האָט ניט געוואוסט וואָס עס איז פאָרגעקומען, האָט פּרובירט איר באַרואיקן.

ענדלעך האָט אסתר אים דערציילט, נאָכדעם ווי זי האָט זיך באַ־רואיקט, די גאַנצע געשיכטע מיט מירקען און וואָס אָט דער אַרבוזע האָט אָפּגעטאָן. דער אמת איז, אַז זי האָט עס אים געוואָלט דערציילן פריער. זי האָט אַפילו געטראַכט וועגן שרייבן אים אַ בריוו וועגן דעם, אָבער זי האָט עס ניט געוואגט צו טאָן. איצט אָבער ווען בן ציון איז געווען לעבן איר האָט זי אויסגענוצט די געלעגנהייט. בן ציון איז געווען זייער גערירט פון אירע ווערטער. אים האָט זיך געגלוסט גלעטן איר קאָפּ ווי אַ פאָטער זיין טאָכטער׳ס קאָפּ. אָבער אַזוי ווי פייגעלע איז געווען דאָ האָט ער עס ניט געטאָן. ער האָט איר אָבער אויסגערעדט דאָס האַרץ: „וואָס פאַר אַ שלעכטן נאָמען קאָנען זיי אייך מאַכן, אסתר?” האָט ער געפרעגט, טרייסטנ־דיק זי. „איר זענט אומשולדיק... זיך ערגערן איבער אַזאַ זאַך... האָט ער פאַרגעזעצט „נאַריש קינד” האָט ער ווידער אָנגעהויבן. „לעצטן שבת האָט איר אויך ניט געפילט גוט. גיט בעסער אַכטונג אויף אייער געזונט”.

אסתר האָט אים געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. זיינע גוטע ווער־טער האָבן איר האַרץ אויפגעמונטערט. זי האָט געפילט אַ טיפע דאַנק־באַרקייט צו אים. אָבער די דאַנקבאַרקייט איז געווען געמישט מיט טיפע ליבעס־געפילן. זי האָט איצט געפילט אַז די ווערטער זיינען מער ווי גלאַט טרייסט ווערטער. איר האַרץ האָט איר געזאָגט אַז בן ציון ליבט איר פון די טיפעניש פון זיין האַרצן און אַז ער ליידעט אַלס רעזולטאַט פון איר ערגערניש.

זי האָט געקוקט טיפער אין זיינע אויגן. און האָט איצט געגלויבט אַז מיט דער צייט וועט בן ציון זיין אינגאַנצן אירער. זי האָט אים ווירק־לעך געזען אַלס איר מלאך. בן ציון אָבער האָט ניט געהאַט קיין אנונג פון דעם וואָס עס קומט פאָר אין אסתר׳ס האַרץ. ער האָט בלויז רחמנות געהאַט אויף איר. אַן עלנד קינד... און ער האָט איר געטרייסט, ווי אַ מענטש דאַרף טאָן. ווען ער זעט אַן אַנדערן ליידן.

קאַפּיטל 23

אַרבוזע גייט אָן מיט זיין אַרבעט

עס איז ניט אָנגעקומען אַרבוזען לייכט צו דערקלערן מירקע׳ן, עז־ריאל׳ן און פעסלען וואָס עס איז מיט אים פאָרגעקומען און פאַר וואָס ער גייט אַרום מיט אַ געבונדענעם קאָפּ. אָבער נאָכדעם האָט ער באַקומען לשון. צוביסלעכווייז האָט ער דערציילט די פּרטים און זיי האָבן פאַרשטאַנען.

אין אמת׳ן האָט ער גאָרנישט געטאָן. ער האָט איר אַרויסגעשטעלט די צונג? טאָ איז וואָס, דאַרף מען וואַרפן אַ פּאַן אין קאָפּ אַריין. ער האָט גאָרנישט געמיינט קיין שלעכטס, האָט ער ניט. און ווען ער האָט דער־ציילט פעסלען אַז זי לויפט אים נאָך, האָט ער ניט געמיינט קיין שלעכטס. און, וואָס איז ער שולדיק אַז מירקע האָט זי אָפּגעזידלט? אַ גרויסע יחסנ־טע — דעם וואַסערטרעגערס פּאַניענקע. גיב אַ בלאָז אויף איר, פאַלט זי אום. קוקט אויס ווי אַ גרינער לולב. ווער דאַרף איר האָבן? זי דאַרף דאַנקען גאָט וואָס ער פייפט צו איר. וועט ניט אַוועקגעבן פעסלס איין פּוס פאַר איר אינגאַנצן. יאָ, ווען ניט בן ציון וואָלט ער איר געוווען גע־געבן מיט דער קאַראַמיסלע איבערן קאָפּ, וואָלט זי שוין געוואוסט. בן ציון האָט אים געראַטעוועט פון די גוים... טאָ, האָט ער געלייגט כבוד אויף אים. פון איצט אָן און ווייטער וועט ער מער ניט פייפן צו איר, כאַפּט איר אַ קריינק, האָט ער אויסגעשריען.

דאָס אַלעס האָט ער ביי זיך געטראַכט. אָבער די אַנדערע האָט ער ניט דערציילט ווי אַזוי די גאַנצע געשיכטע איז פאָרגעקומען. ווען פעסל האָט אים געפרעגט, האָט ער געזאָגט אַז ער איז געפאַלן און זיך צעקלאַפּט אַביסל דעם קאָפּ. ער האָט זיך געזעצט צום וואַרשטאַט און געאַרבעט און צו פעסלען איז ער געוואָרן נאָך בעסער ווי ער איז געווען.

מירקע און עזריאל האָבן געהאַט גרויס הנאה. דערהויפּט — מיר־קע, וועלכע האָט געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דער מויד מיט וועלכער זי איז נאָך לגמרי ניט פאַרטיק. האָט זי דען ניט דערציילט אין מאַרק וועגן איר און אַלע ווייבער האָבן געזאָגט אַז מען דאַרף איר אַלע צעפּ אויסרייסן.

ביי מירקען איז עס געווען אַ צו ערנסטער ענין. זי האָט פשוט גע־ווידמעט אַלע אירע כחות צו דעם. זי האָט באַרעדט אסתר׳ן פאַר וועמען זי האָט נאָר געקאָנט. אַ מויד זאָל זיך טשעפּן צו פרעמדע מענער — האָט איר געהערט אַזאַ העזה? ענדלעך האָט די גאַנצע געשיכטע דערגרייכט ביז צו דער סופר׳טע, וועלכע האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ מויל מירקע די שוסטערקע האָט און אַז דער וואָס פאַלט צו איר אַריין איז ניט זיכער מיטן לעבן. האָט עס איר טאַקע ווי געטאָן וואָס אַן אָרים מיידל ווערט באַ־רעדט אומזיסט און אומנישט. זי האָט גראַד געוואוסט אַז דאָס אַלעס איז שקר וכזב, וואָרים די רביצין אַליין האָט איר דערציילט עפּעס אַנדערש, אַז אָט דער אַרבוזע לויפט נאָך אסתר׳ן און טשעפּעט זיך צו איר. און דאָ באַרעדט מען זי נאָך.

איינמאָל האָט שרה די סופר׳טע טאַקע באַגעגנט די שוסטערקע, וועלכע האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווי אַלעמאָל געשאָטן פעך און שוועבל אויף דעם גביר׳ס דינסט. עס איז שוין ביי איר געוואָרן אַ מין געוואוינ־

הייט. די סופר׳טע האָט אָבער ניט געקאָנט ליידן קיין עוולות און האָט געזאָגט עפּעס וואָס איז דער שוסטערקע ניט געפעלן געוואָרן. האָט טאַקע געקאָנט אויסברעכן אַ סקאַנדאַל. אָבער שרה האָט געזען די געפאַר און האָט זי איבערגעלאָזן. פון דאַן אָן האָט זי געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אויסצוריידן מיט אסתרן און די געלעגנהייט געפונען, זאָגנדיק אַז זי זאָל אַריבערקומען צו איר אין הויז אַריין.

צוערשט האָט אסתר ניט פאַרשטאַנען וואָס די סופר׳טע וויל פון איר, אָבער אָפּזאָגן זי האָט זי ניט געוואָגט. זי האָט זיך אָנגעטאָן, שיין פאַרקעמט, און איז אַריבערגעגאַנגען צו איר. די סופר׳טע האָט זי אויפגענומען ווי אַ גאַסט, און האָט גערעדט וועגן זיך און איר פאַמיליע. זי האָט זיך באַקלאָגט אויף דער איינזאַמקייט אין הויז און אויף די ענדערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען זינט דער סופר איז געשטאָרבן. ערשט פריער האָט זי געזאָגט, איז געווען אַן אַנדער הויז. בן ציון איז געווען אין דער היים, איז געזעסן און געלערנט, און ר׳ גורשן דער סופר, ע״ה, האָט באַלויכטן דאָס הויז מיט זיין צדקות. „ווען דיין זיידע... ער איז געווען אַזאַ פיינער איד״, האָט די סופר׳טע געזאָגט, „פלעגט אַריינקומען אין הויז אַריין איז געוואָרן פריילעך... אמת, ער האָט אין די קליינע פּינטעלעך ניט געוואוסט, אָבער מיינער (דאָס הייסט איר מאַן), האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן... שטענדיק שווער געאַרבעט און ביי אונז איז געווען זיין סטאַנציע. געכאַפּט אַ געבראָטענע קאַרטאָפליע״.

„מיין זיידע, האָט אסתר צוגעגעבן טרויעריגלעך, „זאָל זיין ווייט אָפּגעשיידט, האָט אַלעמאָל גערעדט וועגן אייך. ער האָט ליב געהאַט אייער הויז. אייער זוהן. ר׳ גרשונ׳ען האָט ער ממש פאַרהייליקט. און אייער בן ציונ׳ען — באמת אַ גוטער מלאך״.

שרה די סופר׳טע האָט געקוקט מיט טרערן אָנגעפּילטע אויגן. זי האָט אַ זיפץ געטאָן: „נו, וואָס קומט אַרויס״, אַזוי ווי זי זאָל זאָגן — וואָס קאָן מען טאָן? און אסתר האָט פאַרשטאַנען וואָס דער זיפץ מיינט. זי האָט געפילט איר האַרץ. דערנאָך האָט שרה די סופר׳טע אַ פרעג געטאָן, פאַרזיכטיק: „זאָג מיר נאָר אסתר טייערע, וואָס קומט דאָרט פאָר — ווען נאָר איך זע אים איז ער טרויעריק. ווייסט דאָך אַ מאַמעס האַרץ. איך טראַכט איבער״.

וואָס האָט אסתר געקאָנט זאָגן? „איך זאָגן דעם אמת״, האָט זי אָנגעהויבן אַביסל צו שטאַמלען. „איך קוק זיך וויניק צו. ער איז שטענדיק פאַרטראַכט. ווארים רעדט איר ניט מיט אים — ער איז דאָך אייער קינד?״

עס איז געווען אַ דירעקטע פראַגע, און שרה האָט געפילט אַז זי דאַרף ענטפערן: „איך וואָלט געוואָלט וויסן ווי אַזוי זי, זיין ווייב מיין

איך, פירט זיך אויף מיט אים... צי היט זי אָפּ אידישקייט. איך טראַכט בפירוש, אָבער... איך רייד צו דיר, אסתר, ווי צו אַן אייגענע. קוק זיך צו ווי אַזוי זי פירט זיך אויף. אים פרעגן וועגן דעם קאָן איך ניט. אָבער דו ביסט דאָך שטענדיק אין הויז. טאָ, געפין אויס, קוק זיך צו, איך בעט דיך. דו וועסט דאָך אויך דאַרפן וויסן״.

אָט אַזוי האָט די סופרטע גערעדט צו אסתר׳ן, און ווען זי האָט זיך שוין צורעדט האָט זי איר אין איינוועגס דערקלערט אייניקע וויכטיקע זאַכן וועגן זינד און שטראָף און וועגן פרוי און מאַן און וואָס אַ אידישע טאָכטער מוז וויסן, אויב זי וויל ניט אַרויפנעמען אויף זיך קיין גרויסע שטראָף.

זי האָט איר פאַרשפּראָכען און איז געווען צופרידן צו הערן די אַלע זאַכן. „הער אויס, טאָכטער״, האָט די סופר׳טע איר דאַן אַ זאָג געטאָן אין דער שטיל. „איך וויל אַז דו זאָלסט עס האַלטן בסוד. ווייסט דאָך אַ מאַמע זאָרגט פאַר איר קינד... דיר נעבאָך פעלט אַ מאַמע. איך האָב זיך אָנגענומען פאַר דיר ווי אַ מאַמע. ניט קאָנענדיק הערן ווי בייזע מיילער ריידן...

דאָ האָט די סופר׳טע אָנגערירט אַ ווייטאָגלעכן פלאָץ אין איר האַרצן און אסתר׳ס אויגן זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרערן. „זייט איר מיין מאַמע״, האָט זי געזאָגט. „איך בין עלנט... און האָב קיינעם ניט״.

זי האָט ניט דערמאָנט מירקע׳ס נאָמען, אָבער די סופר׳טע האָט פאַרשטאַנען, אַז די מיידל ליידט זייער שטאַרק פון דער שוסטערקעס רכילות און באַריידערייען. אוןביידע האָבן אונטערגעוויינט. „קום נאָך אַמאָל טאָכטער״, האָט זי איר געזאָגט ביים אַוועקגיין.

איצט איז אסתר ניט געווען אַליין. זי האָט געוואוסט אַז זי האָט אַ פריינדין, וועלכע פאַרשטייט איר האַרץ, הגם זי ווייסט ניט אירע סודות. „עס וועט ניט לאַנג נעמען״, האָט זי געטראַכט ביי זיך. פאַר וואָס זאָל ער טאַקע ליידן? זי האָט באַמערקט אַז פייגעלע איז ניט אָפּגעשיידט פון אים, ווי מען דאַרף זיין, און ער וויזט ניט קיין פריילעך געמיט. ווען אַלע שלאָפן ווערט ער אומרואיק. ער גייט אַרום אין זיין צימער און רעדט צו זיך אַליין און אַמאָל האָט זי אַפילו געהערט ווי ער זאָגט אין דער שטיל: „וואָס האָבן זיי געוואָלט פון מיינע יונגע יאָרן, וואָס?״ זי האָט פאַרשטאַנען וואָס אין בן ציונ׳ס האַרץ קומט פאָר, און זי האָט עס טאַקע דערציילט זיין מוטער.

די סופר׳טע האָט איצט אויפגעעפנט איר האַרץ פאַר איר. זי האָט מער ניט גערעדט פאַרשטעלט, נאָר ווי אַ מאַמע רעדט צו איר אייגענער טאָכטער. און ווען אירע ליידן זיינען געווען גרויס, האָט זי געזאָגט

אַז זי וועט אַריבערגיין צו דער רביצין. עס האָט געמיינט פשוט: זיך אויסוויינען דאָס האַרץ... אָבער ווען זי איז געקומען צו דער רביצין, האָט זי געהערט גאָר עפּעס אַנדערש ווי זי האָט דערוואַרט.

די רביצין האָט איר מיט פרייד דערציילט אַז פייגעלע איז פאַר־גאַנגען אין טראָגן און אַז בן ציון וועט ווערן אַ טאַטע אין אַ גוטער שעה.

די סופר'טע איז געטראָפן געוואָרן ווי פון אַ דונער אין מיטן טאָג. טיף ביי זיך אין האַרצן האָט זי אָפּגעמאַכט, אַז זי מוז ראַטעווען איר זוהן, און איצט גאָר אַ נייער אומגליק. „עס וועט זיין אַ נאָמען!" האָט די רביצין אויסגעשריען מיט אַ באַזונדער פרייד. „נאָך וועמען?" האָט די סופר'טע געפרעגט... אוודאי נאָכן סופר... האָט די רביצין געענטפערט.

די סופר'טע האָט געוואָלט זאָגן אַ שרעקלעך וואָרט, אָבער זי האָט זיך צוריקגעהאַלטן, און האָט בלויז אַרויסגעמורמלט: „איך וועל ניט דער־לאָזן" . . .

„דאָס איז אַ כשר קינד, גאָט איז מיט אייך", האָט די רביצין גע־זאָגט.

„ווער האָט אייך געבראַכט די נייעס?" האָט שרה די סופר'טע ציי־טערנדיק געפרעגט.

„די טיקערין", האָט די רביצין שטאָלץ געענטפערט. „זי איז שוין אין פערטן חודש, סופר'טע".

שרה די סופר'טע איז דאַן אַרויס מיט לשון: וואָס ווייסט די טיקע־רין?... זי וויל מער ניט גיין... איר זוהן לעבט מיט איר אין שמוץ... און דאַן האָט זי צוגעזעצט: „איך מוז אים פון דאָרט אַרויסנעמען". זי האָט געוואָלט ערשט זען דעם רב, אָבער די רביצין האָט אויך פאַרשטאַנען אַן עסק, און האָט איר אָפּגערעדט פון דאָס טאָן איצט. זי וועט אַליין רעדן מיטן רב.

קאַפּיטל 24

בן ציון פירט אַ קאַמף

דערווייל האָט בן ציון איבערגעלעבט שווערע נעכט און פינסטערע טעג. ער איז ניט געווען דער זעלביקער ווי געוועזן. ניט נאָר האָט ער ניט געקענט לערנען ווי געהעריק, ער האָט אויך ניט געקאָנט שרייבן. די קדושה איז אָפּגעטאָן געוואָרן פון אים. ער האָט געמאַכט גרייזן ביים שרייבן די ספר תורה. און כאָטש דער רב האָט אים אונטערגעאיילט צו ענדיקן די

ספר תורה וואָס פריער, איז די אַרבעט ניט געגאַנגען ווי עס באַדאַרף צו זיין.

איצט האָט בן ציון געוואוסט אַז ער איז פאַרפירט געוואָרן. דאָס זייז דענע טיכעלע, האָט ער געטראַכט צו זיך, ניט האָבנדיק פאַר וועמען אויסצוגיסן זיין האַרץ, איז זיכער געווען פון סם. אַ קליפּה איז עס געווען, ניט מער, און איצט ווי שווער עס איז זיך אַרויסצורייסן. אַריין איז די טיר ברייט און אַרויס איז זי שמאָל.

אָבער ווי אַזוי לאָזט מען דאָס גיין? ניין, ער מוז קעמפן ביז וואַנען ער וועט זיך באַפרייען, אָבער ווי אַזוי? ווער קאָן אים העלפן? ווי אַזוי קאָן ער זיך באַפרייען פון דער טומאה? זיין מוח איז געווען צורודערט, און עס איז אים אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק יענער פסוק אין דער תורה: „ויתרוצצו הבנים ותלך לדרוש"... ער איז אַוועק צום רב זיך דורכצורעדן מיט אים.

עס איז אים געווען זייער שווער צו עפענען זיין האַרץ פאַרן רב, אָבער ענדלעך האָט ער געקראָגן אַביסל מוט. ער האָלט אין מיטן שרייבן. דערגרייכט די עשרת הדברות. מוז מען דאָך האָבן ריינע געדאַנקען. עס איז קודש קדשים. אָבער ער קאָן ניט אָנגיין. הרהורים רעים לאָזן אים ניט אָנגיין, ניט קוקנדיק דאַרויף וואָס ער שטרענגט אָן אַלע כוחות.

דער רב האָט זיך פאַרטראַכט. וואָס האָט ער אים טאַקע געקאָנט זאָגן? ענדלעך האָט ער געגעבן אַן עצה: „די בעסטע זאַך וואָלט געווען אַוועקצוגיין פון הויז פאַר אַ שטיקל צייט... אָבער ער האָט עס אים ניט געוואָלט זאָגן. ער האָט דאָך אים געזוכט מחזק צו זיין. עס האָט שוין צוועלכעס פּאַסירט מיט אַנדערע. דאָס איינציקע וואָס איז נויטיק איז זיך ניט פאַרלירן. מיט דער צייט וועט אַלעס אַוועק. דער שטן וועט מיד ווערן. דערווייל זאָל ער, בן ציון, זאָגן איידער ער נעמט זיך שרייבן: שדי קרע שטן...

איצט האָט בן ציון אָנגעהויבן צו פירן דעם קאַמף מיטן שטן מיט אַלע כוחות וואָס ער האָט באַזעסן. ער איז געגאַנגען אין וואַסער און דערנאָך צום הייליקן אָרט, צו די שטיבלעך. ער האָט געזאָגט תהילים, געוויינט, געפאַסט און זיך געבעטן ביי גאָט ער זאָל רחמנות האָבן אויף אים און אים אויסהיטן פון שלעכטס. אַזוי איז עס אָנגעגאַנגען עטלעכע טעג. יאָ, ער האָט געפילט אַז ער ווערט אַביסל שטאַרקער, און האָט זיך גענומען ווייטער צום שרייבן. ער האָט געשריבן וואָרט נאָך וואָרט ביז ער איז צוגעקומען צו די עשרת הדברות. ער האָט איצט געפילט אַז גאָט האָט אים געהאָלפן. די שלעכטע געדאַנקען זיינען אַוועק. אָבער ווען ער האָט דערגרייכט דעם פסוק פון „לא תנאף", איז אים פּלוצלונג פינצטער געוואָרן

אין די אויגן. ער האָט געוואָלט אויפשטייון פון פּלאַץ, אָבער עס איז גע־וועזן ווי אַ שווערע משא זאָל אים אַרונטערדריקן. ער האָט פּרובירט נאָך אַמאָל און איז אומגעפאַלן אין אונמאַכט.

***

וואָס עס איז פאַרגעקומען מיט אים האָט בן ציון ניט געוואוסט. אָבער ווען ער האָט זיך ארומגעקוקט, האָט ער דערזען דעם רב, זיין מו־טער, אסתר׳ן, פייגעלען, דעם דאָקטאָר, און נאָך מענטשן וועלכע זיינען געשטאַנען אַרום אים.

„וואו בין איך? וואו בין איך?״ האָט בן ציון געפרעגט. דער דאָק־טאָר האָט אים באַרואיקט, געגעבן עפּעס צו שטאַרקן זיין האַרץ, און האָט פאַרזאָגט אַז מען זאָל אים לאָזן רוען.

שרה די סופר׳טע האָט צוערשט געוואָלט אים נעמען אַהיים, און זי האָט דאָס אָפן געזאָגט. אָבער דער גביר און די גביר׳טע זיינען געווען קעגן, און דער דאָקטאָר, וועלכער האָט פאַרזאָגט אַז מען זאָל אים ניט באַאומרואיקן איז געווען מיט זיי איינשטימיק. איז טאַקע געבליבן אַז שרה דער סופר׳טע׳ס וואונש קאָן ניט און טאָר ניט דערפילט ווערן.

אין דער צייט איז אסתר געווען אין איר צימער. זי האָט געפילט ניט גוט. געווען שרעקלעך פאַרזאָרגט וועגן בן ציונ׳ס געזונט. זי האָט אים גע־פונען די ערשטע אויף דער ערד ליגנדיק באַוועגלאָז. ער איז געווען אין אַ חלשות־צושטאַנד ווען זי איז אַריין אויפרוימען זיין צימער, און זי האָט געוואוסט אַז עפּעס האָט געמוזט פּאַסירן מיט אים ווען ער איז געוואָרן אַזוי קראַנק. וועט ער געזונט ווערן? וועט אים גאָט העלפן? איר האַרץ האָט געציטערט פאַר מורא. איז זי איצט טאַקע געלעגן אין איר בעט, דעם קאָפּ איינגעקלאַמערט אין קישן און שטיל געוויינט. ערשט ווען מען האָט זי גערופן צו מאַכן הייסע וואַסער האָט זי זיך אויפגעהויבן. זי איז אַריין אין קיך און האָט צוגעשטעלט דאָס וואַסער.

ווען זי איז אַריין אין צימער מיטן וואַסער, האָט בן ציון שוין גע־האָט אויפגעעפנט די אויגן, און דער דאָקטאָר איז געשטאַנען לעבן אים. אסתר האָט געהאָלפן דעם דאָקטאָר. זי האָט אים געפרעגט ווי ער פילט. ער האָט געקוקט גלייך אין אירע אויגן. אָבער ער האָט ניט געזאָגט אַ וואָרט. עס איז אים געווען זייער שווער צו ריידן.

דער דאָקטאָר איז ניט אַוועקגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג, זייענדיק לעבן זיין בעט ביז טיף אין דער נאַכט. און אסתר איז געווען אין צימער. די אייגענע זיינען אַפילו ניט צוגעלאָזן געוואָרן פאַר לאַנג. ווען שרה די

ספר׳טע האָט געוואָלט זען איר זון, האָט איר דער דאָקטאָר פאַרזאָגט אַז זי מוז ווייזן אַ פריילעך פּנים און ניט וואַרפן קיין שרעק אויף איר קראַנקן זון. און ווען דער דאָקטאָר איז אַוועק אַהיים, האָט ער אָנגעזאָגט אַז עמי־צער מוז זיין שטענדיק לעבן זיין בעט. די מעדיצין דאַרף אים געגעבן ווערן רעגולאַר. ער האָט געגעבן אַנדערע נויטיקע אינסטרוקציעס. אַזוי ווי אסתר האָט אַלעס געטאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין, איז זיין פאָרשלאַג געווען, אַז זי זאָל בלייבן ביי זיין בעט און דורכפירן די אינסטרוקציעס. אַזוי איז עס טאַקע געבליבן.

אסתר האָט אים ווירקלעך באַדינט ווי אַ שוועסטער, צערטלעך און געטריי. זי האָט ניט געשפּאָרט קיין מי, ניט ביינאַכט און ניט בייטאָג, און זי האָט אויך געטאָן אַלעס וואָס דער דאָקטאָר האָט פאַרזאָגט, פאַרשרייבנ־דיק יעדע זאַך, ווי עס באַדאַרף צו זיין, וואָס דער דאָקטאָר האָט טאַקע מיט דאַנקבאַרקייט אַנערקענט. ער האָט דעריבער געבעטן דעם צווייטן טאָג, אַז אסתר זאָל זיך איינגאַנצן ווידמענען דעם קראַנקן און זאָל באַ־פרייט ווערן פון אַנדערע פליכטן.

פייגעלע איז עטלעכע מאָל געווען ביי זיין בעט, אָבער זי האָט אי־בערגעלאָזן די באַהאַנדלונג צו אסתר׳ן. איז זי גאַנץ געשמאַק געשלאָפן ביינאַכט, וויסנדיק אַז עס איז שוין פאַראַן עמיצער וועלכער וועט אַכטונג געבן אויף איר מאַן.

ניט קוקנדיק וואָס אסתר האָט אַזוי שווער געאַרבעט — עס איז איר אויסגעקומען זייער ווייניג צו שלאָפן — איז זי אָבער געווען גליק־לעך. באַטירלעך, זי האָט צו קיינעם ניט גערעדט וועגן דעם. ניט האָט זי געהאַט עמיצן וועמען זי זאָל געווען קאָנען דערציילן וואָס זי פילט און ניט וואָלט עמיצער, אַזוי האָט זיך איר אויסגעדאַכט, און פאַרשטאַנען. איבעריגענס, זי האָט ניט געפילט קיין נויטווענדיקייט וועגן דעם צו ריידן. עס איז פאַר איר געווען גענוג וואָס זי גופא האָט געפילט. אָבער פון צייט צו צייט פלעגט זי אַריינקוקן אין שפּיגל און געטראַכט צו זיך אירע אייגענע באַהאַלטענע געדאַנקען. אין אמתן האָט איר ווייגעטאָן וואָס בן ציון איז קראַנק. אָבער האָט זי דען אים געמאַכט קראַנק? אין דעם איז זי דאָך ניט שולדיק. אָבער ווען עס האָט שוין יאָ פּאַסירט, איז זי געווען צופרידן וואָס זי האָט אַ געלעגנהייט צו זיין לעבן זיין בעט. זי האָט געזען די האַנט פון גאָט אין דעם אַלעמען. איז ער דען ניט געקומען ווען זי איז געווען געפערלעך קראַנק און האָט איר געהאָלפן? זי געראַטעוועט ממש פון טויט. איצט האָט איר גאָט געגעבן אַ געלעגנהייט אים אָפּצוצאָלן פאַר זיין גוטסקייט. און שטילערהייד האָט זי געזאָגט צו זיך: ער איז מיינער!...

אמת, זי האָט געוואוסט אַז עס איז פאַראַן פייגעלע... אַ פאַרהייראַטע פרוי... אָבער וואָס אייגנטלעך גייט איר אָן די פרוי? זי האָט געזען ווי אַזוי די גבירישע טאָכטער פירט זיך אויף. נעמט זיך קיין זאַך ניט צום האַרצן. שלאָפט, עסט, טרינקט, און האָט הנאה פון לעבן. זי פאַרלאָזט זיך אויף אנדערע. ער איז אירער, פייגעלעס, מחמת דעם וואָס זיי האָבן געהייראַט, אָבער ניט מחמת דעם וואָס עס איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן זייערע הערצער... דאָס האָט זי שוין איצט געוואוסט. אַנדערש איז עס מיט איר, אסתרן. זי דינט אים ווי אַ מוטער. זי האָט געפילט, אַז בן ציון באַלאַנג צו איר אונטער אַלע אומשטענדן.

צוערשט האָט דער דאָקטאָר געדענקט אַז דאָס איז אַ פיזישע קראַנקהייט, און ער האָט אָנגענומען אַלע נויטיקע מיטלען אַז בן־ציון זאָל קומען צו זיך. אָבער שפּעטער מיט עטליכע טעג, זעענדיק ווי דער קראַנקער ווייזט אַרויס אַ נערוועזיטעט, האָט דער דאָקטאָר איינגעזען, אַז עס איז ניט אינגאַנצן קיין פיזישע קראַנקהייט, ער האָט זיך דעריבער פאַראינטערעסירט אין אַלעס וואָס עס איז פאָרגעקומען פאַר דעם, גע־וואָלט אויסגעפינען זיין לעבענס געשיכטע, אָבער בן־ציון האָט זיך ניט געלאָזן רעדן. ער האָט אים עפּעס דערציילט, אַז ער האָט געהאַט אַ שלעכטן חלום, עס איז אים ניט גוט געוואָרן און ער איז אַוועקגעפאַלן. אָבער ער האָט אים ניט דערציילט וואָס פאַר אַ חלום ער האָט געהאַט, און דער דאָק־טאָר האָט עס פון אים ניט געקאָנט אַרויסקריגן.

דער רב האָט יאָ געוואָלט רעדן מיטן דאָקטאָר וועגן בן־ציון'ען. ער האָט געהאַט עפּעס אים צו זאָגן, וואָרים אין דעם מאָמענט ווען ער איז אַריינגעלאָפן אין צימער, האָט ער אַריינגעקוקט אין דער יריעה און געפונען אַז בן ציון האָט זיך געהאַט אָפּגעשטעלט ביי אַ וואָרט, וואָס האָט ענטהאַלטן דעם סוד...

אָבער ער האָט מורא געהאַט צו רעדן וועגן דעם, טאָמער וועט ער אַרויספירן אויף עפּעס אַנדערש און די משפחה וועט האָבן טענות צו אים... האָט ער זיך צוריקגעהאַלטן פון זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם. און גראָד האָט זיך דער דאָקטאָר אַליין דערטראַכט, אַז דער יונגערמאַן האָט אַ שווער געמיט און אַז ער וועט דאַרפן פאָרן אויף אַ דאַטשע זיך אָפּרוען. אָבער דאָ איז אַריינגעקומען די פראַגע וועגן דער ספר תורה. ער דאַרף דאָך ענדיקן די ספר תורה, און דערווייל האַלט ער נאָך ערשט ביי די עשרת הדברות. דער רב האָט דעריבער געהאַט זיינע אייגענע שוועריקייטן און ער האָט זיך ניט געקאָנט אייגענען וועגן דעם.

קאַפּיטל 25

דער חלום

דערווייל האָט פֿאַסירט אַז בן ציון האָט ווירקלעך אָנגעהויבן צו פֿילן אַביסל בעסער און ער האָט געפֿאָדערט אַז מען זאָל אים געבן טינט און פּעדער. ער וויל שרייבן, האָט ער געזאָגט. וואָס האָט ער צו שרייבן? ער וויל אָנשרייבן זיין שרעקלעכן חלום וואָס ער האָט געזען אין יענעם מאָמענט.

פֿאַר לאַנגע שטונדן האָט בן ציון געשריבן יעדן טאָג, ביז עס האָט זיך אָנגעקליבן אַ פּאַק מיט פּאַפּירן אויף זיין טישל, אָבער ער האָט געוואָלט עמיצער זאָל לייענען דאָס וואָס ער שרייבט. זיי האָבן אים געלאָזן צורו, האָפֿנדיק אַז דאָס שרייבן וועט אים באַרואיקן. און ווירקלעך האָט עס אים באַרואיקט. די איינציקע וואָס האָט יאָ געוואוסט וואָס עס איז געשריבן אויפֿן פּאַפּיר איז געווען אסתר, וועלכע פֿלעגט ביינאַכט צונעמען פֿונם טישל עטלעכע בלעטלעך און זיי אין דער שטיל איבער־לייענען. שפּעטער פֿלעגט זי זיי צוריקלייגן אויפֿן פֿריערדיקן פּלאַץ.

האָט בן ציון אָנגעשריבן, אַז יענעם מאָמענט האָט זיך אים געחלומט אַז ער איז געווען טויט. צוקאָפּנס האָבן געברענט ליכט און אַלע אין הויז האָבן אים באַוויינט. זיין מאַמע האָט ער געזען, איז גע־שטאַנען און געשוויגן. אסתר, ווידער, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, מיט אַ קינד אויף איר שויס, איז געזעסן לעבן אים, איר קאָפּ אַרונטערגעלאָזן און האָט געקלאָגט ווי אַ וויסטע יונגע אַלמנה.

די חברה תהילים האָט געזאָגט תהילים נאָך זיין נשמה. די לומדים זענען געווען די מתעסקים. דער רב האָט געהאַלטן דעם מעבר יבוק, איז געשטאַנען פֿאַרזאָרגט און אויף זיין פּנים איז געלעגן אַ פּחד.

דאַן האָט ער, בן ציון, געזען ווי די לוויה איז איינגעאָרדנט געוואָרן. די קינדערלעך פֿון תלמוד תורה, די יתומים, זענען געגאַנגען פֿאַר דער מיטה און געשריען: צדק לפֿניו יהלוך...

מען האָט אַרונטערגעלאָזן די מיטה אין קבר אַריין, און מען האָט אים אָנגעהויבן פֿאַרשיטן מיט דער ערד. אָבער דאָ האָט עפּעס וואונדער־ליכעס פֿאַסירט. פּונקט דעמאָלט, ווען דער רב האָט אָפּגעזאָגט דעם קדיש... האָט זיך אַרונטערגעלאָזן אַ מלאך פֿון הימל און אים אַרויפֿגענומען אויף זיינע פֿליגל אין הימל אַריין.

און אַט, שרייבט ער ווייטער, איז ער שוין ביים טיר פון גן־עדן. אַזוי שנעל? מען לאָזט מיך ניט פּאַרקילט ווערן? האָב איך געפרעגט. אָבער דער מלאך האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין אַז אַזעלכע מענטשן ווי איך דאַרפן קיין חיבוט הקבר ניט ליידן, אָבער איידער מען גייט אַריין אין גן עדן דאַרף מען דורכגיין דעם בית דין של מעלה. דער קטיגור לאָזט אַזוי ניט דורך, אָבער דו דאַרפסט זיך ניט שרעקן. דו ביזט, בן ציון, האָט ער געזאָגט, פון זייער אַ הויכער מדרגה. מיך שיקט מען נאָר צו יחידי סגולה... ניט לאַנג צוריק האָב איך געבראַכט איינעם, אַ גרויסע נשמה, וועלכע דער קטיגור האָט באַלד דורכגעלאָזן. דאָס איז געווען אַ זעלטנקייט — דער קטיגור זאָל אַליין עפענען פאַר עמיצען די טיר.

אַט אַזוי האָט גערעדט דער מלאך. „וואָס איז זיין נאָמען?” האָט בן ציון געפרעגט.

זיין נאָמען ווייס איך ניט, האָט דער מלאך געענטפערט. דו וועסט זען זיין נאָמען ווי אַ בריליאַנטענעם שטערן ביי דער טיר פון גן־עדן... זיין נשמה איז זייער אַ הויכע, און זיין בילד איז אויפגעהאַנגען געוואָרן ווי אַ צירונג ביי דער טיר ביז עס וועט קומען אַ גרעסערע נשמה... עס וועט אָבער נעמען אַ לענגערע צייט, האָט דער מלאך געזאָגט. ווער ווייס ווי לאַנג דאָס וועט נעמען?

איך האָב געטראַכט: ווער קאָן דאָס זיין? איצט האָבן צוויי מלאכים מיך אַרומגענומען מיט זייערע פליגל, אַרומגערייניקט פון ערדישע שטויב און מיך צוגעפירט צום בילד.

איך האָב זיך איינגעקוקט אין בילד און ניט געגלייבט מיינע איי־גענע אויגן, און ווען איך האָב דערקענט ווער דאָס איז, איז מיר אַריבער אַ קרוך איבערן לייב. דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי קאָדעש דער וואַסער־טרעגער. ער איז געשטאַנען פאַר מיר אַט ווי ער איז געווען דאָ ביי אונז: מיט דער קאַ־אַמיסלן און די האַלב לעכערדיקע אויסגעקרימטע שטיוול. אָבער אויף זיין ברוסט זיינען געווען אויסגעקריצט עטלעכע ווערטער, און ווען איך האָב זיך איינגעקוקט אין זיי, האָב איך זיי לייכט געקאָנט איבערלייענען: מי יעלה בהר... נקי כפים ובר לבב..

דאַן האָט מיך דער מלאך צוגעפירט צום בית דין של מעלה. ביי דער לינקער זייט איז געשטאַנען דער קטיגור, און אויף זיין ברוסט זיינען געווען אויסגעקריצט צוויי פייערדיקע ווערטער: אל קנא... ביי דער רעכטער זייט איז געווען דער סניגור, דער פּאַרטיידיגער, וועלכער האָט געטראָגן אַן אַנדער אויפשריפט: אל רחום וחנון. אין מיטן איז געווען אַ גרויסע וואָגשאָל. אויף איין שאָל איז געווען אויפגעשריבן גוף און אויף דער צווייטער — נשמה. דער מלאך האָט מיך פאַרגעשטעלט. דער

קטיגור האָט באַלד אויפגעעפנט דעם ספר הזכרונות, האָט אַריינגעקוקט, און דערנאָך מיט אַ שטרענגען בליק אַ וואונק געטאָן צו אַ מלאך, וועלכער איז אַוועק און אַריינגעבראַכט אַ שמוציקן זאַק, וועלכער איז געווען פול אָנגעשטאָפּט.

דער קטיגור האָט דאַן מיך באַקוקט נאָך אַמאָל, אַזוי ווי ער זאָל טראַכטן: וואָס פאַר אַ צימעס האָט מען עס געמאַכט פון אָט דעם דאָזיקן יונגעמאַן!... אַ היפּש פּעקל! מען האָט געעפנט דעם זאַק און אַ שרעקלעכער ריח האָט זיך געפילט פון דעם.

דער קטיגור האָט געעפנט דאָס מויל און מיט אַ דונערדיקער שטים וואָס האָט זיך געטראָגן איבער אַלע זיבן הימלען, האָט ער געזאָגט: אל קנא... די פּיינע, איידעלע נשמה וואָס איז געווען ביי דיר אַזוי הייליג און טייער האָסטו געגעבן בן־ציונ׳ען אַ מתנה, בתנאי ער זאָל זי אָפּהיטן, ניט פאַראומריניקן און זי דערנאָך צוריקקערן צום אוצר הנשמות אַזוי ריין ווי זי איז געווען, טאַ, זע, ווי אומריין ער האָט זי געבראַכט צוריק. ווען ער איז נאָך גאָר יונג געווען, האָט ער שוין געמאַכט אַ פּגימה אין איר, זי באַפלעקט. ער האָט דאַן אַרויסגענומען דאָס זיידענע טיכעלע און עס געוויזן. — דער ריח פון פּערפיום און תאווה האָט זיך פאַרשפּרייט פון דעם. געלעגן איז דאָס טיכעלע אין אַ פּרויען בוזים און ער, בן ציון, האָט געגלעט דאָס זיידענע טיכעלע, געשמעקט דעם טייוועלשן ריח. זיין נשמה האָט זיך געבעטן: טו דאָס ניט — באַפלעק מיך ניט. איך מוז זיין ריין. אָבער ער האָט ניט געפאָלגט, אַריינגעצויגן אין זיך די אומרייניקייט און דאָס טיכעלע נאָך באַהאַלטן אין אַ ספר.

ווען דער קטיגור האָט אַרויפגעלייגט דאָס זיידענע טיכעלע אויף דער וואָגשאָל האָט עס, ניט קוקנדיק אויף דער לייכטקייט, אַרונטערגעוואויגן. „אָבער דאָס איז בלויז דער אָנהויב געווען". האָט דער קטיגור גערעדט ווייטער... „פון דאַן אָן האָט ער נאָר געטראַכט פון איר. זי איז געווען אין זיין חלום און וואָר. ביים דאַווענען, ביים לערנען, ביים לייענען קריאת שמע — נאָר זי.

די אומריינע געדאַנקען האָבן אים באַהערשט. די נשמה האָט זיך אַלעמאָל געבעטן, אָבער ער האָט ניט געפאָלגט. געבליבן מיט איר אַליין אין איין חדר. און ווען זי איז געוואָרן זיינע האָט ער ניט אָפּגעהיט די דינים. עס האָט אים ניט געאַרט וואָס ער האָט געדאַרפט שרייבן די ספר תורה אין טומאה, ניאוף... ניאוף... איז איינגעשלאָפן. במזיד איינגעשלאָפן. כדי זיך איבערצוגעבן אין תאווה׳שע הענט. האָט געטראָטן מיט די פיס די שטרענגע דינים פון דער תורה. און האָט דערצו געשריבן די הייליקע עשרת הדברות מטמא געווען די גרעסטע קדושה, דעם קדשי

קדשים. און, אויסרעדענדיק די ווערטער, האָט דער קטיגור אַרויפגעלייגט אויף דער וואָגשאָל דעם שמוציקן זאַק. די שאָל איז אַרונטערגעפאַלן אַזוי נידריק אַז נידריקער האָט שוין ניט געקאָנט זיין און אַ פלאַם פייער איז אַרויס פון זיין מויל און האָט געברענט ווי דער גיהנום. און באַלד איז געוואָרן פינסטער, עס האָט מיך אַרומגענומען אַזאַ מורא אַז איך האָב געפילט ווי איך פאַל אין כף הקלע.

פלוצלונג איז געוואָרן ליכטיק, און דער סנגור האָט אויפגעהויבן די פליגל און מיט אַ שטילן טאָן האָט ער זיך אָפגערופן:

אל רחום וחנון: — די ריינע נשמה וואָס איז ביי דיר געווען אַזוי הייליק און ריין און דו האָסט געגלויבט אַז בן ציון בן שרה וועט זי אָפהיטן און זי דיר ברענגען ריין און אומבאַפלעקט. טאַ, זע ווי ריין זי איז!... זע די שטראַלן וואָס פאַלן פון איר, ווי ריין און קדושה׳דיק זי איז.. דו האָסט זי אַרונטערגעשיקט אויפן עולם השקר, צו אַן אָרימען, קראַנקן פאָטער. אַלס ייִנגל האָט בן ציון געליטן הונגער און נויט. ווען אַנדערע זיינען געווען זאַט, האָט ער זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט, האָט אויך ניט מקנא געווען. ער האָט געגלויבט אין דיר, אַז דו פירסט די וועלט גערעכט און אַז אַלעס וואָס דו טוסט איז גוט און וואויל. האָט געלעבט מיט אמונה און האָט מקיים געווען די גרעסטע מצוה פון מעשים טובים. איינמאָל גייענדיק אַהיים איז אַן אָרימער, קראַנקער מאַן געשטאַנען ביי דער טיר פון בית מדרש. קיינער האָט אים נישט געוואָלט געבן אַ שטיקל ברויט, צו דערקוויקן זיין נשמה, האָט ער אים גענומען מיט זיך, אים אַוועקגעגעבן זיין לעצטן ביסן ברויט, און אַליין ניט געגעסן. ער האָט אים אפילו אַוועקגעגעבן זיין אייגן בעט, און איז געשלאָפן אַליין אויף דער האַרטער באַנק. ער האָט זיך קיינמאָל ניט באַרימט און דו ווייסט דאָך גאָט, אַז „גדול העושה צדקה בסתר יותר ממשה רבנו... איז ערגעץ וואו פאַראַן אַ שענערע נשמה?

דאַן האָט מען אַריינגעפירט אַן אַלטן בלינדן ייִדן און מען האָט אים אַוועקגעזעצט אויף דער וואָגשאָל. ער האָט אַלעס איבערגעוואויגן.

דער סניגור האָט דאַן מיט אַ צופרידענער מינע פון אַ זיגער געזאָגט ווייטער:

דאָס איז נאָך ניט אַלעס. ביי דער מגפה האָט ער זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן. שפעטער האָט ער זיין געלט אַוועקגעשיינקט אויף גמילת חסדים... געלערנט מיט אַנדערע... האָט געגרינדעט אַ תלמוד תורה. איינגעפלאַנצט ליבע צווישן מענטשן... געזוכט... געזוכט שלום. הכנסת אורחים. געהאָלפן אי ייִדן אי קריסטן, קיין אונטערשייד ניט געמאַכט צווישן איין מענטשן און אַנדערן... זיין נשמה איז ריין... און אויב ער איז באַגאַנגען

אַ זינד בשוגג, איז ער פּטור. גיב אים צוריק זיין נשמה, זאָל ער גיין צוריק צום עולם השקר און איינפלאַנצן אין מענטשן ליבשאַפט, רחמנות, יושר, גערעכטיקייט שלום, צדקה, און אַלע וויכטיקע מעשים טובים.

די בריליאַנטענע ווערטער פון סניגור האָט געהאָלפן: דער כביכול האָט געלאָזט אַ טרער, האָט בן ציון געענדיקט זיין באַשרייבונג.

אַזוי האָט זיך געענדיקט זיין באַשרייבן דעם חלום, און בן ציון האָט זיך אויפגעכאַפּט.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און בן ציון האָט אָנגעהויבן פילן בעסער און איז שוין אַפילו אַרונטער פון בעט. ער איז נאָך אַפילו געווען אַ היבש ביסל נערוועז, אָבער ער האָט אָנגעהייבן ווידער גיין אין בית מדרש און האָט געלערנט מיט די לומדים צוביסלעכווייז. דאָס איינציקע וואָס ער האָט נאָך ניט געקאָנט טאָן איז געווען שרייבן ווייטער די ספר תורה. ווען ער האָט גענומען די פעדער אין דער האַנט, האָט די האַנט אָנגעהייבן צו ציטערן. עטלעכע מאָל האָט ער אַפילו אָנגעהייבן צו שרייבן, אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו די ווערטער „לי תנאף״ האָט ער זיי ניט געקאָנט שרייבן. עס האָט אים אָנגעהויבן צו שווינדלען אין די אויגן. דער חלום פלעגט ווידער אויפלעבן פאַר אים. און אָט פלעגט ער ווידער דערזען די געשטאַלט פון אסתרן, ווי זי זיצט מיט אַ קינד אויף איר שויס, איז ער געבליבן שטיין. צייטנווייז האָט ער אַוועקגע־מאַכט דעם חלום מיט דער האַנט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם מאמר: אין חלום בלא דברים בטלים, ניטאָ קיין חלום אָן נאַרישקייטן. אָבער פאַרוואָס האָט דער קטיגור אים באַשולדיקט אין ניאוף? וואָס האָט ער געמיינט דערמיט. זיין חופּה איז געווען כדת משה וישראל. דאָך האָט ער געוואוסט אַז פאַרן בית דין של מעלה איז קיין פאַלשקייט ניטאָ. דער קטיגור קאָן ניט זאָגן קיין ליגן.

די מאַמע פלעגט אים זען, און ווען זי איז געווען לעבן אים פלעגט ער זיך פילן בעסער. עס האָט ניט אָנגעהאַלטן לאַנג. די בילדער פון חלום פלעגן ווידער אויפקומען פאַר אים און ער האָט ווידער ניט געפילט גוט. די מאַמע האָט אים באַדויערט אין איר האַרצן. זי האָט געזען אַז ער איז אַן אַנדער מענטש געוואָרן. אָבער זי האָט אים ניט געוואָלט צוגעבן אַז זי זעט אים אַזוי. בן ציונ'ען איז אָבער ניט געווען גוט. פאַר וואָס האָב איך ניט געזען מיין פאָטערביים משפט? ער איז דאָך אין הימל. אפשר וואָלט ער אים געווען פאַרלייכטערט דאָס האַרץ. איצט האָט ער ניט צו וועמען צו ריידן וועגן דעם. ווער וועט אים דען פאַרשטיין? האָט ער אָנגעהויבן זוכן אין די אַלטע ספרים. אפשר וועט ער געפינען אַ רמז אויף דעם, אָן אַנוויז. אָבער די ספרים האָבן ניט גערעדט וועגן אַזעלכעס ווי ער, בן ציון, האָט איבערגעלעבט, זיין וועג איז געווען פאַרהאַקט.

קאַפּיטל 26

אַ רבי אין שטעטל

אין שטעטל האָט זיך געררודערט — דער רבי פון ס. איז געקומען, און דאָס איז געווען די גרעסטע געשעעניש, די שמחה קאָן ניט געפּילט ווערן פון אידן וועלכע זיינען ניט קיין חסידים. דער רבי איז ניט בלויז געווען דער מנהיג, נאָר ער האָט צונויפגעבונדן די הערצער מיט אַ גאָלדענע קייט פון ליבע און ברודערשאַפט. דער אָרימער האָט געפילט ווי דער רייכער, דער פּראָסטער — ווי דער למדן, ווייל פאַרן רבין זיינען אידן גלייך.

עס איז געווען דער פריילעכסטער שבת אין שטעטל, און די סטאַנ־ציע וואו דער רבי איז איינגעשטאַנען איז געוואָרן דער צענטער פון אַלעס. נאַטירלעך, אַז די סטאַנציע איז טאַקע געווען ביים גביר. און כדי צו מאַכן פּלאַץ האָט בן ציון זיך אַריבערגעקליבן פאַר דער צייט צו זיין מוטער.

דער קבלת פּנים פאַרן רבין איז אַליין געווען אַ געשעעניש. די אידן פון שטעטל, מיטן רב און ר׳ חיימען בראש מיט בן ציון׳ען זיינען אַרויסגעפאָרן אַנטקעגן אין אַ בריטשקע. די חסידים זיינען געפאָרן נאָך זיי. מען האָט געזונגען און געטאַנצט. עצבות איז דאָך עבודה זרה ביי חסידים. קיין איד טאָר ניט זיין טרויעריג, וואָרים גאָט האָט פיינט טרויער און ווייל אַז דער מענטש זאָל אים דינען מתוך שמחה. האָבן טאַקע חסידים ווי ווייט מעגלעך ניט דערלאָזט קיין עצבות. ווען, למשל, דער פאַטשטאַר, אַ פיינער איד, איז געקומען אין קלויז שבת פרי אַ פאַרזאָרגטער. זיינע פערד זיינען ביינאַכט צוגע׳גנבט געוואָרן און ער איז, הייסט עס, געבליבן אָן פּרנסה האָט מען אים ניט געלאָזט אַריינפאַלן אין מרה שחורה. מען האָט געמאַכט קידוש און מען האָט אים געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן אַז גאָט וועט העלפן... און נאָך הבדלה איז טאַקע געוואָרן געלט, אַזוי, אַז זונטאָג פרי האָט ער שוין אויפן מאַרק געקויפט אַ פּאָר פערד, און די געלט האָט מען כלומרשט געליען... כדי דער פאַטשטאַר זאָל ניט פילן שלעכט ווען מען גיט עס אים. אַזוי האָבן זיך חסידים געפירט: געגלויבט, געהאָפט אויפן בעסטן, און געווען פריילעך מיט די צרות, וואָרים זיי האָבן דאָך געהאַט אַ גרויסן גאָט אין הימל. די פרייד זייערע איז אַרי־בערגעגאַנגען אַלע ברעגן ווען דער רבי איז געקומען אין שטעטל אַריין. עס איז געווען אַ שמחה וואָס איז קוים מעגלעך צו באַשרייבן.

דעם רבין האָט מען אַריינגעפירט אין שטעטל אַריין מיט געזאַנג און ער האָט פאַרנומען דאָס גאַנצן הויז. פרייטאָג, אַרום צוועלף אַ זייגער, נאָכדעם ווי דער רבי איז געקומען פון מרחץ און האָט זיך אָנגעטאָן שבתדיק האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מקבל שלום זיין. דער רבי, מיט זיין שיין איידל פנים, ליכטיקע אויגן, לאַנגן שפּיציקע באָרד, זיידענע קאַפּאָטע, מיטן זיידענעם גאַרטל און ווייסע העמד מיט בענדלעך, די הויזן אין די ווייסע זאָקן, שיינע לאַקירטע שיך און סויבעלנעם שטריימל, שטייט ביי דער טיר פון זאַל און צוויי שורות חסידים איןביידע זייטן. די גאַנצע שטאָט גייט מקבל פנים זיין דעם רבין, וועמעס פנים שיינט מיט שבת־דיקער הייליקייט. דער עולם איז אַ גרויסער. יעדער גייט צו און גיט אָפּ דעם רבין שלום מיט וואַרעמע בליקן און אַ פריילעך געזיכט...

דאָס האַלט אָן ביז מען גייט צו קבלת שבת. אין גרויסן בית מדרש דאַווענט דער רבי, און דאָרט איז איצט אַריבערגעפירט געוואָרן דאָס גאַנצע לעבן פון שטעטל. דאָ פילט יעדער ווי אָפּגעפרישט, באַנייט, און ווידערגעבאָרן. פרייטאָג צו־נאַכטס פראַוועט מען דעם טיש ביים גביר אין הויז. די אנשים מכובדים זיצן לעבן רבין און די אַנדערע אַרום און אַרום. אַלעס איז צוגעגרייט מיט דער פולער האַנט: וויין, ביר, די בעסטע פיש, קוגל, צימעסן. קיין תורה זאָגט דער רבי ניט, אָבער די חסידים זינגען גענוג פריילעך. די געזאַנגען זיינען פאַרביינקטע.

און אַזוי ציט עס זיך ווייטער און ווייטער. פון אַלע אַרומיקע שטעט־לעך קומט מען זיך צענויף אויף שבת. אַלע הייזער זיינען נאָך פון פריער אָנגעפילט. די וואָס האָבן ניט קיין בעט זיך אַוועקצולייגן ביינאַכט, שפּרייטן זיך אויס אַ ליילעך און מען שלאָפט אַזוי אויף שטרוי. וואָס איז דער אונ־טערשייד? שבת אין דער פרי לויפט מען אין וואַסער. מען איז זיך מכין, כדי צו קומען וואָס פריער אין בית מדרש און פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ.

דער רבי דאַווענט פאַרן עמוד, און זיין זיסע שטימע, וואָס איז פול מיט התלהבות, צעטראָגט זיך איבער אַלעמענס הערצער. אַ הייליקייט נעמט דורך יעדן. די ענגשאַפט איז ניט קיין שטערונג. מען שטייט קאָפּ אויף קאָפּ. אָבער דאָך פילט יעדער איינער גוט. ווער קאָן דען אָפּשאַצן די קדו־שה. דעם עונג שבת? דאַן ערשט קומט דער טיש. יעדער ווערט באַגייסטערט פון די זמירות. מען צעוואַרעמט זיך מיט נייע ניגונים. דאָס עסן אַפילו איז מיט קדושה. מען גרייט צו קליינע קוילעטשלעך אויף המוציא, אָבער דאָס נעמען זיי מיט אַהיים . . . דער גרויסער בית מדרש איז צו קליין פאַר די טישן, שטייט מען אין דרויסן. מען עפנט אויף די פענסטער פון בית המדרש און מען שטעלט אַרום טישן. אייניקע שטעלן זיך אויף די טישן מחמת זיי ווילן הערן אַ וואָרט פון אינעווייניק און מיטזינגען די ניגונים.

דער גאַנצער בית מדרש זינגט און צוזאַמען מיטן בית מדרש דער הימעל. די ערד, די גאַנצע וועלט — אַלע, דאַכט זיך זינגען שירה צו גאָט פאַר דעם תענוג, פאַר דער טייערער מתנה, דעם ליבן הייליקן שבת.

אויך בן ציון איז גאַר אַן אַנדער מענטש געוואָרן. זיין מרה שחורה איז פאַרשוואונדן און ער האָט אויך געפילט ווי אַלעס אין זיין לעבן האָט זיך גענומען ענדערן צום גוטן. דער טומל, די שמחה, און די ווינ־שעוואַנייעס מיט די פריילעכע פּנימער פון אידן וועלכע האָבן געקראָגן גוטע ברכות פון רבי׳ן, האָבן אים אויך געמאָנט.

אָבער שפּעטער מיט עטלעכע טעג, ווען די ערשטע כוואַליע פון פרייד איז צוריקגעפאַלן, האָט אים ווידער אַמאָל אָנגעהייבן צו טאָטשן דער אומרו. דער חלום איז אים נאָך אַלץ געשטאַנען ווי אַ שטן אויף זיין וועג, אָבער מיטן רבי׳ן האָט ער ניט גערעדט וועגן דעם. און ווען דער רבי איז אָפּגעפאָרן און דער קורס פון לעבן האָט זיך ווידער איינגעשטילט, האָט בן ציון דערפילט אַ פוסטקייט אין האַרצן. עס איז אים ווידער געווען ניט גוט. איצט האָט ער פאַרשטאַנען אַז דאָס איז געווען בלויז אַ קורצע דערלייכטערונג. די שכינה האָט זיך ווידער פון אים אָפּגעטאָן.

שפּעטער האָט זיך דערנענטערט דער יאָרצייט פון זיין פאָטער, און ער האָט זיך געגרייט צו גיין אויפן בית עלמין, האָפנדיק אַז זיין הייליקע נשמה וועט אים קומען צו הילף און פאַרטרייבן זיין מרה שחורה. אָבער אויך דאָס האָט ניט געהאָלפן.

דער רב האָט אים שטאַרק באַדויערט און האָט געזוכט אים אויסצור־ריידן דאָס האַרץ, אים געראַטן צו פאָרן אויף אַ דאַטשע, אָבער בן ציון האָט גאַנץ גוט געוואוסט אַז אַ דאַטשע קאָן אים קנאַפּ וואָס העלפן.

איצט איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַז אפשר וואָלט פאַר אים געווען דאָס בעסטע צו פאָרן צום רבי׳ן און דאָרט פאַרברענגען עטלעכע חדשים אין הויף, לערנען, זיך פאַרטיפן און האָבן די השפּעה פון צדיק. האָבן דען אַנדערע חסידים ניט געטאָן אַזוי? ווען די צרות זיינען גרויס, זיינען זיי געפאָרן צום רבי׳ן. מען קומט זיך צענויף, ווערט פריילעך, פאַרגעסט מען די אייגענע צרות.

ער האָט גערעדט וועגן דעם מיטן רב, און דער רב איז געווען זייער צופרידן פון פּלאַן. ער האָט בן ציונ׳ען צוגערעדט באַלד צו פאָרן, דאָס האָט ניט געקאָנט געטאָן ווערן. בן ציון האָט געוואָלט איבעררײדן מיט זיין מאַמען וועגן דעם. אויסער דעם האָט ער געוואָלט וואַרטן ביזן יאָרצייט. און אַזוי איז עס טאַקע געבליבן. דערווייל האָט ער אויסגעפאָלגט וואָס דער דאָקטאָר האָט געהייסן טאָן. געגאַנגען שלאָפן פרי, געלערנט ווייניקער, און געטאָן אַלעס מעגלעכעס ניט אַריינצופאַלן אין זאָרג.

זיין מוטער האָט געזאָרגט וועגן איר זון. גאָט האָט איר צו־געשיקט אַ פריינדין פאַר וועלכער זי האָט זיך געקענט אָמבעסטן אויסגיסן דאָס האַרץ — אסתר. פאַר איר האָט זי גערעדט פרייער ווי פאַר אַלע אַנדע־רע. און דאָס האָט אַ היבש ביסל פאַרלייכטערט אירע צרות. גראַד האָט אסתר אויך אַזוי געפילט. זי פלעגט דערציילן שׂרה׳ן אַז זינט בן־ציון איז קראַנק געוואָרן, האָט פייגעלע געפילט גאָר אַנדערש ווי פריער. זי איז גע־וואָרן קאַלט צו אים. זיין מוטער האָט איר אויך געהאַט עפּעס צו זאָגן וועגן דעם: זאָל נאָר איר זוהן פילן בעסער... ער פלאַנעוועט אָוועקצופאָרן צום רבי׳ן פאַר עטלעכע חדשים, און דאָרט וועט ער דאָך מיט גאָט׳ס הילף געזונט ווערן, וועט זי שוין זען אַז ער זאָל פּטור ווערן פון איר דורך אַ גט.

מיט דעם זיינען אסתר׳ס האָפנונגען געוואָרן שטאַרקער. זי האָט נאָר געבעטן גאָט אַז פייגעלע זאָל ניט פאַרגיין אין טראָגן... דאַן וועט שוין זיין אַלעס גוט. די סימנים האָט זי געוואוסט, און ווען זי האָט זיך צוגעקוקט ווי פייגעלע עסט און טרינקט, האָט זי געוואוסט אַז עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן.

ווען עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון יאָרצייט האָט זיך בן ציון גע־גרייט צו דעם מיט אַלע כחות פון דער נשמה. ער האָט געגלויבט, אַז גאָט וועט רחמנות האָבן אויף אים אין זכות פון זיין פאָטער און אים באַפרייען פון דער מרה שחורה. ער האָט אָנגעצונדן ליכט אין זיין צימער, געדאַווענט פאַרן עמוד מיט אַ צעבראָכן האַרץ, און אַ גאַנצע נאַכט איז ער געווען אויף, געלערנט משניות, זיך פאַרטיפט און געטראַכט און מתפלל געווען. פאַרטאָג האָט ער געזאָגט תהילים און דערנאָך געגאַנגען אין וואַ־סער. געדאַווענט ווידער פאַרן עמוד, און ביי השיבנו לתורתך האָט ער גע־וויינט, אַז גאָט זאָל אים צוריקקערן די הייליקע געדאַנקען, אַז ער זאָל קאָ־נען שרייבן די ספר תורה.

אין שול זיינען אַלע געריירט געוואָרן פון זיין דאַווענען. ער האָט גע־בעטן אַ רפואה און אַלע האָבן געפילט אַז ער בעט עס מיטן גאַנצן האַרצן. נאָכן דאַווענען האָט ער געגעבן תקנה און אַלע האָבן אים געוואונטשן אַ רפואה שלמה — דעם טויטן אַן עליה און די געזונטע אַ ישועה, ווי דער שטייגער איז.

שפּעטער איז ער אַוועק אויפן הייליקן אָרט, און מיט ציטערדיקע טריט איז ער צוגעגאַנגען צו זיין טאַטנ׳ס נאָך ניט באַוואַקסענעם קבר. דאָרט איז ער געבליבן שטיין פאַרטראַכט. פאַר עטלעכע מינוט איז ער אַזוי געשטאַנען אומבאַוועגלעך. דאַן האָט ער גענומען דאָס תהילים׳ל אין די הענט און זיינע ליפּן האָבן גענומען מורמלען:

— טאַטע! טאַטע!...

טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן. און ניט קענענדיק ווייטער זאָגן תהילים, האָט ער אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אויף דער קאַלטער מצבה, און האָט געוויינט אין דער שטיל.

זיין האַרץ האָט געוויינט, אָבער אין זיין מוח זיינען דורכגעלאָפן אַלע פּאַסירונגען פון זיין לעבן. דערהויפּט יענע וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט זיין אינערלעך לעבן אין די לעצטע עטלעכע יאָר. ביז ער איז געקומען צום חלום. דאָ האָט ער אויפגעציטערט ווען ער האָט זיך דערמאָנט וואָס ער האָט געזען. ער האָט געפילט אַזוי שלעכט ווי ער זאָל האַלטן ביים פאַלן אין חלשות. דאָך האָט ער זיך דערמאָנט ווי ער איז געפאַלן אין מיטן שרייבן, און אַ שטאַרקע שרעק האָט אים ערשט אַרומגענומען.

זיין האַרץ האָט זיך געבעטן ביי גאָט ער זאָל אים געבן די מעגלעכ־קייט צו ענדיקן די ספר תורה. ער האָט ביטער געוויינט און געבעטן צו גאָט ווי צו אַן אייגענעם, ווי צו אַ פאָטער.

איצט האָט ער אָנגעהויבן צו פילן שטאַרקער. אַ נייער מוט האָט אים אויפגעמונטערט. מיט לאַנגזאַמע טריט איז ער איצט געגאַנגען אַהיים. אמת, ער איז געווען שוואַך, אָבער דאָך האָט ער גייסטיק געפילט שטאַרקער ווי פריער. שפּעט נאָך האַלבן טאָג איז ער געווען צוריק אין דער היים און איז אַריין אין זיין צימער, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש. און האָט זיך געגרייט צו שרייבן די ספר תורה.

די יאָרצייט ליכט האָט נאָך געברענט, און דאָס האָט אים אַריינגע־פירט אין אַ הייליקער שטימונג. איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז אין אַזאַ טאָג וועט ער ענדיקן די עשרת הדברות, דאָרט וואו ער האָט זיך גע־האַט אָפּגעשטעלט.

בן ציון האָט גענומען די טינט און פעדער, האָט צעוויקלט די יריעה, און האָט אָנגעהויבן צו שרייבן. אָבער פּלוצלונג האָט זיך דער טינטער אי־בערגעקערט און דער גאַנצער טינט איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף דער יריעה. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, און שטייענדיק אַזוי אומבאַוועגלעך, מיט פאַרמאַכטע אויגן, האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי דער פאָטער רעדט צו אים: די ספר תורה איז פּסול, פּסול, שרייב ניט, שרייב ניט... ער האָט ניט באַמערקט, אַז דאָס ליכט האָט זיך איבערגעקערט אויפן טיש און אַז די זאַכן אויפן טיש האָבן זיך אָנגעצונדן. אָבער ווען ער האָט דער־זען דעם פלאַם אַרום זיך, האָט ער פאַרלאָרן די גאַנצע גלייכגעוויכט און ער איז געפאַלן אין חלשות.

וואָס עס איז ווייטער פאָרגעקומען, האָט שוין בן־ציון ניט געוואוסט. דער גאַנצער צימער האָט זיך אין עטלעכע מינוט אָנגעכאַפּט. אין די פלאַ־מען זיינען אינם רויך און געפילדער די מענטשן געלאָפן ווי וואַנזיניקע.

אַלע האָבן געזוכט בן־ציינ׳ען, אָבער זיי האָבן אים ניט געזען. די גאַנצע הויז האָט איצט געברענט און פון אַלע זייטן האָבן מענטשן געשריען גע־וואַלד. מען האָט געטראָגן די זאַכן פון הויז און מענטשן זיינען אָנגעקומען מיט עמערס וואַסער. און צווישן זיי איז אויך געווען אַרבוז, וועלכער האָט דער ערשטער געגבן אַ כאַפּ אסתר׳ן און זי אַרויסגטראָגן אויף זיינע שטאַרקע הענט.

די הויז איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן, און בן־ציון, וועלכער איז ענדלעך געפונען געוואָרן, איז געווען האַלב טויט. די ספר תורה און אַלע אַנדערע ספרים האָט מען ניט געקאָנט ראַטעווען. די שטאָט איז געראַטעווע געוואָרן. און די איינוואוינער האָבן עס באַ־טראַכט אַלס אַ נס מן השמים. ווארים גראד איז געווען יענעם טאָג אַ שטאַרקער ווינט און אַלע הייזער זיינען געווען אין סכנה. אָבער די פלאַמען האָבן זיך געצויגן צום הימל, ווי אין בית המקדש ווען עס האָט געברענט דער קרבן עולה. קיין אַנדערע הייזער האָט עס ניט געשאַדט.

די איינציקע געליטענע זיינען געווען בן ציון און אסתר.

ער איז אַביסל צעברענט געוואָרן און זי האָט אָפּגעסמאַליעט די האָר, אבער איר פּנים איז ניט גערירט געוואָרן.

בן ציון איז געווען קראַנק און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז די זעלביקע קרענק ווי פריער. ווען די עטלעכע בראַנד וואונדן האָט ער פאַרזיכערט אַז זיי וועלן זיך פאַרהיילן.

זיי זיינען ביידע גענומען געוואָרן צו זיין מוטער, וואו זיי האָבן זיך געזאָלט ערהאָלן.

בן ציון איז געלעגן איצט געל ווי וואַקס, די אויגן פאַרמאַכט און שווער געאָטעמט. אסתר איז געווען נאָך צעמישט. זי האָט ניט געדענקט וואָס עס איז מיט איר פאַרגעקומען. נאָר זי האָט עפּעס געמורמלט, אַז זי האָט געזען אַ מלאך אין געשטאַלט פון איר זיידן, וועלכע האָט זי אָנגע־נומען ביי דער האַנט און זי אַריינגעפירט צו בן ציונ׳ען. דער מלאך האָט זי באַשיצט מיט זיינע פליגל פון פייער. מער האָט זי ניט געדענקט.

ווען דער רב איז געקומען אַ דערשראָקענער מבקר חולה זיין דעם קראַנקן בן ציון, האָט ער געטראָפן אין הויז דעם דאָקטאָר, וועלכער איז געווען זייער בייז פאַרוואָס מען האָט אים ניט געשיקט אויף דער דאַטשע. דאַן וואָלט ער געראַטעוועט געוואָרן. אַזאַ קראַנקן מענטשן האַלט מען דאָ אין שטעטל?!

דער רב האָט זיך פאַרענטפערט אַז מען האָט געהאַט באַשלאָסן אים צו שיקן, אָבער אַז מען האָט געוואָלט איבערוואַרטן ביז איבערן יאָרצייט.

אָבער דער דאָקטאָר, וועלכער איז געבראַכט געוואָרן פון אַ גרע־סערער שטאָט, האָט זיך נאָך מער געבייזערט.

וואָס פאַר אַ מאָדנע פאָלק די אידן זיינען! אַ מענטש איז אַזוי ערנסט קראַנק און זיי האָבן אינזינען נאַרישקייטן!

דאַרויף האָט דער רב אויך געהאַט אַן ענטפער. ער האָט אים דער־ציילט אַז בן ציון איז געגאַנגען אין מקוה אַריין, און דערביי אים געגעבן צו פאַרשטיין וואָס עס מיינט אַ מקוה און וואָס עס מיינט שרייבן אַ ספר תורה, לערנען משניות, און זאָגן קדיש, און ענלעכע זאַכן.

צי דער דאָקטאָר האָט איצט עפּעס פאַרשטאַנען, איז נאַטירלעך צווייפלהאַפט, אָבער דער רב האָט געדיינקט אַז ער האָט אים אַלעס דער־קלערט.

די ערשטע צו קומען צו זיך איז געווען אסתר, און אַזוי ווי בן ציון איז נאָך געווען שטאַרק קראַנק, האָט זי אים געהאָלפן. זי פלעגט פון זיין בעט ניט אָפּטרעטן. ביי טאָג און ביינאַכט האָט זי אים געהיט.

שפּעטער האָט בן ציון דערציילט דעם רב וואָס עס איז געווען אויף זיין האַרצן. ער האָט שוין פון לאַנג געזוכט אַ געלעגנהייט, אָבער ער האָט ניט געוואָגט און ער האָט אויך ניט געוואוסט ווי אַזוי אָנצוהויבן. אָבער ענדלעך האָט זיך איינגעשטעלט און ווען נאָר ער האָט אָנגעהויבן, האָט ער שוין דערציילט.

דערשטוינט האָט דער רב זיך איינגעהערט צו יעדן וואָרט וואָס איז אַרויסגעקומען פון זיין מויל. איך מוז פּטור ווערן, רבי, פון דער טומאה וואָס יאָגט מיך נאָך... האָט ער אים געזאָגט. „אַניט — אַניט..." ער האָט אָבער ניט געענדיקט, הגם דער רב האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט.

דער רב האָט אים געטרייסט.

„עט, בן ציון", האָט ער פּרובירט זאָגן אַ וואָרט. „דו זאָגסט אַ בת קול... האָט דיר פאַרבאָטן צו ענדיקן די ספר תורה... דעם טאַטנ׳ס גע־שטאַלט..."

אָבער זיינע רייד זיינען איבערגעהאַקט געוואָרן אין מיטן.

ער איז געווען אַ צו פרומער איד צו צווייפלען אין דעם וואָס בן ציון האָט אים דערציילט. ער האָט אים דאָך געטרייסט אַז גאָט איז מיט אים, און אַז דער פאַקט גופא וואָס ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון פייער און וואָס די שטאָט איז געראַטעוועט געוואָרן, באַווייזט, אַז אין זכות פון דיינע אבות וועט דיר ביישטיין מיט אים און וועט אים ניט לאָזן פאַלן.

בן ציון האָט געשילדערט פאַר אים אַלע פּרטים, ווי אַזוי ער האָט גע־זען זיין טאַטן. דאָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויפן רב. איצט האָט ער איינגעזען אַז עס איז ניט גלאַט קיין אויסדאַכטעניש און ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט וואָס ער האָט נאָך פריער געטראַכט.

„אויב עס האָלט אַזוי ווייט״, האָט ער געזאָגט, „קאָן מען עס ווייטער מער ניט לאָזן גיין — אַ גט איז אַ גט... נאָך אַלעמען, קאָן מען עס ניט לאָזן אַזוי ווי עס איז געווען״.

אסתר האָט גראָד געהערט די דאָזיקע ווערטער הינטער דער טיר, און עס האָט איר צוגעטראָפן.

קאַפּיטל 27

דער גביר ווערט אַ „יורד״

ר׳ חיים דער גביר איז איצט מער קיין גביר ניט געווען — זיין פאַר־מעגן איז אַוועק מיטן פייער.

קליידער און צירונג און ווערט פּאַפּירן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש און מיט דעם אַלעמען איז אַוועק זיין תקיפות און זיין מאַכט. אַ דערשלאָגענער און שטאַרק פאַרטרויערטער איז ער אַרומגעגאַנגען. אַ יורד געוואָרן.

ווען עס קומט אויף אַ מענטשן אַן אומגליק, הויבט ער אָן זוכן אין זיין נשמה, און ר׳ חיים האָט דאָס זעלביקע געטאָן.

ער האָט זיך באַשולדיקט, מן הסתם האָט ער זיך פאַרזינדיקט פאַר גאָט ווען אַזאַ גרויסע שטראָף איז אַרונטערגעפאַלן אויף אים.

אָבער וואָס האָט געקאָנט זיין די גרעסטע זינד?

פריער וואָלט ער אפשר ניט געווען אַנערקענט דאָס וואָס מ׳האָט גע־רעדט אין שטאָט וועגן בן ציון און זיין טאָכטער אַלס אַ זינד, אָבער איצט איז אַלץ פאַרפאַלן.

איצט האָט ער אָנגעהויבן צו טראַכטן אַז אפשר קומט אים די שטראָף.

ער האָט אַריינגענומען אַזאַ ערלעכן מענטשן ווי בן ציון אין זיין הויז, אָבער זיין טאָכטער האָט נישט אויסגעפירט אַלעס ווי אַ אידישע טאָכטער דאַרף טאָן. צוליב איר האָט ער ניט געקאָנט שרייבן די ספר תורה. די גאַנצע הויז איז אומריין געוואָרן. און איז עס ניט אמת, אז אין זינען האָט ער געהאַט בלויז רייכטום און געלט און האָט זיך ניט אומגע־קוקט וואָס עס קומט פאַר צווישן די ווענט פון זיין הויז?

ווען ר׳ חיים האָט געזען זיין טאָכטער פייגעלע, ווי זי נעמט זיך גאַר־

נישט צום האַרצן די קראַנקהייט פון איר מאַן, האָט ער נאָך מער איינגעזען די גרויסקייט פון דער זינד.

אַ אידישע טאָכטער דאַרף זיין אַנדערש.

און נאָך ערגער האָט געפילט דער רב, וועלכער האָט גוט געדענקט, אַז ער האָט געהאַט אַ האַנט אין דעם שידוך.

אין אמת׳ן האָט ער בן ציון׳ען גערדאַרפט אויפמערקזאַם מאַכן פרי־ער. ער האָט עס ניט געטאָן און אים געפירט ווי אַ בלינדן אין גרוב אַריין. האָט ער דען אים ניט געבראַכט פון סאַמע אָנהויב אין גביר׳ס הויז אַריין כדי ער זאָל לייענען די מגילה? איז עס דען ניט געטאָן געוואָרן בכיוון? איצט אַז דער אומגליק האָט געטראָפן — ווי אַזוי קאָן מען עס גוט־מאַכן? ווי אַזוי?...

ער האָט זיך שטילערהייט געשלאָגן על חטא. דער געוויסן האָט אים שטאַרק געפּלאָגט.

ענדלעך האָט דער רב געעפנט זיין האַרץ פאַר בן ציון׳ען און זיין מוטער, און אַלעס איז אַרויסגעקומען ווי בוימל אויפן וואַסער. עס איז ניט קיין זיווג און מען דאַרף צערייסן דעם בונד.

דער איינציקער וועג איז אַ גט דורך אַ שליח און בן־ציון וועט פטור ווערן פון דער געשיכטע. דערנאָך וועט ער קאָנען פאָרן צום רבי׳ן און זיך דאָרטן אָפּרוען און קומען צו זיך.

שרה די סופר׳טע האָט, נאַטירלעך, באַלד מסכים געווען צו דעם.

האָט זי דען ניט איינגעזען נאָך פריער אַז עס איז ניט קיין שידוך? אָבער פריער האָט זיך קיינער נישט צוגעהערט צו איר. איצט אָבער זעען שוין אַלע איין אַז דאָס קאָן מער ניט אָנהאַלטן אַזוי.

דערוויילע אָבער האָט בן ציון נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאָרן, ווייל ער האָט נאָך ניט גוט געפילט. שרה די סופר׳טע האָט אַריינגענומען אסתר׳ן צו זיך אין הויז אַריין.

דאָס איז געטאָן געוואָרן צוליב צוויי זאַכן:

ערשטנס האָט זי שוין מער ניט געהאַט קיין פּלאַץ ביים גביר, און, צווייטנס, האָט די סופרטע געוואָלט פאַר איר געטריישאַפט אַרויסהעלפן.

דער פאַקט איז געווען, אַז די סופר׳טע און אסתר זיינען געוואָרן זייער פריינטלעך אין דער לעצטער צייט.

די אַלטע פרוי האָט געקוקט אויף אסתר׳ן כמעט ווי אויף איר טאָכטער.

אַלע אין שטעטל האָבן איבערדערציילט ווי אַזוי די מיידל האָט געקעמפט געגן פייער און וואָס פאַר אַ העלדישקייט זי האָט באַוויזן.

זי האָט בייגעקומען דעם מלאך־המות...

טאָ פאַרוואָס זאָל די סופר׳טע זי ניט אַריינגעמען אין הויז אַריין?

זי האָט טאַקע איבערדערציילט בן ציונ׳ען וועגן אסתר׳ס הײליקייט און ווי אַזוי זי האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן. ווי אַזוי זי איז געפאַלן מיט אים אין קיך אַ צעברענטע פון די פלאַמען און גע׳חלש׳ט.

זי האָט געזאָגט צו איר זון:

„זי איז אַ טייערע נשמה, אסתר... איך האָב זי ליב ווי אַן אייגן קינד... מיט אַלע אירע מעלות, איז זי נעבעך עלנט... אַזאַ איידעלע נשמה האָט געמעגט איינשטיין ביי אַ רב ניט ביי אַ וואַסערטרעגער... כאָטש איר זיידע איז געווען אַ פּראָסטער איד, איז אָבער זיין נשמה געווען זייער אַ הויכע״.

איינמאָל אין אַן אינדערפרי איז בן ציון געזעסן אונטערגעשפּאַרט מיט קישנס אויף זיין בעט און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. זיין מוטער איז געזעסן לעבן אים. זי האָט געקוקט אויף איר זוהן און איר האַרץ איז געווען פול מיט טרויער. וואָס פאַר אַן איבערקערעניש עס איז פאַרגעקומען אין אַזאַ קורצער צייט.

פריער זיינען זיי געווען אָרים, אָבער אין הויז איז געווען קדושה און שטילקייט. בן ציון האָט געלערנט, דער סופר האָט געשריבן, און גאָט האָט געערוט אין הויז.

אמת, מען איז געווען אָרים און עס זיינען געווען צרות. אָבער מען האָט געהאָפט, אַז גאָט וועט ניט פאַרלאָזן, און ער האָט טאַקע ניט פאַרלאָזט.

איצט איז שרה די סופר׳טע אַ וויסטע אלמנה, איר בן ציון איז אַזוי קראַנק. מען האָט אים פאַרפירט און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ זומפּ.

וואָס וועט ווערן פון אים? דער רב וויל אים אָוועקשיקן צום רבי׳ן ווי אַ מקבל, אַבי פּטור ווערן פון אים.

טרערן האָבן איצט אירע אַלטע, פאַרקאַרטשעטע באַקן באַנעצט.

ווען אסתר איז אַריינגעקומען אין צימער, טראָגנדיק אַ גלאָז מילך פאַר בן ציונ׳ען, האָט זי באַלד באַמערקט אויף דער סופר׳טעס פּנים. זי האָט געוואָלט פאַרפירן אַ געשפּרעך כדי די אומגליקלעכע פרוי זאָל פאַרגעסן, און פאַרפירט דעם שמועס וועגן עפּעס אַנדערש.

„אייער קו, קיין בייז אויג ניט, גיט מילך ווי סמעטענע... און עסן עסט זי וואָס מען גיט איר... לאָזט זיך מעלקן.

אסתר׳ס ווערטער האָבן די סופר׳טע אַביסל אויפגעמונטערט:

„אייער זיידע עליו השלום״, האָט זי געענטפערט, „האָט די קו פאַר אונז איינגעקויפט... ער איז געווען אַ גוטער מבין, אייער זיידע. אונזער בעסטער פריינט. אַ טייערער איד... געאַרבעט שווער און זיך קיינמאָל נישט באַ־

קלאָגט... ווען אַן אָרימע באַלעבאָסטע האָט ניט געקאָנט באַצאָלן, האָט ער איר געטרייסט... אַזאַ טייערער איד פאַרדינט כשר דעם גן עדן... דעם גיהנום האָט ער דאָ געהאַט. געגאַנגען און געטראָגן וואַסער מיט געשוואָלענע פיס אין די גרעסטע קעלטן און שנייען".

אסתר האָט אויסגעהערט די ווערטער. זי האָט געפילט גוט, הערנדיק ווי אַזוי די סופר'טע רעדט וועגן איר גוטן זיידן, וועמען זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

„מיין זיידן", האָט זי זיך אָפּגערופן, „באַצאָלט מען אויף יענער וועלט און דעם גביר צאָלט מען אויף דער וועלט... איך ווייס פאַרוואָס זייער הויז איז פאַרברענט געוואָרן... ווען דער רבי איז דאָרטן געווען, האָט ער געפילט אַז עפּעס איז דאָרט ניט ריין... האָט ניט געוואָלט איינשטיין.

שרה די סופר'טע האָט געקוקט פאַרוואונדערט אויף אסתר'ן, ווי זי רעדט עס אַזוי פריי און אָפן וועגן דעם גביר אין דער אַנוועזנהייט פון בן־ציון'ען.

אָבער אין האַרצן איז די סופר'טע געווען צופרידן.

זי האָט אסתר'ן דערמוטיקט צו ריידן נאָך מער.

זי האָט זי געפרעגט און געצויגן ביי איר וואָרט נאָך וואָרט.

און אסתר האָט זיך ניט געלאָזט בעטן קיין סך. זי האָט דערציילט ווי אַזוי דער רבי האָט געוואָלט אינגאַנצן אַוועק פון גביר'ס הויז. נאָר אַזוי ווי עס איז געווען ערב שבת האָט ער זיך ניט געקאָנט העלפן.

אָבער מען האָט געמוזט ברענגען נייע געשיר און מען האָט געמוזט וואַשן די ווענט און די טירן און די פענסטער.

דער רבי האָט ווייזט אויס געזען וואָס עס האָט זיך געטאָן אין הויז, ווען ער איז ניט געווען.

און דאַן האָט אסתר זיך איינגעבויגן צו שרה די סופר'טע און איר עפּעס געזאָגט אויפן אויער.

די ווערטער האָבן געמאַכט אויף דער סופר'טע אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק.

„אומריין געווען? ביסטו זיכער, אסתר? — האָט זי געפרעגט אין דער שטיל.

„איך בין געשלאָפן מיט איר אין איין בעט", האָט אסתר געמורמלט.

בן ציון האָט זיך אומגעקוקט אויף זיי ביידע, ווי זיי זיינען געזעסן און גערעדט און דער געשפּרעך איז פאַר עטלעכע מינוט איבערגעהאַקט געוואָרן.

אסתר האָט אָבער געפילט ווי צו ריידן.

זי האָט אין דער שטיל איבערדערציילט וועגן דער געשטאַלט וואָס זי האָט געזען בשעת די פלאַמען האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז.

ווי אַזוי אַ געהיימע האַנט האָט זי אַרומגענומען און פליגל האָבן זיך אַרונטערגעלאָזן איבער איר און ווי אַ מלאך איז געשטאַנען איבער זיי ביז מען האָט זיי ביידן אַרויסגעטראָגן.

„גאָט זאָל דיר נאָר באַצאָלן פאַר דיין גוטסקייט אסתר" האָט די סופר'טע געזאָגט. „דו האָסט דאָך זיך מוסר נפש געווען פאַר מיין זון".

בן ציון איז געזעסן דעם קאָפּ אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט און געטראַכט.

ער האָט געקוקט אויף אסתר'ן און געטראַכט וועגן איר זיידן וועמען ער האָט אַזוי ליב געהאַט און אין וועמעס פאַרפאַלן ווערן ער איז געווען שולדיק, ער האָט עס קיינעם ניט געזאָגט.

וואָס וואָלטן זיי געזאָגט וועגן אים, ווען ער דערציילט זיי? וואָס וואָלט דאָס גוטע מיידל געטראַכט וועגן אים?

אָבער וואָס מיינט עס וואָס איר זיידע איז געקומען און איבערגע־דעקט זיי ביידע מיט זיינע פליגל?

איז עס ניט וואונדערלעך?

איר פאָטער האָט איינגעשטעלט זיין לעבן צו פאָרן ביינאַכט ברענ־גען אַ דאָקטאָר פאַר זיין טאַטן, וועלכער איז געווען אַזוי געפערלעך קראַנק, און דערנאָך איז געקומען אַ פאַל ווען ער, בן ציון האָט איינגעשטעלט זיין לעבן זי צו ראַטעווען דורך אַ „שמירה". און איצט דינט זי אים אַזוי גע־טריי.

מיינט עס אַז עס איז עפּעס פאַראַן אַ נאָהענטקייט צווישן זיי ביידע?

און, טראַכטנדיק אַזוי האָט ער אויפגעציטערט:

עס קאָן זיין ערנסט. מען דאַרף זיך היטן. אָבער וואָס דאַרף ער זיך היטן?

ער האָט ניט געפילט קיין חשד. און דאָך איז זיין האַרץ געווען אומרואיק און האָט זיך געריסן ערגעץ־וואו.

אָבער אפשר איז עס אַ נעץ וואָס דער שטן האָט ווידער אויסגע־שפּרייט? האָט ער זיך אַליין געפרעגט. ווי מיטן זיידענעם טיכעלע...

דאַכט זיך געווען אַזאַ קלייניקייט און דאָך וואָס פאַר אַן אומגליק עס האָט פאַראורזאַכט.

לאַנג אָבער האָט ער ניט געקאָנט טראַכטן אַזוי: איז עס דען ניט קיין זינד צו טראַכטן וועגן אָט דער שטילער, ריינער נשמה אַזוי? זי איז נעבעך אַן עלנטע.

אַנשטאָט זי מקרב זיין, איז ער גאָר זי חושד.

איצט האָט בן ציון ניט געוואָלט בלייבן אַליין.

ער האָט געבעטן זיין מוטער אַז זי זאָל זיצן לעבן אים וואָס מער, און האָט אויך געזאָגט אסתר׳ן אַז זי זאָל זיין אין צימער און זאָל ניט אַוועקגיין.

זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז עס איז אים אומעטיק צו זיין אַליין און זיי האָבן מיטן גאַנצן האַרצן איינגעווילִיקט צו בלייבן וואָס לענגער אין צימער. גערעדט האָט מען וועגן פאַרשיידענע זאַכן. אמת, עס זיינען ניט געווען קיין גרויסע געשעענישן אין שטעטל, און וואָס עס איז יאָ פאָרגעקומען האָט מען געוואוסט און מען האָט גערעדט וועגן דעם.

זיי האָבן אים טאַקע אַריינגעצויגן אין געשפּרעך, און ער האָט גערעדט.

די מוטער האָט געוואָלט וויסן ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, הגם זי האָט עס שוין פריער געהערט, און בן ציון האָט ניט געזשאַלעוועט קיין ווערטער.

קענטיק, אַז ער איז געווען צופרידן וואָס מען לאָזט אים ניט איבער אַליין.

„אַרבוזע איז געוואָרן אַ שטיקל מענטש", האָט בן ציון געזאָגט. „פון דאַן אָן גייט ער אין שול און עזריאל דער שוסטער לויבט אים זייער שטאַרק.

און דערביי האָט ער צוגעגעבן די פאָלגנדע ווערטער:

„מענטשן דאַרפן אַלע מאָל איינער דעם אַנדערן העלפן און גאָט באַצאָלט דערפאַר צען מאָל אַזוי פיל".

די אַלטע סופר׳טע האָט צוגעשטימט. זי האָט געוואוסט ווי גוט און איידל איר זון איז און אַז די ווערטער קומען אַרויס פון די טיפענישן פון זיין האַרצן.

„אודאי דאַרף מען העלפן איינער דעם אַנדערן... דיין טאַטע עליו השלום האָט אַזוי געטאָן זיין גאַנץ לעבן אַך, אַך... האָט זי אָפּגעזיפצט.

בן ציון האָט געוואָלט אַז דער שמועס זאָל געפירט ווערן ווייטער און ער האָט געפרעגט:

„זאָג מיר נאָר, אסתר, וואָס האָט אַרבוזע געוואָלט פון דיר, ווען דו האָסט געוויינט אין קיך?"

אסתר האָט זיי דערציילט אַז זי האָט אים ניט געקאָנט קיינמאָל דערליידן צוליב זיין גראָבקייט און פייפן.

אָבער דאָס איז ניט געווען אַלעס — ער האָט נאָך אָנגערעדט אויף איר, און ווען די באַלעבאָסטע האָט זי געשיקט צו עזריאל דעם שוסטער נאָך אַן אוגערקע, איז מירקע אויף איר אָנגעפאַלן און זי באַליידיקט.

אַט דער אַרבוזע האָט פשוט אָנגערעדט אַז זי וויל אים אָפּרעדן פון פּעסלען, וואָס עס איז געווען אַ ליגן.

מיט אַ טאָג שפּעטער, נאָכדעם ווי מירקע האָט זי באַרעדט פאַר אַלעמען, האָט ער זיך נאָך געטשעפּעט צו איר. זי האָט אים דאַן געוואָרפן אַ פאַן אין קאָפּ אַריין...

די סופר'טע האָט דוקא געוואָלט דערציילן וואָס מירקע האָט גע־זאָגט וועגן אסתר'ן, אָבער זי האָט עס באַטראַכט אַלס לשון הרע און, אַנ־שטאָט דעם האָט זי בעסער געזוכט אַ זכות:

„אַ מענטש איז פּראָסט, און האָט קיין שכל ניט... ווייסט ניט וואָס ער רעדט... זאָל ער בעסער חתונה האָבן, און ער וועט ווערן מער גע־זעצט".

קאַפּיטל 28

ר' חיים'ס לאַגע

נאָך דעם פייער איז ר' חיים דער גביר געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. פּונקט ווי פייער האָט מען אַרויפגעקוקט צו אים און מען האָט זיך גערעכנט מיט זיינס אַ וואָרט, אַט אַזוי האָט מען זיך ניט גערעכנט מיט אים אַזוי גיך ער האָט פאַרלאָרן זיין פאַרמעגן. די שטעטלשע אידן, דערהויפּט די וואָס זיינען געווען פריער נאָענט צום גביר, האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און צוגעגעבן אַז „גאָלד גלאַנצט און אַז עלעס וואָס איז נאָ־ענט צום געלט שיינט מיט, אָבער"... ווען ר' חיים איז געווען רייך איז ער געווען ר' חיים. איצט אָבער האָט ער פּלוצלונג פאַרלאָרן דעם „רעב". אַריינגעקליבן זיך אין אַן אָרעמער שטיבל, ניט האָבנדיק מער קיין דינסטן, איז פאַרשוואונדן זיין גלאַנץ און זיין כבוד. און פּרנסה האָט ר' חיים דווקא געדאַרפט. די פאַמיליע האָט געמוזט לעבן, און די וואָס זיינען געווען זיינע פריינט זיינען פאַרשוואונדן. נו, וואָס זשע טוט מען? איז ער אַרויס אין מאַרק מיטן שטעקל איינצוהאַנדלען אַביסל תבואה. ווען ער האָט געדאַרפט אַביסל געלט, האָט ער געמוזט אָנקומען נאָך אַ גמילות חסד,

אָבער עס איז איצט געווען שווער צו קריגן ביי די וואָס האָבן אַמאָל גע־קראָגן ביי אים. איז טאַקע בן ציונ׳ס גמילות חסד פאַראיין גוט צוניץ געקומען.

די גביר׳טע, אַמאָל חוה׳לע די גביר׳טע, אָבער איצט ניט מער ווי חוה, האָט אויך ניט געהאַט וואָס צו טאָן אין דער היים. די עטלעכע צימערן האָבן זיך ניט גענויטיקט אין צופיל אַרבעט. אויסער דעם האָט זי בכלל ניט געקאָנט איינזיצן אין הויז. איז זי אויך אַרויס אין מאַרק אַריין און גע־האָלפן איר מאַן מיט וואָס נאָר זי האָט געקאָנט. זי האָט אויך געטאָרגעוועט ווי ער, אַבי צו פאַרדינען אַ פּאָר רובל אויף אויסקומעניש.

און מיט שווערע צייטן וואָס זיינען געקומען פאַר ר׳ חיים׳ען, זיינען אַרונטערגעקומען שווערע געדאַנקען אויך, ווי געזאָגט פריער.

די דאָזיקע געדאַנקען זיינען געווען אי שווערע, אי ביטערע. איצט האָט ער געהאַט אַ געלעגנהייט איבערצוטראַכטן וואָס ער האָט געטאָן און ווי אַזוי ער האָט אַריינגעפּאַקט דעם אָרימען בן־ציונ׳ען.

איז עס ניט געווען קיין זינד קעגן גאָט און מענטשן אַזוי צו טאָן? האָט ער זיך געפרעגט.

און איז אפשר די שטראָף וואָס איז געקומען אויף אים ניט קיין כשר פאַרדינטע? גענומען אַזאַ זיידן קינד, אים פאַרשלייערט און אים געגעבן אַ פרוי, וועלכע... ער, אַלס טאַטע, האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף איר אויפפירונג, ניט לאָזן אַלעס צום צופאַל. אָבער ווי אַזוי האָט ער געקאָנט אין זינען האָבן אַזעלכעס ווען געלט מאַכן איז ביי אים געשטאַנען העכער פון אַלעס?

ניט אומזיסט האָט ר׳ חיים געטראַכט וועגן דעם. פייגעלע, זיין טאָכטער איז ביי אים געווען אַ וואונד אין זיין האַרצן, אַ טיפע, אַן אייטער־דיקע וואונד. זי איז איצט געווען אַליין אין הויז. בן ציון האָט זיך אָפּגע־טיילט פון איר, זינט ער איז קראַנק געוואָרן. זי האָט געפאָדערט אירס און איז לגמרי ניט געווען צופרידן פון דעם וואָס בן ציון איז ניט דאָס וואָס זי האָט געוואָלט ער זאָל זיין. זי האָט געוואָלט ער זאָל זיין שטאַרק און גע־זונט ווי אַ מאַן דאַרף זיין, און ער... נו, ניט קיין מאַן — יעדנפאַלס, ניט פאַר איר. איז פאַר אַ צייט לאַנג אַרומגעגאַנגען ווי אַ פאַר׳חלומ׳טער. און דערנאָך געפאַלן צו בעט און געפינט זיך ביי זיין מוטער. אמת, פייגעלע האָט עס ניט געקאָנט אויסדריקען, אָבער זי האָט געקוקט אויף דער גאַנצער זאַך פון איר שטאַנדפּונקט און די עלטערן אירע האָבן געוואוסט וואָס זי טראַכט.

דערווייל האָט דער רב צוגעגרייט דעם גט, ווארים ער האָט שוין

פון לאַנג אײַנגעזעען אַז קײן אַנדער װעג צו ראַטעװען בן־ציונ׳ען איז ניט פֿאַראַן. מילא, װאָס עס איז געװען איז געװען. אָבער איצט איז ר׳ חיים ניט מער דער װאָס ער איז געװען, און די לאַגע האָט זיך געביטן.

פֿאַרװאָס טאַקע זאָל דער יונגער בן ציון, אַ מענטש, מיט אַזאַ טיפֿן געטלעכן געפֿיל לײַדן?

לויטן דין, װידער, איז בן ציון געװען באַרעכטיקט צו דעם און דער רב, װעלכער איז געװען אַ לעבעדיקער עדות אויף אַלץ װאָס עס איז פֿאָרגעקומען, האָט געפֿילט אַלס הײליקן חוב אים צו העלפֿן.

דער גט איז איבערגעגעבן געװאָרן דעם שמש ביים רב אין הויז, און דער שמש האָט געדאַרפֿט זײַן דער שליח אים איבערצוגעבן פֿייגעלע׳ן.

נאָך דעם װען ער איז פֿרײַ געװאָרן האָט בן ציון זיך אָנגעהויבן פּאַקן אין װעג אַרײַן. מיטנעמען קײן סך האָט ער ניט געהאַט: דעם טלית זאַק, אַ פּאָר העמדער, און נאָך עטלעכע זאַכן. און דאָס איז געװען אַלעס װאָס ער האָט געדאַרפֿט האָבן ביים רבי׳ן

די סופֿר׳טע האָט ערשט איצט דערפֿילט אַז איר זון, דאָס אויג פֿון איר קאָפּ גײט אַװעק פֿון איר. זי האָט געלאָזט אַ טרער, טראַכטנדיק װעגן דעם װאָס ער װעט זײַן אין דער פֿרעמד. אָבער זי האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן. עס איז דאָך פֿאַר זײַן טובה װעגן. אמת, זי האָט אים בעסער געװאָלט האָבן מיט זיך, אָבער פֿאַר איר זון איז זי געװען גרייט צו טאָן אַלעס אין דער װעלט.

װען בן ציון האָט געזעען דאָס פּנים פֿון זײַן מוטער פֿלעגט עס אים פֿאַרקלעמען ביים האַרצן. ער פֿלעגט איר אויסרעדן דאָס האַרץ, פֿאַרזיכערנדיק זי אַז ער װעט װערן געזונט און װעט אם ירצה השם צוריקקומען. דערװייל בלייבט זי דאָך ניט אַליין, האָט ער זי געטרייסט. אסתר בלייבט מיט איר.

אָבער אסתר אַליין איז געװען שטאַרק צעבראָכן און באַטריבט. אַך, װי זי האָט געװאָלט מיט אים רעדן. זי האָט געהאַט זייער װיכטיקעס אים צו זאָגן, אָבער זי האָט ניט געװאַגט. װען נאָר זי איז געװען גרייט אים צו זאָגן אַ װאָרט, זיינען די װערטער װי פֿון זיך אַליין פֿאַרשװאונדען.

װען בן ציון האָט זיך געדאַרפֿט געזעגענען, האָט ער געזוכט אסתר׳ן, אָבער זי איז ניט געװען אין צימער. װאו איז אסתר? האָט ער געפֿרעגט. די מוטער איז זי געגאַנגען זוכן און זי געפֿונען אין אַלקער. זי איז געלעגן אין בעט און װען שרה די סופֿר׳טע האָט זי געפֿרעגט פֿאַרװאָס זי גייט ניט אַרויס אין פֿאָדערצימער, האָט זי זיך באַקלאָגט אַז זי פֿילט עפּעס ניט גוט.

בן ציון איז דאַן אַריין אין צימער און האָט זי געפונען אַ פאַרוויינטע. איר פּנים בלייך, און די ליפּן האָבן לייכט געציטערט. קענטיק אַז זי איז געווען זייער נערוועז וואָס ער איז פּלוצלונג אַריינגעקומען.

„וואָס איז מיט אייך אסתר?" האָט ער געפרעגט ערנסט.

זי האָט אויסגערעדט עפּעס, אָבער אַזוי שטיל אַז ער האָט קוים געהערט. „איך האָב זייער וויכטיקעס מיט אייך צו ריידן", האָט זי אים געזאָגט. און דער געוויין האָט דערשטיקט איר קול.

וואָס האָט פּאַסירט אסתר? האָט ער זי ווידער געפרעגט. אפשר רופן דעם רופא יאָ, איך וועל אים לויפן רופן..."

„ניין, ניין, עס וועט איבערגיין", האָט זי געמורמלט. און דערביי גענומען זיין האַנט און זי געקושט.

ער האָט זיך זייער געערגערט. איצט האָט ער געזען אַז זי איז באמת קראַנק. איר האַנט איז געווען הייס ווי פייער און זי האָט געציטערט ווי אין פיבער. ער איז געשטאַנען ווי צומישט.

אָבער דאָ האָט ער דערהערט זיין מוטערס קול: בן ציון! בן ציון! מען וואַרט אויף דיר...

אויף גיך האָט ער זי באַרואיקט, זאָגנדיק, „אסתר זייט דאָ מיט מיין מוטער... עס וועט אייך זיין היימלעכער".

„פּאַרט געזונטערהייט", האָט זי קוים אַרויסגעזאָגט אָבער קומט באַלד צוריק". און פאַרטראַכטנדיק זיך אַ מינוט האָט זי געזאָגט: בן ציון... אָבער די מוטער האָט אים גערופן און זי האָט ניט געקאָנט ענדיקן.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז שוין בן ציון געווען אין בויד, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט חסידים, וועלכע זיינען אויך געפאָרן צום רבי'ן. ער האָט זיך קוים אַריינגעשטופּט. אין זיינע אויערן האָבן אבער נאָך אַלץ געקלונגען אסתר'ס ווערטער. וואָס האָט זי געמיינט? וואָס האָט זי געוואָלט נאָך זאָגן און האָט ניט געקאָנט? „קומט באַלד צוריק"... קומט באַלד צוריק..."

ווען זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון שטעטל האָט זיך דער הימל פאַרוואָלקנט און אַ ווינט האָט גענומען בלאָזן. די בויד האָט זיך געטראָגן שווערלעך איבער דעם וועג. בן ציון איז געווען פאַרזאָרגט און די חסידים האָבן געקוקט אויף אים מיט פאַרוואונדערונג. יעדער פון זיי איז געווען פריילעך. אין קליינקייט, מען פאָרט צום רבין. און מען האָט גערעדט און

מען האָט דערציילט וואונדער איבער וואונדער. מען האָט גענומען אַ לחיים און עס איז געווען פריילעך. נאָר בן ציון איז געזעסן צווישן זיי מיט אַ פאַר־ביטערטער האַרץ.

ווער האָט געקאָנט פאַרשטיין אסתר׳ס האַרץ, אירע זאָרג און שרעקן. צוערשט פלעגט זי וויינען אויף איר ביטער מזל, אָבער דערנאָך זיינען אויך די טרערן אויסגעטריקנט געוואָרן. און עס זיינען ניט געווען פאַר וועמען אויסצוגיסן דאָס האַרץ. איצט איז זי געווען אמת עלנט. די שאַנד איז געלעגן אין איר, אונטער איר האַרצן, און זי האָט געוואוסט אַז עס איז פאַראַן. נאָך אַביסעלע, נאָך אַביסעלע — אפשר וואָכן, אָדער טעג... קאָנען זיי נאָך דערקענען אויף איר וואָס, זי טראָגט אין זיך. און דאַן? וואָס וועט זי זאָגן? ווי אַזוי וועט זי דערקלערן?

אין אמת׳ן האָט זי ניט געוואוסט קיין רעכענונג. זי האָט ניט גע־וואוסט ווען עס איז פאָרגעקומען און האָט ניט געדיינקט דעם טאָג. אַלעס איז געווען אין איר מוח ווי איינגעהילט אין אַ מיסטעריע און איבערגע־דעקט מיט אַ פאָרהאַנג אָדער פאַררוקט הינטער אַ טומאַן. זי האָט אָבער יאָ געוואוסט אַז עס איז פאָרגעקומען און אַז עפּעס אַ שטיק ניי לעבן טרי־פּעט זיך אין איר און וויל אַרויס אויף דער פרייער, ליכטיקער וועלט.

פאַר וואָס האָט זי אים ניט געזאָגט? האָט זי זיך אַליין געפרעגט. פאַר וואָס האָט זי אויסבעהאַלטן פון אים דעם אמת? אָבער וועט ער איר גלויבן? אוודאי וועט ער איר גלויבן. ער איז דאָך ווי אַ גוטער מלאך. זיין האַרץ איז ריין און גוט. „איך וועל אים זאָגן די סימנים”, האָט זי גע־טראַכט און ער וועט זיך דערמאָנען. אָבער דערווייל וואָס טוט מען? מען דאַרף אויסבעהאַלטן דעם אמת פון פרעמדע אויגן. זיי וועלן דאָך זיכער ניט פאַרשטיין וואָס עס איז פאָרגעקומען. זיי וועלן איר זיכער ניט גלויבן.

איז וואָס בלייבט צו טאָן? דאָס איינציקע וואָס זי קאָן טאָן, איז אויפ־שטיין פון בעט און זיך ניט מאַכן וויסנדיק. אָנגיין מיטן לעבן ווי גאָר־נישט האָט פּאַסירט. דאַן וועלן מענטשלעכע אויגן ניט פאַלן אויף איר. קיין פאַרדאַכט וועט דאַן ניט זיין, און אַלעס וועט דאַן קאָנען וואַרטן ביז ער וועט קומען.

האָט טאַקע אסתר אַזוי געטאָן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט זי זיך געשטאַרקט און איז אויפגעשטאַנען פון בעט. זי האָט זיך דאַן אָנגעטאָן ווי פריער און האָט זיך געמאַכט פריילעך.

קאַפּיטל 29

אסתר אין אַנגסט

זי האָט אָנגעהויבן צו טאָן די הויז אַרבעט, געמאָלקען די קו, געוואַשן גרעט און גערוימט, אַבי צו זיין פאַרטאָן אין אַרבעט און טראַכטן וואָס ווייניקער, און ווען זי איז געווען אַזוי פאַרטאָן, האָט זי ווייניקער געטראַכט און געלאָזט דאָס לעבן גיין ווי עס גייט, גלויבנדיק אַז גאָט וועט איר העלפן אין איר נויט.

ניט איינמאָל האָט זי געטראָפן די אַלטע שרה זיצן אַליין אין צימער איבער דעם תהילמ׳ל, שעפּטשענדיק אין דער שטיל און זיך באַגיסנדיק מיט טרערן. דאַן האָט אסתר זי געטרייסט. זינט בן ציון איז אָפּגעפאָרן, האָט שרה געהאַלטן אין איין וויינען. און זאָגן תהילים בעטנדיק גאָט אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף איר זון און אים מאַכן געזונט. דאָס תהילמ׳ל איז איר ניט איינמאָל צוניץ געקומען אין איר לעבן. עס האָט אַ סך מאָל איינגעזאַפּט אירע טרערן, אָבער זינט די לעצטע עטלעכע יאָר האָט עס איינגעזאַפּט מער טרערן ווי אין פאַרלויף פון פיל יאָרן. עס איז געווען איצט געל ווי וואַקס.

ניט אַלעמאָל האָט אסתר געפילט פריי אַריינצומישן זיך און ריידן צו איר. אָבער אייניקע מאָל האָט זי עס געטאָן. די סופר׳טע פלעגט זאָגן, אַז ווען דאָס האַרץ איז פאַרביטערט קאָן מען זיך ניט העלפן. אַ טרער איז דעמאָלט אַ פאַרלייכטערונג. „אָבער״, האָט זי צוגעזעצט, „פאַר וואָס מאַכסטו מיר אַן אויסרייד, טייערע, ווען דיינע אויגן זיינען אַליין פאַרביטערט? פאַרוויינט״.

„איך האָב ניט געפילט גוט״, האָט אסתר דאַן געענטפערט. „זאָל ער פאָרן געזונטערהייט און קומען צוריק געזונט... מיר וועלן זיך נאָך פרייען מיט אים״. איר קול האָט געציטערט פון אויפרעגונג און זי האָט אַרונטערגעלאָזן די אויגן, ניט קאָנענדיק באַגעגענען דער סופר״טעס בליק. שרה האָט פאַרשטאַנען אַז עפּעס איז ניט גלאַט און זי האָט געפרעגט. „זאָג מיר נאָר טאָכטער, וואָס איז מיט דיר? וואָס ביסטו אַזוי בלייך? עפּעס שרעקט דיך״.

זי האָט אַ לענגערע צייט געשוויגן, ווי זוכנדיק אַן ענטפער, אָבער זי האָט איצט זייער ניט גוט געפילט, און ניט ענטפערן, איז געווען ניט לייכט. „עס איז פון דעם מאָגען״, האָט זי געזאָגט. „לעצטנס האָט מיר פאַרשאַדט עפּעס. עס וועט איבערגיין...

ווייז מיר די צונג, טאָכטער", האָט די סופר'טע געזאָגט.

די צונג איז געווען ריין. „עס וועט איבערגיין", האָט שרה געזאָגט. „נעם זיך ניט צום האַרצן, טייערע".

אָבער עס איז ניט איבערגעגאַנגען. זי האָט געאַרבעט אין הויז, געטאָן אַלעס וואָס עס האָט זיך געמאַכט צו דער האַנט, און די איבעלדיקייט אויף דעם האַרצן איז ניט פאַראיבער. פון צייט צו צייט האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּ, און כאָטש עס איז געווען וואַרעם האָט זי געטראָגן אַ אויבערמאַנטל, ווארים עס פלעגט איר ווערן קאַלט.

זייער זעלטן איז זי אַרויסגעגאַנגען פון דער היים. זי האָט בעסער ליב געהאַט צו זיין אין הויז. אָבער ווען די חסידים זיינען געקומען צוריק פון רבין, איז זי אַריבערגעגאַנגען צו איינעם פרעגן אויף בן ציונ'ען. און דער גרוס איז גראַד געווען אַ גוטער. בי ציון, האָבן זיי געזאָגט, פילט פיל בעסער. ער האָט געבעטן איבערגעבן זיין מאַמען זי זאָל זיך ניט זאָרגן. וועגן אסתרן האָבן זיי ניט דערמאָנט. בן ציון האָט זיי גאָרנישט געזאָגט, ווייזט אויס.

אַזוי האָט זיך געצויגן די צייט, וואָך נאָך וואָך, און דערווייל איז עס מער און מער געוואָרן קענטיג אויף איר. עס האָט שוין געהאַלטן אַזוי ווייט, אַז מער באַהאַלטן איז געווען שווער. עפּעס האָט מען דערקענט אַז זי איז פעטער געוואָרן. האָט זי דעריבער נאָך מער אויסגעמיטן מענטשן. וואָס האָט זי געקאָנט טאָן? זי האָט איצט געוואוסט אַז זי וועט לאַנג ניט קאָנען אָנהאַלטן איר סוד. סוף כל סוף וועט מען זיך דערוויסן. טאָ, איז זי געפאַלן אויף אַן עצה, פאָרן צו איר מומע. דאָרט וועט זי זיין צווישן אייגענע. און זי האָט זיך טאַקע גענומען גרייטן צו פאָרן. די סופרטע, פון איר זייט, איז איר ניט געשטאַנען אין וועג. די מיידל איז געווען צו טייער ביי איר זי צו לאָזן ליידן. אויסער דעם האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עס איז טאַקע בעסער פאַר איר.

קאַפּיטל 30

פאָרט ניט צו קיין קרובים

אין אמת'ן איז זי ניט געפאָרן צו אירע קרובים. זי האָט בלויז געזאָגט אַזוי אָבער זי איז געפאָרן צו בן־ציונען. פאַר וואָס זאָל זי באַהאַלטן פון אים דעם אמת? פאַר וואָס ניט דערציילן אים וואָס זי לעבט איבער? זי האָט געהאָפט אַז בן ציון וועט זי פאַרשטיין. אַ חופה וועט געשטעלט

ווערן און זי וועט ווערן זיינע. נאָך אַלעמען, איז עס דאָך זיין קינד, זיין שמירה טראָגט זי נאָך אַלץ אויף׳ן האַלז. זי האָט אָפּגעהיט אַלע דינים...

זי איז געפאָרן מיט דער באַן, ניט מיט׳ן בעל עגלה, ווייל זי האָט ניט געוואָלט צעטרייסעלט ווערן אויפן וועג. זי האָט שוין איצט געפילט ווי אַ מאַמע, וועלכע דאַרף היטן איר קינד, הגם עס איז נאָך ניט געווען געבאָרן.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס אסתר איז געפאָרן מיט דער באַן. די ענגשאַפט איז געווען גרויס און עס איז ניט געווען וואו צו זיצן. איז זי געשטאַנען מיט איר פּעקל אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט און זיך צוגעהאַלטן ניט אומצופאַלן.

נאָך עטלעכע שטונדן פאָרן איז איר ניט גוט געוואָרן אויפן האַרצן. עס האָט איר געשווינדלט אין די אויגן, און זי איז אומגעפאַלן. מענטשן האָבן זי אָפּגעמינטערט, געמאַכט פּלאַץ פאַר איר.

אָן אַ זייט, לעבן איר, איז געזעסן אַ שיינער איד, וועלכער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ גביר. ער האָט געקוקט און געקוקט אַזוי אַז זי האָט געפילט מאָדנע וואָס ער נעמט ניט אַרונטער קיין אויג פון איר. ווייזט אויס, אַז ער האָט דערקענט אויף איר, אַז זי איז אַ קליינ־שטעטלדיקע. איר נערוועזיטעט האָט בי אים אַרויסגערופן רחמנות. אָבער צו ערשט האָט ער ניט געוואָגט איר צו פרעגן וואוהין זי פאָרט. שפּעטער אָבער האָט ער זיך איינגעשטעלט און זי געפרעגט וואוהין זי פאָרט.

זי האָט אין אַן אומזיכערן טאָן אים געענטפערט אַבי אָפּצוקומען, אָבער ער האָט זי געפרעגט נאָך אַמאָל און אַ געשפּרעך האָט זיך פאַר־בונדן צווישן זיי. און באַלד ווי דאָס ערשטע אייז פון אומבאַקאַנטשאַפט איז צושמאָלצן געוואָרן, האָט זי דערציילט. „איך פאָר צו מיין חתן וואָס איז ביים רבין", האָט זי געזאָגט. „ווי לאַנג איז דיין חתן ביים רבין? האָט דער איד געפרעגט. דאַרויף האָט אסתר געענטפערט אַז ער איז שוין אַ לאַנגערע צייט דאָרט, צוליב דעם וואָס ער וויל זיך דערהאַלן פון זיין קראַנקהייט.

עס האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַז דער איד האָט גוט געקאָנט ר׳ חיים דעם גביר ווייל ער איז געווען ביי אים אין הויז פריער ווען דער רבי האָט באַזוכט דאָס שטעטל. און ווען זי האָט אים דערציילט וועגן אַלעס, האָט ער געהאַט גרויס רחמנות אויף איר און איר אָנגעבאָטן אַז זי זאָל טאַקע איינשטיין ביי אים אין הויז און זיין פרוי וועט זי אויפנעמען גוט.

אסתר איז איבעראַשט געוואָרן פון אידנס ווערטער. אַזעלכעס האָט זי ניט דערוואַרט, אָבער אַז גאָט שיקט צו אַ מלאך פון הימל קאָן ער צושיקן אַ גוטן מענטשן אויך. „נאָר גאָט האָט אייך צוגעשיקט צו מיר", האָט זי געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן.

דערווייל איז די באַן געלאָפן דורך פעלדער און טאָלן ביז זי איז אָנגעקומען צום ציל. אָט־אָט און זי וועט זיין ווידער אויף אַ פּלאַץ און זי וועט אויסדערציילן בן ציונ׳ען וואָס עס האָט מיט איר פּאַסירט און פאַר וואָס זי איז געקומען אַהער. וועט ער זי אויפנעמען? וועט ער איר גלויבן אָדער ער וועט זי אָפּשטויסן? ניין, ס׳איז אוממעגלעך. ניט דער גוטער בן ציון וועט טאָן אַזעלכעס. זיכער וועט ער איר פריינט־לעך באַגעגענען. ער וועט זיין ווי אַ ברודער צו איר.

ווען זי איז אַרונטער פון באַן אין באַגלייטונג פון אידן, איז דער געריש געווען זייער גרויס אַרום און אַרום. מענטשן האָבן זיך געשטופּט. געטראָגן פּעקלעך און געלאָפן. נאָך אַ באַן איז געשטאַנען אין דער זייט, און דער לאָקאָמאָטיוו האָט געלאָזן פון זיך אַ געדיכטן רויך. מן הסתם איז געווען פאַר׳ן אָפּפאָר און די קאָנדוקטאָרן זיינען געשטאַנען ביי די טירן און צוגעזען ווי דער עולם שטופּט זיך פון אַלע זייטן.

פּלוצלונג האָט זי דערזען פון דערווייטנס אַ געשטאַלט. אַ היימישע, נאָענטע געשטאַלט איז עס געווען, אַזוי נאָענט אַז נאָענטער קאָן שוין ניט זיין. זי האָט געפילט ווי אויסצושרייען: איך בין אסתר, אסתר... בן ציון וואוהין פאָרסטו? וואוהין פאָרסטו? אָבער אפשר דאַכט זיך איר בלויז אויס, אַז דאָס איז בן ציון. עס קאָן דאָך ניט זיין. פאַר וואָס זאָל ער אַוועק־פאָרן? וואוהין?... אָבער ניין, דאָס איז דאָך טאַקע ער מיטן פּעקל וואָס ער טראָגט.

פּלוצלינג האָט זי בן ציון דערזען פון דער פּלאַטפאָרם און ער האָט געגעבן אַ געשריי פון דער ווייטענס: אסתר! אסתר!.. ער האָט געוואָלט אַרונטערלויפן. אָבער דער קאָנדוקטאָר איז געשטאַנען אין וועג און ניט געלאָזט. די באַן פאָרט באַלד אָפּ, און אָט־אָט וועט ער איר מער ניט זען. ניין, דאָס קאָן ניט געטאָן ווערן. און דער קאָנדוקטאָר האָט טאַקע ניט גע־לאָזן. געשטאַנען ביי דער טיר און ניט אַרויסגעלאָזן קיינעם. און נאָך איידער ער האָט זיך גערירט און האָט געקאָנט איר דערקלערן וואָס ער וויל טאָן, האָט זיך געהערט דער לעצטער קלונג און די באַן האָט זיך גערירט פון אָרט.

אין דער צייט האָט אסתר שוין געוואוסט וואָס עס האָט פּאַסירט. און זי איז אים נאָכגעלאָפן, געוואָלט כאָטש אַ קוק טאָן אויף אים. זי האָט געשריען, גערופן, און נאָכגעלאָפן. די באַן האָט גענומען גיין שנעלער און שנעלער און באַלד איז איר קול פאַרשלונגען געוואָרן אין געריש.

דער איד האָט איצט פאַרשטאַנען אַז עפּעס שרעקלעכעס האָט פּאַסירט. ער איז איר נאָכגעלאָפן און זי צוריקגעהאַלטן. זי האָט געשריען מיט באַ־נומענע קולות: מיין חתן איז אַוועק פון מיר... ער האָט מיך פאַרלאָזן..

דער איד, ר׳ נחום האָט ער געהייסן, האָט געזען אַז מען קאָן איצט מער ניט שווייגן. ער האָט צוגערופן אַ דראָזשקע און האָט געהייסן זיי פירן צו זיך אַהיים. ער האָט געטאָן אַלעס, כדי זי צו באַרואיקן. „גאָט, האָט ער געזאָגט אויפן אידישן שטייגער, איז אַן אבי יתומים ודין אלמנות". ער וועט זי ניט פאַרלאָזן און וועט איר ווייזן דעם ריכטיקן וועג.

עס איז געווען שווער אסתרן אַנצונעמען זיינע טרייסט ווערטער. וואָרים איר גאַנצער פּלאַן איז איצט צעבראָכן געוואָרן. אָבער מענטשן געוווינען זיך איין אפילו צו צרות.

דערווייל האָט זי געהאַט אַ דאַך איבערן קאָפּ און ר׳ נחום׳ס פרוי, וועלכע איז געווען אַ גוט־האַרציקע, האָט איר געדינט ווי אַ מאַמע.

קאַפּיטל 31

בן ציון׳ס איבערלעבונגען ביזן אָפּפאָרן

כדי צו פאַרשטיין וואָס בן ציון האָט איבערגעלעבט און ווי אַזוי ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן דעם שריט וואָס ער האָט געמאַכט, מוז מען דאָ איבערדערציילן וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט זינט ער איז געקומען צום רבין.

צוערשט, ווען ער איז אָנגעקומען אין רבינס הויף איז בן ציון באַגייסטערט געווען פון דער וואַרימער חסידישער אַטמאָספערע, וואָס ער האָט דאָ געפונען.

דאָס איז פּאַקטיש געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז געקומען צום רבין, ניט גלאַט אויף אַ באַזוך, נאָר צו בלייבן אין הויף פאַר אַ לענגערער צייט.

ער האָט פאַרגעסן אַלע זיינע צרות און האָט זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער.

זיין נשמה האָט זיך ממש גע׳טובל׳ט אין פלאַמיקער קדושה. דאָס התלהבותדיקע דאַווענען, דער שבתדיקער טיש — ווער קאָן דען אָפּשאַצן דעם תענוג וואָס ער האָט געשעפּט פון פרישן קוואַל?

אָבער דאָס איז בלויז געווען אין די ערשטע עטלעכע טעג.

באַלד איז די פרייד געמינערט געוואָרן. און שפּעטער אַביסל איז זי כמעט אינגאַנצן פאַרשוואונדן.

די גבאים, די בני בית, זיינען געווען פאַרטאָן יעדער אין זיינע זאַכן און זיי האָבן זיך ווייניג וואָס געקימערט וועגן אים און זיינע געפילן. ווען מען איז עס געגאַנגען אין לעבן צו זען צי ער איז געזעסן ביים טיש, צי ער האָט געגעסן... און דער רבי, כאָטש ער איז יאָ געווען פאַראינטערעסירט אין אים, מיט אָט דעם האַלב־קראַנקן יונגערמאַן האָט אויך ניט געקאָנט צופיל זיך עוסק׳ן מיט אים.

קאָן מען דען אַלעמען טראָגן אויפן קאָפּ? עס זיינען דאָך געווען חסידים אויך, און יעדער האָט געהאַט זיינע אייגענע זאָרג.

פון אָנהויב האָט בן ציון געפונען אַ פּלאַץ ביים טיש.

מען האָט געלייגט כבוד אויף אים, דערהויפּט די עלטערע חסידים, וועלכע האָבן געהערט פון אים.

אָבער דערנאָך איז ער געוואָרן אויס יחסן. אַנדערע האָבן פאַרכאַפּט די פּלעצער ביים טיש.

און ער איז אָפּט געבליבן אָן אַ פּלאַץ. האָט ער געמוזט שטיין ווי פילע אַנדערע.

וואָלט ער זיך געווען געקענט שטופּן ווי אַנדערע האָבן געטאָן, וואָלט נאָך ניט געווען אַזוי שלעכט.

אָבער ער האָט עס ניט געקאָנט. עס איז אים געווען איבער דער טבע.

אין דער היים האָט ער אַלעס געטאָן פאַר אַנדערע, פאַר דער שטאָט, אַלעמען אַרויסגעהאָלפן, אָבער דאָ האָט ער זיך געפילט ווי אַ בטלן. זיצט און טוט גאָרנישט.

איצט האָט זיין נשמה געצויגן אַ היים. אָבער דער געדאַנק האָט זיך געריסן אין דער ברייטער וועלט אַריין.

וואו וועט ער נעמען אויף אַ לעבן? ווערן אַ סופר? דאָס וויל ער ניט — דעם טאַטנס צוואה. די מאַמע זאָל ווערן אַ הענדלערקע? איז דאָס אַ תכלית, אַז זיין קראַנקע אַלטע מאַמע זאָל אים שפּייזן? און צום פּריזיוו וועט מען אויך באַלד רופן.

דאָס איבערטראַכטן האָט אים געמאַכט אומרואיק.

ער האָט געקוקט מיט טרויעריקע אויגן אויף זיין צוקונפט.

צופעליק האָט אַן אַלטער חסיד, ר׳ שמעריל, וועלכער איז געקומען צו דעם רבי׳ן אַ וואָך נאָך בן ציונ׳ען, באַמערקט ווי דער יונגערמאַן גייט אַרום אַ מרה־שחורהדיקער.

ר׳ שמעריל, וועלכער איז געווען אַ פּראַקטישער מענטש, האָט זיך געוואונדערט.

וואָס פאַר אַ וועג איז עס פאַר אַ יונגן חסיד אַריינצולאָזן זיך אין טרויער? דאָס איז קעגן דעם געדאַנג פון חסידות.

ער האָט זיך דעריבער דערנענטער צו אים, און בן ציון האָט טאַקע געעפֿענט פֿאַר אים דאָס האַרץ.

ר׳ שמעריל האָט געפֿונען גענוג גוטע ווערטער אים צו זאָגן. נאָך אַלעמען, ער איז נאָך יונג, ניט באַקענט מיט דער וועלט. מען טאָר ניט פֿאַרצווייפֿלען. גאָטס השגחה איז איבעראַל. אַ מענטש דאַרף קוקן אויף יעדער זאַך מיט האָפֿנונג און בטחון. און גאָט העלפֿט דעם וואָס פֿאַרלאָזט זיך אויף אים.

ער האָט אים אויך געראָטן אַז דער בעסטער וועג פֿאַר אים וואָלט געווען אַוועקצופֿאָרן אין אַ דאָרף און ווערן אַ מלמד. דאָס וועט אים געבן אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרדינען אַביסל געלט. ער וועט אויך זיין רואיק און וועט קאָנען לערנען.

בן ציונ׳ען האָט אויסגעקוקט אַביסל מאָדנע איצט צו ווערן אַ מלמד, אָבער נאָכדעם האָט ער זיך איבערגערעכנט, אַז נאָך אַלעמען איז עס בעסער ווי צו זיין דאָ, ווי אַ בטלן. דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט מיטגע־נומען, לאָזט זיך אויס. איז פֿילייכט דער בעסטער וועג אין אַ דאָרף ווערן אַ מלמד.

אָבער, וואו איז פֿאַראַן אַזאַ דאָרף? קיין באַקאַנטשאַפֿט האָט ער ניט. ר׳ שמעריל האָט אים געזאָגט אַז ער וועט אים געבן אַ בריוו צום שמש פֿון שוהל אין זיין שטעטל און יענער וועט שוין אויסזוכן פֿאַר אים אַ שטעלע.

אָבער געלט אויף אַ בילעט דאַרף מען האָבן. ווי אַזוי מאַכט מען עס? ר׳ שמערל האָט גוטמוטיק געלאַכט. ווען ער וואַרט ביז וואָס ווען, וואָלט ער צו אַ ברעג קיינמאָל נישט געקומען. אויף דער באַן איז דאָך דאָ אַ ביינקל קריכט מען אַרונטער.

בן ציון האָט זיך גע׳ישובט צי זאָל ער אָננעמען דעם פּלאַן, אָבער ווען עס איז אים געווען אַלץ מער איבערדריסיג צו זיצן ביי דעם רבין האָט ער באַשלאָסן צו פֿאָרן. ער האָט אויספֿאַרקויפֿט דאָס לעצטע און האָט ענדלעך געקויפֿט אַ בילעט.

און אַזוי איז ער געקומען אין יענעם שטעטל.

האָט ער זיך באַלד דערפֿרעגט צו סראָלי דעם שמש, וועלכער איז געווען אַן אָרימער איד. ער האָט פֿיל זיך ניט געדאַרפֿט אָנפֿרעגן אויס־צוגעפֿינען וואָס בן־ציונ׳ס ציל איז. מן הסתם אַן אָרים בחור, אַן אַ באַ־שעפֿטיקונג זוכט אַ שטעלע אין אַ דאָרף. אָבער אַ שטעלע איז ניט אָנגעגרייט אין מיטן זומער. ערשט בין הזמנים קאָן מען קריגן אַ פּלאַץ. און דערווייל וועט בן־ציון זיין ביי אים. ער וועט אים צוהעלפֿן אין בית מדרש, ניט קיין שווערע אַרבעט אָנצוצינדן די לאָמפּן, אַמאָל אויסקערן דאָס בית מדרש.

בן־ציון איז געווען צופרידן אין די אומשטענדן אין וועלכע ער האָט זיך געפונען.

אַ גאַנצן טאָג וועט ער זיין אין בית מדרש, קאָנען אַריינקוקן אין אַ ספר, קיינער וועט ניט וויסן ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט און האָבנדיק זיין אויסקומעניש וועט ער וואַרטן ביז ער וועט קריגן אַ שטעלע.

בן־ציון האָט געטאָן וואָס סראָלי האָט אים געהייסן, ער האָט מיט קיינעם ניט גערעדט. וואָס עס האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען פאַרוואונ־דערונג. ער איז געווען אַ רעטעניש. ביי די בית מדרשניקעס, וועלכע פלעגן אים נאָכקוקן וואָס ער טוט.

וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין איז פאַרוואָס סראָלי דער שמש האָט דעם דאָזיקן שווייגנדיקן אַריינגענומען צו זיך אין הויז. שפּעטער אָבער האָט איינער אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, און עס איז אָנגע־נומען געוואָרן אַלס זיכערע זאַך.

„וואָס דענקט איר איז עס? סראָלי וועט דאָך ניט לאָזן זיין טאָכטער פאַרזיצן... זי איז שוין אַ מויד אין די יאָרן“...

אַלזאָ, עס איז אַ פּלאַן פאַר אַ שידוך.

דעם שמש טאָכטער איז ווירקלעך געווען שוין אין די יאָרן, און אַ שטיקל צייט איידער בן־ציון איז אָנגעקומען האָט זיך געטומעלט אין שטעטל מיט דער פראַגע פון איר הייראַט. געהאַנדלט האָט זיך עס וועגן דעם פאַקנטרעגער, וועלכער איז געווען אַן אַלמן און האָט צוויי דערוואַקסענע מיידלעך. אָט דער פאַקענטרעגער האָט עס געוואָלט זיין דער חתן פאַרן שמש טאָכטער. אָבער זי האָט קיין חשק ניט געהאַט צו ווערן אַ כלה, און מענטשן האָבן זי באַדויערט אויך: זיין אַ דינסט, ווערן אַ מוטער צו צוויי פרעמדע מיידלעך.

קיין חידוש ניט אַז ווען זי האָט דערזען בן־ציונ׳עז, יונג און שיין ווי ער איז געווען, איז זי פאַרצאַפּלט געוואָרן. אַנשטאָט דעם פאַקנטרעגער דעם שיכור, איז בן־ציון געווען ממש אַ מלאך פון הימל אין אירע אויגן.

אָבער וואָס וועט דער פאַקנטרעגער טאָן? האָט מען געפרעגט אין שטעטל. אָ, ער וועט ניט שווייגן. ער וועט ניט דערלאָזן אַז זיין כלה זאָל צוגענומען ווערן ביי אים. און ווען ער איז אין כעס, קאָן ער ברעכן אַ ביין. דאָס האָבן זיי גוט געוואוסט. און זיי האָבן דערוואַרט אַז עפּעס שרעקלעכעס זאָל פּאַרקומען צוליב דעם.

עס האָט טאָקע ניט גענומען לאַנג דער פאַקנטרעגער איז געקומען. עמיצער האָט אים געזאָגט וועגן דעם און ער האָט זיך צוגעאיילט צו טאָן עפּעס. זיין סטאַנציע איז ווי שטענדיק געווען ביים שמש, וואו ער

האָט זיך באַגעגענט מיט זיין קאָנקורענט. האָט ער אים דערווייל ניט געטשעפּעט, זוכנדיק אַ וועג ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אים.

איינמאָל אַ ביינאַכט איז בן־ציון געזעסן איבער אַ ספר פאַרטראַכט. פאַרשידענע געדאַנקען האָבן אים באַאומרואיקט. ער האָט געטראַכט וועגן דער היים, וואָס ער האָט פאַרלאָזן. עס האָט אים אַלץ געעגבערט אין מוח וועגן אסתרן, וועלכע איז אים נאָכגלאָפן ביי דער באַן, און האָט געשריען: בן־ציון! בן־ציון! וואָס האָט זי געמיינט ביים געזעגענען זיך: קומט באַלד צוריק?! איצט האָט ער זיך דערמאָנט אַז זי איז געווען בלאַס און אויפגערעגט געשריען צו אים. אָבער וואָס געהערט ער זיך אָן מיט אים. שווערע געדאַנקען לאָזן אים ניט רוען. לערנען האָט ער ניט געקאָנט און די געדאַנקען זענען געלאָפן איינער נאָכן אַנדערן. ער איז געווען זייער צעמישט און האָט ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט אים. ענדלעך האָט ער געזאָגט, „זאָל מען זי עפּענען און זען — אין מיין יאַרמולקע ער איז אַריין אין צימער און געזען ווי דער פאַקנטרעגער איז געשלאָפן ווי אַ פרומער איד דאַרף שלאָפן מיט דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ. בן־ציון איז באַלד איינגעשלאָפן.

עס האָט געדויערט עטלעכע שטונדן, ווען פּלוצלינג האָט ער אויפגע־עפענט די אויגן און דערזען דעם פאַקנטרעגער און דעם שמש לעבן אים. דער שמש איז געווען דערצאָרנט און האָט געהאַלטן אַ לעדערנעם פּאַסיק אין דער האַנט. ער האָט געשריען: דו אַזוינער און אַזוינער... דו ווילסט מאַכן פון מיין טאָכטער... צווערשט האָט בן ציון ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט געמיינט, אַז עס איז אַ חלום. אָבער דערנאָך האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז ניט קיין חלום. בײדע, דער שמש און פאַקנטרעגער האָבן אים געבונדן הענט און פיס, און זיי האָבן געוואַרט ביז טאָג.

אינדערפרי האָבן זיי אים גענומען צום בית דין שטיבל. און דער רב און באַלעבאַטים האָבן אים געפרעגט מיטן הארבן וואָרט אַז ער זאָל זיך מודה זיין. אָבער בן־ציון האָט געשוויגן. מען האָט אים געפרעגט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, אָבער ער האָט ניט גערעדט, האָט דער רב גע־פּסקענט מען זאָל אים געבן ל״ט מלקות און דערנאָך אַרויסשיקן פון שטאָט.

דער פסק דין איז אַנערקענט געווען אַלס גערעכטער, ווייל עס איז גאָר קיין ספק ביי קיינעם ניט געווען אַז די קלאָגע קעגן אים איז געווען אַ באַגרינדעטע. באַווייזן זענען געפונען געוואָרן אויפן פּלאַץ. דער שמש אַליין האָט געפונען בן־ציונ׳ס יאַרמולקע אין בעט פון זיין טאָכטער, און ער, דער עוכר ישראל, דער פרעמדער אָרים בחור, איז געשלאָפן רואיק אויף זיין בעט. קיין אַנדער פאַרדעכטיקער האָט ניט געקאָנט זיין, ווייל

דער פאַקנטרעגער איז געשלאָפן געשמאַק די נאַכט. דער איינציקער מענטש, וועלכער האָט געהאַט שלעכטע געדאַנקען צו פאַרגוואַלדיקן אַ אידישע טאָכטער, איז געווען אָט דער בחור. און איצט ווען ער רעדט ניט אַ וואָרט, איז עס דאָך זיכער, אַז אַזוי איז עס. זאָל ער זיך פאַרטיידיקן אויב ער קאָן.

קיינעם איז נאַטירלעך ניט איינגעפאַלן אַז דער פאַקנטרעגער האָט אונטערגעוואָרפן די יאַרמולקע אום פטור צו ווערן פון אַ קאָנקורענט.

ערשט ווען בן־ציון האָט געזען, אַז מען וועט אים אַרויסטרייבן פון שטעטל און אַז ער וועט מער ניט האָבן קיין דאַך איבערן קאָפּ, האָט ער אָנגעהויבן רעדן. מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ האָט ער דערציילט אַז עמיצער האָט געמאַכט אויף אים אַ בלבול. „די יאַמולקע איז ניט מיינע", האָט ער געזאָגט. „זאָל מען זי עפענען און זען — אין מיין יאַרמולקע איז איינגענייט אַ קמיע. און דער פאַקנטרעגער האָט זי אויף זיין קאָפּ."

דאָס מאָל האָט מען אים געפאָלגט און מען האָט אונטערזוכט די גאַנצע געשיכטע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בן ציון איז גערעכט. די קמיע איז געפונען געוואָרן אין דער יאַרמולקע פון פאַקענטרעגער און דעם שמש'ס טאָכטער האָט אויך באַשטעטיקט, אַז ניט בן ציון איז געווען אין איר צימער. פון דעם מאָן האָט געשמעקט בראָנפן און בן ציון האָט קיינמאָל ניט גענומען דעם ביטערן טראָפן אין מויל אַריין.

קאַפּיטל 32

סראָלי דער שמש

פערל דעם שמש טאָכטער האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן דאָס וואָס איז פאָרגעקומען. קודם כל האָט זי זיך געשעמט וואָס זי איז געווען די אורזאַך פון געשלעג. צווייטענס, האָט זי זייער אַ רחמנות געהאַט אויף דעם אומשולדיקן בן ציון, וועלכער איז אַריינגעפאַלן צוליב איר אין אַן אומגליק, איר פאָטער האָט אים געשלאָגן, און זי האָט געוואוסט ווי ערליך און פרום ער איז און ווי איידל ער באַציט זיך צו איר.

שפּעטער איז זי טאַקע קראַנק געוואָרן, און דער שמש האָט מורא

געהאַט אַז איר קראַנקהייט וועט פאַרערגערט ווערן צוליב דעם וואָס זי נעמט זיך צום האַרצן דאָס וואָס איז פאָרגעקומען. ניט ער איז דעריבער געקומען צום רב און אויסדערציילט זיין האַרץ. זיין טאָכטער איז פשוט פאַרקאָכט אין דעם יונגערמאַן, האָט דער שמש געזאָגט, און ער האָט מורא אַז ער זאָל זי פאַרלירן, זיין איינציקע טאָכטער. ער האָט געבעטן דעם רב אַז ער זאָל זיך דורכרעדן מיט בן־ציון׳ען.

דער רב האָט צוגעזאָגט, אָבער ער האָט דערביי באַמערקט: „איך ווייס ניט וואָס עס איז מיט דעם דאָזיקן פרעמדן יונגענמאַן... ער איז שטענדיק פאַרטראַכט, מעלאַנכאָליש, און עס איז שווער אַרויסצוקריגן פון אים אַ וואָרט״.

„אייגנטלעך ווייס איך ניט וואָס זי האָט אַזעלכעס דערזען אין אים״, האָט סראַלי געזאָגט. „וואָס איז אין אים פאַראַן? אַ בטלן... קאָן ווי מען זאָגט אַ קאַץ אַן עק ניט פאַרבינדן... נעמט ער רייניקן די לאָמפּן, ברעכן זיך די גלעזלעך... קערט ער אויס דעם בית מדרש, הויבט ער אָן פון דער טיר צו מזרח און לאָזט דאָס מיסט דאָרט ליגן, ווי אַזוי וועט ער איבער־נעמען איבער הונדערט יאָר די שמשות?״

סראַלי האָט ווירקלעך געמיינט וואָס ער זאָגט. ניט דערפאַר וואָס ער האָט עפּעס געהאַט קעגן בן ציון׳ען. אָבער דאָס איז געווען דער אמת. וואָלף דער פאַקנטרעגער איז ביי אים אין די אויגן געווען אַ מענטש, ווערענד דער יונגערמאַן האָט צו גאָרנישט געטייגט. דער ערשטער איז אַ וועלט מענטש, ווי מען זאָגט, קאָוועט ממש גאָלד. אין בית מדרש לייגט ער אויס די סחורה, די סידורים, מחזורים, און מעשה ביכלעך. אויסער דעם גייט ער ממש אויס נאָך איר. ער גיט איר מתנות: אַ סידורל מיט ביינערנע טאָוולען, אַ שפּילקע, אַ בראַסלעט, און נאָך אַזעלכע זאַכן. ער איז אַ מאַן וואָס קאָן געבן אַ ווייב ברויט, און ברויט מיט אַ פולן מויל. אמת, זי קווינקעלט זיך. ער האָט צוויי קינדער. נו, איז וואָס? וועלן זיי אַרבעטן ביי אים. זי וועט זיין ממש אַ קעניגן ביי אים. איי, ער טרינקט אַביסל? איז דאָס נאָך אַלעמען אויך גאָרנישט. בן ציון איז אים ניט געפעלן. ער זוכט און נישטערט אין די ספרים. דאַוונען איז ביי אים איינס און צוויי. פלוצלינג ווערט ער נעלם. גייט אַוועק אין וואַלד אַריין און ליגט דאָרטן שטונדן לאַנג, וואַנדערט אַרום צווישן די ביימער.

„אָבער מיין פערל—האָט ער ווייטער געזאָגט — דער גוטער יאָר ווייסט איר... איז פאַרקאָכט געוואָרן אין אים און האַלט אים אין איין טראָגן אין בית מדרש אריין זאַכן... האָבן טאָקע די בית מדרש׳ניקעס געלאַכט, און זיי האָבן זיך גערייצט מיט דעם פאַקנטרעגער״.

„ער האָט זיך אָנגעטרונקען יענעם טאָג״? האָט דער רב געפרעגט.

„נו, זיכער“, האָט סראַלי געענטפערט. „זיין האַרץ איז אים געווען פאַביטערט האָט ער גענומען אַן איבעריקן טראָפּן, און זיך אָפּגערעכנט מיטן בטלן... איצט וואָלט געווען ניט מער ווי רעכט אַז אָט דער יונגערמאַן זאָל קריגן ערגעץ וואו אַ שטעלע אַלס מלמד“.

סראַלי האָט טאַקע געפרעגט דעם רב אַן עצה: צי זאָל ער קריגן אַ שטעלע פאַר דעם יונגנמאַן און פּטור ווערן פון אים?“

„אַך, מאָרגן איז אַ יאַריד“, האָט דער רב געזאָגט. פּרובירט... אפשר וועט איר קריגן...“

און אַזוי איז עס געבליבן.

צומאָרגנס האָט סראַלי גענומען בן ציון׳ען אויפן יאַריד זוכן אַ שטעלע פאַר אים און גאָט האָט צוגעשיקט אַ באַקאַנטן אַרענדאַר. די דינגעניש איז געווען אַ לייכטער סוחר און בן ציון האָט זיך ניט געמישט. ער האָט געלאָזן אַלעס צו אים און געוואַרט וואָס וועט זיין. מען האָט זיך ענדלעך אויסגעגליכן אויף פופצן רובל אַ זמן.

„גיי מיר נאָך“, האָט דער אַרענדאַר געזאָגט. „זאָלסט ניט פאַרפאַלן ווערן אויף דער טאַראַוויצע“.

בן ציון איז אים נאָכגעגאַנגען צווישן די בהמות, קעלבלאַך, פערד, חזירים. דער טומל איז געווען פאַרטויבנדיק. די געוואַלדן, דאָס מעקן און בעקן, דאָס קוויטשן און ריטשן האָבן אָנגעפילט די לופט. דער אַרענדאַר נפתלי האָט איינגעהאַנדלט אַ פרה אדומה׳לע אין גלייכן געלט און ער איז געווען צופרידן. „נו רבילע, נעם די בייטש און איך וועל זי פירן ביים שטריק.. ווען זי וועט זיך אָפּשטעלן, דערלאַנג איר מיט דער פּוזשעלע“.

איז בן ציון נאָכגעגאַנגען, און ווען די קוה האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט דער אַרענדאַר אויסגעשריען:

דערלאַנג, רבילע, דערלאַנג...

אָבער בן ציון איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך אַזוי ווי ער זאָל ניט פאַרשטיין וואָס מען רעדט צו אים. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופן: „אַ רחמנות, אַ צער בעלי חיים“.

מלמד, פרעג נישט, דערלאַנג — האָט ער אויסגעשריען.

בן ציון האָט זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט: מען דאַרף פּרובירן מיט גוטן, האָט ער געזאָגט.

„שלים מזל!—האָט נפתלי ווידער געשריען,—נאָך וואָס דאַרף מען אַ בייטש, אויב... איך האָב דאָך דיר געגעבן די בייטש כדי...“

אין מיטן דערינען איז צוגעקומען יאַנקל דער קאָוועל, וועלכער האָט אויפן יאַריד געקויפט אַ קוה מיט אַ ביקעל. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ זיגער, ווייל ער האָט גראָד ניט געהאַט קיין צרות מיט זיין קוה. און ווען ער האָט דערזען בן ציון׳ען האָט ער זיך באַלד דערטראַכט אַז

דאָס מוז זיין אַ מלמד. „אָ, אַ רבי איינגעהאַנדלט״... האָט ער געזאָגט שמייכלענדיק. „זאָל זיין מיט מזל... אָבער ער איז זייער מאָגער.. גיט אַכטונג אויף אים... ער וועט זיך אויסטויגן... קום, נפתלי, ווענלן מיר בע־נעצן די קוה מיטן ביקל״.

נפתלי האָט קיין סך ניט געדאַרפט טראַכטן. אויך אים האָט זיך געגלוסט „באַנעצן״. און דער שענק איז גראָד ניט געווען ווייט. און צו־בינדנדיק די קוה צום סלופּ, האָט ער געזאָגט צו בן ציון'ען. רבילע, שטיי דאָ ביי דער קוה און גיב אַכטונג״.

בן ציון איז געבליבן מיט דער קוה און ביידע זיינען אַוועק אין שענק אַריין.

ווען זיי זיינען אַרויס פון שענק זיינען זיי שוין געווען פאַרטרונקען. „אַצינד רבילע״, האָט נפתלי געזאָגט, „וועל איך דיך אָפּשיקן מיט אַ גוי... ער וועט דיך נעמען אין דאָרף אַריין מיט דער קוה, און איך וועל נאָך דאָ בלייבן״.

און באַלד איז שוין בן ציון געזעסן אויפן וואָגן און די קוה איז צוגעבונדן געוואָרן פון הינטן.

פאַרגעס ניט רעבעלע, אָנצופויען (אָנצוטרינקען) ביים קוואַל.

זיי זיינען אַרויסגעפאָרן פון שטעטל איבער דעם פאַרשטויבטן וועג. דאָן זיינען זיי אַריינגעפאָרן אין וואַלד אַריין און דאָרט איז שוין דער וועג געווען אַ גוטער. בן ציון האָט גאָט געבעטן, אַז דער וועג זאָל זיך ציען און ציען, ער האָט אַליין ניט געוואוסט וואוהין ער פאָרט, הגם עס איז דאָך געווען אַזוי פשוט: ווערן אַ מלמד אין אַ דאָרף... אָבער ווער זיינען די מענטשן צווישן וועלכע אים וועט אויסקומען צו זיין? ווי אַזוי וועט ער זיך צופאַסן צו די נייע באַדינגונגען.

ס'איז געווען צוויי וואָכן פאַר שבועות, די שענסטע צייט פון יאָר. די פייגעלעך האָבן געזונגען. דער גאַנצער וואַלד האָט מיטגעזונגען איין סימפאָניע, אַ שיר השירים. דער וועג איז געווען געשפּרייט מיט בלימעלעך.

בן ציון האָט דאַמאָלט דערשפּירט די געטלעכקייט און עס איז אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק די ווערטער: „מה גדלו מעשיך ד'״. ווי שיין, אָ. גאָט, איז דיין וועלט. די בוימער האָבן אויסגעשפּרייט זייערע צווייגן ווי כהנים וואָס דוכענען און שרייען אויס: יברכך...

ווען מען האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים קוואַל אין מיטן וועג, האָט מען אָנגעטרונקען די קוה. בן ציון האָט געשעפּט מיט די הענט פון קוואַל. די וואַסער איז געווען זויבער און ער האָט זיך מחיה געווען. פונדערווייטנס האָט ער געזען אַ יונג הירשעלע טרינקען פון פליסיקן קוואַל. עס האָט אים אַרומגענומען אַ בענקשאַפט.

ער איז איצט נאָכגעגאַנגען דער קוה און זי געגלעט. ער האָט גע־טראַכט: דו שטומע צונג, פאַרוואָס קומט דיר שלאָגן? אָ, ווי דער מענטש איז שלעכט. ווי דער שטן איז גובר דעם צלם אלוקים און פאַרוואַנדלט אים אין אַ חיה.

דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט: „קריך אַריין איצט אין וואָגן, זשידאַק", זאָגט דער גוי. „בורע זיך אייך אין שטרוי, וואָרים זע, קוק אַהין, אַהין."

בן ציון האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און דערזען ווי די כמאַרעלעך לויפן איינס איבערן אַנדערן. „זעסט", האָט דער גוי געזאָגט: „נאָך אַביסעלע און אַ שוואַרצער וואָלקן וועט זיין איבערן הימל... ס'וועט רעגענען".

בן ציון האָט גראד ניט קיין זאָרג וועגן זיך. אים וועט עס ניט שאַדן. וואָס עס זאָרגט אים יאָ, איז דעם טאַטנס תפילין. זיי וועלן נאָך חלילה פאַר־נעצט ווערן. און אין פסול'ע תפילין טאָר מען ניט דאַווגען . . .

עס האָט ניט געדויערט לאַנג און דעם גוי'ס נבואה איז מקוים גע־וואָרן. דער הימל איז געוואָרן פאַרפינסטערט. עס האָט זיך אָנגעטראָגן אַ ווינט. עס האָט אָנגעהויבן צו דונערן און בליצן. דער גוי האָט זיך גע־צלמ'ט און בן ציון האָט געמאַכט אַ ברכה.

דער רעגן האָט אָנגעהויבן נידערן, פריער פּאַוואָליע, דערנאָך אַלץ־געדיכטער. עס איז געוואָרן אַ שלאַקס רעגן.

בן ציון האָט זיך איינגענורעט און זיך ווי וויט מעגלעך צוגעדעקט, אָבער דער רעגן האָט דורכגענומען יעדן אבר זיינעם.

שפּעט אין דער נאַכט זיינען זיי געקומען אין דער קרעטשמע. בלויז אַ שוואַכע שיין האָט זיך געוויזן אין דרויסן. האָבן זיי אָנגעקלאַפּט, און אַן אַלטע גויע האָט געעפנט די טיר.

בן ציון איז אַריין אין הויז און די אַלטע גויע האָט אים אַרומגעקוקט, אַזוי ווי דאָס זאָל זיין איינער פון יענער וועלט. זי איז נאָך געווען פאַר־שלאָפן און אירע אויגן זיינען געווען האַלב פאַרזשמורעט. „שטשאָ זאַ טשאָרט" (וואָס פאַר אַ רוח), האָט זי געזאָגט און האָט אויסגעשפּיגן און איז אַוועק.

דאַן איז אַריין אין חדר די אַרענדאַרקע, אַ באַרוועסע און אָנגעטאָן אין אַ לייוונטענער העמד. „וואָס ווילסטו" און ווער ביסטו? האָט זי געפרעגט.

בן ציון איז געשטאַנען אַביסל צומישט, ניט ווייסנדיק אייגנטלעך וואָס ער זאָל איר זאָגן. דערנאָך האָט ער זיך אָפּגערופן: „איך בין דער מלמד... דער רבי... ר' נפתלי האָט מיך געשיקט אַהער."

„אָ, אַ רבי'לע"... האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל. ביסטו הונ־

גערינג? זעץ זיך ביים טיש". זי האָט געבראַכט אַ שיסל מיט סמעטענע, שוואַרץ ברויט. „עס זיך אָן", האָט זי געזאָגט, „און קריך אַרויף אויפן אויוון... דאָרט ליגט אַ סירעק, טו אים אָן... ביז די קליידער וועלן זיך אויסטריקענען, וועסטו דאָרט שלאָפן.

בן ציון איז אָבער געשלאָפן אויפן הוילן אויוועז מחמת דעם וואָס דער סירעק איז געווען שעטנז.

בן ציונ'ס אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט די ברכות מיט די קינדער און נאָכן מעלקען פירן די קו אין טשערעדע אַ מייל וויט ביים ענד פון דאָרף. דאַן פלעגט ער אַריינגיין צו יאַנקל דעם שמיד און געלערנט מיט זיינע קינדער. דאָרט האָט ער שוין געגעסן וואַרעמעס. ווען ער איז געקומען צוריק אין קרעטשמע, האָט ער אויך אַביסל צוגעהאָלפן, געראַמט, ווען מען האָט געדאַרפט, פון די שיכורע גויים, וואָס פלעגן זיך וואַלגערן אין שמוץ. ניט איינמאָל פלעגט ער אַפילו אַריינכאַפּן אַ פּאָר קלעפּ. צומאָל גייענדיק פון יאַנקל דעם שמיד צו דער קרעטשמע האָבן שקצים דערזען און אים געראפן זשידאק און באַוואָרפן מיט שטיינער. אַ לאָך אין קאָפּ אָדער אַזוי אַ וואונד זיינען ניט געווען קיין זעלטנקייט...

קאַפּיטל 33

זינט בן ציון האָט פאַרלאָזן זיין היים, האָט ער קיין מנוחה ניט געהאַט. זיינע ליידן זיינען געווען אונערטרעגלעכע און פּאַקטיש האָט ער ניט געהאַט קיין איין גוטן טאָג.

ער האָט דעריבער באַשלאָסן זיך צוריקקערן אין שטעטל און זיך איבערגעבן זיין שיקזאַל, אַבי ניט זיין אין דער פרעמד. קיין אַנדער אויסגאַנג האָט זיך ניט געזען.

אָבער, ווי עס פּאַסירט אַלעמאָל ווען עס איז שטאַרק פינסטער, באַווייזט זיך פּלוצלונג אַ ליכט, אָדער אַ שטראַל. אָט אַזאַ ליכט אין זיין פינסטער לעבן איז געווען יאַנקל'ס פּלימעניצע, מרים, וועלכע איז געקומען צו גאַסט אויף וואַקאַציע.

מרים איז געווען אַ גרויס־שטאָטישע מיידל, געלערנט, און עלעגאַנט געקליידעט. זי האָט גערעדט רוסיש און העברייאיש, געווען אַ לערע־

רין אין אַ מיליטערישער אַקאַדעמיע — דערויף האָט עדות געזאָגט איר מאַנטל וואָס איז געווען פיין דעקאָרירט — און דערצו נאָך איז זי געווען זייער שיין. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט בן ציון געזען אַ אידיש מיידל זיך האַלטן אַזוי עלעגאַנט און שטאָלץ.

מרים האָט זיך זייער פריינטלעך באַצויגן צו אים. זעענדיק אים, אַ שעמעוודיקן, זיצן ביים טיש און לערנען מיט די קינדער, האָט זי זיך איינגעהערט. אָט האָט בן ציון אויסגעטייטשט פאַר די קינדער די פרשה אין חומש, אין וועלכער עס ווערט דערציילט ווי אַזוי יעקב האָט אין אַ פינסטערער נאַכט זיך געראַנגלט מיטן מלאך, דעם שר של עשיו. און הגם יעקב איז געווען שוואַך, האָט ער דאָך בייגעקומען דעם שר. ווען בן ציון האָט געלערנט, האָט זיין פנים זיך צופלאַמט און אַ הייליק פייערל האָט געברענט אין זיינע גוטמוטיקע אויגן. און מרים האָט געזען אין אים אַ גוטע, איידעלע נשמה, וועלכע פאַרדינט פריינטשאַפט און ליבלעכקייט. זי איז דעריבער געווען זייער צופרידן וואָס ער האָט אָנגענומען פון איר אַ גלעזל טיי וואָס זי האָט צוגעבראַכט נאָכן לערנען, האָט איר געדאַנקט פאַר אַנדערע פריינלעכקייטן. בן ציון פלעגט איר דאַנקען שעמעוודיק און געווען צופרידן און געדאַנקט גאָט דערפאַר וואָס ער האָט אַזאַ פריינט, מיט וועלכער ער קאָן אויסריידן אַ וואָרט.

שפּעטער מיט עטלעכע טעג איז בן ציון געקומען מיט אַ צעבלו־טיגטן שטערן. מרים איז געווען שטאַרק דערשיטערט, ווען זי האָט אים געזען אין דעם צושטאַנד, און ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס עס איז פאַר־געקומען. „מיר זיינען אין גלות", האָט בן ציון געענטפערט. „שקצים וואַרפן שטיינער — וואָס קאָן מען העלפן?"

„האָט איר געשוויגן?"

„איך בין געלאָפן", האָט בן ציון געזאָגט מיט אַרונטערגעלאָזענע אויגן. שפּעטער אַביסל, ווען בן ציון האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט מרים אים גענומען צום פעטער יאַנקל'ס קוזניע.

יאַנקל, אַ געזונטער איד מיט ברייטעביינער, איז געשטאַנען ביים פייער און געהאַמערט אַ רויט־צעגליטע האַק, זייענדיק שטאַרק פאַרטאָן אין זיין אַרבעט.

— פעטער יאַנקל, האָט מרים אויסגעשריען. — וואָס שוויגט איר?

— וואָס קאָן מען טאָן? — האָט יאַנקל גערעדט ווי צו זיך אַליין, און אויפהויבנדיק זיין קאָפּ, און געזען וואָס האָט פּאַסירט, האָט ער צו־געזעצט: — אידן זיינען אין גלות... אַזוי איז עס, מרים. אידן מוזן ליידן און שווייגן.

—אָבער וואָס איז ער שולדיק?

מרים האָט זיך געקאָכט און געשטעלט איין פראַגע נאָך דער אַנ־דערער, אָבער יאַנקל האָט געקוקט אויף איר פאַרוואונדערט. ער האָט בע־סער געקוקט אויפן ריטשקעלע וואַסער, אין וועלכער ער האָט איינגעטונקט די גליענדיקע האַק, און האָט געטראַכט ווי מרים קאָכט זיך אָט אַזוי, ווי דאָס וואַסער. ער האָט איר אָבער ניט געזאָגט וואָס ער טראַכט. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגערופן: „איך ווייס ניט ווער עס איז שולדיק... איז דער רבי'לע קיין איד ניט?" האָט ער ווייטער געקנייטשט דעם שטערן קוקנדיק אויף בן ציונ'ען. „אידן זיינען קיינמאָל ניט שולדיק... אָבער גיי שריי חי וקים. ווער קאָן העלפן?"

„ווער זיינען געווען די שלעגער?" האָט מרים געפרעגט.

„ווער קאָן זיי? שקצים..."

יאַנקל האָט פאַררויכערט.

„פון שקצים ווערט גוים", האָט יאַנקל אונטערגעמורמלט, ציענ־דיק דעם רויך.

„ווער רייצט זיי אָן"? האָט מרים ניט אָפּגעלאָזן.

„אָנרייצער? פאַראַן גענוג אַזעלכע"?

„איך דיינק", האָט מרים פאַרגעזעצט, „אַז איר וועט נאָך שמידן העק פאַר אונז, פעטער יאַנקל... די צייט וועט קומען... די אָנרייצער וועלן פאַרלירן די קעפּ זייערע... זיי וועלן באַצאָלן פאַר..."

יאַנקל האָט אונטערגעשמייכלט און געשוויגן פאַר אַ ווייל.

„ווען משיח וועט קומען... אַך, אַך, אַך... דעמאָלט, יאָ... וואָס זאָגסטו, רבי'לע?

בן ציון האָט ניט געענטפערט, און מרים האָט געזאָגט: „איר וועט אין קרעטשמע ניט גיין צוריק ביז מיר וועלן זען וואָס מיר קאָנען טאָן".

דערווייל האָט זי גענומען איבערבינדן בן ציונ'ס וואונדן, אַזוי ווי זי זאָל זיין זיין אייגענע שוועסטער.

„פאַרשווייגן טאָר מען עס ניט", האָט זי געהאַלטן אין איין רעדן. „איך וועל שרייבן אַ פּראָשעניע צום גובערנאַטאָר",

בן ציון האָט אויסגעקוקט אומבאַהאָלפן און האָט ניט גערעדט קיין סך. דאָך האָט ער אין אַ שטילן טאָן באַמערקט: „ס'וועט ניט העלפן".

„וואָדען וועט העלפן?" האָט זי געזאָגט אַביסל שטרענג. „תהילים וועט העלפן?"

„ווען תהילים וואָלט געהאָלפן", האָט זיך יאַנקל אָנגערופן פון דער זייט, „וואָלטן זיי עס פאַרקויפט אין די אַפּטייקן".

מרים האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן שרייבן. אָבער זעענ־דיק ווי בן ציון איז געבליבן זיצן אָפּהענטיק, ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך, האָט זי אים אונטערגעטראָגן אַ בוך און געזאָגט: „נאָט לייענט... אָט דאָס וועט אייך עפענען די אויגן..."

בן ציון האָט גענומען דאָס בוך פון איר האַנט און אַריינגעקוקט. דאָס איז געווען אַ בוך וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער האָט געמישט און געמישט און דערנאָך זיך אָפּגערופן: „רעוואָלוציעס? ניין, דער איד האָט אין אַלע צייטן געטרוימט וועגן משיח׳ס צייטן און אויך איצט איז דאָס זעלביקע... דאָס האָט דעם אידן געהאָלפן טראָגן דעם יאָך ביז די הילף איז געקומען . . . "

„די הילף?" האָט מרים איבערגעזאָגט די ווערטער. „ווען וועט קו־מען די הילף? ווי לאַנג וועט עס דויערן?..."

ביז מען וועט אויסבויען דעם פאַפּירענעם בריק", האָט בן ציון גע־זאָגט שטילערהייט, אָבער זייער ערנסט. „דאָס מיינט אַז די הילף וועט קו־מען דורך בילדונג און וויסנשאַפט, ניט דורך האַקן קעפּ... ווען איר וועט איין קאָפּ אָפּהאַקן, וועלן צוויי אַנדערע אָנוואַקסן".

„דאָס רבי׳לע איז גערעכט", האָט יאַנקל זיך אַריינגעמישט. „עס איז אַזוי ווי קראַפּיווע... וואָס מער מען קאָסעט, אַלץ מער וואַקסט... ווען מיר וועלן מאַכן העק, וועלן זיי מאַכן שווערדן און ביקסן... ס׳וועט זיין אַ מעשה אָן אַן עק".

מרים האָט געקוקט אויףביידע מיט ברייט צועפּנטע אויגן.

וואָס מיינט איר מיטן פאַפּירענעם בריק? איך וואָלט וועלן וויסן".

„דאָס מיינט ביכער... שטודירן... מאַכן פון מענטשן אויס שלאַנג... איינפלאַנצן אין אים ליבע, רחמנות, גוטסקייט... און די ליבשאַפט זאָל זיין ווי די ליבשאַפט פון אַ מוטער צו איר ניי־געבאָרן קינד... אָט דע־מאָלט וועט אויפהערן די בלוט־פאַרגיסונג".

מרים האָט זיך געשטעלט קעגן. „איר מיינט איבערמאַכן דעם מענ־שענס נאַטור? דאָס איז אַ פּוסטער חלום! דאָס איז אונמעגלעך... אַך, איר פאַרלאָזט זיך אויף פּוסטע חלומות, אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך".

„יאָ, אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך און נאָך העכער, איבער בערג און טאָלן, איבער ימים, איבער וואָלקנס. וואָלט איר געגלויבט מיט יאָרן צוריק אַז מענטשן וועלן וואָגן צו פליען? וואָלט איר געגלויבט אַז די וויסנ־שאַפטלעכע וועלט זאָל טרוימען אַז מען וועט זינגען אין לאָנדאָן און הערן וועט מען אין מאָסקווע?" די וויסנשאַפט פּראָגרעסירט — — — עס קומט.

— „איך וועל ניט גלויבן ביז איך וועל עס זעען", האָט מרים עקשנות'דיק געענטפערט.

בן ציון האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם. דאָס איז ניט ניי — דאָס ניט וועלן גלויבן. ווען מען איז געקומען צום גרעסטן וויסנשאַפטסמאַן און אינזשענער און מ'האָט אים געזאָגט אַז מענטשן וועלן קענען פליען, האָט ער געהאַט אַ פּאַרטיקן ענטפער: „וואַרט ביז דעם מענטשן וועלן אָנוואַקסן פליגל". און ביז דאַן? ביז דאַן דאַרף אַ מענטש שטיין אויף דער האַרטער ערד און ניט קלעטערן אויף גלייכע ווענט. אָבער דער וואָס האָט יא געגלויבט און איז געווען אָפּטימיסטיש, האָט זיך ניט גערעכנט מיט אַט די וואָרנונגען. אָבער מיר ווייסן אַז דאָס איז ניט קיין הימלשער וואונדער. דאָס וועט געטאָן ווערן פון מענטשלעכן מאַרך, פון דער וויסנשאַפט. עס וועט קומען אַ צייט ווען אַלטע מענטשן וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין יונגע און מענטשן וועלן לעבן צוויי אָדער דריי הונדערט יאָר; ווען אַ קינד וועט קומען אויף דער ליכטיקער וועלט, וועט מען מיט אַן אינסטרומענט פאַרניכטן אין אים די גיפט פון שנאה און קנאה, די נייגונגען צו טאָן שלעכטס, און אָנשטאָט דעם וועט מען אין אים איינפלאַנצן מענטשן־ליבע.

אָט אַזוי האָט בן ציון גערעדט, און הגם אין אָנהויב איז ער געווען צוריקגעהאַלטן, איז ער אָבער, רעדנדיק, וואָס אַמאָל געוואָרן מער האָפערדיק און מער מוטיק, אַריינקומענדיק אין גרויסער באַגייסטערונג און התפעלות פון דער גרויסער צוקונפט וואָס ער האָט פאַראויסגעזען פאַרן מענטשן.

מרים האָט אָבער געקוקט אויף אים ווי אויף אַ פאַנטאַזיאָר, וועלכער זעט חלומות אויפן וואָר. „איר זענט אַ טרוימער" האָט זי געזאָגט.

— „רופט מיר טרוימער, אָבער דאָס איז אַ פאַקט..." האָט בן ציון דרייסט געענטפערט. „וואָס זאָגט איר, ר' יאַנקל?"

יאַנקל איז איצט געווען ערנסטער ווי פריער, כאָטש עס איז געווען צווייפלהאַפט צי ער פאַרשטייט די גאַנצע זאַך ווי געהעריק. „דאָס רבי'לע איז גערעכט", האָט ער געזאָגט. „אַמאָל האָט אַ קאָוואַל געמאַכט טשוועקעס... און היינט ווערן טשוועקעס געמאַכט מיט אַ מאַשין... און איך האָב אַפילו געהערט אַז דיזעלביקע מאַשין מאַכט הינדלעך אויך... הונדערטע מיט איינמאָל... מיינע וויל עס ניט גלויבן".

אין מיטן געשפרעך האָט אַ פויער געבראַכט אַן אַלטע קליאַטשע, „איר אָנטאָן שיך" — דאָס מיינט זי צו קאָוועןן, און יאַנקל איז געווען פאַר'עוסק'ט אין דער אַרבעט. קודם האָט ער באַטראַכט אירע פיס און באַלד נאָכדעם צוגעגרייט די פאָדקאָוועס. ער האָט די קליאַטשע געגלעט און אונטערגעמורמלט: „מיט גוטן איז בעסער, ניט אַזוי?... רבי'לע איצט

שטייט בעסער פונדערוווייטנס, ווייל זי קאָן נאָך דערלאַנגען מיט די אונ־טערשטע פיס״.

לאַנגזאַם האָט ער אויפגעהויבן איר פאָדערשטע פוס און געווען פאַרזיכטיק אַז זי זאָל אים ניט געבן אַ זעץ אין דיך, ווייל די קליאַטשע האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זייטן. ער האָט גוט געדיינקט די מעשה ווי דער מלאך האָט דערלאַנגט יעקבן און ער האָט ניט געוואָלט הינקען. און יאַנקל האָט טאַקע דעם קאַמף געוואונען: די קליאַטשע האָט זיך אונטערגע־געבן. נאָכדעם האָט יאַנקל אָנגעהויבן אַריינ׳טענה׳ן צו דער קליאַטשע: „נאַרישע קליאַטשע, ווען ניט די פּאָדקאָוועס וואָלסטו געפאַלן אויפן גלי־טשיקן אייז און ניט געקאָנט אויפשטיין. אָבער אַ פערד בלייבט אַ פערד״.

בן ציון בלייבט ביי יאַנקלען

פון דאַן אָן איז שוין בן ציון אין קרעטשמע ניט צוריקגעגאַנגען, וואָרים ביי יאַנקלען אין הויז איז אים געווען אנגענעמער און בעסער אויך. דאָ האָט ער געקענט ריידן מיט מרימען אומגעשטערט און אַנטוויקלען פאַר איר זיינע אידייען ווי אַזוי אויסצובעסערן די וועלט און די מענטשן.

איינמאָל האָבן זיי פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן מענטשנ׳ס קערפּער און דאָ האָט בן ציון געפּילט ווי אַ פיש אין וואַסער. ער האָט איר דער־קלערט אַז אייניקע חושים ווערן קאָנטראָלירט פון גלענדס, אַזעלכע דריזן וואָס געפינען זיך, למשל, אין מוח, און נאָך חושים ווערן קאָנטראָלירט פון אַנדערע דריזן. „איצט, האָט ער זיך אָפּגערופן, וועלן מיר נעמען צוויי ברידער, געבאָרן פון די זעלביקע עלטערן און אויפגעצויגן אין איין הויז, אויף דיזעלביקע שפּייז, אין דיזעלביקע שלאָפצימערן. וואָס זשע זעען מיר? ווען זיי זיינען נאָך קליין קאָן מען אָפּט באַמערקען אַז זיי זענען ניט גלייך איינער צום אַנדערן, איינער איז קליגער פון צווייטן. איינער איז פעט, דער צווייטער — מאָגער. איינער איז גוט, דער אַנדערער איז שלעכט. פאַרוואָס, מרים, איז עס אַזוי? די מעדיצינישע וויסנשאַפט ווייסט די אור־זאַך: דער אונטערשייד איז אין די גלענדס. זיי זיינען דיזעלביקע, סיי ביי מענטשן, סיי ביי חיות״.

און בן ציון האָט איצט, האָבנדיק אויפגעבויט אַ באַזיס פאַר זיין טעאָריע, פאָרגעזעצט: ווען אַ פרוי גיט געבורט צו אַ קינד, עפנט זיך אין

דער מינוט צוויי גלעגנדס — איין גלעגנד שאַפט מילך, שפּייז, פאַרן קינד, און דער צווייטער שאַפט ליבע, די פלאַמיקסטע ליבע וואָס איז פאַראַן, אַזוי אַז די מוטער זאָל שטענדיק זיין גרייט זיך מפקיר צו זיין פאַר איר קינד. די צרה איז נאָר, האָט בן ציון ווייטער אָנגעוויזן, וואָס מען קאָן נאָך ניט געפינען ביי דער מוטער דעם גלעגנד פון ליבע און רחמנות. ווען יאָ, וואָלט מען געקאָנט אַריינפּליסן אַ טראָפּן פון דעם גלעגנד אין דעם קינד און דערמיט פאַרניכטן דעם גלעגנד וואָס שאַפט גיפט און שנאה.

„ווען דאָס פּאַסירט", האָט בן ציון געזאָגט מיט גרויס באַגייסטע־רונג, „וואָס פאַר אַ וועלט מיר וואָלטן עס געהאַט — עס וואָלט דאַן געווען אַ וועלט פון גוטע און דערהאַבענע מענטשן, וואָרים די ליבשאַפט פון מענטש צו מענטש וואָלט געווען די ליבשאַפט פון מוטער צום קינד... זאָגט ניט אַז דאָס איז אוממעגלעך. די וויסנשאַפט איז נאָך יונג, ווי אַ קינד אין וויגעלע, און זי קאָן זיך נאָך צעוואַקסן ווי אַ יונגער בוים, אויסשפּרייטנ־דיק די צווייגן און שלאַנגדיק טיפע וואָרצלען און דאַן וועלן מיר ערשט געניסן די פּרוכט פון עץ החיים".

און ריידנדיק אַזוי, האָט דער יונגער בן ציון ניט פאַרגעסן צו באַ־מערקן אַז ביז איצט האָט מען געמאַכט אַ טעות אין חשבון, ווען מענטשן האָבן געטראַכט אַז בילדונג וועט די מענטשן בעסער מאַכן. „איצט זעען מיר ערשט איין", האָט ער גע'טענה'ט צו מרימ'ען, „אַז מענטשן ווערן נאָך ערגער... מיר זענען נאָך ערגער ווי מענטשנפרעסער: זיי שעכטן אַ מענטשן און מאַכן פון זיין פלייש אַ מאָלצייט, כדי צו שטילן זייער הונגער, און מיר הרג'ענען זיך איינער דעם אַנדערן סתם אַזוי, און דאָך רופן מיר זיי באַרבאַרן — אַך, וו באַריש און אומגערעכט מיר זיינען"!

אָט אַזוי באַגייסטערט איז בן ציון געווען פאַר דער צוקונפט, ווען דער מענטש וועט דערגרייכן אַ העכערע מדרגה פון ענטוויקלונג. זעלבסט־פאַרשטענדלעך אַז אים האָט געצויגן צו אַקאַדעמישע אינסטיטוציעס, כדי ער זאָל קאָנען ברייגנען זיין אידייע צו דער וועלט, דערהויפּט צו דער מעדיציניש‌ער וועלט. ביז איצט האָט ער אָבער ניט געהאַט קיין אָפענעם וועג צו דער וועלט. דורך זיין באַקאַנטשאַפט מיט מרימ'ען, האָט ער געהאָפט צו דערגרייכן העכער, ווייל זי האָט פאַרקערט אין אַ העכערער געזעל־שאַפט.

בן ציון האָט דעריבער אָנגעשטרענגט אַלע זיינע כוחות צו קריגן מרימ'ס צוטרוי. דאָס האָט ער זי געוואָלט אַריינציען אין זיין אידייען־וועלט, אויף אַלע אופנים: דורך זיינע צוקונפט־טרוימען, דורך זיינע גע־דאַנקען, און אויך מיט דער הילף פון זיינע לידער, וואָס ער פלעגט שרייבן פון צייט צו צייט. קיין חידוש ניט דעריבער וואָס ער האָט אין איין אָוונט געפילט אַזוי גוט צו מרימ'ען אַז עס האָט אים באַגייסטערט

אַנצושרייבן אַ ליד געווידמעט צו איר, פּערזענלעך. אין אָט דעם ליד האָט טאַקע בן ציון אַריינגעלייגט זיין גאַנצע נשמה.

עס איז געווען אַ שטילע נאַכט, ווען ער האָט זיך איינער אַליין אַרויסגעשליכט אין גאַס. די לבנה איז געווען אונטער אַ וואָלקן פאַר־שטעלט און אַרום דעם וואָלקן האָט ער געזען אַ זילבערנעם ראַנד. ער איז באַלד אַריין אין אַ געהויבענער שטימונג און די ווערטער זיינען גע־קומען ווי פון זיך אַליין, איינס נאָכן אַנדערן אַזוי ווי ציגל אין אַ בנין.

דאָס ליד האָט ער טאַקע אַ נאָמען געגעבן:

וואָלקן אין דיין זילבער ראַנד

(געווידמעט מרימ׳ן)

וואָלקען אין דיין זילבער־ראַנד,
איך געפין אַ טרייסט אין דיר.
כ׳שטרעק ווי אַ קינד, די האַנט;
אויסגיסן מיין האַרץ פאַר דיר.

דער הימל איז פאַרשטעלט,
די שיין — איך זע זי קוים.
איך וואַנדער אין דער וועלט —
אָפּגעריסן פון מיין שטאַם.

הפקר, ווי אַ שטרוי אין ווינט,
געטראָגן פון לאַנד צו לאַנד;
ווייט פון מיין הויז־געזינט,
אָן אַ ציל, אָן אַ שטאַנד.

ווי אַ שיף אָן אַ רודער,
ווי זשע קומט מען צו אַ ברעג?
זיי אַ שוועסטער, זיי אַ ברודער:
ווייז מיר דעם העלן וועג.

מיט דיר, מיטן זילבער־ראַנד,
מיטן זעלבן ווינט זיך טראָגן,
מיט דיר, מיט דיר ביינאַנד
זיך אפשר צו אַ ברעג דערשלאָגן.

און ווען ער האָט אָנגעשריבן דאָס ליד און עס איבערגעלייענט איז אַ גרויסע טרער אַרונטערגעפאַלן אויף דעם פּאַפּיר.

ביים אָנבייסן, ווען בן ציון איז געזעסן אַנטקעגן איר, האָט ער שע־מעוודיק צוגערוקט צו איר דאָס ליד, און אַליין האָט ער זיך פאַרטיפט אין אַ צייטונג וואָס מרים האָט געקראָגן פון וואַרשע. פון צייט צו צייט האָט ער אַרויסגעקוקט פון אונטער דער צייטונג צו זען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס ליד מאַכט אויף איר.

פלוצלונג, אויפהויבנדיק דעם קאָפּ, האָט מרים געפרעגט:

ווער האָט אָנגעשריבן דאָס ליד?

אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צוגאָסן אויף זיין פּנים:

„וואָס פרעגט איר זיך אַזוי נאָך״?

„דאָס איז דאָך אַ שיין ליד... וואונדערבאַר!

דאָס האַרץ האָט ביי אים אַ צאַפּל געטאָן:

„דאָס האָב איך געשריבן... לעצטע נאַכט, ניט געקאָנט שלאָפן״, האָט ער געזאָגט שטאַמלענדיק.

„האָט איר נאָך לידער? גיט זיי מיר. איך וויל זיי לייענען״ .

בן ציון האָט זיך ניט געלאָזן בעטן. ער האָט איר געגעבן אַן אַנדער ליד, אונטערן נאָמען: מוטער האַרץ, און זי האָט אָנגעהויבן לייענען, האָבן זיך אירע אויגן ערשט צופינקלט פון פרייד.

„דאָס צווייטע ליד איז אַ מייסטערווערק״, האָט זי געזאָגט. „עס איז געטלעך שיין״. און ווענדנדיק זיך צו יאַנקלען און צו זיין פרוי, האָט זי זיי געבעטן זי אויסצוהערן. „הערט אומיסטנע, מומע איטע און פעטער יאַנקל, די וואונדערלעכע ווערטער.

דאָס ליד האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

אַ מוטער האַרץ

אַ מוטער־האַרץ ווער קאָן באַשיידן —
ווי מייסטער איז געוועזן די האַנט.
אין וועלכן ווינקל פון גן עדן,
האָט גאָט געשליפן דעם בריליאַנט?

וואָס פאַר אַ מלאך האָט זי געהיט?
ווי איידל איז איר געבוי?
אין וואָס פאַר אַ בלום האָט זי געבליט?
פון וועלכן שטראַל, געבענטשטן טוי?

וואָס פאַר אַ נעקטאַר האָט זיי געזויגן,
איינגעזויגן איר נשמה־בייַנקען?
וואָס פאַר אַ געטין האָט זי דערצויגן?
דעם געטלעכן קוש געשאָנקען?

ווער קאָן אַ מוטער־האַרץ באַזינגען?
וועלכן פּאָעט וועט עס געלינגען?

טרערן זיינען געשטאַנען אין בן ציונ׳ס אויגן קוקנדיק אויף מרים׳ען ווי זי לייענט זיין ליד. „פּאָעט!" האָט זי זיך אָפּגערופן. „וואָס האָט איר געשוויגן ביז איצט?"

בן ציון האָט געקוקט מיט שטאַרע אויגן. ער האָט אַ וואָרט ניט געקאָנט אַרויסרעדן. זיין האַרץ איז געווען איבערפולט.

„נו, וואָס זאָגט איר, מומע?"

„אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי שיין דאָס ליד איז", האָט די מומע איטע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. און אויך דער פעטער יאַנקל האָט מסכים געווען. „וואָס פרעגסטן, מרים? אַ פראַגע צי עס איז גוט. עס צוגייט אין האַרצן און אין יעדן איבר,ווי דיין מומע׳ס געבלעטערטער קוגל.

מרים איז אָבער ניט געווען פון די מיידלעך וואָס קומען אָפּ מיט רייד. זי האָט אַלעמאָל האָלד געהאַט צו טאָן עפּעס, ווען אַ זאַך איז איר געפעלן, און אויך דאָס מאָל האָט זי געהאַנדלט לויט איר כאַראַקטער. נאָך דעם זעלביקן טאָג האָט זי אַוועקגעשיקט דאָס ליד אין דער רעדאַקציע פון איינער פון די גרעסטע צייטונגען. זי האָט עס געטאָן אָן בן ציונ׳ס וויסן.

עס איז שווער צו באַשרייבן וואָס בן ציון האָט געפילט ווען ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געזען זיין ליד געדרוקט אין אַ צייטונג מיט גרויסע אותיות — „אַ מוטער האַרץ" פון בן ציון בנימין.

מרים האָט אים געגעבן אַ וואַרעמע האַנט, גראַטולירנדיק אים אויף זיין דערפאָלג. בן ציון האָט איצט געפילט צו איר זייער נאָענט און עס האָט זיך אים געוואָלט זי אַרומנעמען און קושן, אָבער ער האָט עס ניט געוואָגט צו טאָן. טרערן האָבן אים געשטיקט. זיינע געפילן פון פרייד זיינען געווען אומבאַשרייבלעך. אַ שעמעוודיקער האָט ער געווישט די אויגן און ענדלעך איר אַ קוש געגעבן אין דער האַנט. זי האָט גוטמוטיק געשמייכלט. אויך איר האָט זיך געוואָלט אים אַרומנעמען...

דעם צווייטן טאָג האָט ער געקראָגן אַ בריוו פון רעדאַקציע ער זאָל

שיקן נאָך לידער, און דער רעדאַקטאָר האָט אים מיט עטלעכע גוטע ווער־טער דערמוטיקט פאָרצוזעצן זיין שרייבן, פאַראויסזאָגנדיק אים אַ גרויסע צוקונפט אויף דעם געביט פון דיכטונג.

קאַפּיטל 34

מרים׳ס וואַקאַציע איז פאַרענדיקט געוואָרן

ווען מרים׳ס וואַקאַציע איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט זי באַשלאָסן צו מאַכן אַ יום־טוב פאַרן פּאָעט. זי האָט אָבער געהאַט שוועריקייטן דאָס צו טאָן, ווייל אין שטעטל האָט זי קיינעם ניט געקענט. און ווען זי האָט זיך אריינגעטראַכט אין די באַדינגונגען, אַז דער פּלאַן קאָן ניט דורכגעפירט ווערן ווי געהעריק אַפילו ווען זי וואָלט מאַכן די בויטיקע פאַרבינדונגען. זי האָט דעריבער געענדערט איר באַשלוס, אַז דער יום טוב זאָל בעסער זיין אויף אַ היימישן אופן און זאָל געמאַכט ווערן טאַקע אין דאָרף.

די מומע איטע האָט באַלד פאַרקאַטשעט די אַרבל און זיך גענומען צו דער אַרבעט, פון צוגרייטן אַ גוטע וועטשערע. נפתלי און די נפתלי׳כע האָבן געבראַכט פלעשער ווין כשר לפסח, און דערצו נאָך דעם ביטערן טראָפּן. קוזמיע דער פישער האָט געכאַפּט פרישע, צאַפּלדיקע פיש און אַלעס איז צוגעגרייט געוואָרן כיד המלך.

דער יום טוב איז געווען אַן אמת׳ער יום טוב, דערהויפּט פאַר יאַנקלען און נפתליין, וועלכע האָבן ביידע געקאַנט נעמען „אַביסעלע״ און נאָך „אַביסעלע״. און ווען זיי האָבן געהאַלטן ביי דער דריטער אָדער פערטער כוסה זיינען זיי שוין געווען אויף אַן אַנדער וועלט און זיי האָבן גע־פילט מער ווי יום־טוב׳דיק. אויך די סטודענטקע איז ניט אָפּגעשטאַנען פון דער חברה. אַפילו בן ציון, ניט קיין טרינקער, האָט גענומען אַ גלעזעלע ווייַן. און ווען אַלע זיינען געווען פריילעך האָט יאַנקל דער משורר גענו־מען זינגען אַ פריילינקס. באַלד האָבן זיך פאַרפלאַכטן הענט אויף אַקסל און אַלע זיינען אַוועק אין אַ ריקוד׳ל, וואָס איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ווייל אַלע האָבן איצט געטאַנצט: דער פעטער יאַנקל, די מומע איטע, נפתלי און נפתלי׳כע, מרים און בן ציון. אַלע האָבן געהויבן פּיאַ־טעס. מיכאַלקע, יאַנקלס אַרויסהעלפער, האָט געבראַכט אַ פּייקל, קוזמיע דער פידלער האָט געבראַכט צוטראָגן אַ פידעלע. מ׳האָט געזונגען, גע־שפילט, געטאַנצט, ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דער יום טוב האָט אָנגעהאַלטן ביזן פרימאָרגן, און די פּור וואָס האָט געדאַרפט נעמען מרים׳ען צו דער באַן איז געשטאַנען און געוואַרט.ביים געזעגענען זיך, האָט מרים מיט טרערן אין די אויגן זיך מיט אַלעמען צוקושט, און בן ציון, האַלטנדיק אַ קליין פּעקעלע אין דער האַנט, איז גע־שטאַנען אין אַ ווינקל. מיט לאַנגזאַמע טריט, ווי אַ כלה וואָס גייט צו דער חופּה, ווען דער חתן וואַרט אויף איר, איז זי צוגעגאַנגען און אים אַרומגע־נומען. ער האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון אירע הענט. זי האָט אָבער ניט געלאָזט ביז ער האָט איר אַ קוש געגעבן. אַ שעמעוודיקער האָט ער איר געגעבן דאָס פּעקעלע שמעקנדיקע בלומען, און זי האָט אים דערלאַנגט אַ פאַרזיגלטן קאָנווערט אין וועלכן עס האָט זיך געפונען איר בריוו און אַדרעס.

נאָכדעם ווי מרים איז אָוועקגעפאָרן, איז בן ציון געבליבן אין דאָרף. ער האָט ליב געהאַט יאַנקלען, דעם פּשוט׳ן אָבער ערלעכן מענטשן, וועל־כער האָט געקענט אַזוי שיין זינגען בשעת ער האָט געקלאַפּט מיטן האַ־מער. אויסער דעם האָט בן ציון בכלל ניט געהאַט וואוהין צו גיין.

נאָך דעם ערשטן טאָג וואָס ער איז געבליבן אַליין, האָט אים יאַנקל געבעטן אַז ער זאָל אים אַרויסהעלפן אין קוזניע, ווייל מיכאַלקע האָט זיך אַזוי אָנגעג׳שיכור׳ט ביי דער שמחה, אַז ער האָט ניט געקאָנט קומען.

אָנקומענדיק צו דער קוזניע האָט שוין אַ פויער געוואַרט מיט אַ וואָגן אויף וועלכן מ׳האָט געדאַרפט אָנציען אייזערנע רייפן. „זעסט רבי׳לע, רעדער זיינען ווי לידער״, האָט יאַנקל געזאָגט. „מען דאַרף זיי שטאַרק איינציען — די ספּוקעס זאָלן זיך האַלטן... עס זאָל ניט סקריפּען. מען דאַרף אָנטאָן אַ נייע אייזערנע רייף, ווייל אויב ניט וועלן זיי צעפאַלן ווערן... ווען מ׳ציט גוט איין, גייען זיי ווי געשמירט, אָבער ווען די רעדער סקריפּען, טויג ניט״.

ווען בן ציון האָט זיך געשטעלט ביים בלאָז־זאַק, האָט זיך יאַנקל ערשט צעוואַרעמט איבער דער גליענדיקער רייף. דער האַמער האָט גע־קלונגען און יאַנקל האָט געזונגען מיטן ראש השנה׳דיקן נוסח, ווי אַ קליין זינגערל מיט זיין זיס קול׳כל: מכלכל חיים בחסד, מחיה מתים ברחמים רבים... נו, רבי׳לע״, האָט ער זיך אָפּגערופן, „צעגייט עס ניט אין יעדן איבר״?

דאָס איז געווען ביי דער ערשטער ראָד, אָבער ביי דער צווייטער האָט ער זיך נאָך מער צעוואַרעמט, און האָט אָנגעהויבן צו זינגען זיין אייגענע ליד וואָס איז געווען „געווידמעט״ זיין איטען. דאָ האָט ער אָבער באַנוצט דעם נוסח פון אקדמות, וואָס האָט זיך צונויפגעמישט מיטן קלאַפּ פונם האַמער.

אײ איז די מומע איטע,
אַ צאַצקע, אַ בריאה אַ גיטע,
צו אירע קוגלען מאַכן
איז ניטאָ קײן גלײכן.

פון קוגלען געמאַכט פון בלעטער,
װער איך דיקער און פעטער,
װײל ער צעגײט אין מױל, װי פוטער,
װי דײן ליד „די האַרץ פון אַ מוטער”.

נו, רבי'לע, װי געפעלט דיר מײן לידז?”

בן ציון האָט געטאָן אַ צי דעם בלאָז־זאַק, און באַלד זײנען פונקען געפלױגן אין אַלע זײטן. די קוזניע איז געװאָרן אײנגעהילט אין פלאַמען.

װען בן ציון איז דעם צװײטן טאָג געקומען אין קוזניע, איז קײן אַרבעט ניט געװען, און יאַנקל, זײענדיק פרײ, האָט פאַרפירט אַ געשפרעך מיט אים װעגן מרים'ען. ער האָט זי געליבט אין דער װעלט אַרײן. װאָס פאַר אַ גוטע נשמה זי איז און װי זי האָט זיך געערגערט װען זי האָט געזען זײן צעבלוטיקט שטערן. „זעסט אָט די מרים”, האָט יאַנקל אויף זײן שטײגער געזאָגט צו בן ציון'ען. „כלומרשט אַן אײדעלע פּאַניענקע — גיב אַ בלאָז אויף איר און זי װעט אַװעקפליען... אָבער אנו ריר זי נאָר אָן, איז זי פײער. ניט װי די קלײנשטעטלדיקע פרומע און אָנגעפּאַשעטע מײדלעך, װעלכע אַנטלױפן װי די באַבעס זיך אױסצובאַהאַלטן אין די נאָרעס... אמת, זי און איר גלײכן זײנען ניט פרום, אָבער דערפאַר זײנען זײ גרײט זיך מפקיר צו זײן פאַרן אידישן פאָלק... זעסט דעם בלאָז־זאַק — דאַכט זיך קאַלט, פון דרױסן זעט מען גאָרנישט, אָבער גיב אים נאָר אַ ריר, װערט פון אים פונק אַ פלאַם... די צײט איז ניט װײט װען די יונגװאַרג װעלן נעמען קערן װעלטן, ניט װי מיר אַלטע װעלכע נעמען צו די קלעפּ שװײגנדיק און װאַרטן אױף משיח'ן... פאַר זײ האָב איך מורא, רבי'לע, כאָטש איך װײס אַז זײ זײנען גערעכט, װײל װי זאָגט דאָס װערטל: אַ קאָטשערע שלאָגט אויך צוריק װען מען טרעט אָן אויף איר. זײנען מיר קײן מענטשן ניט? האָבן מיר קײן געפילן ניט? מרים איז אַ שטילע טויבה... אָבער שטילע װאַסער גראָבט טיף...”

אין מיטן געשפרעך איז אַרײנגעקומען אַ יונגער באַקאַנטער פּויער, װעלכער האָט געבראַכט צװײ העק אָנצושטעלן, אָבער יאַנקל האָט ניט געקוקט אויף אים, אַזוי פאַרטאָן איז ער געװען אין זײנע געדאַנקען: „אַלטע בוימער מיט דאַרע צװײגן אַרום הויז”, האָט ער פאַרגעזעצט, „פאַרשטעלן די זון... אַמאָל האָט מען ליב געהאַט די שאָטנס. איצט, אָבער, איז אַ נײע

וועלט — מיר ווילן זען דעם הימל. וואָס האָט מען פון די סאַראַקעס וואָס קראַקען אַז מ׳קאָן ממש טויב ווערן? מיר ווילן אויסהאַקן די אַלטע שקראַ־בעס און פלאַנצן יונגע, בליענדיקע ביימעלעך, און עס וועלן וואַקסן וויינשל, עפל, באַרן, און נאָך און נאָך פרוכט... די באַבעס לאָזן ניט... אַ שאָד, זאָגן זיי אויסצוהאַקן...״ און קוקנדיק אויפן פייער, האָט זיך יאַנקל דער־מאָנט אַז ער איז, נאָך אַלעמען אַ שמיד, און האָט אַ זאָג געטאָן: „רבי׳לע נעם זיך צום בלאָז־זאַק״. ער האָט ווי אַ קאָמאַנדיר, אַ קאָמאַנדעווע געטאָן מיט זיין באַסאָווער שטים, און בן ציון האָט געפאָלגט.

אַזוי גיך ווי ער האָט אָנגעשטעלט די צוויי העק, האָט יאַנקל זיך גע־ווענדעט צום פייער: „גאַווריִלע, זיי פאַרזיכטיק... דו וועסט האָבן אַ שווערן קאַמף מיט די סטאַראָווערצעס (אַלטגלויביקע)... זיי וועלן ניט לאָזן... ס׳וועט קומען צו בלוטפאַרגיסונג״.

„ניע באָיוס, ניע באָיוס, יאַנקל״, האָט געענטפערט גאַווריִלע, דאָס הייסט, איך האָב ניט קיין מורא. ער האָט גענומען די העק אויף די אַקסל.

„נו, רבי׳לע, עס וועט זיין רעכט״, האָט יאַנקל ווידער גערעדט. די אַלטע ביימער מוזן אויסגעהאַקט ווערן... מען מוז פאַרטרייבן די שוואַרצע קראָען, די שאָטנס״.

„נו, דאָס האָט דאָך אַברהם אבינו געטאָן״, האָט געזאָגט בן ציון, „ער האָט צעבראָכן און פאַרניכטעט די אַלטע שטיינערנע געטשקעס, די שוואַרצע שאָטנס — פאַרטריבן. אברהם האָט געבראַכט אַן אמת׳ן גלויבן, געטלעכע ליכט... כי הם חיינו וארך ימינו... נו, ער האָט אַ שווערן קאַמף געהאַט, געוואָרפן געוואָרן אין קאַלכאויוועז... נאָך איצט ברענט מען אונז אין קאַלכאויוונס, אָבער מיר האָבן איבערגעלעבט אַלע געצנדינערישע פעלקער. מיר האַלטן זיך און מוזן זיך האַלטן אָן אונזער תורה, אָן אונזער גלויבן, אָן אונזער גאָט. מיר גלויבן אַז דער דערלייזער וועט קומען... און דעריבער טאָרן מיר ניט אויפגעבן אונזער קאַמף קעגן די אַפּיקורסים, וועלכע זאָגן אַז רעליגיע איז אָפּיום פאַרן פאָלק. זיי, די אויפגעקלערטע, פאַרלענגערן דעם גלות. אָבער מיר וועלן זיי אויך איבערקומען״.

„דיינקסטו, רבי׳לע, אַז מ׳רים באַלאַנגט צו די דאָזיקע?״ אָבער די פראַגע איז געבליבן הענגען אין דער לופט, ווארום אַ פייער האָט גע־בראַכט אַ קאָסע צו שאַרפן.

„צופיל דערנער אָנגעוואָקסן אין גאָרטן״, האָט יאַנקל געמורמלט ווי צו זיך, „צייט זיי אויסצוקאָסן״.

„דערצו דאַרף מען אַ גוטע פייל, ניט דעם בלאָזאַק״, האָט בן ציון געזאָגט.

בן ציון׳ען איז, נאַטירלעך, ניט געקראָכן אין קאָפּ אַריין די אַר־

בעט אין דער קוזניע. ער האָט עס סתם געטאָן, ווייל יאַנקל איז געווען דאָרט. אָבער אין זיין פרייע צייט האָט ער זיך געווידמעט זיינע לידער און ער האָט מערסטנס געטראַכט וועגן מרים׳ען. איז דאָס געווען רעכט, האָט ער זיך געפרעגט, צו ווידמען צו איר אַ ליד? ס׳איז אמת מער ניט ווי אַ ליד, אָבער די אומשולדיקע מרים האָט עס גענומען ערנסט. זי האָט געזען אין דעם אַ וואונק: „איך זע אַ טרייסט אין דיר”.. „זיי אַ שוועסטער, זיי אַ ברודער”. איצט דעם בריוו וואָס זי האָט מיר געגעבן — פול מיט פלאַם־פייערדיקער ליבע. עס איז אים נאָך געלעגן אין טעם איר קוש, איר אַרומנעמען אים ביים געזעגענען זיך, אירע גליענדיקע ליפּן.

בן ציון פלעגט ניט קאָנען שלאָפן. זיין האַרץ האָט ניט אויפגעהערט צו בענקען. ער האָט קיינמאָל ניט דערוואַרט, אַז זיין ליד און זיין קוש וועלן אָנצינדן אַזאַ פלאַם אין זיין האַרצן. זיינע געדאַנקען זיינען געווען ריין, אָבער איצט איז ער שולדיק אין שפיכת דמים. זי טרוימט פון אים... אָבער ווי איז דאָס מעגלעך? זי, גרויסשטאָטישע, אַ הייגטוועלטיקע, אַ רע־וואָלוציאָנערקע, איר אידישקייט איז אויפן שפּיץ מעסער... און ער באַלאַנגט גאָר צו אַן אַנדער וועלט. עס איז ממש פייער מיט וואַסער. ניין, ניין, אָבער ווי רייסט מען זי אַרויס פון האַרצן?

אָט אַזוי איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף אין זיין האַרצן, אַ קאַמף וואָס האָט אים ניט געגעבן קיין רו. ער האָט געפילט, אַז ער איז אין קלעם ביים שטן און אַז ער מוז זיך באַפרייען פון די געדאַנקען, אָבער ער האָט ניט געקאָנט.האָט ער אַרומגעוואַנדערט שטונדן־לאַנג ביינאַכט און געזען זיין לעבן פונקט ווי די לבנה. אָט זעט ער די שיין, און אָט ווערט זי באַלד איינ־געשלונגען. אַ מינוט ליכטיק און אַ שעה — פינסטער.

יאַנקל, ווידער, האָט אים אַלעמאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז מרים איז ניט גלייכגילטיק צו אים. ער האָט אים אויך אָנגעוואונקען, אַז מרים האָט זיך פאַרטרויעט פאַרן געזעגענען זיך פאַר דער מומע איטע. און איינ־מאָל האָט ער אים אַ זאָג געגעבן: „ווי איך האָב דיר געזאָגט — שטילע וואַסער גראָבט טיף... איך זע אַז דאָ איז פאַראַן אַ פונק, און ווייסט דאָך וואָס פון אַ פונק ווערט... עס זעט אויס מיר וועלן ווערן...”

„וואָס מיינט איר ר׳ יאַנקל?”

„איך מיין... — האָט ער זיך אַליין איבערגעהאַקט — וואָרט, עמיצער קומט”. קוזמי איז אַריינגעקומען. ער האָט געהאַט אַ צובראָכענע אַקס. דעם וואָגן האָט ער אויפגעהויבן אויף צוויי דרענגלעך און קוים, קוים זיך פאַרשלעפּט אַהער.

קוזמי, קראַצנדיק זיך אין קאָפּ, האָט געוויזן יאַנקלען זיין אומגליק, און יאַנקל האָט באַלד אַ זאָג געטאָן: „ניט געזאָרגט, ברודער קוזמי...

מיר וועלן שוין פאַרריכטן", און איבערקוקנדיק זיך מיט מיכאַלקען, האָט ער אַ באַפעל געגעבן: „העי מיכאַלקע, צו דער אַרבעט, און דו, רבי'לע, צום בלאָז־זאַק".

צוערשט האָט מען אויפגעהויבן דעם וואָגן אויף דער רעשטאָוואַניע און לויז געמאַכט די שרויפן. יאַנקל האָט אָנגעטאָן דעם לעדערנעם פאַר־טוך און זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט זיך צוגעקוקט צום בראָך און דערנאָך געזאָגט: „זעסט, רבי'לע, די אַקס איז אויף העלפט צעבראָכן... מיר וועלן זי גאַנץ מאַכן... דאַרפסט נאָך קוילן, טאָ שיט אַרויף... דאָס אייזן דאַרף ווערן רויט ביז עס וועט צושמאָלצן ווערן... ביידע צובראָכנע זייטן מוזן זיך צעגליען".

יאַנקל האָט צוגעגרייט דעם שווערן האַמער, מיט די קלישטשעס, און זיך געשטעלט ביי דער קאָוואַדלע. „איצט מיכאַלקע — לחיים, דאַוואַי..." האָט ער אַ געשריי געגעבן.

ער האָט דאַן אַרויפגעלייגט די צוויי האַלבן אַקסן איינער צום צווייטן, און האָט גענומען האַמערן. פונקן זיינען געפאַלן פון צעגליטן אייזן ווי שטערן. און ער האָט אַזוי לאַנג געהאַמערט ביז פון ביידע שטיקער איז געוואָרן איינס — איין גאַנצע אַקס. דער שוויס איז גערונען פון זיין שטערן.

אָבער ביז די אַקס וועט זיך אָפקילן, האָט יאַנקל גענומען לערנען מיטן רבי'לע הלכות עגלה.

„זעסט די אַקס? אָן דעם אַקס איז דער וואָגן קיין וואָגן ניט... אויף דער אַקס שטייט די וועלט... ווי די חכמים האָבן געזאָגט: על שלשה דברים העולם קים... אויף דער ערד, אויף דער אַקס און אויף די רעדער שטייט די עגלה... אָבער דער עיקר איז די אַקס און דערפאַר האָט גאָט פרייטאָג פאַר ליכטבענטשן באַשאַפן די צוואַנג, די קלישטשעס. ווען די אַקס ווערט צובראָכן, זאָל מען זי קאָנען צורעכט מאַכן, פאַרשטייסט? און ווען מען זאָל ניט קאָנען צושמעלצן איין אייזן צום צווייטן, וואָלט די וועלט געטייגט אויף כפרות, דו הערסט, רבי'לע?"

אָט אַזוי האָט יאַנקל גערעדט, און אַלעמאָל אים געגעבן אָנצוהערן אַז ער באַטראַכט אים אַלס זיין אייגענעם. אויך די מומע איטע האָט אים גענומען קעכלען, ווי אַ קינד. זי האָט געזאָרגט, אַז ער זאָל האָבן אַ בעסער געלעגער, אַז ער זאָל האָבן אַ ריינע העמד און זאָל טרינקן מער מילך. און פון צייט צו צייט האָט זי אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, אַז מרים איז באַגייס־טערט פאַר אים און אַז זי האָפט אַז אַזוי גיך ווי מרים וועט ענדיקן איר קורס וועט זי קומען אויף אַ וויזיט.

קאַפּיטל 35

בן ציון פאַרלאָזט די שטעטל

בן ציון האָט איצט איינגעזען אַז ער מוז עפּעס טאָן. נאָך אַלעמען, וואָס פאַר אַ צוקונפט דערוואַרט אים אין קוזניע? ביים בלאָז־זאַק... האָט ער באַשלאָסן אַז דער איינציקער וועג פאַר אים איז צו פאַרלאָזן די שטע־טלע און אַוועק וואו די אויגן וועלן אים טראָגן. אָבער ווי אַזוי לאָזט מען איבער אין מיטן זמן? אָבער וואַרטן איז אויך ניט געווען קיין תכלית, ווייל ביז דעמאָלט וועט מרים קומען. ער האָט זיך אַליין ניט געגלויבט מער. אמת, דאָס האַרץ גייט אויס נאָך איר... אָבער ער האָט געוואוסט אַז דאָס איז בלויז אַ גשמיות׳דיקער באַגער. די נשמה זיינע איז געווען קעגן. זי האָט געשריען: ברח דודי, אַנטלויף פון דאַנען, אַנטלויף... דאָס איז ניט קיין תכלית....

ביינאַכט, ניט קענענדיג שלאָפן, האָט בן ציון אין זיין פאַרשטעלונג געזען אַ וואָגשאָל, גוף און נשמה... און דער קטיגור האָט געריסן שטיקער פון אים און געדונערט: „ביאוף — במזיד״, זיך געלאָזן פאַרפירן... און אויף דער וואָג איז געווען מרים, די סטודענטקע, די רעוואָלוציאָנערקע, אָן גלויבן, אָן גאָט... און דער סניגור איז געשטאַנען אַ פאַרשעמטער. דעם לעצטן מאָל האָט דער בלינדער אָרימאַן אַלעס איבערגעוואויגן. אָבער איצט — וואָס?

ער האָט געפילט זייער דערשלאָגן. אָבער פּלוצלונג איז אים דורך ווי אַ בליץ, דורכן קאָפּ: דער יום טוב שבועות — דאָס וועט אים ראַטע־ווען...

אַ וואָך פאַר שבועות האָט בן ציון געזאָגט יאַנקלען אַז ער וויל גיין אין שטאָט אַריין, אויף יום טוב, זיין אין שול, זאָגן תיקון שבועות: פאַר חדשים לאַנג האָט ער געביינקט נאָך דעם טאָג. די קדושה פון דער ווייַ־טענס.

ווען עס איז געקומען דער טאָג האָט בן ציון געפילט יום־טוב׳דיק. ער האָט זיך צוגעגרייט ווי צו דער גרעסטער געשעעניס און דערנאָך זיך אַוועקגעלאָזט עטלעכע וויאָרסט צום וויטראַק. פון דאָרט האָט ער געדאַרפט גיין צום מילנער. דעם וועג האָט ער גאַנץ גוט געוואוסט.

גייענדיק דורך די פעלדער האָט ער געפילט פריי און גליקלעך. ער האָט אין דער הויך געזונגען אַקדמות און די פייגעלעך האָבן אים צוגע־זונגען אַרום און אַרום. ער האָט געפילט איצט ווי ער גייט צו קבלת

התורה, און די ווערטער פון אקדמות האָבן אָפּגעקלונגען אַזוי היימיש און גוט. ער האָט ממש געזען ווי פּאַר די צדיקים איז גרייט דער גן עדן. און די צדיקים זיינען טאַקע געזעסן אויף דער אויבערשטער שורה און זיך גע׳טבל׳ט אין ליכט פון דער שכינה.

ער האָט זיך געזעצט אָפּרוען אין שאָטן פון אַ בליענדיקן עפּלבוים. דער ווייסער צוויט פון בוים האָט אים באַשפּרינקלט ווי אַ חתן אין פריי־לעכן שבת, גייענדיק צום אויפרופענס, און שיינע אידישע טעכטער באַ־גלייטן אים מיט ברכות און עלטערע אידישע פרויען וואַרטן ביים שוועל פון שול מיט פולע פאַרטיכער ניס, ראָזשינקעס, מאַנדלען. זיי באַשיטן דעם חתן און קינדער קלייבן אָן פולע קעשענעס. אָט דאָס בילד האָט זיך אים דערמאָנט זיצנדיק אויפן שמעקנדיקן גראָז. אים איז אויך אַרויפגעקו־מען אויפן געדאַנק דער גאָלדענער יום טוב שבועות ווען ער פלעגט גיין מיט זיין טאַטן אין וועלדל שפּאַצירן.

און אונטער דער ווירקונג פון דער דיכטערישער באַגייסטערונג און געטלעכער שטימונג, האָט ער געשריבן דאָס פאָלגנדיקע שיינע ליד.

שבועות אין פעלד

כי־טוב זינגען, גראָזן און זאַנגען,\
יום־טוב׳דיק — דער הימל באַשטערנט,\
איז מיין טאַטע מיט מיר שפּאַצירן געגאַנגען,\
ווי רבי עקיבא אין פעלד, מיר תורה געלערנט.

בליענדיקע בוימער, באַלאָדן אַ פּראַכט,\
אַ קוואַל נחת־רוח האָט זיין נשמה באַזעלט,\
מ׳ברילי־אַנטענעם הימל, מזלות באַטראַכט,\
מה גדלו מעשיך! ווי שיין איז דיין וועלט!

ביי אַ סאַזשלקע אַ שטילע געבליבן איז ער שטיין,\
פאַרטיפט זיך, אין אַ שיינער ברייתא,\
דעם מאמר פון רבי שמעון מיר געגעבן פאַרשטיין,\
„לא המדרש הוא עיקר אלא המעשה״.

פון גרויסן פּאָעט וואָס זינגט אין אקדמות,
דער תּענוג וואָס איז גרייט פאַר צדיקים אין גן עדן,
ווער זיינען די צדיקים? די ריינע נשמות?
דעם ענין בהרחבה מיר געוומען באַשיידן.

די וואָס אַקערן מיט שוויס און מיט טרערן,
אַרבעט וועגט איבער דעם פאַרשטאַנד,
צוליב זיי לייכטן מזלות און שטערן,
מיט זיי האָט יצירה געמאַכט אַ פאַרבאַנד.

שוסטער און שניידערביים ווערקשטאַט — אָן פּשט'לעך,
האַרעפּאַשנע וואָס עסן מיט שוויס זייער ברויט,
סטאָליאַרעס, מוליאַרעס, זיי זיינען געטלעך,
פאַר זיי! פאַר זיי! דער גן עדן איז גרייט!

און דאַן מיט אַ „לכה דודי“ געזאַנג, געגאַנגען צו קבלת התורה.

קאַפּיטל 36

בן ציון אין מיטן וועג

ניט דעם גאַנצן וועג האָט בן ציון אַזוי געפילט. אין מיטן וועג זיי־נען אים באַפאַלן אַ טשייקע הינט, וואָס די שקצים האָבן אויף אים אָנגע־רייצט. וואָס עס האָט ווייטער פּאַסירט געדענקט ער שוין ניט. אָבער שפּע־טער מיט אַ טאָג האָט ער זיך געפונען ביים רב און אַ דאָקטאָר איז געווען לעבן אים.

דער רב און דער דאָקטאָר זיינען ניט אָפּגעטראָטן פון אים. זיי זיי־נען געווען ביי זיין בעט און געוואַרט אַז ער זאָל עפענען די אויגן און רעדן אַ וואָרט.

ווען ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך. „וואו איז קאַדעש?“ האָט ער געפרעגט. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט פאַרוואונדערונג, רעכענענדיק אַז ער איז נאָך ניט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד.

„ווער איז קאַדעש?“ האָט דער רב געפרעגט.

„דער מאַן וואָס האָט מיך געבראַכט צו אייך“, האָט ער געזאָגט.

„וואו איז ער, קאַדעש דער וואַסערטרעגער“.

דער רב האָט אַ וואונק געטאָן צום דאָקטאָר אים צו געבן עפּעס צום שטאַרקען און בן ציון האָט ווידער פאַרמאַכט די אויגן. איז דאָס אַ חלום? האָט ער געטראַכט. ניין, ער האָט געזען קאַדעשן צוטרייבן די הינט, אים געטראָגן אויף די הענט, און געשריען: בן ציון! בן ציון! ניין, ס'איז ניט קיין חלום.

שפּעטער, ווען בן ציון איז געקומען צו זיך, האָט אים דער רב גע־זאָגט אַז דער מילנער האָט אים געבראַכט און אַז זיין נאָמען איז מאָטל. קיין קאַדעש איז ניט פאַראַן ביי אים און ער קאָן גאָר ניט אַזאַ מאַן מיטן נאָמען קאַדעש דער וואַסערטרעגער. „אפשר איז עס טאַקע געווען אַ חלום“, האָט געטראַכט בן ציון.

אָבער זיין געוויסן האָט אים געהאַלטן אין איין באַאומרואיקן. וואָס האָט ער געהאָט צו דער מיידל — איר צו ווידמענען אַ ליד? ווען ער וועט אַוועק פון דאַנען, און מרים וועט קומען און אים ניט טרעפן. וואָס וועט זי דענקען פון אים? אַ פאַרצווייפלטע, אַ דערשלאָגענע, וועט זי זיך וואַרפן אין בעט און וויינען, וויינען, גאַנצע נעכט און אפשר שעלטן אויך... ער, אַ פּאָעט, אַ גאָטספאַרכטיקער איד, זאָל אַזוינס טאָן?

ער האָט געוואוסט אַז דאָס איז מרים'ס ערשטע ליבע, ווי זי האָט אים געשריבן אין איר בריוו — „די ערשטע הימלישע ליבע“, און עזה כמות אהבה, שטאַרק ווי דער טויט איז די ליבע... דיין ליד טראָג איך אויף מיין האַרץ... איך וויל דיינע זיין, דיין שוועסטער, איך וויל זיין דיין זילבערנער שטראַל... מיט דיר וועל איך לעבן. וואו דו וועסט גיין וועל איך גיין. בלויז דער טויט וועט אונז צעשיידן. אָט אַזוי האָט זי געשריבן אין איר בריוו.

„ניט אומזיסט האָבן מיך הינט באַפאַלן“, האָט בן ציון געטראַכט, „געריסן פון מיר שטיקער... שופך דם האדם באדם דמו ישפך... דער וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פון אַ מענטשן זאָל זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן. זאָל מיין בלוט זיין אַ קרבן פאַר מיינע זינד, ווייל דאָס איז געווען בשוגג, אומגערן. נאָך אַלעמען, מיט וואָס קאָן איך איר פאַרגיטיקן? די אַקס איז צעבראָכן, און ווי קאָן מען זי צוזאַמענשמעלצן?“

דער געדאַנק אַז עס איז געווען בשוגג האָט אים אַביסל באַרואיקט. אָבער ניט אויף לאַנג. די געשטאַלט פון אסתרן האָט אים זינט דאַן אָנ־געהויבן פאַרפאָלגן. גאַנץ אָפט האָט ער זי געזען אין חלום. זי איז רייך, האָט אַ קינד, פאַרט אַרום אים זוכן. ער פלעגט אויך זען קאַדעשן אין חלום. אָך, די אַלע געשעעניסן אין זיין לעבן — ווען וועט ער שוין קומען צו אַ ברעג?

דער רב האָט געזען אַז בן ציון זאָל זיך פילן באַקוועם. ער האָט דער־קענט אין אים אַז דאָס איז ניט קיין איינפאַכער מענטש. ער האָט אויסגע־זען צו זיין אַ נסתר, אָבער דער רב האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט אים און פאַרוואָס ער זיצט ביינאַכט בלויז איבער די ספרים און עס הערט זיך אַ שטיל געוויין פון צווישן די ווערטער וואָס ער זאָגט אַרויס פון זיין מויל.

בן ציון האָט איבערגעלעבט שווערע מאָמענטן. ער האָט גוט גע־וואוסט ווי אַזוי זיין טאַטע איז געווען. ביי אים איז קיינמאָל ניט געווען קיין מאָמענט פון שוואַכקייט. ביים זון אָבער האָבן זיך די מאָמענטן גע־ביטן. ער האָט זיך געוואַקלט. ער האָט מורא געהאַט אַז ער זאָל ניט אַרונ־טערגיין פון ריכטיקן וועג און דער שטן זאָל ניט גובר זיין.

אין איין נאַכט האָט אים אַרומגעכאַפּט אַזאַ בייִנקשאַפט אַז ער האָט אַליין ניט געוואוסט פון וואַנען עס קומט. וואָס קומט פאַר מיט מיר? האָט ער זיך געפרעגט. און ווי פון זיך אַליין האָט ער גענומען די פעדער און האָט אָנגעשריבן די פאָלגנדיקע שורות וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון זיין האַרצן:

נעם מיך טאַטע ביי דער האַנט,
אונטערן טלית ווי אַ מאָל,
אין בית־מדרש ביי דער וואַנט,
פיר מיך אין דער אַלטער שול.

צו דיין ווינקל פיר מיר צו,
ברענג מיר צו דיין שוועל,
ברענג מיר שטילקייט, ברענג מיר רו,
מונטער אויף מיין זעל.

איך בין מיד פון צער און וויי,
לאָז מיך הערן דיין גוט וואָרט;
גענוג געהערט דעם ווייַ געשריי,
פון די מענטשן, דאָ און דאָרט.

כ'קען שוין מער ניט איבערטראָגן,
ליידן זיינען זייער שווער,
כ'וויל טאַטע, זאָלסט מיר זאָגן,
וויין ניט קינד מיינס, וויין ניט מער.

העלף מיר מיט דיין העלן גלויבן,
ביזט אַלע מאָל געווען אַ טרייסט,
פון ספקות, מיך דערהויבן,
ניט טראַכטן, חלילה, װער ווייסט?...

זינט דו ביסט אַוועק פון מיר,
וואו בין איך ניט אויסגעווען?
דיין צוואה כ׳טראַג מיט מיר,
איך האָב דיר אַלע מאָל געזען.

רייד צו מיר אין מיין שלאָף,
זאָג מיר, טאַטע, ווי לאַנג נאָך?
ווי לאַנג וועט דויערן די שטראָף,
ווי לאַנג טראָגן שווערן יאָך.

און מיט טרערן ביים טיש איינגעשלאָפן.

ווען דער רב איז אויפגעשטאַנען האָט ער געפונען בן ציון׳ען שלאָ־פנדיק אָנגעלענט אויפן טיש. דאָס ליד איז געלעגן לעבן אים און איז גע־ווען מיט טרערן. פאַרפלעקט. דער רב האָט אים נאַטירלעך ניט אויפגע־וועקט. ער האָט איבערגעלייענט די ווערטער און איז טיף גערירט געוואָרן. יעדעס וואָרט איז געקומען פון האַרצן און איז אַריינגע־דרונגען אין האַרצן. ער האָט געהערט פון ליד אַ וויי־געשריי פון אַ מענטשן, וועלכער געפינט זיך אין אָפגרונט און בעט זיך: „נעם מיך, טאַטע, ביי דער האַנט״ אַ טאַטנס אַ קינד. אַזאַ בריליאַנטענער יונגערמאַן. האָט ער גע־טראַכט. ער טאָר ניט פאַרלאָרן גיין. עס טאָר ניט דערלאָזט ווערן ער זאָל פאַלן אין קאַמף פון לעבן.

ער האָט געטראַכט אַז דאָס סאַמע ערשטע וואָס מען דאַרף טאָן איז אים צו געבן הילף ביז ער וועט פאַלקאָם געזונט ווערן. דאַן געפינען אַ שטאָט וואו עס איז פאַראַן אַ ישיבה אַז ער זאָל קענען אַריינקומען און ווערן אַ לערער, מאַכן אַן אָנשטענדיקן לעבן און מיט דער צייט, האָט דער רב געטראַכט, וועט ער ווערן אַ גדול בישראל.

פון דאַן אָן איז בן ציון געבליבן ביים רב אין הויז. אַלע האָבן אים ליב געהאַט. זיין גוטסקייט און געטריישאַפט האָבן אָפגענומען אַלעמענס הערצער. ער האָט געהאַט איצט אַ דאַך איבערן קאָפּ און ער האָט אָנגעהויבן ווידער אַמאָל צו לערנען. דער רב האָט אים אויך צוגעצויגן צו ענינים פון

שטאָט. ווען נאָר עס איז פאָרגעקומען אַ דין תורה האָט בן ציון אָנטייל גענומען און דער רב האָט באַוואונדערט זיין שאַרפן מוח און זיין פיינע באַציאונג צו מענטשן.

צוערשט האָט מען געפּלאַנעוועט פאַר אים ער זאָל ווערן אַ רב ערגעץ וואו און פירן אַ געמיינדע מיט זיין חכמה און גוטסקייט. אָבער בן־ציון האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם. ער האָט ניט געוואָלט נעמען אויף זיך אַזאַ אַחריות און ער האָט אין קורצע ווערטער קלאָר געמאַכט זיין שטאַנד־פּונקט.

ער האָט געשטרעבט צו עפּעס אַנדערש — פאַרבינדן תורה מיט חכמה צוזאַמען און פאַרשפּרייטן גאָטס ווערטער צווישן מענטשן. ער האָט טאַקע אָנגעהויבן שטודירן אַנדערע לימודים האָבן זיי אָבער געוואוסט אַז אָט דעם יונגעמאַן קאָן מען ניט בויגן און אַז זיין גרויסע נשמה ציט אים צו העכערע אידעאַלען. זיי האָבן געוואוסט אַז דורך זיין מאַרטירער־שאַפט און ליידן איז ער געוואָרן אַ גרויסע פערזענלעכקייט. און אַז אַלעס וואָס ער טוט איז פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער תורה. מען האָט אים טאַקע פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט און אין דעם האָבן זיי זיך ניט אָפּגענאַרט.

איצט איז ער שוין ניט געווען טרויעריק ווי פריער — פאַרקערט, ער איז געווען גליקלעך. און ווען עס איז אים באַפאַלן אַ מרה שחורה האָט ער גענומען די פעדער אין דער האַנט. דאַן זיינען אַרויסגעקומען גוטע ווערטער און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אָרדענונג. ער האָט געשאַפן און אַרויסגעבראַכט זיינע געפילן און דאָס איז געווען זיין גרעסטע און בעסטע טרייסט.

איין געדיכט זיינס איז שטאַרק געפעלן געוואָרן מענטשן און ער אַליין פלעגט עס אויסזינגען פאַר זיך. אָט ווי עס האָט זיך געלייענט:

זיי שטאָלץ מיין פאָלק!

ווי דיין גורל איז אַ שלעכטער,
ווי דיין בעכער זאָל זיין ביטער,
טרינק אים אויס מיט געלעכטער,
זאָל דער שונא טאָן אַ ציטער!

דיין עקשנות ווער קאָן ברעכן?
קיינער האָט דערצו קיין מאַכט;
שטאָלץ טראָג אויף זיך דעם צייכן,
האָסט דאָך זיי אַ ליכט געבראַכט.

מער זיי טרינקען דיך אין בלוט,
מער זיי קלעמען דיך אין צאַם,
מער שמידן זיי דיין מוט —
מער געקאָוועט ווערסט צום שטאַם.

בן ציון האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן רוסלאַנד, ווייל דאָס אידישע לעבן אין גרויסן לאַנד פון די צאַרן איז געוואָרן ערגער און ערגער. שרעקלעכע פּאָגראָמען זיינען פאָרגעקומען איבער דער לייגג און ברייט פון לאַנד. צוריקקערן זיך אין שטעטל האָט ער ניט געקאָנט מער. עס האָט אים געצויגן אין דער ברייטער וועלט אַריין, און וויסנדיק אַז ער קאָן מער ניצליך זיין מענטשן ערגעץ אַנדערשוואו, איז אים נמאס געוואָרן צו זיין אין דער סביבה.

ער האָט געהאַט שוועריקייטן צו קריגן אַ פּאַספּאָרט, אָבער ענדלעך, ווען ער האָט געביטן דעם נאָמען און ער האָט „אונטערגעשמירט" וואו מען דאַרף, האָט ער דעם פּאַספּאָרט געקראָגן. קיין גרויסע ענדערונג איז טאַקע ניט נויטיק געווען — בנימין איז געווען גענוג. ער איז צוערשט אַוועק קיין עסטרייך וואו ער איז אַריינגעטראָטן אין אַן אַקאַדעמיע און האָט געלערנט פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. אַזוי אַרום האָט ער זיך אַריינגעטאָן אין העכערע ענינים און זיינע וואונדען האָבן זיך לאַנגזאַם פאַרהיילט. ער איז אַריין אין אַ העכערער געזעלשאַפט, און האָט אומעטום אויסגענומען מיט זיין ערלעכקייט און פרומקייט. זיינע פעאיקייטן האָבן באַצויבערט מענטשן און זיין פרומקייט איז באַטראַכט געוואָרן מיט גרויס דרך ארץ. זיין התמדה איז געווען אומבאַגרענעצט. עס האָט ניט גענומען אַ צייט און ער איז געוואָרן פּראָפעסאָר און געגעבן לעקציעס.

שפּעטער האָט זיך אים אונטערגערוקט אַ גרויסאַרטיקע געלעגנהייט. אַ רייכער מאַן פון אַמעריקע האָט זיך באַקענט מיט אים, און אָפּשאַצנדיק זיין ווערט, האָט ער אים געהאָלפן קומען קיין אַמעריקע.

קאַפּיטל 37

יאַנקל

ווען יאַנקל האָט געהערט וואָס עס האָט פּאַסירט מיטן רבי׳לע, איז ער אַוועק צום וויטראַק אויסגעפינען אַלע איינצלהייטן. מאָטל, אַ גוטער פריינט זיינער, האָט אים דערציילט ווי דער אַלטער ר׳ אברהם האָט אים געראַטע־וועט פון טויט, ווארים די הינט וואָלטן אים געוועזן צעריסן אויף שטי־קער ווען עס וואָלט ניט פּאַסירט דער נס וואָס אברהם האָט דערהערט זיינע געוואַלדן. איצט איז דער יונגערמאַן אין שטאָט, ביים רב, ר׳ גרשון, און אַ דאָקטאָר באַהאַנדלט אים. ער וועט געזונט ווערן, האָט מאָטל צו־געזעצט.

ווען יאַקל האָט אויסגעדריקט זיין ווּאונטש צו זען אברהמ׳ען, מאָטלס אַרויסהעלפער, האָט ער אים געזאָגט אַז ער איז איצט אין וואַלד, האָבנדיק אַוועקגעפירט די קו אין טשערעדע.

„איך האָב געהערט אַז דיין אַרויסהעלפער טוט אויף וואונדער״, האָט יאַנקל אים געגעבן אַ זאָג כלאחר יד.

אָבער מאָטל האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט: „ווייס איך וואָס, אַ פּוסטער טאַראַראַם״. ער האָט ניט געוואָלט אַז מען זאָל צופיל וויסן וועגן זיין אַרויסהעלפער. איז ניט געווען צופרידן אַז מען האָט אים באַאומרו־איקט.

יאַנקל האָט זיך אָבער מיט דעם ניט צופרידנגעשטעלט. און שפּע־טער איז ער געפאָרן אין שטאָט אַריין אויסצוגעפינען וואָס דאָס רבי׳לע מאַכט. מרים האָט אין יעדן בריוו אָנגעפרעגט וואָס דער „פּאָעט״ טוט. זי האָט געשריבן אַז זי ציילט די טעג צו קומען אים זען.

דער רב ר׳ גרשון האָט יאַנקלען אויפגענומען זייער גוט, און ווען ער האָט אויסגעפונען אַז דער רבי׳לע האָט געלערנט מיט יאַנקלס קינדער און אַז ער פלעגט אים אויך אַרויסהעלפן אין קוזניע, האָט ער פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער קאַוואַל איז אַזוי פאַראינטערעסירט. ער האָט יאַנקלען אָבער געזאָגט אַז דער דאָקטאָר האָט פאַרבאָטן אים צו זען ביז וואַנען זיי־נע וואונדען וועלן זיך פאַרהיילן. דערביי האָט דער רב אָנגעדייט אַז ער האָט אים ניט געטאָרט לאָזן גיין אַליין אויף די פעלדער און אין די וועל־דער... אַזאַ זיידענער יונגערמאַן! אַ נס וואָס מאָטל׳ס אַרויסהעלפער האָט אים געראַטעוועט. „דו קאָנסט דאָך אַביסל אין די קליינע אותיות — די פּרשה פון עגלה ערופה... דאַרפסט ברייגגען אַ קרבן״.

דער רב האָט אים אויך פאַרזיכערט אַז אין דאָרף צוריק וועט מען אים שוין מער ניט לאָזן גיין. ווען ער וועט געזונט ווערן וועט מען געפינען פאַר אים אַ רבנות שטעלע אין אַ שטעטל. אַזאַ שאַרפער מוח, ער וועט נאָך אַמאָל ווערן באַרימט. אַיין קלייניקייט! ער שטאַמט פון אַנעפּאָליע, ווי מען האָט ערשט איצט אויסגעפונען, און ער איז בן ציון ר׳ גרשונ׳ס דעם סופר׳ס אַ זוהן, שטאַמט פון אַ געהויבענער משפחה, ר׳ זיסיע אַנעפּאָליער׳ס און אַ סברה אַז ר׳ לייב שרה׳ס איז געווען זיין עלטער זיידנס אַ קרוב.

יאַנקל האָט זיך געפילט אַ היבש ביסל געקריינקט. איז דאָס בן־ציון דעם סופר׳ס? און ער האָט דערציילט דעם רב אַז ער קומט אויך פון דאָרט און אַז זיין פעטער הערשל יאָסי׳ס איז געווען דער חזן. „איך אַליין האָב געזונגען ביי אים״, האָט יאַנקל געזאָגט. „איך געדענק נאָך אַלס קינד. ווען ער איז אַלט געווען ניין יאָר האָט מען מיך צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט... און פון דאַן אָן בין איך דאָרט ניט געווען״. ער האָט געבעטן דעם רב ער זאָל אים ניט זאָגן וועגן דעם, ווייל אָפּט האָט ער ניט אַכטונג געגעבן אויף אים. ווען שקצים זיינען אים באַפאַלן און אים געמאַכט אַ לאָך אין קאָפּ, האָט ער זיך ניט שטאַרק גענומען צום האַרצן.

„איך האָב זיך אַלעמאָל געוואונדערט״, האָט יאַנקל ווייטער געזאָגט, „פון וואַנען עס נעמען זיך אַזעלכע אידייען צו אַ מלמדל... איצט פאַרשטיי איך... ביי מיר איז געווען מיין פּלימעניצע, מרים, אַ געלערנטע מיידל. זי קומט אויך פון זיין שטעטל. אָבער זיי האָבן זיך ניט געקענט פון דאָרט... זי איז הערשל יאָסיס אַ מיידל, אַ יתומה געבליבן און איז אויפגעוואַקסן אין אַדעס ביי איר מומע... זי איז געקומען צו אונז אויף וואַקאַציע, זאָלט איר געווען הערן, רבי, וואָס פאַר אַ וויכוחים זיי האָבן עס געפירט... יאָ, אַ שאַרפער מוח, ער פליט אין הימל, ער שרייבט אויך לידער, וועלכע זיינען שוין געווען געדרוקט אין די צייטונגען״.

און ווען יאַנקל האָט זיך צערעדט, האָט ער שוין אויך דערציילט אַז בן ציון האָט זיך פאַרליבט אין דער מיידל נאָך גאָר יונג, און אַז ווען מרים איז קראַנק געוואָרן, האָט ער אָנגעשריבן אַ קוויטעלע — ניט צו איר נאָר צום רבונו של עולם. אַזוי איז געווען געשריבן: „גאָט פון רחמנות, שיק אַ רפואה שלמה צו מרים בת הערשל יאָסל׳ס.. זי זאָל לעבן און געזונט זיין, אמן כן יהי רצון. בן ציון איז דאַן אַלט געווען ניט מער ווי אַכט און אַ האַלב יאָר, און דאָס קוויטעלע איז געפונען געוואָרן אין ארון הקודש.

דער בית מדרש איז דאַן געגאַנגען אויף רעדלעך. אַזאַ קינד — און האָט שוין אין זינען מיידלעך, און נאָך ר׳ גרשון דעם סופר׳ס זון! ווי קומט עס צו אַ חסידיש אינגל?

שפּעטער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז דער סופר און הערשל יאָסי'ס האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט ווען זיי זיינען געווען ביים רב אויף שלוש סעודות, אַז ווען די צייט וועט קומען זאָלן זיי זיך משדך זיין.

יאַנקל האָט באמת געהאַט געוויסנביסע, וואָס ער האָט באַהאַנדלט בן ציונ'ען אַזוי גראָב. ווי אַזוי האָט ער עס געטאָן צו שאַפן זיך מיט אַזאַ מענטשן ווי מיט אַ משרת? און דערצו נאָך האָט ער גאַנץ אָפּט געמאַכט שפּאַס פון אים. ניין, האָט ער געטראַכט ער מוז עס גוט מאַכן. האָט ער דעריבער צונויפגעשקראָבעט וואו אַ גראָשן און איז געלאָפן שפּעטער מיט עטלעכע טעג אין שטעטל אַריין צו זען זיך מיט בן ציונ'ען, אָבער ווען ער איז געקומען, האָט מען אים געזאָגט אַז בן ציון איז מער ניטאָ אין שטעטל און אַז ער איז אַוועק ערגעץ שטודירן. קיינער ווייסט אָבער ניט וואו ער געפינט זיך איצט.

עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז מרים האָט געענדיגט איר קורס און איז געקומען צוגאַסט צו איר פעטער יאַנקל. איר הויפּט אינ־טערעס איז אָבער ניט געווען דער פעטער, נאָר דער פּאָעט. זי האָט גע־מיינט, אַז ער איז נאָך דאָ און האָט געבראַכט מיט זיך אַ בינטל שמעקעדיקע בלומען, אָבער בן ציון איז שוין ניט געווען אין דאָרף, און דער פעטער יאַנקל האָט איר דערציילט ווער דער בחור איז און פון וואַנען ער שטאַמט.

זי האָט זיך אויך דערמאָנט וועגן אים און האָט צאַפּלדיק געהערט יעדעס וואָרט. — וואו איז ער? האָט זי געפרעגט — כ'האָב די בלומען גע־בראַכט פאַר אים".

די מומע איטע האָט געענטפערט, ער איז אין שטאָט, און ווען זי האָט געפרעגט וואָס פאַר אַ יום טוב איז עס איצט — צו זיין אין שטאָט, האָט די מומע געענטפערט אויף איר שטייגער: „ביי די רבילעך איז יעדער טאָג אַ יום טוב. אויף שבועות האָט זיך אים הענדום פּענדום פאַר־גלוסט צו לויפן אַ באַרוועסער אין שטאָט אַריין. איך פאַרשטיי ניט וואָס אים האָט אַזוי געצייגן אַהין. ער וועט גיין דורכן וואַלד. און אַז ער לויפט — זאָל ער לויפן... נו, זאָלן מיר אים נאָכלויפן? נו, האָט ער זיך פאַרקילט".

מען קאָן זיך קוים פאָרשטעלן ווי מרים האָט געפילט ווען זי האָט געהערט די נייעס איז זי שיער אין חלשות געפאַלן, אָבער דאָך האָט זי זיך געשטאַרקט און אויסגעשריען: „קומט, פעטער יאַנקל, אין שטאָט אַריין... אפשר וועלן מיר ברייננגען אַ דאָקטאָר".

אָבער די מומע איטע האָט זיך לגמרי ניט געשראָקן: „וואָס איילסטו זיך? האָב צייט... ער וועט ניט אַנטלויפן... זע נאָר זע.... וואָס איז אין אים אַזעלכעס?"

און יאַנקל האָט אויך געזאָגט: „מרים, ביזט ערשט אָנגעקומען פון אַ וויטן וועג... גיי בעסער, רו זיך אויס... מאָרגן וועלן מיר פאָרן".

מרים האָט, שווייגנדיק, גענומען די בלומען, זיי אַריינגעשטעלט אין אַ וואַזע, און איז אַ כליפּענדיקע אַוועק אין איר צימער.

דער אמת איז געווען אַז די מומע איטע האָט גאָר געהאַט אירע אייגענע אויסרעכענונגען און דעריבער האָט זי זיך געשטעלט קעגן מרימען. וואָס פאַר אַ תּכלית איז אַ מלמד פאַר איר? ניט ווייט פון זיי איז געווען אַ יונגער אַלמן מיט אַ קינד, אַ מיידעלע, פון אַכט יאָר, האָט ער אַ פּאַכט מיט צען קיה און קעלבלעך. מרים וועט ווערן באַלד אַ באַלעבאָסטע, וועט האָבן פולע שעפעלעך מיט מילך, סמעטענע, פולע מאַקראַטעס מיט פּוטער. יאַנקל איז אָבער געווען קעגן דעם גאַנצן פּלאַן. וואָס פאַר אַ פּאָר איז עס? אַ קאַטשערע מיט אַ לאָפּעטע... „דער רבילע וועט זיך אויסרייבן" האָט ער געזאָגט. „דאָ אין דאָרף וועט ער זיך אויסמענטשלען... בפרט נאָך איצט ווען ער האָט איר געזאָגט ווער ער איז, זענען זיי דאָך טאַקע אַ פּאָרל פון באַרג סיני.... ווען זי וועט דערזען דיין בערקען דעם רויטן, וועט זי לויפן וואו נאָר די אויגן וועלן זי טראָגן".

אָבער דאָך האָט ער זיין ווייב ניט געקאָנט איינגאַנצן אָפּשטויסן און ער האָט מסכים געווען צו ברענגען מרים'ען אַהין זי זאָל זיי זען.

אויפצומאָרגנס זענען זיי טאַקע אַרויסגעפאָרן. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים פּאַקט, און דערנאָך זיינען זיי אַריין אין אַן אַלטער גויאישער כאַטע, וואו עס איז געווען אַ טיש, אַ לאַנגע באַנק, אַ גרויסער טאַפּטשאַן וואָס האָט געדינט פאַר אַ געלעגער. בים אויוון האָבן זיי געטראָפן אַן אַלטע איינגעבויגענע פרוי וועלכע האָט געשיילט קאַרטאָפליעס.

„וואו איז בערקע?" האָט יאַנקל געפרעגט.

„ער מעלקט די קוה" — האָט די אַלטיטשקע געזאָגט.

און תוך כדי דיבור איז ער טאַקע אַריינגעקומען, בערקע דער רויטער. ער האָט געהאַלטן אַ בייטש אין דער האַנט און באַלד האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ פלאַש בראָנפן אויפן טיש. —לאָמיר מאַכן אַ לחיים, — האָט ער אַ זאָג געטאָן.

„אַ פראַגע גאָר", האָט יאַנקל געענטפערט. „וואָס דען זענען מיר געקומען אַהער, בערקע?"

מרים האָט געאיבלט פון דער גאַנצער זאַך. איבערהויפּט האָט זי ניט געקאָנט ליידן דעם גערוך וואָס האָט געזעצט פון בערקען. איז זי אַרויס אין דרויסן.

דערווייל האָבן ביידע, יאַנקל און בערקע, גענומען אַ כוסה, אָבער אין מיטן דערינען איז אַריינגעלאָפן אַ שיקסע מיט אַ געוואַלד אַז די קו האָט איבערגעקערט דאָס מעלקשעפל. בערקע האָט געכאַפּט די בייטש

און געלאָפּן אַ צעקאָכטער אין שטאָל אַריין. און יאַנקל, זעענדיק וואָס עס גייט אָן, האָט אַ וואונק געטאָן צו דער מומע איטען אַז מען דאַרף גיין. מרים, פון איר זייט, האָט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר.

ווען זיי זענען געקומען פון שטאָט פאַרטרויערטע וואָס זיי האָבן ניט געפונען בן ציון'ען, וועלכער איז אַוועק זאַגראַניצע צו שטודירן, האָט אויף זיי געוואַרט אַ נייע צרה: בעאַמטע פון דער גובערניע האָבן אויפגעהאָנגען אויף יאַנקלס טיר אַ צעטל ער זאָל פאַרלאָזן דאָס דאָרף ווייל אידן טאָרן ניט וואוינען אין די פּופּציק וויאָרסט פון דעם גרעניץ.

קאַפּיטל 38

בן ציון איז געוואָרן פּראָפעסאָר

ס'האָט ניט גענומען לאַנג און בן ציון איז געוואָרן פּראָפעסאָר אין דער אַקאַדעמיע. ער האָט געהאַלטן לעקציעס און זיין נאָמען איז געוואָרן באַרימט. ביי זיינע לעקציעס זענען אַלע פּלעצער געווען פאַרנומען און מ'איז געווען באַגייסטערט פון אים.

אַרום יענער צייט האָט זיך אונטערגערוקט אַ גרויסע געלעגנהייט. אַ ישיבה האָט זיך געגרינדעט אין אַ געלערנטן מאַן, און ווען זיי האָבן געהערט וועגן דעם באַרימטן פּראָפעסאָר, האָט אַ רייכער מאַן זיך פאַראינטערעסירט אין אים און אים געהאָלפן קומען קיין אַמעריקע צו פאַרנעמען די שטעלע.

זיינע הוצאות קיין אַמעריקע זענען געדעקט געוואָרן פון דעם רייכן מאַן. ער האָט גענומען אַ שיף ערשטע קלאַס, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר אַזאַ מאַן, וועלכער ווערט געבראַכט אויף אַ הויכער שטעלע. ער האָט זיך ניט געמישט מיט די פּאַסאַזשירן און האָט זיך געהאַלטן מן הצד, וואָרים ער האָט אַלעמאָל ליב געהאַט בעסער צו זיין פאַרטיפט אין זיך. אין זיינע פרייע שעהן האָט ער געשריבן לידער וואָס איז געווען ממש זיין לעבן. אויך דאָס מאָל האָט זיך אים פאַרגלוסט אָנצושרייבן אַ ליד וואָס האָט אַרויסגעבראַכט אַ בילד פון ים: אַ שיפל געוואָרפן פון די בייזע כוואַליעס, וואָס האָבן עס געהאַלטן אָט־אָט אין איינשלינגען — אַ בילד פון אידישן פאָלק. און דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן. דאָס ליד האָט ער אַ נאָמען געגעבן — די למד־וואו.

די למד־ואו...

שווימט אַ שיף איבער טיפֿע גרונטן,
אויף דעם ים אוקיאַנוס,
בייזע כוואַליעס, שטורם ווינטן
וואַרפֿן איר אין גרויס סכנות.

פֿון דעם רידער טאָג און נאַכט
טרעט ניט אָפּ דער קאַפּיטאַן.
אויפֿ׳ן מאַסט זיצט און וואַכט,
אַ געהיימער אַלטער מאַן...

די למד־ואו האַלטן אויגן!
זיינען שטענדיק אויף דער וואַך!
אַז די שיף זאָל זיך ניט בייגן!
זי זאָל זיך האַלטן — אויף דער פֿלאַך.

און ווען די גרעסטע שיפֿן,
שטורעמס זינקען און צוברעכען,
וועט די־זע שיף זיך איבער־שיפֿן,
און איר וועלטן ברעג דערגרייכן...

ווען ער האָט פֿאַרענדיקט דאָס ליד, האָט ער געפֿילט לייכט און גוט. אָבער באַלד דערויף האָט זיך געביטן זיין שטימונג. ווען ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער סטודענטקע, מיט איר קינדערשן חן, וועלכע איז געווען פֿון די ערשטע צו קומען צו זיינע לעקציעס. אָך, ווי באַגייסטערט זי פֿלעגט עס זיין און נאָך דער לעקציע האָט זי, ווי אַ קינד, זיך צוגעשאַרט צו אים און האָט אים געשטעלט אַזעלכע אויסערגעוויינלעך קלוגע פֿראַגעס. ער האָט אַלעמאָל מקנא געווען די עלטערן וואָס האָבן אַזאַ קינד. און איצט האָט ער געפֿילט ווי ער בענקט זייער שטאַרק נאָך דאָס קינד... אַ מאָדנע בענקשאַפֿט, אָבער אַזאַ טיפֿע און דורכדרינגלעכע אַזוי ווי צו זייך אייגן קינד... ווער זענען די גליקלעכע עלטערן — פֿלעגט ער זיך אַלעמאָל פֿרעגן — וואָס האָבן אַזאַ קינד? ווען ער איז אָפּגעפֿאָרן, איז זי געקומען זיך געזעגענען, אים געקושט אין דער האַנט, און ער האָט געמערקט אין אירע שיינע אויגן צוויי טרערן....

ער האָט זיך איצט דערמאָנט ווי זי האָט אים געגעבן אַ פּעקעלע

און דאַן זענען אַרויפגעקומען אויף זיין געדאַנג אירע ווערטער: נעמט עס הער פּראָפעסאָר, און דערמיט וועט דערפילט ווערן מיין הייליקער וואונש צו רופן אייך טאַטע... וואָס האָט זי געמיינט דערמיט? אודאי זי ביינקט נאָך אַ טאַטן... אָבער וואו איז איר טאַטע? ער האָט זיך געגעבן אַ הויב אויף פון פּלאַץ און אַ זאָג געטאָן צו זיך: אפילו איר פּעקעלע נאָך ניט געעפנט....

ער איז אויף שנעל אַוועק אין זיין קאַיוטע, אויפגעעפנט זיין רענצל און אַרויסגענומען דאָס פּעקעלע. אַ קליין טיכעלע איז דאָרט געלעגן, אַ זיידן טיכעלע אויסגעהאַפּט מיט גאָלדענע בוכשטאַבן אַ גאָלדן האַרץ... דער נאָמען איז געווען אויסגעוועבט און האָט זיך געלייענט: — בת־שבע.

די גאַנצע נאַכט האָט ער ניט געקאָנט אַן אויג צומאַכן. וואָס מיינט עס? איז עס ניט די זעלביקע געשיכטע מיטן זיידן טיכעלע וואָס פייגעלע האָט אים אַמאָל געגעבן? אָ, ניין, דאָס איז ניט מעגלעך, האָט ער געטראַכט. זי איז אַן אומשולדיקע, אידישע יתומה, וועלכע בייבקט נאָך אַ טאַטן... זי האָט דאָך בפירוש געזאָגט אַז איר הייליקער וואונטש איז אים צו רופן טאַטע... הייסט עס, אַ יתומה... פאַרוואָס האָט ער איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ? פאַר איר שאַרפן מוח, האָט ער זיך אַליין געענטפערט. פאַרוואָס האָט ער איר געשענקט אַ בוך לידער? ווייל ער ווייסט אז זי וועט זיי לייענען און זיי וועלן איינפלאַנצן אין איר האַרץ אַ ליבשאַפט צום אידישן פאָלק. זי האָט געבעטן מיין אַדרעס? האָט ער זיך אַליין געפרעגט. וועט זי מיר שרייבן? וואָס אייגנטלעך האָט זי צו שרייבן? אפשר זיך... ניין, דאָס טיכעלע מיינט גאָרנישט... אַן אומשולדיק, נאַאיוו קינד... אָט אַזוי זענען געלאָפן די געדאַנקען אין בן ציונ'ס מוח. ער איז קוים איינגעשלאָפן אין גרויען פרימאָרגן.

אינדערפרי, ווען ער איז געזעסן אין עס צימער ביי אַ רייך געדעקטן טיש, האָט אים אַ דינער צוגעטראָגן אין אַ גאָלדענער וואַזע דריי ווייסע, שמעקנדיקע (ווי פאַרפיום), בלומען און אויף אַ קאַרטע איז געווען אָנ־געשריבן: „צו מיין לערער — פּראָפעסאָר בנימין, מיט טיפער פאַרערונג און ברכות. אַ גליקליכע רייזע".

די שווערע געדאַנקען וואָס האָבן אים ביינאַכט אַזוי באַאומרואיקט האָבן אים איצט געשטערט דאָס עסן. ווי אַזוי האָט זי געוואוסט וואו איך געפין זיך? קיינער האָט ניט געוואוסט וועלכע שיף ער האָט גענומען. פאַרט זי מיר נאָך? געפינט זי זיך אויף דער שיף?... אָבער ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט גלויבן אַז דאָס איז אַזוי. ער האָט שפּעטער זיך נאָכגעפרעגט ווי אַזוי די בלומען זיינען געשיקט געוואָרן און אויסגעפונען, אַז זיי זיינען געשיקט געוואָרן דורך אַ טעלעגראַמע, אויב דער פּראָפעסאָר געפינט זיך אויף דער שיף.

ער האָט זיך דאַן באַרואיקט און גענומען די בלומען אין זיין צימער. אַזאַ אמתער פריינט — האָט ער נאָך אַזאַ איינעם? די האַנדלונג קומט דאָך פון איר ריין, אומשולדיק האַרץ. איינס איז אָבער געווען ביי אים זיכער: זיינע לעקציעס און לידער האָבן זי באַגייסטערט און ער דאַרף איר דאַנקען דערפאַר. האָט ער אָנגעשפּילעט די בלום אין זיין לאַץ. ער האָט געפילט אַז עס איז אַ חוב עס צו טאָן. די שיף האָט זיך געגליטשט איבערן ים ווי איבער אַ שפּיגל. דער ים האָט געזונגען שירה צו גאָט. אין אָט דעם מאָמענט איז אים געקומען אויפן געדאַנק דאָס קינדערשע ליד: ביים טייך".

ביים טייך

ווי מיליאָנען שפּיגעלעך,
אויף דעם טייך זיי בלישטשען,
און אַ מחנה פייגעלעך,
פליען הויך און פישטשען.

און די שיינע קינדערלעך,
מיט די זיסע בעקעלעך,
פּליושקען מיט די פיסעלעך,
ווי די קליינע פישעלעך.

קומען שיינע מאַמעלעך,
מיט די גאָלדענע קעמעלעך,
קעמען זיי די קעפּעלעך,
פלעכטן קליינע צעפּעלעך.

קאַפּיטל 39

ר׳ חיים׳ס לאַגע

אין ר׳ חיים׳ס הויז איז אַריינגעקומען אַ נייע געשעעניס וואָס האָט פאַרנומען פון צייט צו צייט פייגעלעס געדאַנקען. און דאָס איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי אַרבוזע דער וואַסערטרעגער.

אַרבוזע, געזונט ווי אַן אָקס, מיט זיינע ברייטע פּלייצעס, רויטן, פעטן

קאַרק און פּולע באַקן האָט געוואָרפֿן אַן אויג אויף פּייגעלען. אויף אַר־בוזע'ן איז אַזאַ זאַך ניט געווען קיין חידוש. וואו נאָר ער איז געקומען האָט ער געזוכט עפּעס וואָס זאָל צופרידנשטעלן זיין אויג, און אַ פרוי, דערצו נאָך אַ שיינע, האָט אַרויסגערופֿן זיין אינטערעס. פּייגעלע, מיט איר ליכ־טיקן פּנים, האָט אים ווי אַ מאַגנעט צוגעצויגן.

ער האָט פֿון צייט צו צייט צוגעשמייכלט צו איר, הגם זי האָט אים ניט געשאָנקען קיין צופיל אויפמערקזאַמקייט. אָבער אַרבוזע האָט שכל געהאַט צו זיינע זאַכן. און ווען ער האָט עפּעס געוואָלט דערגרייכן האָט ער שוין געפונען זיינע וועגן ווי אַזוי עס צו טאָן...

איינמאָל האָט ער זיך גאַנץ שיין פאַרקעמט, און אַריינקומענדיק מיט דער קאַראַמיסלע אין קיך, האָט ער געבעטן פּייגעל'ן זי זאָל אים געבן אַ מעסער. זי האָט באַמערקט אַז ער האַלט אין דער האַנט צוויי מאַראַנצן, און מאַראַנצן זיינען געווען אַ זעלטנהייט אין יענער געגנד. אַרבוזע האָט זיך אַוועקגעזעצט, גענומען דאָס מעסער און פאַרזיכטיק איינגעשניטן אַ מאַראַנץ און דאַן מיט אַ מינע פֿון פאַרשעמטקייט איר אָנגעבאָטן אַ העלפט. פּייגעלע האָט גענומען. און פאַרזוכט און דאָס איז געווען אַלעס וואָס אַר־בוזע האָט געוואָלט. ער האָט דערמיט געמאַכט די ערשטע נאָענטע באַ־קאַנטשאַפט.

דעם צווייטן טאָג האָט ער שוין געבראַכט אַ פּעקלע טשאָקאָלאַד, שפּעטער צו האָט ער געבראַכט זיינס אַ בילד, וואָס ער האָט גענומען פֿון זיך אין דער אַרמיי. ער האָט אויסגעזען אויפֿן בילד ממש ווי אַ גענעראַל און פּייגעלען איז דאָס בילד שטאַרק געפעלן געוואָרן. און עטלעכע טעג נאָכדעם האָט ער איר געבראַכט אַ פּאָר שיינע שטיוועלעך, אָפּגעלאַקירט אַז זיי האָבן אָפּגענומען דאָס אויג. זי האָט זיי אָנגעמאָסטן און זיי זיינען איר שטאַרק געפעלן.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און די באַקאַנטשאַפט איז געוואָרן מער נאָהענט. איינמאָל האָט ער אַפילו געוואָגט אַריינצוגיין צו איר אין אַלקיר, און דאָרט האָט ער דערזען לעבן שפּיגל זיין בילד.

אַרבוזע האָט צוערשט ניט געוואָגט זי אָנצורירן, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן מוטיקער, זי גענומען ביי דער האַנט. זי האָט גוטמוטיק געשמייכלט. דאַן איז געקומען דער ערשטער זיסער קוש, און מיט דעם האָט זיך אָנגעצונדן יענע פלאַמיקע ליבע וואָס ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן ניט געפילט. ער האָט גע'חלומ'ט פֿון איר און האָט געציילט די מינוטן זי צו זען.

אָבער ווי פלאַמיק אַרבוזע'ס ליבע איז געווען צו פּייגעלע'ן, איז פונדעסטוועגן זיין ליבע צו פּעסלען ניט אָפּגעקילט געוואָרן. ער האָט גע־האַט אַ ברייט האַרץ אַרבוזע.

פּעסל עזריאל דעם שוסטער׳ס האָט ניט געוואוסט וואָס עס קומט פּאַר מיט איר אַרבוזע׳ן ווען ער ברענגט וואַסער צו דעם פּאַראָרימטן ר׳ חיימ׳ן. זי האָט אַרבוזע׳ן געקעכלט, אים געשטאָפּט ווי אַ גאַנז. דאָס בעסטע שטיקל פלייש, די בעסטע אוגערקע — און אַזוי ווי זי האָט גע־וואוסט ווי ליב ער האָט עס — האָט זי אים געגעבן. זי האָט זיך צו אים גע־לאָסטשעט ווי אַ קאַץ, און ער איז איר געווען דאַנקבאַר און ווען מען פרעגט אים וואָלט ער זיכער געזאָגט אַז ער האָט זי ליב... פונדעסטוועגן איז ליבע צו ליבע ניט גלייך. ווען ער פלעגט אַריינגיין צו פייגעלען האָט ער געפילט ווי אויסצוטאָן די שטיוול, אָרונטערוואַרפן די קאַראַ־מיסלע פון זיך און ווערן אַן אַנדער מענטש. דער עיקר, פלעגט ער פאַרגעסן זיינע פּייפערייען, און בעסער זינגען, זינגען...

מיט פּעסלען איז אַלעס געווען פּראָסט, אָט אַזוי ווי ער איז געוויינט געווען — אַ שטאַרקן דריק און קוש, אַ שטיף טאָן בשעת מען קלאַפּט די פלעקלעך, אַ שטורך, אַ פייף, ער גיט איר אַ גלעט מיט דער פּאָדעשווע און זי אים אַ שטופּ מיט אַ קנאַפּל. אָבער פייגעלע איז אַנדערש. זי איז אין זיינע אויגן ווי עפּעס הייליקס. ער נעמט איר אָרום און טראָגט זי ווי אַ ריינקייט. ער פילט יום־טוב׳דיק ווען ער טוט עס. פּעסל איז אין זיינע אויגן אַן עמער וואַסער, סתם אַזוי, פּראָסטע וואַסער, וואָס מען קאָן אָנ־שעפּן וויפיל מען וויל. אָבער פייגעלע איז אַ גאָלדן בעכערל מיט ווייַן אויף קידוש.

דערפאַר האָט ער געוואוסט אַז אויך פייגעלע פילט צו אים אַנדערש. ער פאַרקעמט זיך איידער ער קומט צו איר. עפּעס פילט ער אַז ער דאַרף זיך צוגרייטן. און זי, ווען ער קומט ניט אין צייט, איז זייער אומרואיק. דעריבער האָט ער געהיט די מינוט. קומט יעדן טאָג אין צייט. און ווען ער קומט, ברענגט ער עפּעס. אַמאָל אַ זיידן העמד און אַ פּאָר זאָקן.

איינמאָל איז פייגעלע׳ן איינגעפאַלן אים שטעלן צו פּראָבע און זען וואָס ער וועט טאָן. צוערשט האָט זי געוואָלט אָפּטאָן אַ שפּיצל אַזאַ, אָבער דערנאָך האָט זי עס גענומען ערנסט. זאָל זי זען וואָס אָט דער שטאַרקער, ברייט־ביינערדיקער אַרבוזע וועט טאָן.

ביים פענצטער ווען זי האָט געזען אים קומען, איז זי ווי אַ פייגעלע אַ פלי געגעבן אין קליידער שראַנק, זיך באַהאַלטן, ווען ער איז אַריין אין הויז, וואו איז פייגעלע? האָט זיך געוואונדערט, זי פלעגט לויפן אַנטקעגן מיט אַ זיסן שמייכל, און איצט ניטאָ דאָס פייגעלע, מיט אַ צאַפּלדיקע האַרץ האָט ער אָנגעהויבן פייפן, ווי אַ קאַנאַרעקל, זיך פאַרגאַנגען פון בענקען, און אויסגעלאָזט מיט אַ שניידיקן פייף, פייגעלע קום אַרויס פון דיין נעסט. זי איז אַרויס פון קליידער שראַנק, האָבן זיך הייס געקושט.

דעם צווייטן טאָג איז ער געקומען מיט אַ פּעקל צוגעבונדן צו זיין פּאַסעק און זיינען הענט זיינען געווען פאַרנומען מיט דער קאַראַמיסלע. אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַריינצוקומען אין הויז, האָט זי זיך אויסגעדרייט און גענומען זוכן אַ פּלאַץ וואו זיך צו אויסצובאַהאַלטן, ווי נעכטן.

נייך, האָט זי געטראַכט אויף שנעל, אין שטוב קאָן מען זיך ניט באַ־האַלטן. איז זי אַרויס פון קיך און באַלד אַרויף אויפן לייטער אויפן בוי־דים. אַרבוזע האָט זי ניט באַמערקט אַרויסלויפן, אָבער ער האָט געוואוסט אַז זי איז פאַראַן אין הויז. ווי נעכטן? אַך, פייגעלע, אַזאַ שטיפערקע. האָט ער זי גענומען זוכן און זוכן. אָבער זי איז אין ערגעץ ניט געווען. ערשט ווען ער איז אַרויס פון הויז און געשריען אויף אַ קול, רופנדיק איר, אַהאַ, אָט איז אַ לייטער. פונם בוידעם האָט זיך געהערט אַ שאַרקעריי. פייגע־לעך האָבן געזונגען פון די נעסטן. שוועלבעלעך זיינען אַרומגעפלויגן ווי מלאכים׳לעך. אָבער וואו איז זיין פייגעלע? וואו?...

פּלוצלונג האָט זי זיך אַרויסגעשלייכט פון אונטער די שטרוי. זי האָט אַ פּליעסק געטאָן מיט די הענט. און ווען ער האָט זי דערזען, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן ווי אַ קאַץ, איר אַ כאַפּ געטאָן, אין זיינע הענט און זי גע־טראָגן הינטער דער סטריכע.

פינסטערלעך איז געווען און אַביסל דושנע אויך. אָבער ניט פאַר זיי. דאָ האָט מען געהערט מענדלסאָנ׳ס חופּה־מאַרש. עס איז געווען אַ שיינע, גרויסע וועלט פאַר זיי...

ר׳ חיים און חוה זיינען געווען שטאַרק פאַרנומען אין מאַרק. אין די וואָכעדיקע טעג, פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט, זיינען זיי זעלטן געווען אין שטוב. די פּרנסה איז געווען אַ שווערע און מען האָט געדאַרפט אַריינלייגן אַ סך שטונדען אין דער אַרבעט כדי מ׳זאָל קאָנען ווי ס׳ניט איז פאַרדינען אויף חיונה.

בלויז שבת און יום טוב האָט מען אָפּגעלעבט. דעמאָלט איז געווען מנוחה און מ׳האָט ניט געזאָרגט, גלויבנדיק אַז גאָט וועט זיי העלפן דער־לעבן נחת פון פייגעלען.

איינמאָל אַ שבת האָט חוה, באַמערקט אַז איר טאָכטער האָט זיך געענדערט. און געענדערט האָט זי זיך דוקא צום גוטן: געוואָרן פריילעך און לעבעדיק. נו, אַ מאַמע איז אַ מאַמע און זי האָט באמת געפילט גליקלעך וואָס איר טאָכטער איז מער ניט פאַרטרויערט ווי זי איז געווען פריער. אָבער זי האָט געוואָלט וויסן די אורזאַך פון איר פרייד און לוס־טיקייט. פרעגן האָט זי ניט געוואָלט, האָט זי באַשלאָסן זיך אַריינקוקן וואָס עס קומט פאָר הינטער אירע פּלייצעס. און באַלד האָט זי טאַקע גע־נומען באַמערקען אַז פייגעלע האַלט זיך אין איין פּוצן. פון צייט צו צייט

האָט זי איר טאָכטער געזען שטיין ביים שפיגל. אונטער איר בעט האָט זי באַמערקט נייע לאַקירטע שטיוועלעך וואָס זי האָט, ווייזט אויס, ערשט איינגעקויפט. שפעטער האָט זי געפונען אין איר צימער אַ בילד פון אַ גענעראַל. ווי קומט אָט דאָס בילד צו איר? זי האָט אויך באַמערקט אייניקע אַנדערע זאַכן וואָס האָבן דערוועקט ביי איר אַן אומאַנגענעמען חשד.

חוה האָט דאַן באַשלאָסן אויסצוגעפינען די אורזאַך דערפון.

איינמאָל אינדערפרי איז זי אַרויס אין גאַס און געשטאַנען ·ניט ווייט פון הויז פאַר אַ לענגערער צייט, דערוואַרטנדיק אַז עמיצער וועט קומען. איר טאָכטער האָט זיך יענעם פרימאָרגן צופיל געפוצט.

פלוצלונג האָט זי געזען ווי אַרבוזע איז אָנגעקומען מיט זיין קאָראָמיסלע. האָט זי געוואַרט ביז ער וועט אויסליידיקן די עמער. נאָך אַ לענגערער צייט איז ער אַרויסגעקומען, אַ פאַרפאַליטער, אונטערפייפנדיק אַ לידל. צוערשט האָט זי ניט געקאָנט פועל'ן ביי זיך אַז אַרבוזע האָט עפעס צו טאָן מיט דעם וואָס פייגעלע פוצט זיך אַזוי פיל. אַרבוזע? אַך, ווער קוקט זיך גאָר אום אויף אָט דעם חברה'מאַן. אָבער דערנאָך האָט דער געדאַנק איר ניט געלאָזן רוען. אפשר, אפשר... ווער ווייסט? זי האָט דעריבער אָפגעוואַרט עטלעכע טעג, היטנדיק דאָס הויז, און גענומען מערקן אַז קיינער קומט ניט אין איר הויז, אויסער אַרבוזען.. איינמאָל האָט זי געזען ווי ער האַלט אַ פעקל צוגעבונדען צו זיין פאַסעק, ער איז אַריין אין שטוב, זיך פאַרזאַמט אַ שטיקל צייט, און דערנאָך איז ער אַרויס אָהן דעם פעקל.

איצט האָט חוה אָנגעהויבן שוין צו גלויבן אַז עפעס איז ניט גלאַט. און איר האַרץ האָט זיך געצאַפלט פון שרעק.

ווען אַרבוזע איז געקומען דעם צווייטן טאָג צו דער באַשטימטער צייט, האָט ער פייגעלען ניט געפונען אין הויז. ער האָט געשריען, גערופן: פייגעלע! פייגעלע! אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפגערופן. האָט ער זי געזוכט אין יעדן ווינקעלע, אונטערן בעט, אונטערן טיש, אָבער זי איז ניט געווען. ערשט ווען ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרצווייפלטער און האָט שוין ניט געוואוסט וואָס צו טאָן — צי זאָל ער פאַרלאָזן אָדער נאָך בלייבן איינער אַליין אין שטוב, ערשט דעמאָלט שפרינגט פייגעלע אַרויס פון אַ באַהעלטעניש. הענגט זיך אָן אויף זיינע פלייצעס, און דערנאָך אַנטלויפט זי פון אים, לויפט פון צימער צו צימער, ביז זי גיט אַ פאַל אויפן בעט און ער נאָך איר...

פלוצלונג האָט די טיר זיך געטאָן אַן עפן אויף און באַלד נאָכדעם איז חוה אַריין. מאָמענטאַל איז זי געווען אין פייגעלע'ס צימער און געטראָפן ביידע, איר טאָכטער און אַרבוזע'ן.

אַרבוזע האָט ניט געמאַכט קיין שהיות, און נאָך איידער חוה האָט אויספייעט צו זאָגן אַ וואָרט, האָט ער זיך אַרויסגעריסן פון פייגעלע'ס

הענט, געכאַפּט די קאראמיסלע און איז ניט געבליבן. חוה איז געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט. פייגעלע דאַגעגן, אַ צופלאַמטע, האָט געשמייכלט, אָבער איר שמייכל איז געווען אַן אומנאַטירלעכער, אַן אומהיימלעכער.

ניט זאָגנדיק אַ וואָרט, האָט חוה אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. פייגעלע האָט זי אַרומגענומען און געקושט, ניט פאַרשטייענדיק פאַרוואָס איר מוטער איז אַזוי צערודערט און פאַרצווייפלט. דאָס איז טאַקע געווען ס'ערשטע מאָל וואָס זי האָט איר געזען אין אַזאַ צושטאַנד.

ביי איר איז עס געווען אַזוי נאַטירלעך. בן ציון איז קראַנק און ער איז ניטאָ. נאָך פון פריער האָט זי ניט געהאַט קיין פאַרוואַנדשאַפט מיט אים... און שפּעטער האָט זי געוואָרפן אַן אומחן אויף אים. וואָס, נאָך אַלעמען, געהער זי זיך אָן מיט אים? פון דער אַנדער זייט, איז אַרבוזע געזונט, שטאַרק ווי אַ לייב. זיין קוש איז הייס, ווי פייער. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן ליב. פאַרוואָס זאָל איר מוטער ניט איינזען די ריכטיקייט דערפון?

אָבער גאָר אַנדערש האָט געפילט און געטראַכט די מוטער. ביי איר האָט עס ניט אַנדערש אויסגעזען ווי נאָר אַן אומגליק, גאָט'ס שטראָף. אמת, זיי זיינען פאַראָרעמט געוואָרן, אָבער אָרימקייט איז קיין שאַנדע ניט. אַריינצופאַלן אין לייטישע מיילער — דאָס איז עפּעס אַנדערש. ר' חיים מיט אַרבוז'ען — די אמת'ע פּאָר. עס וועט זיך אָנהויבן דיזעלביקע געשיכטע ווי מיט אסתר'ן. מ'וועט די גאַס פּשוט ניט קאָנען דורכגיין. און אַרבוזע איז גאָרנישט פון די שרעקנדיקע. ער קאָן מאַכן סקאַנדאַלן. אָבער וואָס טוט מען? אַריינלאָזן אַרבוזען אין שטוב, פאַרשליסן די טיר, טאָ, וואו וועלן זיי נעמען וואַסער?

עפּעס, האָט זי געפילט, מוז געטאָן ווערן, זי האָט באַשלאָסן דאָס האַלטן פאַר אַ סוד.

דעם צווייטן טאָג איז חוה אין מאַרק אַריין ניט געגאַנגען. און ווען זי האָט געזען אַרבוזען גיין פון דערווייטנס האָט זי פאַרשלאָסן פייגעלען אין איר צימער.

פייגעלע האָט זיך ניט געלאָזט צוערשט, און ווען זי איז שוין געווען אין צימער האָט זי געשריען מיט באַנומענע קולות זי זאָל איר באַפרייען. אויף דעם איז אָנגעקומען אַרבוזע, וועלכער האָט אַרונטערגעלאָזט די קאַראָמיסלע און איז צוגעלאָפן צו דער טיר. חוה האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אָבער אַרבוזע איז געווען שטאַרקער פון איר, האָט זי אַוועקגעשטויסן, און ווי אַ ווילדער אָקס, געגעבן אַ זעץ אויף די טיר, זי אויפגעבראָכן און אַ כאַפּ געטאָן זיין פייגעלען. פאַר די אויגען פון דער מוטער האָבן זיי זיך אומגעאַרעמט.

דער דאָזיקער אינצידענט האָט געוויזן חוה'ן, אַז דער שפּיל איז שוין פאַרגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַזעלכע מיטלען ווי פאַרמאַכן די טיר קאָנען שוין ניט העלפן. זי האָט עס דערציילט ר׳ חיים'ען און דאָ האָט זיך ערשט אָנ־געהויבן אַ שקלא וטריא וואָס צו טאָן. אויך ר׳ חיים האָט אָנערקענט אַז דאָס איז אַן אומגליק, און מען דאַרף האַנדלען שנעל. אָבער וואָס? פאַרלאָזן די שטאָט? דאָס איז אַ קנאַפּע עצה. אַוועקשיקן פייגעלען צו קרובים? אויך ניט קיין מיטל. ענדלעך איז ער געקומען צום שלוס אַז דער איינציקער וועג איז אַמעריקאַ.

די פראַגע איז נאָר געווען: וואו נעמט מען געלט אויף הוצאות? אָבער דאָ איז אים איינגעפאַלן אַ פּלאַן: צוערשט אויספאַרקויפן די תבואה און איינקאַסירן וויפיל נאָר מען קאָן: דאַן לאָזן וויסן זיינע פריינט אַז ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ גרויסער פירמע און אַז ער וועט דאַרפן אָפּפאָרן שליסן דעם קאָנטראַקט, און איינלייגן זאַלאָג: אין דער צייט וועט ער קאָנען לייען גמילת חסדים, דאָס הייסט אין קליינע הלוואות אַ היבשע סומע געלט ביי פריינט און אייגענע אויך דער רב וועט לייען אַביסל געלט.

דאָס איז באַלד געטאָן געוואָרן:

איינער האָט ניט געוואוסט פון אַנדערן, אָבער אַלע האָבן געוואוסט אַז ר׳ חיים איז אַ איד וועמען מען קאָן טרויען אויפן וואָרט. עס איז אים דעריבער ניט אָנגעקומען שווער דורכצופירן זיין פּלאַן, און אין איין נאַכט האָט מען אַלעס איינגעפּאַקעוועט און אָפּגעפאָרן

אויף מאָרגן איז אַרבוזע געקומען און געטראָפן די טיר פאַרשלאָסן. ער האָט אַרומגעפּאַדעט אַרום הויז, געקוקט אין די פענסטער, געקלאַפּט אין טיר, אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. האָט ער געגעבן אַ טרוי־עריקן פייף: זיין פייגעלע איז ניטאָ... דעם צווייטן טאָג, אין דער זעלביקער צייט, איז ער ווידער געקומען, זיך אַרומגעדרייט. און מיט אַ שאַרפן פייף געגאַנגען ווייטער. ער האָט איצט אויסגעקוקט ווי אַן אָבל. זיין פרייד איז פאַרשוואונדן. און די באַלעבאָסטעס האָבן זיך געוואונדערט: וואָס איז גע־וואָרן מיט אַרבוזען? זיינע זיסע לידעלעך זענען אַוועק מיטן רויך. אַרבוזע האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזן. זיין פּנים איז געוואָרן שוואַרץ ווי די ערד.

די באַלעבאָסטעס האָבן אים באַדויערט. איז ער קראַנק? ניין, געזונט ער האָט פאַרלאָרן עפּעס... ער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן וועגן ר׳ חיים'ען. וואָס דאַרף ער האָבן ר׳ חיים'ען? איז ער אים געבליבן שולדיק פאַר וואָסער? ניין, דאָס דוקא ניט. אָבער... אָבער...

שפּעט ביינאַכט האָט מען אים אָפּט געזען אַרומשלייען זיך לעבן ר׳ חיים'ס הויז. ער האָט געקוקט אין די פענסטער צומאָל האָט ער מיט

די פיס געקלאַפּט אויף דער טיר און אָפּטמאָל האָט ער ווי אַ משוגענער זיך צעוויינט אויף אַ קול.

עזריאליכע האָט זיך אויך באַקלאָגט. איר בוזי איז ניט ווי געווען. אירע ראָסל־פליישן, אירע קוגלען און אירע זויערע אוגערקעס זענען ביי אים ניט מער אָנגעלייגט. ער עסט ניט און איז אויס מענטש געוואָרן. און ווען ער עסט איז עס שוין גאָרנישט ווי אַרבוזע פלעגט שלינגען — עס איז מיט אַ האַלב מויל.

אַ קורצע צייט האָט עס אַזוי אָנגעהאַלטן ביז מען האָט זיך אַרומ־געקוקט אין מאַרק אַז ר' חיים איז ניטאָ. וואו איז ער אַהינגעקומען? וואָס איז געוואָרן פון אים? מ'הערט ניט און מ'זעט ניט. אייניקע האָבן געזאָגט אַז ער איז אין אָדעס, אין וואַרשע, אָדער אין דייטשלאַנד, און אַז ער איז ווידער אַמאָל געוואָרן אַ גביר אַדיר. און נאָך אַנדערע האָבן זיך געשושקעט: אין אַמעריקע... און אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל ניט צוריקקערן. אָבער פאַרוואָס האָט ער עס געטאָן? באַשווינדלען דאָס שטעטל! ר' חיים איז אַלע־מאָל געווען דער שפּיגל צווישן די באַלעבאַטים פון שטעטל. מ'האָט גע־פרעגט ביים רב, האָט ער געקרעכצט... אַזאַ איד, ווי ר' חיים... אומגלויב־לעך... עס איז באמת געווען אַ רעטעניש. ענדלעך איז געבליבן אַז דער רב און די בעלי בתים זאָלן גיין אויפברעכן די טיר און זען וואָס עס טוט זיך אין הויז. מעגלעך אַז גנבים האָבן אים באַראַבעוועט און מערדער האָבן אויסגעקוילעט די פאַמיליע און פאַרשלאָסן די טיר.

ווען מ'האָט אויפגעבראָכן די טיר האָבן זיי געפונען די הויז ליידיג און פוסט. גרילן האָבן געזונגען פון אַלע ווינקעלעך אין פייגעלעס צימער איז געהאַנגען אויף דער וואַנט אַ בילד פון אַ סאָלדאַט. דאָס איז אַ גע־היימניס. האָט דער רב געטראַכט, און האָט דאָס מיטגענומען מיט זיך.

שפּעטער ווען מ'האָט דערציילט דעם רב וועגן אַרבוזען אַז ער איז געוואָרן מענלאַכאָליש, האָט ער צוערשט געדענקט אַז ר' חיים האָט ביי אים אויך אויסגענאַרט די פּאָר גראָשן. אָבער ווען מ'האָט אים געזאָגט אַז אַרבוזע דרייט זיך ארום יעדע נאַכט אַרום הויז און קלאַפּט אָן טיר ווי אַ משוגענער, חיינענדיק מיט באַנומענע קולות, האָט ער זיך פאַרטראַכט. און ווי איבעראַשט איז ער געוואָרן ווען ער האָט אַריינגעקוקט אין בילד און דערזען אַז דאָס איז ניט קיין אַנדערע ווי אַרבוזע אין סאָלדאַטסקע קליידער.

איצט האָט דער רב געהאַט אַ חשד אַז אַרבוזע איז פאַרמישט אין דעם ענין, אָבער ער האָט פריער געוואָלט אויספאָרשן די זאַך און וויסן וואָס עס איז פאָרגעקומען, כדי ניט ארויסצוטראָגן אַ שם רע אויף אַן

אומשולדיקן מענטשן. ער האָט דעריבער פאַרטרויעט אַלעס צו דער רביצין און איר געהייסן נאָכפרעגן ביי די שכנים און טאַקע ביי אַרבוזען אַליין. פאַרוואָס איז ער אַזוי פאַרזאָרגט? און וויפיל געלט האָט ער ר׳ חיים׳ען געליען? ער האָט אויך געהייסן דער רביצין אַז אויב אַרבוזע וועט ניט וועלן רעדן זאָל זי אים סטראַשן אַז מ׳וועט אים מאַכן אויס וואַסער־טרעגער. אַ שטאָט קאָן אַלעס אויספירן! אָבער אַרבוזע איז געווען שטום, אַ וואָרט האָט ער ניט געוואָלט זאָגן דער רב האָט דאַן באַשלאָסן אים צו רופן צו זיך און אים אַליין אויספרעגן. ער האָט אים געסטראַשעט און געוויזן זיין בילד וואָס איז אַרונטערגענומען געוואָרן פון דער וואַנט. ערשט דאַן האָט אַרבוזע אָנגעהויבן צו ריידן. ער האָט דערציילט מיט טרערן אין די אויגן אַז ער האָט געלעבט מיט פייגעלען ווי מאַן און פרוי, און אַז ער קאָן אָן איר ניט זיין... ער וועט זיך אַ מעשה אָנטאָן אויב זי וועט ניט קומען צוריק. ער האָט זיך אויך מודה געווען ווי אַזוי פייגעלעס מוטער האָט אים געטראָפן אין צימער מיט איר, און אַז פון דאַנען אָן איז ר׳ חיים מיט זיין פאַמיליע פאַרשוואונדן.

„רבי, האָט רחמנות", האָט ער געוויינט. „געפינט אויס וואו זי איז, וועל איך גיין צו איר... זי איז מיין ווייב... זי איז מיינע... זוכט זי מיר אָפּ. אַלא ניט וועל איך די שטאָט פאַרברענען".

„פאַרברענען?" האָט דער רב געמורמעלט. „פאַרברענען?" אויף אַרבוזען האָט מען אַלעס געקענט גלויבן.

דער רב האָט זיך אָבער ניט פאַרלאָרן און האָט אָנגעהויבן מיט גוטן צו רעדן צו אַרבוזן, אַז נאָך אַלעמען איז ער אַליין שולדיק אין דער גע־שיכטע, וואָרים ווען ער זאָל אים געווען דערציילן פריער דעם אמת וואָלט ער געווען געהייסן שטעלן אַ חופּה. אָבער איצט זענען זיי אַוועק און מען מוז וואַרטן און האָבן געדולד ביז זיי וועלן זיך אָפּזוכן. ער האָט אים פאַר־זאָגט עס צו האַלטן בסוד.

„איך וועל אייך טראָגן, רבי, וואַסער אָן געלט, ווי לאַנג איך וועל לעבן, אַבי איר וועט זי מיר געפינען", האָט אַרבוזע געזאָגט.

ר׳ חיים און זיין פרוי האָבן איבערגעלעבט זייער שווערע מאָמענטן אויף זייער רייזע. פייגעלע האָט פון זיי שטיקער געריסן. זי האָט געהאַלטן אין איין פאָדערן: אַרבוזע... אַרבוזע... איינמאָל האָט זי אפילו געמאַכט אַ פאַרזוך אַרונטערצושפּרינגען פון באַן און לויפן אין דער וועלט אַריין זוכן אַרבוזן. זיי האָבן איר דעריבער געמוזט נאָכגיין פוסטריט און זי ניט אַרונטערגעלאָזן פון אויג. ענדלעך זענען זיי אָנגעקומען צום האַפן און גענומען אַ שיף.

אויף דער שיף האָט זיך פייגעלע אַביסל באַרואיגט, אַלעס געגעסן

און געוואָרן שענער פון טאָג צו טאָג, ווערענד די עלטערן האָבן זיך געשפייזט מיט טרוקן ברויט און הערינג.

פייגעלע האָט שטאַרק אויסגענומען אויף דער שיף מיט איר שיינקייט און מאַטראָזן און פּאַסאַזשירן האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף איר. די עלטערן האָבן זי געמוזט היטן.

פּלוצלונג איז פייגעלע קראַנק געוואָרן און ר׳ חיים האָט גערעכנט אַז דאָס איז די ים קראַנקהייט, אָבער חוה האָט אים אַריינגעוואָרפן אַ חשד אַז די קרענק געפעלט איר ניט. און ווען זי איז ניט בעסער געוואָרן, האָבן זיי באַשלאָסן צו פרעגן אַ דאָקטאָר וועלכער איז געווען אַ פּאַסאַזשיר אויף דער שיף. דער דאָקטאָר האָט זי באַטראַכט און איינגערוימט חוהן עפּעס אויפן אויער. אָבער חוה האָט געזאָגט איר מאַן אַז דאָס איז גאָרנישט, הגם זי האָט פאַרוואָרפן אַ וואָרט אַז מען דאַרף אַכטונג געבן.

חיים האָט געפילט די גאַנצע צייט טרויעריק, אָבער די לעצטע צוויי טעג האָט ער גענומען פילן גאָר דערשלאָגן. אין איין נאַכט, ווען די בייזע כוואַליעס האָבן געשלאָגן זיך געוואָרפן ווי שלאַנגען, איז ער געזעסן אַליין אויפן דעק און באַטראַכט זיין גורל. עס איז אים אַרויפגעקומען אויפן געדאַנק דאָס לעבן פון שטעטל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן קאָדעש דעם וואַסערטרעגער, ווי ער איז געפאַלן ביי זיין שוועל איז ניט ער, האָט אים אויפגעהויבן נאָר זיין משרת משה, ווענען עס האָט ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַרן אָרימען מענטשן.

האָב איך געלעבט ריכטיג ? האָט חיים זיך געפרעגט. יעדן טאָג, האָט ער זיך דערמאָנט, איז ער געלעגן אונטער דער וואַרימער פּערענע און געהערט ווי קאָדש האָט געקרעכצט אַריינטראָגנדיק אין בלויען פרימאָרגן וואַסער. דער קאָדעפּ וואַסער איז שטענדיג געווען פול. דער סאַמאָוואַר האָט שטענדיג געזאָטן. אין הויז איז געווען וואַרעם, ניט קוקנדיק דערויף וואָס אין דרויסן האָט געבערענט דער פראָסט. אָבער קיינמאָל האָט מען ניט געבעטן דעם אָרעמען קאָדעשן אין הויז אַריין צו נעמען אַ גלאָז וואַרעמע טיי.

,,אין די גרעסטע זאַווערוכעס, האָט חיים געטראַכט האָב איך געלאָזן קאָדעשן מיט די געשוואָלענע פיס ברייגנען פולע עמער וואַסער אָנצופּויען די פערד... איך האָב געזשאַלעוועט די פערד, אָבער קאָדעש׳ס פּלייצעס האָב איך ניט געקימערט.

פאַר דריי רובל אַ יאָר וואָס ער האָט דעם אָרימען וואַסערטרעגער געליען אויף פּסח האָט ער געהאַט פולע קאָדעפּעס וואַסער אַ גאַנץ יאָר. אָבער דעם אָרימען סופר האָט געקאָסט מער, האָט ער געמוזט שפּאָרן דאָס וואַסער און אַריינעמען שניי אין הויז פאַר נעגל וואַסער. האָט ער געלעבט ריכטיג? האָט חיים זיך אַליין געפרעגט.

ער האָט געטראַכט פון בן ציון׳עו — אַזאַ בריליאַנטענער יונגערמאַן — װעמען ער האָט אויסגענאַרט ביים סופר. מיט אַמאָל איז ער, חיים, געוואָרן אַ פרומער איד, געגעבן אַ ספר תורה אין שול. אָבער צוליב וואָס האָט ער עס געטאָן? ניט צוליב גאָט. ער האָט געוואָלט זיך צושאַרן צום סופר. אין זיין געדאַנק איז אים דורכגעלאָפן דאָס בילד פון דער מגילה לייענען, דאָס צענערל, דאָס זיידן טיכעלע, און דאַן דאָס שיקן נאָך אַ דאָק־טאָר. אָבער ווער האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן צו ברייננען אַ דאָקטאָר? שעפסל, ניט ער. זיין מיידל האָט ביי אים געדינט — וויפיל בלוט איז איר פאַרצאַפּט געוואָרן? אַ גלאָז איז צובראָכן געוואָרן, איז הימל עפען זיך... און שפּעטער ווען בן ציון איז קראַנק געוואָרן — ווער האָט אים געראַ־טעוועט ניט זיין פרוי, פייגעלע, נאָר די אָרימע אסתר, וועלכע איז אים געטריי געווען... ווען איר זיידע קאַדעש איז פאַרפאַלן געוואָרן, האָט ער, חיים, גאָרנישט געטאָן אים אויסצוזוכן. „זיינע לייכטער און שטויסל זענען ביי מיר געבליבן", האָט ער ווייטער געטראַכט. „איך האָב גאָרנישט פאַר־לאָרן, און וועגן אים זיך ניט געקימערט." קאַדעשעס געשטאַלט איז איצט געשטאַנען פאַר אים, און עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט אַז אַ ים מיט וואַסער איז אויף אים אַרויפגעגאָסן געוואָרן און אַ כוואַליע האָט אים שיער ניט איינגעשלונגען, ביז אַן אַלטער מאַטראָס האָט אים אַוועקגעפירט אַ גע־טובל׳טן אין זיין קאַיוטע. עס איז נאָך מיט ניסים וואָס ער איז ניט אַראָפּ פון זינען ווען ער האָט געטראַכט וועגן דעם...

ווען חיים הענדלער׳ס פאַמיליע איז אָנגעקומען, צוזאַמען מיט אַנדערע אידישע פאַמיליעס, קיין אַמעריקע, האָט די אימיגראַנטן גע־זעלשאַפט זיי אַרונטערגענומען פון שיף. די ערשטע וואָך זענען זיי געווען אין הכנסת אורחים און אין פאַרלויף פון דער צייט האָט מען פאַר זיי גע־פונען אַ קעלער שטיבל וואָס מען האָט געדונגען פאַר די עטליכע דאָלאַר וואָס ער האָט נאָך געהאַט מיט זיך. מען האָט אויך געקויפט אַלטע מעבל און מען האָט עס געבראַכט אין פינצטערן וואוינונג אַריין.

מחמת דעם וואָס חיים האָט קיינמאָל ניט געאַרבעט און די עלטער האָט זיך אָנגערוקט איצט אויף אים, איז ניט געווען קיין אַנדער וועג ווי נאָר אַז חוה זאָל ווערן אַ וועשערין. אַנדערש האָט מען ניט געהאַט קיין שטיקל ברויט צו עסן, ווייל די לעצטע פּרוטה איז אויסגעגעבן גע־וואָרן אויף זיך איינצואָרדנען. אויך פייגעלע האָט געאַרבעט, אַרויסהעלפנ־דיק איר מוטער, אין וואַשן און פּרעסן. שפּעטער האָט חיים זיך איינגעקויפט אַ טוצן בעזימער און האָט אָנגעהויבן אַרומצופּעדלען מיט זיי איבער די הייזער. ער פלעגט אויסבייטן אַ בעזים אויף אַלטע שיך, קליידער, אָדער וואָס עס האָט זיך געמאַכט צו דער האַנט.

איינמאָל איז דער אַלטער און קראַנקער חיים פאַרבייגעגאַנגען אַ פאַבריק. עס איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג און ער האָט נאָך ניט פאַרקויפט קיין איין בעזים. מחמת דעם וואָס ער איז געווען מיד און הונגעריק, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין לעבן דער פאַבריק, אַרויסגענומען עפּעס פון זיין טאַרבעלע און אָנגעהויבן צו עסן.

פּלוצלונג האָט זיך לעבן דער פאַבריק אָפּגעשטעלט אַ קאַרעטע און אַ רייך געקליידעטער מאַן איז אַרויס פון דאָרט. דער אומבעקאַנטער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף אים און פאַרשוואונדן אין קאַנטאָר. און עס האָט ניט גענומען לאַנג אַ באַדינער מיט נאָך אַ מאַן זענען אַרויסגעקומען. זיי האָבן אים באַטראַכט און אים געשטעלט איינציקע פראַגן. חיים, ווי זיין שטייגער איז, האָט זיי אָנגעבאָטן אַ בעזים צום פאַרקויפן... דער באַדינער האָט אים געהייסן וואַרטן און באַלד איז ער אַרויסגעקומען מיט פינף פּאַר שיך. „דאָס זענען סעמפּעלס", האָט ער אים געזאָגט. „גיט מיר פינף בעזימער, און אויך אייער נאָמען און אַדרעס".

חיים איז געווען אַ היבש ביסל איבערראַשט פון דער געשעעניש און האָט ניט געפונען קיין ווערטער אויסצודריקן זיינע געפילן. „איר דאַרפט ניט קומען אַהער מער", האָט דער באַדינער אים געזאָגט. „אויב מיר וועלן דאַרפן נאָך, בעזימער, וועלן מיר קומען צו אייך".

ווי אַ צומישטער איז חיים געשטאַנען אויף זיין פּלאַץ, באַטראַכטנדיק די נייע שיך. „אַזאַ מציאה", האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין. „נאָר גאָט האָט עס אַרונטערגעשיקט... ממש פון הימל". חיים האָט געהאַט דעם גליקלעכסטן טאָג אין זיין לעבן. ער האָט געקראָגן אַ היבשע סומע געלט פאַר די שיך.

גראָד איז ניט נאָר חיים יענעם טאָג געווען הצלחהדיק, נאָר אויך חוה און פייגעלע האָבן געבראַכט אַ פּאָר סענט מער וואָס זיי האָבן פאַר־דינט. זיי וואָלטן געווען צופרידן ווען ניט דאָס וואָס פייגעלע האָט זיי פאַרשאַפט אַזוי פיל יסורים ווייל נאָך דעם זעלביקן אָוונט איז חוה אַרויס מיטן אמת און אים אויסגעזאָגט דעם שוידערלעכן סוד אַז פייגעלע איז שוין אין פערטן חודש.

ווי אַ דונער פון לויטערן הימל האָט אים די שרעקליכע בשורה געטראָפן. ער האָט געשאָלטן זיינע טעג, אָבער פייגעלען האָט ער ניט געקאָנט באַשולדיקן — ווי אַזוי זי איז אויפגעצויגן געוואָרן, אַזוי איז זי. נאָך אַלעמען, האָט ער ניט פאַרגעסן, אַז ער האָט זיין גאַנץ לעבן נאָר אין זינען געהאַט געלט און ער איז געווען תמיד זיכער אַז מיט געלט קאָן מען אַלעס אויפטאָן. אָבער אַז געלט איז קיילעכדיק, האָט ער פאַרגעסן.

איצט וואָס טוט מען? ווען אַרבוזע איז דאָ וואָלט מען געשטעלט אַ חופה, ווייל אין אַמעריקע שטייט אַלעס אָן. און ווער זיינען זיי? ניט

מער די אַמאָליקע יחסנים: חיים אַ פֿעדלער פֿון בעזימער, חוה — אַ וועשערין. אַרבוזע וואָלט זיך נאָך געקווינקעלט און וואָלט וועלן אַ גרויסן נדן — און ער איז ווערט אויך. ניט לייכט וואָלט אים אָנגעקומען איינצורעדן אַרבוזען עס צו טאָן, דערהויפּט נאָך ווען ער וואָלט געוואוסט וועגן ממזר... אָבער סיי ווי ער איז דאָך ניטאָ. און וואָס קאָן מען העלפֿן?

עס איז אָבער געווען דער איינציקער וועג, און דאָ איז פֿייגעלע אַריין אין די הויכע מאָנאַטן און וואַרטן האָט מען ניט געקאָנט. אַלזאָ, מען מוז ברייגנען אַרבוזען קיין אַמעריקע. אָבער ווי אַזוי?

חיים האָט געטראַכט און באַשלאָסן צו שרייבן צום רב און אים אָפּשיקן דאָס געלט וואָס ער האָט ביי אים געליען, און דערביי אים שרייבן אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפֿן קיין אַמעריקע צוליב פֿייגעלען וועלכע שוואַנגערט פֿון אַרבוזען. ער האָט פּשוט ניט געקאָנט דערטראָגן די שאַנדע, און דעריבער האָט ער פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל. און איצט מוז דער רב ראַטעווען אַ אידישע טאָכטער פֿון חרפּה און זען אַז אַרבוזע זאָל קומען קיין אַמעריקע.

ער האָט אים אויך געשריבן וואָס פֿאַר אַ גאָלדן לאַנד אַמעריקע איז, אמת ער האָט זיך געפּלאָגט פֿון אָנהויב, אָבער שפּעטער איז ער אויפֿגעריכט געוואָרן, ווייל ער איז פֿאַרבונדן מיט אַ ווייַן געשעפֿט, האָבנדיק געקראָגן אַ שטעלע אַלס משגיח פֿון ווייַן כשר לפּסח, דורך אַ מאַן, וועלכער האָט געקויפֿט ביי אים בעזימער. און איצט האָט ער שיין פּרנסה. און פֿייגעלע איז געבומען געוואָרן צו אַ גרויסן ספּעציאַליסט, וועלכער וועט איר מאַכן אַן אָפּעראַציע און זי וועט פֿאַלקאָם געזונט ווערן.

נאָך דעם ווי ער האָט באַשריבן די איינצלהייטן, האָט ער געבעטן דעם רב צו רופֿן אַרבוזן צו זיך און אים זאָגן, אַז פֿייגעלע גייט ממש אויס נאָך אים, און אַז ווען ער וועט קומען קיין אַמעריקע וועט ער קיין וואַסערטרעגער ניט מער זיין. אַ געזונטער מאַן ווי אַרבוזע קאָן דאָ מאַכן געלט ווי בלאָטע און אַז ער וועט פּשוט אויפֿגעריכט ווערן.

ס׳איז שווער צו באַשרייבן די פֿרייד אין רב׳ס הויז, ווען ס׳איז אָנגעקומען דער בריוו פֿון אַמעריקע. קודם כל האָט ער צוריקגעקראָגן זיין געלט. אָבער ער איז געווען צופֿרידן וואָס חיים איז געקומען אויף אַ שטיקל באַשטאַנד. אמת, ער האָט זיך אַביסל באַנאַרישט... ער האָט פֿאַרנאַכלעסיקט וויכטיקע זאַכן. ער וואָלט באַדאַרפֿט וויסן וואָס עס גייט אָן אין זיין הויז. וואָלט דערצו ניט געקומען. אָבער דער רב האָט געוואוסט אַז חיים האָט אין זינען געהאַט געלט... די פֿאַרשאָלטענע געלט... איצט האָט דער רב חרטה געהאַט ווייל ער איז געווען דער וואָס האָט געבראַכט צום שידוך מיט בן־ציונ׳ען. וועט אים דער סופֿר ניט רופֿן צו בית דין של מעלה? האָט ער ניט קיין גרויסן טייל אין דעם? אַזאַ בן ציון — דער שפּיגל פֿון שטאָט,

ערלעך און פרום, ביי וועמען געלט האָט קיין ווערט ניט געהאַט און גע־אַרבעט לטובת הכלל, עס איז געווען טייערער פון זיין אייגן לעבן. איצט אָבער וועט ער קאָנען כאָטש טיילוויז גוטמאַכן עפּעס. אַ אידישע טאָכטער...

דעם צווייטן טאָג, ווען אַרבוזע איז געקומען אַ פאַרפרוירענער, מיטן קאַראַמיסלע, האָט דער רב אים אַריינגערופן אין זיין צימער. אַרבוזע האָט זיך ממש מחיה געווען וואָס ער קאָן זיך דאָ דערוואַרעמען. זיינע שטיוול זיינען געווען אַרומגעבונדן מיט שמאַטעס. „אַ ביטערער פראָסט, רבי", האָט ער געזאָגט. „אַ הונט טאָר מען ניט אַרויסלאָזן".

„נו, וואַרעם זיך אָן, האָט דער רב געענטפערט. „שווערע אַרבעט... וואָס מאַכסטו."

„וואָס זאָל איך מאַכן?" איז זעט דאָך, פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, וואַסער און וואַסער".

„און וואָס הערט זיך אַחוץ וואַסער?"

„אַחוץ וואַסער ברענט אַ פייער... אַ פלאַם פייער... שווער צו פאַר־לעשן..." דער רב האָט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט: פייגעלע...

ער האָט זיך געמאַכט ניט ווייסנדיק: נו, „האָט ער געזאָגט, „האָב צייט... ס'איז פאַראַן אַ האָפנונג".

אַרבוזע האָט זיך געגעבן אַ הויב פון בייקעל. „וואָס מיינט איר, רבי?"

„איך מיין... „האָסטו געליען געלט ר' חיים'ען איידער ער איז אָפּ־געפאָרן?"

אַרבוזע האָט געזאָגט אַז ער לייט ניט קיין געלט אָן אַ משכון... און ר' חיים איז ביי אים קיין בטוח ניש'ט.

„אָבער ווען דו קענסט אים האָבן פאַר אַ...

„וואָס מיינט איר, רבי, פייגעלע...?

„יאָ, מיט פייגעלען, אָבער חתונה האָבן דאַרף מען האָבן געלט".

„מיט פייגעלען", האָט אַרבוזע אויסגעשריען,„ פאַר איר וואָלט איך אויסגעטאָן די העמד, רבי... איך האָב שווער־פאַרהאַרעוועטע הונדערט רובל. איך וועל זיי אייך ברייגנען .וואו איז פייגעלע?

דער רב האָט אַרויסגענומען חיים'ס בריוו און האָט געגומען לייענען פאַר אַרבוזע'ן וואָס חיים שרייבט, ווי אַזוי מען לעבט אין אַמעריקע און אַז ביער און בראנפן קאָן מען קריגן פאַר אַ שיבוש.

אַרבוזע האָט זיך ממש געוואָלט אַרומכאַפּן מיטן־רב, אָבער ער האָט ניט געוואַגט. „יאָ, רבי, האָט ער אויסגעשריען, איך פאָר... גיט מיר דעם אַדרעס. איך וועל ענדיקן די וואָך, איינקאַסירן דאָס געלט און — היידאָ קיין אַמעריקע".

אַרבוזע האָט, אַרויסגייענדיק פון הויז, געגעבן אַ הויכן פייף... דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס ער האָט אַזוי געפייפט, זינט פייגעלע איז אַוועק פון אים. ווייל דער רב האָט אים געגעבן חיים׳ס אַדרעס.

דעם צווייטן טאָג איז די שטאָט געגאַנגען כאַדאָראָם: אַרבוזע איז דערטרונקען געוואָרן. אויפן פאַרפראָרענעם טייך, ביי דער פּאָלאָנקע, האָט מען געפונען זיין קאַראַמיסלע מיט איין פולן עמער וואַסער פאַרפראָרן. דער צווייטער עמער האָט געפעלט. זיין היטל איז געווען איינגעפראָרן אין אייז און זיין ציגאַרפּיסקל איז אַרומגעשוואומען אין דער פּאָלאָנקע.

פּאָליציי איז געקומען מיט העק און לאַנגע דרוקעס צו זוכן אַרבוזע׳ס קערפּער. אַ סך אידן זיינען אַרויסגעקומען צו דער פּאָלאָנקע, האָפנדיק אַז מען וועט דעם קערפּער געפינען. זיי זיינען זיך אָבער צוגאַנגען ווי נאָך אַ לויה.

שפּעטער האָט חיים געקראָגן אַ בריוו פון רב אין וועלכן ער האָט אים דערקלערט וואָס עס איז פאָרגעקומען. אויס אַרבוזע. חיים׳ס פּלאַן איז דורכגעפאַלן. נאָך אַ גליק וואָס פייגעלע האָט ניט געוואוסט וועגן דעם.

קאַפּיטל 40

די אומגליקלעכע אסתר

ר׳ נחום האָט אסתרן ניט געלאָזט פאַלן. זייענדיק אַ טיף גלויביקער מענטש, האָט ער ניט באַטראַכט דאָס וואָס איז געשען אַלס סתם אַ בלינדן צופאַל. פאַרקערט, ער איז זיכער געווען אַז גאָט האָט אים מזכה געווען מיט דער מצוה צו ראַטעווען צוויי נפשות און דעריבער איז ער מחויב איר צו קומען צו הילף. זיין מיטגעפיל צו איר און די אידישע טראַדיציע האָבן אים אונטערגעזאָגט ווי צו האַנדלען, און אַזוי האָט ער געטאָן. ער האָט איר געגעבן אַ היבשע סומע געלט אַז זי זאָל קאָנען ווענדן צו אַן אַנשטאַלט אין אַ גרויסער שטאָט און ניט פאַלן צו לאַסט ערגיץ אין אַ הקדש.

אויסער דעם מורא האָבנדיק אַז זי וועט האָבן שוועריקייטן איינצו אַליין אין אַ פרעמדער שטאָט, האָט ער איר געגעבן אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינט, בעטנדיק אים ער זאָל איר געבן מאָראַלישע שטיצע און איר העלפן ווי וויט מעגלעך.

דאָס איז געווען אַ גרויסע הילף פאַר איר, איבערהויפּט ווען זי

האָט געדאַרפט האָבען דאָס קינד און איר לעבען איז געהאַנגען אויף אַ האָר. ווער ווייסט וואָס עס וואָלט פון דער אָרימער און עלנטער אסתרן געוואָרן ווען ניט ר׳ נחום, וואָס גאָט האָט איר צוגעשיקט.

ניט קוקנדיק דאַרויף וואָס אסתר האָט איבערגעלעבט אַזאַ שווערע צייט, האָט זי דאָך ניט פאַרלאָרן די האָפנונג. זי האָט גאָט געבעטן אַז בן ציון זאָל זיך אָפזוכן און ווערן אַ פאָטער צו זיין טאָכטער. זאָל ער נאָר וויסן. אָבער ער ווייסט ניט. וועט ער זיך אָבער אָפזוכן? און וועט ער נאָר אַ קוק טאָן אויף זיין טאָכטער, איז אסתר געווען זיכער אַז ער וועט זי ניט לאָזן פאַלן. דאָס קינד איז געראָטן אין אים. דער זעלביקער שמייכל, דער זעלביקער קאָליר פון די אויגן. וועט ער דען ניט דערקענען זיין טאָכטער?

אָבער דערווייל האָט מען דאָך געדאַרפט לעבן און אַכטונג געבן אויפן קינד האָט זי ניט געקאָנט. האָט זי עס אַוועקגעגעבן אין אַ יתומים אַנ־שטאַלט און זי אַליין איז אַוועק אַרבעטן אין אַ קליידער געשעפט.

זייער שווער האָט אסתר געאַרבעט און געטריי אויך. אַ סך מענער האָבן זיך גע׳שדכנ׳ט צו איר, אָבער זי האָט געהאַט איין געדאַנק, בן ציון... קיין אַנדערער האָט ניט אַרויסגערופן ביי איר קיין אינטערעס.

ווען זי האָט אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט האָט זי געעפנט אַ געשעפט און עס איז איר אַוועק בעסער ווי זי האָט געדענקט. אָבער בן ציונ׳ען האָט זי ניט פאַרגעסן. זי האָט געזוכט אַ שפור צו אים. און איין צייט איז זי אַליין אַרויסגעפאָרן אים זוכן. אָבער קיין שפור איז ניט געווען פון אים.

וואָס רייכער אסתר איז געוואָרן און האָט געלעבט אין לוקסוס אַלץ מער האָט זי געבייַנקט. וואו איז בן ציון? זיי וואָלטן דאָך געקאָנט לעבן גליקלעך צוזאַמען.

איר גרויס קליידער געשעפט איז געגאַנגען זייער דערפאָלגרייך. זי האָט געהאַט אַלעס וואָס איר האַרץ האָט געגלוסט. אָבער גליקלעך איז זי ניט געווען. ענדלעך האָט זי באַשלאָסן אויפצוגעבן דאָס געשעפט און זיך אַרויסלאָזן איבער דער וועלט זוכן בן ציונען.

אין יעדער שטאָט וואוהין זי איז געקומען האָט זי זיך געווענדעט צו רבנים און אַנדערע כלי קודש, צו די ישיבות, וואָרים זי האָט גערעכנט אַז נאָר אין אַזעלכע פלעצער קאָן זי אים געפינען. אסתר האָט אויך ניט געשפּאָרט קיין געלט. זי איז געווען גרייט צו באַצאָלן פאַר יעדער שפור וואָס מען וועט איר געבן.

אין וויען האָט זי פאַר אַ צייט געמאַכט איר היים, שיקנדיק איר טאָכטער אין אַן אַקאַדעמיע שטודירן. אסתר האָט געדיינקט אַז זי וועט זיין אין וויען אַ שטיקל צייט און דערנאָך פאָרן אין אַנדערע שטעט. אָבער בת שבע האָט זיך געבעטן ביי איר אַז איר געפעלט וויען און אַז זי וויל פון דאַנען ניט אָפּפאָרן ביז ווייניקסטנס זי וועט ענדיקן איר קורס. צוערשט האָט אסתר

גערעכנט אַז דאָס איז גלאַט אַ קאַפּריז פון איר טאָכטער, אָבער שפּעטער האָט זי אויסגעפונען אַז דאָס איז לגמרי ניט קיין קאַפּריז און אַז זי האָט דאָ נאָך אַ וויכטיקן אָפּהאַלט...

אויך דער פּראָפעסאָר האָט געפילט אַז בעסי איז ניט גלייכגילטיק צו אים. און זיין האַרץ האָט אים געזאָגט אַז אויב עס וועט אַזוי אָנהאַלטן וועט עפּעס אַרויסקומען דערפון.

אַזוי איז דאָס לעבן געגאַנגען. אָבער פּלוצלונג האָט בעסי זיך דערוואוסט אַז דער פּראָפעסאָר גרייט זיך צו פאַרלאָזן ווילנע. אַ באַוואוסטער פילאַנטראָפּ פון אַמעריקאַ, הערנדיק וועגן אים, האָט ער אים איינגעלאַדן צו פאַרנעמען אַ שטעלע אין אַ אידישן אינסטיטוט. עס איז געווען איינע פון די בעסטע געלעגנהייטן און דער פּראָפעסאָר האָט באַשלאָסן די איינלאַדונג אָנצונעמען, וואָרים עס מיינט פאַר אים אַ גרויסע צוקונפט.

בעסי האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן דאָס אָפּפאָרן פון איר פּראָפעסאָר, אָבער זי האָט געמוזט פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן. וואָרים ווער האָט זיך דען געקאָנט פאָרשטעלן ווי זי פילט?

איידער ער איז אָפּגעפאָרן האָט זי געבעטן ביי אים זיין אַדרעס און זיין בוך מיט לידער וואָס ער האָט פאַרפאַסט. ער האָט זיך געוואונדערט וואָס זי נעמט ביי אים זיין אַדרעס. דאָך האָט ער איר צוליב געטאָן. ער האָט איר אויך געגעבן זיין בוך מיט לידער און אָנגעשריבן אויפן ערשטן בלאַט די פאָלגנדיקע ווערטער: „צו אַ געבענטשטע אידישע טאָכטער, אַ מתנה פון מחבר". מיט טרערן אין די אויגן, האָט בעסי גענומען זיין האַנט און זי געקושט. קיין וואָרט האָט זי ניט געקאָנט זאָגן. די טרערן האָבן זי געשטיקט.

ער האָט איר אַ קוש געטאָן אין שטערן, זאָגנדיק: „זיי געזונט, טאָכטער, און לאָז מיר וויסן ווי דיר וועט גיין מיט דיין לערנען.

עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן וואָס דאָס וואָרט „טאָכטער האָט איר אָפּגעקלונגען אַזוי האַרציק.

אין טאָג פון זיין אָפּפאָרן האָט בעסי געבראַכט אַ קליין פּעקעלע אַרומגעבונדן מיט אַ ווייסן זיידענעם פאָדים. „איך וויל אייך בעטן, הער פּראָפעסאָר, איר זאָלט עס מיטנעמען... דערמיט וועט דערפילט ווערן מיין הייליקער אָנהאַלט אין אייער פריינטשאַפט... און ווידער אים אַ קוש געטאָן, זאָגנדיק: „פאָרט געזונט".

מער ריידן האָט זי מיט אים שוין ניט געקאָנט: עס זענען געווען פרעמדע מענטשן, דער טעלעפאָן האָט געקלונגען און מען האָט דעם פּראָפעסאָר אָוועקגערופן.

זי האָט שטאַרק געבענקט נאָך אים און האָט אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם אינטערעס אין דער אַקאַדעמיע. ווען דער קורס איז פאַרענדיקט

געוואָרן, האָט זי מער ניט געוואָלט פאַרזעצן דאָס לערנען דאָרט, און האָט גאָר אויפגענומען אַ קורס ערגעץ אַנדערש וועגן סאָציאַלע וויסנשאַפטן כדי צו באַקענען זיך בעסער מיט דער וועלט.

דערווייל איז אַריבער אַ היפּשע צייט. אסתר האָט געוואַרט און געזוכט און זעענדיק אַז קיין שפור איז פון אים ניטאָ, און בת־שבע'ס פּראָפעסאָר איז אַוועק קיין אַמעריקע, האָט זי באַשלאָסן, אַז זי וועט אויך פאָרן קיין אַמעריקע. ווער ווייסט האָט זי געטראַכט אפשר איז בן־ציון אַוועק דאָרטן? מעגלעך אַז דאָס מזל פירט איר צום ריכטיקן פּלאַץ.

זי האָט דאַן איבערגערעדט מיט איר טאָכטער וועגן איר פּלאַן, און עס איז געבליבן אַז מען דאַרף זיך צוגרייטן צו דער רייזע. בת־שבה איז געווען איבערגליקלעך, אָבער זי האָט ניט אויסגעזאָגט דער מוטער וועגן דער אורזאַך פון איר פרייד. נאָך אַלעמען איז דער פאָרשלאָג צו פאָרן קיין אַמעריקע געקומען פון איר מוטער אַליין.

אויף דער שיף האָט בעסי געהאַלטן אין איין לייענען די לידער פון איר באַליבטן פּראָפעסאָר. ווען נאָר זי האָט זיך פאַרבענקט, האָט זי אַרויסגענומען זיין בוך און געלייענט די לידער, אייניקע האָט זי שוין געקענט אויסוועניק. אַזאַ ליד וואָס זי האָט געקאָנט אויסווענדיק און דאָך געלייענט יעדעס מאָל ווען נאָר איר האַרץ האָט געבענקט נאָך עפּעס און ניט געוואוסט נאָך וואָס, איז געווען דאָס ליד וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען: „דעם טאַטענ'ס טאָג".

און אָט אַזוי האָט עס זיך געלייענט:

מאַך דיין טאַטן אַ יום־טוב היינט,
ברייננג אים אַ מתנה ——
ער איז דאָך דיין בעסטער פריינט,
זיין לעבן זיין נשמה.

ברייננג אַ בינטל בלומען;
זיין האַרץ וועסטו זעטן.
ער וואַרט אויף דיין קומען ——
דיין קאָפּ וועט ער גלעטן.

ער וויל ניט קיין ברילִיאַנט.
דאָס איז ניט זיין באַגער.
א מתנה איז דיין היינט,
דיין קוש איז ווערט נאָך מער.

אַ צווייטע ליד וואָס זי האָט ליב געהאַט איז געווען דאָס ליד וואָס הייסט: „מיין מוטער". און אָט ווי עס האָט זיך געלייענט:

מיין מוטער

אָ, ווען איך דער מאָן זיך
אין מיין יוגענט היים.
ווירקט אויף מיר אַ צויבער,
עס ציט מיר אין געהיים.

צו מיין מוטערס לידלאַך,
די אויגן ווילט זיך צומאַכן,
אין איר שויס איינשלאָפן,
און קינדעריש שמייכלען — לאַכן.

מיט איר מוטערלעכער ליבע,
איבער מיר זיך איינגעבויגן,
און פון אירע גוטסקייט,
מיך זעטיק אָנזויגן.

און ווען זי האָט דערלעבט,
מיך אין חדר טראָגן,
אין טלית איינגעוויקלט,
דעם ערשטן אלף זאָגן...

און אין מיר איינפלאַנצן,
ליבע אין גאָט גלויבן,
מיר אין גוטע וועגן פירן,
צו געטלעכקייט דערהויבן.

מיר אידישקייט געלערנט,
מיט אירע שיינע מאַניערן,
גאָט זאָל איר נאָר העלפן,
מיר צו דער חופה פירן.

קיין רייכקייט ניט פאַרלאַנגט,
וואָס קען אַ מענטש פאַרזאָרגען,
דאַנקען גאָט פאַר היינט,
דאַנקען גאָט פאַר מאָרגען.

אירע שבתים, ימים־טובים,
און איר פעסטן בטחון,
איר אמת'דיקן גלויבן,
איך גיי אַרום זיי זוכן...

דער מאַמעס טאָג

ציטערדיקע מאַמע, איידעלע, פרומע,
ווי טיף איז דער סוד פון דיין לעבן,
וואָס איז דיין שטרעבן, גוטע נשמה,
די מתנות, ווער האָט דיר געגעבן?

דעם וואַרעמען בליק, וואָס איז טיפער פון מער,
די שטראָמיקע קוואַלן פון ליכטיקע פרייד,
דיין האַרציקן קוש, דעם פערלדיקן טרער,
ווער האָט דיך מיט רחמים באַקליידט?

אין האַנט פון מייסטער ווען דו ביסט געווען
האָט ער זיך פאַרקוקט אויף דער טויב?
האָט די אויג פון שעפער דעמאָלט געזען,
די יצירה זינגען כי טוב?

וויפל זונען האָט דאָסמאָל געגליט,
וויפיל מלאכים האָבן שירה געזונגען?
וואָס פאַר אַ בלומען האָבן דעמאָלט געבליט,
וואָס דו ביסט דעם מייסטער געלונגען?

ווי צאַרט זיינען געווען די פינגער פון בורא,
ווען ער האָט געפאָרמט דיין גאָלדענע האַרץ!
האָט ער זיך פאַרקוקט אויף דער גאָלדענער מנורה,
ווי דו הייליקסט זיין נאָמען פרייטאָג־צונאַכטס?

לייענענדיק איין ליד נאָכן אַנדערן האָט בעסין אַרומגעכאַפּט אַ טיפעביינקשאַפט. זי האָט דערפילט אַזאַ ליבשאַפט צום פּראָפעסאָר אַזוי ווי ער זאָל זיין ניט קיין פרעמדער נאָר איר אייגענער פאָטער. אויסער דעם האָט זיך איר געדאַכט אַז צווישן איר און דעם פּראָפעסאָר איז פאַראַן נאָך

עפּעס געמיינשאַפטלעכעס: ער בײַנקט נאָך אַ קינד און זי בײַנקט נאָך אַ פאָטער. זי האָט געקושט זײַן בוך ווי אַ הייליקע זאַך. יאָ, איך וועל אים ברענגען אַ בינטל בלומען, האָט זי געהאַלטן אין טראַכטן... מײַן לעבן, מײַן נשמה . . . .

די צוויי וואָכן וואָס זיי האָבן זיך געפונען אויף דער שיף איז געווען בײַ איר ווי אַן אייביקייט. זײַנע לידער זײַנען אָבער געווען אַ גרויסע טרייסט בײַ איר. ווארים ער האָט געלעבט דורך די ווערטער און קלאַנגען. זי איז געווען ווי פאַרכישופט און פלעגט אַרומגיין אויפן דעק און איינ־חזר'ן די ווערטער. ווען זי וואָלט געווען האָבן פליגלען, וואָלט זי געפלויגן צו אים קיין אַמעריקאַ. אָבער אויף צו להכעיס איז די שיף געגאַנגען פּאַוואָליע, און איר האָט זיך אויסגעוויזן אַז זי רירט זיך קוים פון פלאַץ.

אַ וואונדער, האָט זי געטראַכט, וואָס דער פּראָפעסאָר וועט דיינקען ווען ער וועט זען דאָס ייִדן טיכעלע, דאָס גאָלדענע האַרץ און מײַן נאָמען... וועט ער אויך בענקען ווי איך? וועט ער עס אַ קוש טאָן, ווי איך זײַנע לידער? וועט ער מיטן טיכעלע ווישן די טרערן. עס האָט זיך איר געדאַכט אַז זי זעט אים באַגייסטערט, ווי ער האָט אויסגעזען בײַם געזעגענען זיך. יאָ, ער בענקט, ער בענקט...

אויך אסתר איז געווען פאַרטאָן אין זיך און האָט געחלומ'ט: אַך ווען מיר גיט זיך איין אים צו געפינען. און ער זאָל אַ קוק טאָן אויפן קינד און זען ווי שיין זי איז, אויסגעוואַקסן און ווי שיין זי איז, איר בילדונג, איר אינטעליגענץ, וואָלט ער זיך געפילט שטאָלץ.

אויף דער שיף ערשטער קלאַס, מיט וועלכער אסתר איז געפאָרן, זײַנען געווען רײַכע און אַריסטאָקראַטישע מענער און פרויען, און אסתר האָט זיך ניט געפילט גוט צווישן זיי. זי האָט בעסער געוואָלט זײַן מיט אירע ברידער און שוועסטער, מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר. זי האָט דעריבער זיך אָנגעטאָן אַ פּשוט קליידל און אַ שאַלכל אויפן קאָפּ און איז מיט איר טאָכטער אַרונטער אין צווייטן קלאַס.

די שיף איז געווען געפאַקט, מען האָט גערעדט און געשמועסט אויף אַ היימישן אופן. אין אַ ווינקל, אויפן דעק, האָט אסתר באַמערקט אַ פאַמיליע, אַ מאַן און זײַן פרוי און צוויי קינדער, וועלכע זײַנען געזעסן באַזונדער און לעבן זיי איז געזעסן אַ סטודענטקע, וועלכע איז געווען זייער אומעטיק. אסתר האָט געטראַכט אַז די סטודענטקע וועט אפשר זײַן אַ גוטע חבר'טע אויף דער שיף פאַר בעסי'ן. און זי אַליין האָט געהאַט אַ וואונש זיך צו באַקענען מיט די מענטשן און האָבן מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. צוערשט האָט זי געעפנט אַ פּעקעלע קאָנפעקטן און געוויזן די קינדער. באַלד איז טאַקע געוואָרן פריילעך. עס האָט זיך פאַרפירט אַ געשפּרעך און באַלד זײַנען זיי אַלע שוין געווען באַקאַנט.

אסתר האָט אויסגעפונען אַז די מיידל הייסט מרים און אַז איר פאָ־טערס נאָמען איז יאַנקל. ער איז טאַקע באַשטאַנען אַז זי זאָל אים רופן ביים ערשטן נאָמען, און זיין פרוי — איטע. אַזוי האָט מען אים שטענדיק גערופן, און אַזוי האָט ער געוואָלט אַז מען זאָל אים אומעטום רופן. בעסי און מרים זיינען טאַקע געוואָרן ווי שוועסטער, און אסתר מיט דער פאַ־מיליע זיינען געוואָרן ווי אייגענע. צייט איז געווען גענוג, האָט מען זיך אויסגערעדט די הערצער. די מומע איטע האָט זיך אַביסל באַקלאָגט אויף איר פלימעניצע מרים, וועלכע האָט איר שוין פאַרשאַפט אַ סך צרות. פלוצלינג האָט זי זיך פאַרליבט אין אַ מלמדל, וועלכער האָט געלערנט מיט די קינדער אין דאָרף. זי, אַ סטודענטקע, אַ גאָלדענע מיידל, האָט ניט געקאָנט אויסקלייבן קיין בעסערן... נאָר איינעם וואָס שרייבט לידלעך... און וועלכער קאָן אַ קאַץ אַן עק ניט פאַרבינדן. פריער האָט ער געאַרבעט אין קוזניע און געלערנט יעדן טאָג מיט די קינדער, אָבער פלוצלונג איז ער אַוועק אַ באַרוויסער אין שטאָט און איז ניט געבליבן... נו, וואָס די מיידל האָט ניט געטאָן! זי האָט ממש געקערט וועלטן. שטעלט אייך נאָך פאָר, געווען אַזאַ גוטער שידוך אין דאָרף, אַ יונגער אַלמן מיט איין קינד, איז פאַרמעגלעך און האַלט אַ פאַכט מיט צען קי און קעלבלעך, אָבער זי וויל אים ניט, נייך, וויל אַפילו זיין נאָמען ניט הערן... האָט זי זיך איינגע־רעדט איינס — זי מוז דעם פאָעט דעם מלמד געפינען.

יאַנקל איז געזעסן דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף די הענט און זיך צוגעהערט. ער האָט זיך ניט אַריינגעמישט און געלאָזן די פרוי זיך אויס־רעדן די האַרץ. ענדלעך האָט ער זיך אָפּגערופן:

„אַזוי איז עס, ליבע פרוי, מיר קאָנען גאַרנישט העלפן — גאָט פירט די וועלט... אפשר דאַרף אַזוי זיין... אָט זעט איר דאָך מיט אונז אַליין: מיר זיינען געווען ניט אָרים, זיך געפירט באַלעבאַטיש, געהאַט אַן אייגענע קוזניע. און וואָס אַ שטייגער איז אונז אָפּגעגאַנגען? נו, ווערט די נייע גזרה פון די פּופּציק וויאָרסט, און עס בלייבט ניט קיין אַנדער ברירה ווי נאָר צונויפצוקראַצן די פּאָר גראָשן און זיך אַוועקלאָזן קיין אַמעריקאַ... ווען מרים זאָל געווען חתונה האָבן מיט בערקע דעם רויטן — נו, וואָס וואָלט פון איר געוואָרן? ער האָט אויך געוואוינט אין די פּופּציק וויאָרסט. זי וואָלט דאָן געווען אַ מאַמע פון אַ היבשער מיידל מיט אַ שוויגער אַלס צוגאָב. אַז אַך און וויי וואָלט געווען צו איר צו זיין דעם רויטנס אַ ווייב... ער קאָן צורייסן אַ בער, דער רויטער כעסן. די ערשטע פרוי זיינע איז געווען אַ גרויס־שטאָטישע, נו, וואָס האָט ער געמאַכט פון איר? ער האָט זי אויפגעגעסן אַ לעבעדיקע.

אַזוי האָט יאַנקל גערעדט, און אסתר האָט מיט אים איינגעשטימט. זי האָט אויך דערציילט וועגן איר שיקזאַל. אָט איז זי אויך פאַרמעגלעך,

אָבער געלט מאַכט ניט גליקלעך. אויב איר האַרץ איז צובראָכן — זי פאַרט זוכן דעם מיט וועמען איר שיקזאַל איז אויף אייביק פאַרבונדען. קוים אויס־געוועזן די גאַנצע וועלט, געזוכט און געפאָרשט אומעדום, און אים ניט גע־פונען. איר איינציקע האָפנונג איז אַמעריקע. אפשר וועט געשען אַ נס און זי וועט אים געפינען, אָבער פון דעם וואָס זי האָט שוין איבערגעלעבט ביז איצט, איז איר האַרץ אַזוי פאַרביטערט, אַז אַפילו די האָפנונג איז ניט קיין צו גרויסע... און ווען זי האָט שוין געוועדט, האָט זי ניט געשוואָלע־וועט קיין ווערטער צו שילדערן ווי איר לעבן איז צובראָכן געוואָרן און וואָס פאַר אַ מענטש איר אויסדערוויילטער איז און ווי גליקלעך זי וואָלט געווען ווען זי געפינט אים...

בעסי איז ממש צוגעזאָטן געוואָרן צו מרים׳ען. זיי האָבן געהאַט פון וואָס צו ריידן: ביכער, ליבע. בעסי האָט דערציילט ווי פאַרליבט זי איז אין איר פּראָפעסאָר, וועלכער איז פיל עלטער פון איר, אָבער וואָס מאַכט עס דען אויס? ליבע איז בלינד.

ער רופט זי „געבענטשטע אידישע טאָכטער״, און הגם ער ווייזט ניט אַרויס עפּעס עפּענטלעך זיינע געפילן, ווייסט זי אַז ער ליבט איר מיטן גאַנצן האַרצן. אין אירע אויגן איז ער ווי אַ מלאך. דערצו איז ער אַ פּאָ־עט, זיינע לידער זיינען געטלעך שיין. זי האָט זיין בוך לידער, און ווען נאָר זי פילט אומעטיק, לייענט זי זיי און עס ווערט איר לייכטער. „איך היט זיין בוך ווי אַ הייליקייט״, האָט זי אַ סך מאָל געזאָגט איר „שיפס־שוועסטער״. „זיין בוך מאַכט מיר גליקלעך, מרים״.

מרים, פון איר זייט, זעענדיק ווי איר שיפס־שוועסטער איז מיט איר אַזוי אָפנהאַרציק, האָט אויך געעפנט איר האַרץ און דערציילט אַז זי איז אויך פאַרליבט אין אַ יונגעמאַן, וועלכער, כאָטש אַ קליינשטעטלדיקער, האָט אָבער אַ גרויסע נשמה. מערקווירדיק, האָט זי געזאָגט, אויך מיין געליבטער איז אַ דיכטער, אָבער ער איז אַזאַ שעמעוודיקער, ווי אַלע קליינשטעטלדיקע... אָבער ווי זאָגט דאָס ווערטל: שטילע וואַסער גראָבט טיף... ער איז אַ דימענט. זיינע געפילן באַהאַלט ער אין זיך, און וועט ניט זיינס אַ ליד וואָס ער האָט געווידמעט צו איר וואָלט זי בשום אופן ניט געוואוסט ווי ער פילט.

מרים האָט אָנגעהויבן לייענען אויף אויסנווייניק דאָס ליד וואָס זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט — „וואָלקן אין זילבער ראַנד״.

„אָרימער פּאָעט, איך פיל דיין האַרץ״, האָט זי שטיל געפּרעפּלט לייענענדיק די ווערטער.

זי האָט אויך בעסין דערציילט אַז דאָס ליד איז געווען געדרוקט אין די צייטונגען און אַז זי האָט דערוואַרט אים צו זען אויף אַ הויכער

מדרגה. אָבער פּלוצלינג האָט אים דער ווינט פאַרטראָגן. זיין האַרץ גייט אויס נאָך בילדונג און וויסנשאַפט און ער איז אַוועק שטודירן.

און זעענדיק ווי גערירט בעסי איז פון דעם וואָס זי דערציילט איר, האָט מרים פאַר איר געשילדערט ווי שטאַרק ליב ער האָט זי. „איך פיל נאָך איצט זיין קוש", האָט זי איר געזאָגט. „ביים געזעגענען זיך, האָט ער זיך כלומרשט געשעמט... ער איז אַ טרוימער... אָבער איך בין זיכער אַז ער וועט זיין אַמאָל באַרימט. אַ, ווי גליקלעך וועל איך זיין ווען איך וועל אים געפינען".

קאַפּיטל 41

אָרעמער שעפּסל

אַט אַזוי האָבן זיך געענדערט די אומשטענדן. וואָס פאַר אַ ענדע־רונגען עס זיינען פאָרגעקומען אין שטעטל. אין איינע 10־15 יאָר זיינען די געשעעענישן געלאָפן מיט אַזאַ געשווינדקייט אַז דאָס לעבן פון שטעטל איז געווען קוים צו דערקענען. הגם אַלעס האָט אויסגעזען ווי געווען.

שעפּסל, וועלכער האָט געוואָלט גיך רייך ווערן, איז אָפּגעזעסן אין אסטראָג אַ יאָר צייט און ווען ער איז געקומען אַהיים האָט ער שוין אסתר'ן ניט געפונען. קיינער האָט איצט נישט געוואוסט וואו זי געפינט זיך.

דער בעל עגלה האָט אַלעס פאַרלאָרן — זיין פּרנסה, זיין טאָכטער, און ער איז געבליבן אָרים און צובראָכן. וואָס האָט ער איצט געקאָנט טאָן? האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן זי זוכן. ער האָט אַרומגעוואַנדערט פון שטעטל צו שטעטל און זיך נאָכגעפרעגט. אָבער קיינער האָט גאָרנישט געוואוסט וועגן איר. אַזוי ווי אין וואסער אַריינגעפאַלן. האָט זיך שפּעסל געשלעפּט און געשלעפּט ביז ער האָט זיך דערשלעפּט קיין דייטשלאַנד. ער איז גע־ווען אַן אָרימאַן, וואו ער נעכטיקט טאָגט ער ניט, און פאַרקערט. עס איז אים קיין אונטערשייד ניט געווען וואו ער איז. די גאַנצע וועלט איז גע־ווען „זיינע" און ער האָט ניט באַלאַנגט צו קיינעם. ענדלעך האָט זיך אים געטראָפן אַ שיף, וואו ער האָט געקאָנט אַרבעטן און פאַר דעם האָט מען אים אַרויפגענומען קיין אַמעריקאַ. קיין פּאַספּאָרט איז ניט נויטיק גע־ווען. קיין וויזאַס האָט מען ניט געדאַרפט. וואָס איז אים געווען דער אונ־טערשייד וואו ער וועט זיין?

אין אַמעריקאַ האָט שעפּסל ניט געהאַט קיינעם און ער האָט גאָר־נישט געטראַכט אַז ער דאַרף עמיצן האָבן. אָבער עסן האָט מען געדאַרפט, און בעטלען האָט מען ניט געקאָנט, איז ער אַוועק אין אַ שאַפּ און איז גע־וואָרן אַ פּרעסער.

סוועט שעפּער זיינען דעמאָלט געווען לרוב אין אַמעריקאַ. פאַר עט־לעכע וואָכן האָט ער געאַרבעט כמעט פאַר גאָרנישט — דאָס הייסט כדי ער זאָל זיך אויסלערנען. שפּעטער האָט ער זיך שוין געהאַט אַרויפגעאַרבעט: פאַר צוויי דאָלאַר האָט ער געפּראַציוועט אַ גאַנצע וואָך און דערצו נאָך געשלאָפן אין שאַפּ אויף די באַנדלס מיטן הונט וועמען מען האָט גע־בראַכט וואָס עס איז געבליבן פון טיש. בלויז שבת האָט שפּעסל זיך פאַר־גונען הנאה צו האָבן פון עפּעס און אויך דאַרויף פלעגט ער וואַרטן מיט אומגעדולד.

ווען עס איז געקומען פרייטאָג האָט שעפּסל אַרונטערגעוואָרפן פון זיך די שווערע קייטן און איז געוואָרן דאָס וואָס ער איז געווען. עס האָט זיך אים אויסגעמאָלט אַז ער איז צוריק אין שטעטל. דער אָפּערייטאָר ביי וועמען ער פלעגט איבערנעכטיקן פלעגט אים געבן אַ גוטן געלעגער, און ער פלעגט הנאה האָבן וואָס כאָטש איינמאָל אַ וואָך האָט ער ניט געדאַפט שלאָפן אויף באַנדלס און מלחמה האַלטן מיט די ראַצן.

דער בעל הבית פון שאַפּ, וועלכער האָט דערלויבט שעפּסלען צו נעכטיקן אין שאַפּ פלעגט דווקא זיין צופרידן, וואָרים ער האָט געהאַט אַ גוטע אויסרעכענונג דערביי. ער פלעגט היטן דעם שאַפּ אַז קיינער זאָל זיך ניט איינברעכן. און יענעם ערשטן פרייטאָג צו־נאַכטס ווען שעפּסל האָט ניט גענעכטיקט דאָרט האָט ער אים שבת אין דערפרי גוט אויסגעזידלט. „איך צאָל דיר פיר דאָלאַר אַ וואָך", האָט ער געשריען. שעפּסל האָט זיך פאַרענטפערט אַז כאָטש איינמאָל אין דער וואָך וויל ער זיך אויסגלייכן די ביינער. אָבער יענער איז אויף אים אָנגעפאַלן מיט באַליידיגונגען אַז ער זאָל זיך גיין דינגען אַ צימער אין אַסטאָר האָטעל, וואו ער וועט זיך קאָ־נען אויסגלייכן די ביינער... „דו גרינע חיה וואָס דו ביסט..."

שעפּסל האָט נישט ריידנדיק אַ וואָרט, אויסגעטאָן דאָס רעקל און אָנגעטאָן דעם פאַרטוך און ער האָט גענומען דעם שווערן ביגל אייזן און זיך גענומען צו דער אַרבעט. דאַ האָט ווי אַ געהיימע האַנט אַ דריי גע־טאָן דאָס רעדל. די גאַז האָט אויפגעפלאַמט און שעפּסל איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון פייער. מען האָט אים קוים אַוועקגעפירט אין האָספּיטאַל, אָבער ער האָט געהאַט גרויסע בראַנד־וואונדן: אויף די הענט, פּנים און קאָפּ. דאָרט איז ער געווען אַ צייט לאַנג. און ווען ער איז אַרויס פון האָספּיטאַל, האָט זיין פּנים שוין גאָר אַנדערש אויסגעקוקט. דערפאַר האָט ער געהאַט

אַ טשעק פון דער אינשורענס קאָמפּאַני. מיט דעם האָט זיך געענדיקט זיין שקלאַפעריי אין שאַפּ. ער האָט געקויפט אַ סטענד פון אַלטע שיך און איז געוואָרן אַ הענדלער.

שווער און ביטער האָט שעפּסל געאַרבעט און זיך אַרויפגעאַרבעט לאַנגזאַם פון אַ סטענד אויף אַ סטאָרקע, און דערנאָך האָט ער שוין געהאַט אַ גרויסע סטאָר. ווען דאָס געשעפט איז געגאַנגען גוט, האָט ער געקויפט אַן אַנדער סטאָר, און ער איז געוואָרן אַ באַלעבאָס פון אַ צאָל סטאָרס. דער־נאָך האָט ער באַמערקט אַ גוט פּלאַץ און געעפנט אַ שאַפּ. עס האָט ניט גענומען לאַנג און אַ קאָמפּאַני אונטערן נאָמען שעפּס און קאָמפּאַני איז גע־גרינדעט געוואָרן. און די קאָמפּאַני איז געוואַקסן ווי אויף הייוון. זי איז געוואָרן איינע פון די גרעסטע פירמעס אין דעם פאַך.

און ווי געווײנלעך, ווען מען ווערט רייך, דערווייטערט מען זיך פון אידן און אידישקייט. שעפּסל אָבער האָט געטאָן אַנדערש. ער האָט אָפּגע־היט שבת, ווייל ער האָט געגלויבט אַז זיין פאָטער, קאַדעש דער וואַסער־טרעגער האָט זיך פאַר אים געמיט. ער האָט גוט געדיינקט, אַז ווען ער איז געזעסן אין אַסטראָג האָט ער געזען זיין טאַטן אין חלום און אַ סך מאָל. ער האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרבאָרגענער צדיק. ער האָט גערעדט צו אים: דו זעסט שעפּסל, דער סופר האָט זיך געמיט פאַר מיר... מיין נשמה איז ביים טויער פון גן עדן. זע זאָלסט ניט פאַרשעמען, זאָלסט ניט פאַרטאַכ־לעווען דאָס אידישקייט... וואו דו וועסט זיין — אין די ערגסטע און אין די בעסטע אומשטענדן, זאָלסטו ניט פאַרגעסן אַז דו ביסט אַ איד.

ער האָט אויך געגלויבט אַז ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון טויט, בשעת די געז האָט זיך אָנגעצונדן, דורך זיין טאַטן. אין זיין טאַטנס זכות איז ער געזונט געוואָרן. דערפאַר האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן אויף צדקה. ער האָט געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט פאַר שפּיטאָלן, בתי יתומים, מושב זקנים, תלמוד תורה׳ס. אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען ער שטאַמט און וואָס ער איז געווען אין דער היים.

נאָך זיין שטעטל האָט ער ניט געהאַט וואָס צו בייַנקען. אַן אָרימער בעל עגלה, אַן אַ שטאַנד אין שטעטל, פירנדיק אַ ביטער און שווער לעבן — איז וואָס האָט ער נאָך אַלעמען פאַרלאָרן?

וואָלט זיין פאָטער, קאַדעש דער וואַסערטרעגער, נאָך געלעבט ויאָלט אפשר געווען אַנדערש. אָבער זיין פאָטער איז שוין לאַנג טויט... קיין האָ־פענונג אויף אים איז מער ניט געווען. דאָס איינציקע וואָס האָט אים יאָ באַאומרואיקט איז געווען אסתר. זי איז פון זיין געדאַנק קיינמאָל ניט אַרויס. דאָס האַרץ האָט אים ווי געטאָן. געווען אַ דינסט ביים גביר, וועלכער איז איצט שוין אַן אָרימאַן, געאַרבעט שווער, געהאַט אויסצושטיין כל המינים צרות. וואו איז איצט זיין קינד? וואָס איז געוואָרן פון איר?

ער האָט שוין אַסך מאָל אַנאָנסירט אין די צייטונגען, הגם ער האָט זיין נאָמען ניט אָנגעגעבן. אָבער קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. דאָך האָט ער די האָפענונג ניט אויפגעגעבן. ער האָט געהאַלטן אין איין זוכן אַ שפּור.

איינמאָל צופאָרנדיק צו זיין אָפיס, האָט ער געזען אַן אָרימען פּעדלער מיט בעזימער זיצנדיק אויף אַ שטיין. ער האָט זיך אַיינגעקוקט און אַ שוידער איז אים דורך זיינע איברים — דער פּעדלער האָט אויסגעזען ווי חיים דער גביר. ער האָט דאַן, ווי פריער דערציילט, אַרויסגעשיקט דעם דינער וועלכער האָט גענומען ביי אים עטלעכע בעזימער און אויך זיין נאָמען און ווי איבערראַשט איז שעפּסל געווען ווען ער האָט צוריק געברכט דעם נאָמען „חיים הענדלער". איצט האָט ער שוין געוואוסט ווער דער פּעדלער איז, אָבער ער האָט געוואָלט אויסגעפינען מער איינצעלהייטן און האָט דעריבער געשיקט אַ מאַן אויסצוגעפינען אויף אַ געהיימען אופן, ניט זאָגנדיק קיינעם ווער עס האָט אים געשיקט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט חיימען און ווי אַזוי ער איז מגולגל געוואָרן קיין אַמעריקע.

שעפּסלען האָט וויי געטאָן דאָס האַרץ ווען ער האָט אויסגעפונען ווי אַזוי זיי לעבן און וואו זיי וואוינען. אַזאַ טייערער ייד, ר' חיים, זאָל אויף דער עלטער איבערקומען צו אַזאַ מצב. דער מאַן האָט אים אויך דערציילט וועגן חיים'ס טאָכטער, וועלכע איז אַ האַלב שטומע, ווי שווער די מוטער און איר טאָכטער אַרבעטן.

אמת, קיין צופיל ליבשאַפט האָט ער ניט געהאַט פאַר חיים'ן, ביי וועמען זיין טאָכטער האָט אַזוי שווער געאַרבעט. ער האָט אויך גוט געדיינקט אַז ער, שעפּסל, האָט געמוזט ברייגגען אַ לייכטער אונטער דער פּאָלע כדי צו קריגן ביי חיימן אַ הלואה פאַר אַ מעסטעל האָבער... ווען ניט דער לייכטער האָט ער געקאָנט שטאַרבן צוזאַמען מיטן פערד פון הונגער. חיים איז ניט געווען קיין בעל צדקה און האָט דערצו געהאַט, ווען עס איז געקומען צו געלט, אַ שטאָלן האַרץ. איי, ער האָט אַרויסגעהאָלפן דעם סופר, איז עס געווען צוליב בן ציונ'ען. דאָס האָבן אַלע געוואוסט... און וואָס האָט זיין אָרימע אסתר געקראָגן ביי אים? וואַסער אויף קאַשע.

דאָך האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך אים צו העלפן אין זיין נויט, און דאָס אַלעס זאָל דוקא געטאָן ווערן אין געהיים, אַז קיינער זאָל ניט וויסן. ער האָט עס געפילט אַלס זיין פליכט צו טאָן — אַז זיין לאַנדסמאַן זאָל מאַכן אַ גרינגער לעבן. אָט דעם פּלאַן האָט שעפּסל טאַקע דערפאָלגרייך דורכגעפירט. קודם כל האָט מען גענומען פייגעלע אין אַן אַנשטאַלט, וואו זי האָט געקאָנט אויסגעהיילט ווערן, און חיימען האָט מען גערופן אין אַ ווייך־געשעפט און געגעבן אַ גוטע שטעלע. ער האָט נאַטירלעך ניט געוואוסט ווי אַזוי דאָס איז דערמעגלעכט געוואָרן. אָבער ער איז געווען גליקלעך

וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון די בעזימער און זיין חוה פון זיין אַ וועשערן.

אָבער ווי אַזוי דאָס איז געמאַכט געוואָרן, איז אַליין אינטערעסאַנט און עס לוינט זיך איבערצודערציילן דאָ די געשיכטע:

שעפּסל האָט באַשלאָסן זיך צו פאָרשטעלן אַלס אַ ייד מיט אַ באָרד אָנגעטאָן אַן אַלטן כאַלאַט מיט אַ שטריק אַרומגעגאַרטלט, אַ שטעקן אין דער האַנט ווי אַ וואָגלער, אַזוי אַז ער זאָל אָנגענומען ווערן ווי אַ מין אליהו אָדער, להבדיל, אַ סאַנטאַ קלאָוז, און אַזוי מאַכן אַ וויזיט ביי ר׳ חיימען אין הויז. אַזוי אַרום וועט ער האָבן געלעגנהייט צו זען ווי דער אַמאָליקער גרויסער גביר לעבט אין זיין פינסטערן קעלער שטיבל. דערביי וועט ער האָבן אַביסל נקמה, זיך קילן דאָס האַרץ....

ווי דער גרויסער דיכטער, העגריך היינע, דריקט זיך אויס אין זיינע שריפטן: „איך בין ניט קיין נוקם ונוטר. איך וואָלט מיינע שונאים גערן געליבט. אָבער איך קאָן זיי ניט ליבן איידער איך האָב פון זיי גענומען נקמה״. עפּעס אַזאַ געפיל האָט שעפּסל געהאַט.

אַריינקומענדיק אַ פאַרנאַכט אין חיים׳ס קעלער שטיבל, האָט שעפּסל געטראָפן די אַמאָליקע גבירנטע קרעכצנדיק פון אַ טאָג שווערע אַרבעט און צושטעלנדיק אויפן אויוועלע אַ טעפּל קאַרטאָפליעס, און פייגעלע, אַ שוואַנגעריקע, איז געזעסן איבער אַ טעפּל שוואַרצע קאַווע און איינ־געטונקט אַ דאַר שטיקל ברויט. חיים, ווידער, איז געזעסן אין אַ ווינקל און צורעכט געמאַכט אַ פּאָר אַלטע שיך וואָס ער האָט אויסגעבעטן.

אַוועקזעצנדיק זיך אויף אַ צובראָכן ביינקעל, האָט שעפּסל אָפּגע־קרעכצט און געפרעגט צי מען קאָן דאָ קריגן אַ געלעגער. ער האָט אויס־געזען זייער מיד און צובראָכן און הונגעריק.

חיים האָט, זיך ניט אומקוקנדיק, גערעדט פון זיין ווינקל: „דאָ איז ניט קיין הכנסת אורחים... גייט ערגיץ אַנדערש וואו... אַך, אַך, צופרידן איז מען אַז מען שלאָגט זיך אַליין דורך מיט אָט דער ביטערער פּרנסה... אַמאָל, אַמאָל געוועזן מיט לייטן גלייך״, האָט ער גערעדט ווי צו זיך אַליין. „אָבער איצט, אויף דער עלטער... דאַרף מען זאָגן אַז גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט״.

שעפּסל האָט געשוויגן און חיים האָט ווייטער גערעדט ווי צו זיך אַליין: „ביי אונז אין שטעטל איז געווען אַן אַלטער וואַסערטרעגער פלעגט ער שטענדיק זאָגן: גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט...״

„נו, און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן?״ האָט שעפּסל אַ פרעג געטאָן.

„פון אַלע מיינע שונאים זאָל זיך אַזוי אויסלאָזן״. און חיים האָט דערציילט ווי דער אַלטער וואַסערטרעגער איז געפאַלן פון די פיס פון שווערער אַרבעט גאַנצע טעג און דערנאָך ערשט דערטרונקען געוואָרן אין

טייך און אַפילו צו קבר ישראל ניט געקומען. זאָל ער זיין אַ גוטער בעטער פאַר אונז", האָט ער פאַרענדיקט. „מען דאַרף האָבן אַ גרויסע נשמה צו זאָגן שטענדיק אַזוי".

שעפּסל האָט כּלאחר יד געפרעגט: וואו זענען געווען די גבירים, די שיינע בעלי בתים פון שטאָט צו לאָזן אַזאַ אָרימען און ערליכן מענטשן פאַלן פון די פיס?" אָבער חיים האָט געהאַט אויך דאַרויף אַן ענטפער. „איר ווייסט דאָך, האָט ער געזאָגט, יעדער איז געווען פאַרנומען מיט זיך... אָרימעלייט דאַרפן ליידן..."

שעפּסל האָט זיך דערבי אויפגעהויבן און אַ זאָג געטאָן אויף שנעל: „נו, עס ווערט שפּעט, און אַ נאַכטלעגער דאַרף מען קריגן..."

ער האָט אונטערן ביינקעל איבערגעלאָזן אַ בייטעלע מיט געלט.

אָבער קיין סך געלט האָט ער אים ניט איבערגעלאָזן, און ער האָט באַשלאָסן ביי זיך אַז ער זאָל אים העלפן שפּעטער צוביסלעך אָבער ניט קיין סך. אַזאַ מענטש! האָט ער געטראַכט. ער האָט געזען ווי איך בין מיד און אָרים און האָט מיר אפילו ניט געגעבן קיין קאַרטאָפליע, ווי דער סופר פלעגט געבן מיין אָרימען טאַטן. אין אַזעלכע אומשטענדן האָט ער געדאַרפט מיטפילן אַן אָרימאַן. אָבער ער איז אַ גראָבער כאַראַקטער. און פאַר אַזאַ איינעם איז גענוג דאָס לעבן פון אַ מיטלמעסיקן מענטשן. אַ שטעלע אין אַ ווייַן קעלער, צו פאַרקויפן וויין כשר לפסח איז גענוג פאַר אים....

דעם צווייטן פרימאָרגן האָט חוה געפונען דאָס בייטעלע געלט. חיים איז שוין ניט געווען אין הויז — ער איז אַוועק מיט די בעזימער. זי האָט עס ניט געוואָלט עפענען, דערוואַרטנדיק אַז דער אָרימאַן וועט זיכער קומען און עס פאָדערן צוריק. און זי האָט געוואַרט ביז חיים וועט פאַרנאַכט קומען צוריק פון דער גאַס.

אַנטוישטער און צעווייטיקטער איז חיים געקומען פאַרנאַכט אַהיים. קיין איין בעזים האָט ער ניט פאַרקויפט, הגם ער איז אויסגעקראָכן וואו אַ גאַס און וואו אַ געסל. זיינע פיס זענען געווען געשוואָלן און יעדער איבר האָט אים ווי געטאָן. חוה האָט אים געוויזן דאָס בייטעלע וואָס זי האָט געפונען אונטערן ביינקעל. „וויפיל איז דאָרט פאַראַן?" האָט חיים גע־פרעגט. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי האָט עס ניט געעפענט ווייל זי דער־וואַרט ער זאָל קומען צוריק. „אויב ער איז ניט געקומען ביז איצט, וועט ער שוין ניט קומען", האָט חיים געזאָגט. זי האָט אים געזאָגט ער זאָל גיין זוכן דעם אָרימאַן אין הכנסת אורחים. „איך האָב נאָך צייט" האָט ער געענטפערט. „גיב מיר בעסער עפּעס עסן".

אויפן צווייטן טאָג איז געווען דאָנערשטאָג און חוה האָט געדאַרפט

האָבן געלט איינצוקויפן אויף שבת. „ווייסטו וואָס, חוה, נעם אַרויס עטליכע סענט פון דעם בייטעלע!"

טאָמער ווער ער קומען", האָט זי געפרעגט.

„נו, וועלן מיר אים שולדיק בלייבן... די חברה האָבן גענוג.... זיי זענען געבאָרענע שנאָרערס". חיים האָט נאָך געפילט די אַמאָליקע גדלות זיינע און געטראַכט: „ווען איך פאַרליר און ער געפינט?... זאָל איך אים גיין זוכן? די חברה ווייסן אַז פאַרלאָרן איז פאַרלאָרן".

ער האָט געעפענט דאָס בייטעלע און איבערגעציילט: אַכט אַלטע, צוקנייטשטע דאָלאַר מיט אָפּגעריבענע אַכטצען סענט, כמנין חי, צום לעבן. „נו גיי, קויף איין... און דאָס איבעריקע — באַהאַלט".

„און אויב ער וועט קומען?"

„זאָל זיין די טיר פאַרשלאָסן", האָט חיים געענטפערט.

אָבער חוה האָט אים דוקא ניט געפאָלגט. זי איז געווען צו ערליך, און איז טאַקע געגאַנגען אין הכנסת אורחים זיך נאָכפרעגן פאַרן מאַן. קיין נאָמען האָט זי ניט געוואוסט, האָט זי ווי ווייט מעגלעך אָנגעגעבן סימנים, אָבער קיינער האָט אַזאַ מאַן ניט געזען.

ווען זי האָט געעפנט דאָס בייטעלע צו באַצאָלן פאַר דעם וואָס זי האָט איינגעקויפט האָבן אירע הענט געציטערט. זי האָט קיינמאָל ניט גענוצט יענעמס געלט. אמת, זי האָט געוואוסט אַז דאָס רייכטום וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט איז געקומען ניט אין גאַנצן פון כשרע מסחרים. עס איז געקומען פון פּראָצענט וואָס די אָרימע לייט האָבן געצאָלט. אָבער דעמאָלט איז געווען עפּעס אַנדערש. איצט אָבער ווען די אָרימקייט האָט דערגרייכט זיי אַליין, האָט זי מורא געהאַט. פונדעסטוועגן האָט זי גענומען דאָס געלט און באַצאָלט. און דעם צווייטן טאָג, פרייטאָג, האָט חיים גענומען דאָס איבעריקע און איינגעקויפט פאַר זיך בעזימער.

די נאַכט נאָכן באַזוך ביי חיימען, האָט שעפּסל לאַנג ניט געקענט איינשלאָפן. עס האָט אים באַאומרואיקט דער געדאַנק וואָס חיים איז נאָך אַלץ דער זעלביקער האַרטער מענטש, וועלכער טראַכט גאַרנישט וועגן דעם אַנדערן. אַזאַ גראָבער פּליגל... שוין אַ יורד, האָט פאַרלאָרן אַלעס, און דאָך דערזעלביקער. פאַרוואָס ניט אים שטעלן צו פּראָבע? איינמאָל פאַר אַלעמאָל, ער מוז אים אויסניכטערן אַז ער זאָל דערזען די וועלט, אויסער זיך, האָט שעפּסל געטראַכט.

פרייטאָג פאַר ליכט-בענטשן האָט זיך שעפּסל ווידער פאַרמאַסקירט און געוווען לעבן חיימ'ס הויז. ער האָט ניט לאַנג געוואַרט ביז חיים איז אָנגעקומען פון דער גאַס מיט די בעזימער און דעם שוואַרצן זאַק אויפן אַקסעל. ער האָט דעם בעטלער באַלד דערקענט.

„איך בין געקומען אייך פרעגן, צי האָט איר ניט געפונען אַ בייטעלע מיט געלט וואָס איך האָב פאַרלאָרן ביי אייך אין הויז", האָט שעפּסעל געפרעגט נאָכדעם ווי חיים האָט זיך געווענדעט צו אים מיט דער פראַגע וואָס ער וויל.

„ביזטו זיכער אַז דו האָסט עס פאַרלאָרן ביי מיר אין הויז?"

„פאַר זיכער ווייס איך ניט".

„ניין", האָט חיים געזאָגט. „ניט ביי מיר האָסטו עס פאַרלאָרן. אומזיסט דיין זוכן". ער איז אַריין אין הויז און אים געלאָזט שטיין אין דרויסן.

דורך דער צעעפנטער טיר האָט שעפּסל געפילט דעם ריח פון שמעקעדיקע פיש און כריין. עס האָט אים הנאה געטאָן וואָס חיים האָט געהאַט אויף שבת, אָבער עס האָט אים ווי געטאָן וואָס חיים איז ניט געענדערט געוואָרן אפילו אונטער די שווערע אומשטענדן פון נויט און אָרימקייט.

אָבער טראַכטנדיק וועגן דעם האָט ער זיך געכאַפּט: „האָב איך דען מיין אייגענעם טאַטן ניט גענאַרט?"

קאַפּיטל 42

אַרבוזע אין אַמעריקע

אַרבוזע, ווי געזאָגט, האָט ווייניג גערעדט און מער געפייפט. איצט איז אים געווען דאָס האַרץ פאַרביטערט, איז אַנשטאָט פייפן, האָט ער גענומען מער דיינקען. פון טראַגן וואָסער איז אים דער מאַרך ניט אינגאַנצן אויסגעטריקענט געוואָרן...

דער בריוו פון אַמעריקע איז אים זייער געפעלן געוואָרן, דערהויפּט וואָס איז נוגע דעם ביער און בראָנפן וואָס מען קאָן דאָרט קריגן וויפיל נאָר דאָס האַרץ גלוסט. אָבער וואָס טוט מען מיט עזריאל דעם שוסטער? יענער וועט דאָך אים ניט אָפּלאָזן. ער קאָן נאָך אים נאָכלויפן צו דער גרעניץ און אים פאַרהאַלטן, און ווער נאָך ווי ער האָט געוואוסט דעם אמת אַז מיט פּעסלען איז ער געווען גאָר־גאָר נאָענט.

פּעסעל, האָט ער געוואוסט, ברענט נאָך אים. אָבער ער איז ניט געווען שולדיק. גאָר לעצטנס האָט פּעסל אָנגעהויבן צו פילן ניט גוט, און ווער ווייסט? אפשר דאַרף זי האָבן זויערע אוגערקעס... אַלזאָ, עס איז

געווען קלאָר, אַז זיי וועלן ניט שווייגן. איז די בעסטע זאַך: איידער עס ווערט שפּעט אָנצופּייפן דעם רב מיט עזריאלן. אויב אָבער ער וועט אין מיטן דרינען אָנהויבן מאָנען געלט ביי די באַלעבאָסטעס וועט זיך דער־וועקן אַ פאַרדאַכט. איז וואָס זשע טוט מען? דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט, וועט זיין גענוג פאַר דער רייזע קיין אַמעריקע, איז ניט געטראַכט קיין סך און — געפאָרן.

ווי שטענדיק ווינטער פאַרטאָג איז אַרבוזע אויפגעשטאַנען ווען עס איז נאָך געווען פינסטער אין דרויסן, האָט ער פּעסלען אַ קוש געגעבן, און מיט אַ שטילן פייף גענומען די קאַראַמיסלע און איז אַוועק צום טייך. דאָן האָט ער איין עמער אָנגעשעפּט און געלאָזן שטיין און דעם צווייטן אַרונטערגעלאָזן אין דער פּאָלאָנקע. אַז ער זאָל אַוועקשווימען מיטן אייז. די קאַראַמיסלע האָט ער געלאָזט ליגן. זיין היטל האָט ער געלאָזט צוגע־פרוירן ווערן צום אייז. זיין ציגאַרפּיסקעל אַריינגעוואָרפן אין דער פּאָ־לאָנקע, און אַליין זיך געלאָזן באַלד אין וועג אַריין צו דער גרעניץ.

ניט ווייט פון דער גרעניץ האָט ער פּאָר אַ רובל זיך אַריבערגע־כאַפּט פון יענער זייט געפּראָרענעם טייך. אַזוי גיך ווי ער האָט דערגרייכט אַ שטאָט, האָט ער זיך אַיינגעקויפט אַ גאַרניטער מיט אַ דייטשן קאַפּעליוש און האָט איצט אויסגעזען ווי אַ פאַלבער דייטש.

ס׳איז זיך לייכט פאַרצושטעלן ווי חיים האָט געפילט ווען ער האָט געקראָגן דעם בריוו פון רב און די פינסטערע בשורה, אַז אַרבוזע איז גע־ווען גרייט צו פאָרן און אַז ער איז דערטרונקען געוואָרן אין טייך.

פּייגעלע איז שוין דאָן געווען אין שפּיטאָל, האָט ער דעם בריוו באַהאַלטן פון חוהן און פון זיין טאָכטער, וועלכע איז געגאַנגען זייער שווער צו קינד.

ענדלעך האָט מען אים אָנגעזאָגט אַז זיין טאָכטער האָט געהאַט מיט מזל אַ אינגעלע. דאָס קינד האָט געקראָגן דעם נאָמען „בועז" און שפּעטער האָט מען דאָס קליינע אַרבוזעלע גענומען אין אַ יתומים הויז.

אין פאַרלויף פון דער צייט האָט אַרבוזע דורכגעמאַכט בשלום די רייזע קיין אַמעריקע. ער האָט געדיינקט, אַז עס איז פאַראַן גענוג ביער און שנאַפּס אין אַמעריקע און נאָך דעם ערשטן טאָג האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ וויין קעלער צו באַנעצן די ליפּן. און עס האָט ניט גענומען לאַנג ביז דער משגיח האָט אים באַמערקט און באַלד נאַטירליך דערקענט. „אַרבוזע, ווי קומסטו אַהער"? האָט ער זיך אַ צאַפּל געטאָן. אַרבוזע האָט געגעבן, ווי זיין שטייגער איז, אַ גרויסן פייף און זיך גע־וואָרפן אויף ר׳ חיימן מיט אויסערגעוויינלעכער פרייד.

באַלד האָט אַרבוזע געפרעגט אויף פייגעלען. „וואָס מאַכט זי?"

חיים האָט געענטפערט מיט אַ געלעכטערל. „וואָס זאָל זי מאַכן? קיין ברית ניט". און דערנאָך צוגעזעצט: „זי ביינקט".

„נאָך וועמען?" האָט אַרבוזע ווידער געפרעגט.

„וואָס הייסט נאָך וועמען? נאָך בוזין... זי גייט אויס נאָך דיר".

איידער זיי זענען געגאַנגען זען פייגעלען האָט חיים אים גענומען אין באָד אַריין. מ'האָט אים געכשרט, אים אַרומגעשוירן, און חיים איז דערוויל געלאָפן אַהיים אָנזאָגן די בשורה. ער האָט דערביי פאַרזאָגט אַז מען זאָל דאָס קינד האַלטן בסוד. חוה, פון איר זייט, איז געלאָפן איינ־קויפן בולקעס מיט לעקעך און פלייש מיט אַלע אַנדערע גוטע זאַכן. מען האָט געפּראַוועט אַ גרויסאַרטיקע וועטשערע, און פייגעלע האָט זיך פאַר־פּוצט.

אַרבוזע האָט געפּילט זייער גליקלעך. גייענדיק מיט חיים'ן האָט ער געפּייפט פרייליכע לידלעך. די באַגעגעניש צווישן אים און פייגעלען איז געווען פול מיט פרייד און גליק. שפּעטער זענען זיי געזעסןביים טיש. אַ פלעשל ביינציקער איז געשטאַנען און זיך ממש געבעטן: טרינק מיך... און אַרבוזע האָט זיך, נאַטירליך, ניט געלאָזט לאַנג בעטן. מען האָט געגעסן אויך, און אַרבוזע האָט געזופּט די גאָלדענע יויך און געגעסן פלייש וויפיל נאָר ער האָט געקענט. און ווען דאָס פלעשל איז ליידיק געוואָרן, האָט פייגעלע אים געוויזן איר שיינעם אַלקיר, און מיט אַ וואונק אים געוויזן, אַז אַזוי ווי עס ווערט באַלד נאַכט, זאָל ער טאַקע בלייבן מיט זיי איבער־נעכטיקן. חיים האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אַזוי ווי דער רב וואוינט ניט ווייט, איז וואָס דאַרף מען אייגנטלעך וואַרטן. זאָל מען טאַקע שטעלן אַ חופה, און עס זאָל זיין מיט מזל. חיים האָט געהאַלטן אַז מען דאַרף שמידן דאָס אייזן ווען עס איז נאָך הייס.

ביי אַרבוזן איז געווען אַ ביסל צו שנעל, און ער האָט זיך אַביסעלע געקווינקלט, אָבער ווי לאַנג קען מען וואַרטן? דערהייפּט נאָך אַזאַ גוטער וועטשערע... חיים האָט אים דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין פלייצע און אַוועק־געשטעלט נאָך אַ פלעשל אויפן טיש. מען האָט געטרונקען נאָך אַמאָל לחיים, און ענדלעך אַוועק צום רב.

ביים רב איז געווען אַלעס גרייט, אַ חופה מיט גלעקעלעך און בלימע־לעך. די כתובה איז אויך געווען גרייט. מען האָט בלויז געדאַרפט אַריינ־שרייבן צוויי ווערטער און — אַדיע. נאָכן צוברעכן דאָס גלעזעל האָט אַרבוזע אַ לאַנגן פייף געטאָן. ער איז אַריבער... געוואָרן אַ באַווייבטער.

חיים האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז אַרבוזע זאָל ניט פאַרקריכן אין שאָדן. אין אַמעריקע איז געווען „סלעק" אין יענער צייט און עס איז געווען שווער צו קריגן אַרבעט. אָבער ער האָט געוואוסט אַז אַרבוזע איז אַ שוס־טער, איז ער מיט אים געגאַנגען אין אַ שוך פאַבריק, טאַקע דאָרט וואו

עס האָט אים געטראָפן דאָס גליק מיט די פינף פּאָר נייע שיך וואָס ער האָט געקראָגן פאַר די בעזימער. אַזוי ווי דאָס פּלאַץ איז אים געווען מזלדיק, האָט ער באַשלאָסן צו פּרובירן נאָכאַמאָל.

דעם צווייטן פרימאָרגן איז חיים מיט אַרבוזען שוין געווען ביי דער פאַבריק און אַ מאַן מיט אַ קנעפּל האָט אים געפרעגט ווער ער איז און וואָס ער וויל. ער האָט געזאָגט אַז ער איז דער מאַן מיט די בעזימער... אַלזאָ, איצט וויל ער אַ דזשאָב פאַר דעם שוסטער. און ער האָט געוויזן אויף אַרבוזען, זאָגנדיק אים אַז דאָס איז זיין איידעם. און הגם עס איז געווען אין דער פאַבריק שווער פאַר אַ גרינעם צו קריגן אַרבעט, איז אָבער אַרבוזע דאָך צוגענומען געוואָרן און באַזאָרגט געוואָרן מיט פּרנסה.

שעפּסעל האָט פון וויטנס געהאַלטן אַן אויג אויף זיי.

קאַפּיטל 43

קאַדעש אין אַמעריקע

ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין אַמעריקע האָבן זיי געפונען דעם רייכן קרוב אין דער זעלביקער לאַגע ווי קאַדעש האָט געפונען מאָטלען — אין אַ קליין אָרים שטיבעלע. הינטערן הויז איז געווען אַ פּוסטע שטאָל און די „גרויסע מיל" איז געווען אַ זשאַרנע אויף וועלכער מען האָט געמאַכט רעטשענע גרויפּן. דאָס מילכעל איז, אמת, געווען, אָבער קיין גרויפּן זיינען ניט געווען. עס איז געווען געראָטן אין וויטראַק. דער וויטראַק האָט געדאַרפט ווינטן און נחום דער „רייכער" קרוב, האָט באַדאַרפט געלט צו קויפן רעטשקע.

פונדעסטוועגן האָט אידל אויפגענומען זיינע גרינע געסט מיט וואָס נאָר ער האָט געהאַט. מען האָט דערלאַנגט אַ שיסעלע רידניע באָרשט, אָדער ווי מען רופט עס אין אַמעריקע ספּינאַטש באָרשטש. קאַדעש, וועלכער האָט געלעבט אויף דער שיף אויף ברויט מיט שוואַרצער ציקאָריע, האָט זיך גאָר מחיה געווען מיטן ביסל באָרשטש און האָט שטאַרק געלויבט די באַלעבאָסטע. דערנאָך האָט ער זיך גענומען אַ געלעגער, ווי אין וויטראַק, אין דער זשאַרנע, געלייגט דעם לעכערדיקן זאַק צוקאָפּנס און מיט בטחון אַז גאָט וועט אים ניט פאַרלאָזן געגאַנגען שלאָפן.

דעם צווייטן טאָג האָט נחום געלערענט מיט זיינע געסט הלכות גרויפּן. לויט זיינע רייד איז אויסגעקומען אַזוי: דער עיקר איז געלט. פאַר

געלט קויפט מען רעטשקע און פון רעטשקע מאַכט מען רעטשענע גרויפּן. די גרויפּן פאַרקויפט מען צו גראָסערס אויף באָרג. דאַן דאַרף מען וואַרטן ביז די גראָסערס באַצאָלן. און צום סאַמע לעצט בלייבט פון דעם אַלעמען וואַסער אויף קאַשע.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט קאַדעש, וועלכער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג אַז עס וואָלט גאָר בעסער געווען צו האַנדלען, אַנשטאָט מיט די גראָסערס, נאָר מיט די באַלעבאָסטעס. זיי באַצאָלן אויפן אָרט, און דאַן וועט מירצעשעם קומען די שפע. און צולעצט האָט ער געזאָגט: „גאָט וועט העלפן... אָבער אין אַמעריקאַ דאַרף דאָך יעדע זאַך האָבן אַ נאָמען".

מאָטל האָט זיך געכאַפּט אויפן געדאַנק און האָט אויסגעשריען: „לאָמיר דאָס רופן אברהם אבינו'ס גרויפּן".

אַלזאָ, פון דעם האָט זיך ענטוויקלט ערשט דער אמת'ער פּלאַן. ניט נאָר גרויפּן אברהם אבינו'ס, נאָר אַ לאַטקע מעל. דאַן זאָלן געמאַכט ווערן אַזעלכע פּאַפּירענע זעקעלעך וואָס זאָלן קאָנען אַנטהאַלטן פּונקט אַ פונט פון אברהם אבינו'ס גרויפּן און אויף יעדער זעקעל זאָל זיין דאָס בילד פון אברהם אבינו, דאָס הייסט, פון קאַדעשן.

מאָטל האָט ארויסגענומען זיינע פּאָר גראָשן, און אַלע האָבן פאַרקאַשערט די אַרבל. קאַדעש האָט געאַרבעט אין זשאַרנע און מאָטל און נחום האָבן זיך אַרויסגעלאָזט קלאַפּן טירן. אידישע פרויען האָבן דערהערט וועגן אברהם אבינו'ס גרויפּן און זיי האָבן ניט אָפּגעזאָגט. דאָס געשעפט האָט גענומען וואַקסן, ווארים די גרויפּן זיינען געווען פריש, אָן ווערים, און אברהם אבינו'ס בילד אויף די זעקעלעך האָט אָפּגענומען דאָס אויג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין אַמעריקאַ וואָס אַזאַ בילד איז פאַרשפּרייט געוואָרן אויף אַ פּראָדוקט, ווי גרויפּן.

בלויז איינמאָל האָט מען אין גרויפּן־געשעפט גערעדט וועגן אברהם אבינו'ס בילד, נאָכדעם ווי מען איז שוין געווען צוגעוויינט צו דעם אַלס טייל פון געשעפט, און פאָרגעקומען איז עס צוליב דעם פאָלגנדיקן: איינמאָל איז מאָטל געקומען צו אַ רייך הויז, האָט אָנגעקלאַפּט אין ווי זיין שטייגער אָנגעבאָטן דער פרוי אברהם אבינו'ס לאַטקע מעל. זי האָט אים געגעבן אַ דאָלאַר, און פאַרמאַכט די טיר. אָבער שטייענדיק אינעווייניק האָט זי זיך אַריינגעקוקט אין בילד און עס האָט זיך איר געדאַכט אַז דאָס איז אַ היימיש פּנים. וואו האָט זי עס געזען? ערשט ווען זי האָט זיך בעסער צוגעקוקט, האָט זיך איר געדאַכט אַז דאָס איז ענדלעך צו איר זיידן קאַדעש דעם וואַסערטרעגער.

שפּעטער ווען מאָטל האָט געבראַכט די גרויפּן צו דער רייכער פרוי האָט ער איר געגעבן די רעשט פון דאָלאַר וואָס ער איז איר שולדיק געבליבן. אָנווייזנדיק אַז ער וויל פאַרקויפן גרויפּן, אָבער ער איז ניט גע־

קומען נאָך קיין נדבה. און ווען זי האָט געזען אַז ער האָט זיך באַליידיקט, האָט זי אים אַריינגעבעטן אין הויז און אים מכבד געווען מיט אַ גלאָז טיי. זי האָט זיך ביי אים נאָכגעפרעגט פון וואַנען ער איז געקומען און ווי אַזוי און וואָס ער טוט. ער האָט איר אַלעס אָפנהאַרציק דערציילט. זי, ווי־דער, האָט אים דערציילט אַז זי איז אויך ניט לאַנג אין לאַנד.

דער עיקר האָט מאָטל געהאַלטן אין איין אונטערשטרייכן דעם פאַקט אַז זיי האָבן אַ מילכל און אַז מען קאָן מאַכן אַ לעבן, אָבער עס פעלט אויס געלט און דעריבער פלאָגט מען זיך.

די פרוי האָט אים אָנגעבאָטן הונדערט דאָלאַר אַ הלוואה, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען, ווי מען זאָגט, די הענט צו פירן. מאָטל איז נאַטירלעך געווען זייער דאַנקבאַר און זיך אָפגערופן: איר ווייסט, מיר זיינען דריי שותפים, וועל איך ברענגען אַ וועקסל.

„ניט נויטיק, האָט זי געזאָגט, אייער וואָרט איז גוט גענוג און אויב איר וועט זיך נויטיקן אין נאָך... קומט צו מיר... איך ווייס ווי שווער עס איז זיך דורכצושלאָגן אין דער פרעמד מיט ליידיקע הענט".

אסתר (מאָטל האָט נאָך ניט געוואוסט ווער די פרוי איז) האָט גוט געוואוסט ווי ביטער ס'איז אָן געלט. זי האָט געליטן גענוג, ווען ניט ר' נחום, וועלכער איז איר געשטאַנען אין די נויטן.

דעריבער האָט זי אָפּגעמאַכט ביי זיך אַז זי זאָל זיך פירן ווי בן־ציון: העלפן יענעם, געבן אַ גמילת חסד. אָך, מיט איר געלט — ווי אַז ער וואָלט עס דערפילט זיין הייליקן וואונש צו העלפן נויטליידנדיקע.

מאָטל האָט געפילט ווי ער זאָל האָבן געפונען אָן אוצר. ווי פייל אויסן בויגן איז ער געלאָפן אַהיים.. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן אויפן וועג אַז יעדער איינער לייענט ביי אים אויפן שטערן: דער גרינער טראָגט ביי זיך אַ גאַנצן הונדערטער. ער האָט אַפילו איבערגעלעבט אַ שרעק ווען אַ שוואַרצער האָט אים אָפגעשטעלט און עפעס געפרעגט. ער איז געלאָפן ווייטער און ממש מיט דער נשמה אין די הענט איז ער געקומען אין מילכל. ער האָט דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט און טאַקע תוך כדי דיבור געוויזן דעם הונדערטער. „ווי הייסט די פרוי?" האָט דער אַלטער אברהם געפרעגט. „אסתר", האָט מאָטל אַרויסגעשאָסן מיט גרויס שמחה.

אברהם איז געבליבן זיצן אַ פאַרטרויערטער. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אסתרן: אָך, וואו איז זי, דאָס טייערע קינד", האָט ער אונטערגע־קרעכצט.

פון דאַן אָן האָט די פירמע אָנגעהויבן וואַקסן. מען האָט שוין מער ניט געדאַרפט פעדלען. האָלסייל הייזער האָבן ממש געריסן פון די הענט. וויפיל מען האָט פראָדוצירט איז ניט געווען גענוג. די פירמע איז רייך

געוואָרן און געעפנט איין גרויסע מיל נאָך דער אַנדערער. און קאַדעש־אַברהם איז געוואָרן דער פּרעזידענט.

פונדעסטוועגן האָט אברהם טייער געהאַלטן דאָס קלײנע מילכל. עס איז געווען ביי אים אַ הייליקייט. גאַנץ אָפט איז ער אַריינגעקומען אין מילכל און זיך געשפּיגלט אין לעבערדיקן זאַק זיינעם. ער האָט אים גע־היט ווי דאָס אויג אין קאָפּ צוזאַמען מיטן תהילימל. איינער אַליין פלעגט ער זיך דאָרטן אַוועקזעצן און געזאָגט תהילים דאַנקענדיק גאָט פאַר דעם חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט אים. פאַסטן האָט ער ניט געדאַרפט ווייל ער האָט געגעבן גענוג צדקה.

שפּעטער האָט די פירמע אָנגעהויבן פּראָדוצירן נאָך אַרטיקלען: אברהם אבינו'ס פלוימען, ראָזשינקעס, מאַנדלען, פייגען, טיי און קאַפע, פלעשער בוימעל, ניס, צימערינג. אַלעס איז געפּאַקעוועט געוואָרן אין קליינע, שיינע פּעקעלעך און אברהם אבינו'ס בילד איז געווען געדרוקט אויף יעדער פּעקעלע. די פירמע האָט אויסגעשפּרייט אירע צווייגן און אָפּטיילונגען איבער גאַנץ אַמעריקאַ.

קאַדעש האָט געהאַט אין זיין רייכן קאַנטאָר אַ צימער פאַר זיך, און דאָרט האָט ער אויך געהאַלטן זיין לעבערדיקן זאַק. דאָרט האָט ער גע־דאַווענט און יעדן טאָג תהילים געזאָגט. ער האָט געגעבן פאַר שפּיטאַלן, תלמוד תורה'ס, ישיבות, און ענלעכע אַנשטאַלטן.

די פירמע האָט זיך אין איין צייט געגוויטיקט אין מער געלט, האָט מאָטל געבראַכט וועקסלען אונטערגעשריבן נחום גאָלדמאַן, און אסתר האָט געליען געלט. און ווען זי האָט געפרעגט ווער עס איז דער נחום גאָלד־מאַן, האָט מאָטל געזאָגט אַז דאָס איז דער דריטער שותף, דער קאַסירער.

נחום גאָלדמאַן? נחום גאָלדמאַן?... אסתר האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם נאָמען.

מאָטל האָט געזאָגט אַז נחום איז זיינער אַ קרוב און ער האָט צו־געזעצט אַז דער נחום איז געווען אַ פּאַדראַטשיק, צוגעשטעלט קאַשע צו דער רוסישער אַרמיי און האָט געהאַט זיין אייגענע מיל. אָבער אונטער דער צאַרישער רעגירונג האָבן אידן געדאַרפט שטענדיק געבן אין דער יד און וויפיל מען האָט ניט געגעבן איז ניט געווען גענוג. פּלוצלונג איז אויסגעבראָכן אַ פּאָגראָם. די מיל איז אַוועק מיטן פייער. דערצו האָט מען נאָך געמאַכט אַ בילבול. און נחום איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן קיין אַמעריקאַ.

„איצט אַז גאָט האָט אייך שוין יאָ געהאָלפן", האָט אסתר געזאָגט, „בעט איך אייך אַז איר זאָלט אַריינגעמען אַ מיידל אין אָפיס. זי איז זייער אַן אינטעליגענטע, און כאָטש זי איז אַ קורצע צייט אין לאַנד קאָן זי זיך

מאַכן זייער ניצלעך ווייל זי קאָן פאַרשיידענע שפּראַכן: אידיש, העברייאיש, דייטש און ענגליש. פון רוסיש איז דאָך אָפּגערעט — זי איז אַ געבאָרענע פון רוסלאַנד".

„יא", האָט ער געענטפערט, „אונזער פּרעזידענט נויטיגט זיך ווירקלעך אין אַ סעקרעטאַרשע וועלכע קאָן אידיש... איר ווייסט דאָך — ער איז אויך ניט לאַנג אין לאַנד, איז זייער אַ פרומער, פון די אַמאָליקע אידן... שיקט די מיידל צו... זי וועט קריגן גוט באַצאָלט... אייער רעקאָמענדאַציע איז גענוג... אויב איר האָט עמיצן אַנדערש וואָס נויטיקט זיך אין אַרבעט שיקט אים אויך צו... פאַר אייך וועלן מיר זיין גליקלעך צו טאָן אַלעס.

קורץ נאָכדעם איז מרים געוואָרן ר' אברהם אבינו'ס סעקרעטאַרקע, געפינענדיק אין אים דעם אמת'ן ערלעכן אידן, וועלכער האָט מיט זיין פרומקייט ביי איר אויפגעלעבט דאָס היימישע חסידישע שטעטעלע וואו זי האָט פאַרבראַכט אירע בעסטע יאָרן. אמת, דאָס לעבן אין קליינעם שטעטל איז טאַקע געווען אָרים, אָבער דאָך איז עס געווען דורכגענומען מיט פרייד. גלויבן איז געלעגן אויף יעדן פּנים און פרומקייט — אין יעדן האַרצן. איר פאָטער, דער גלויביקער איד, איז שטענדיק געווען פריילעך. ער האָט אויף ווענען זיך צו פאַרלאָזן — גאָט אין הימל, אַזוי פלעגט ער שטענדיק זאָגן. שבת נאָך הבדלה פלעגן זיך צונויפקומען: ר' גרשון דער סופר, פסחל דער מלמד, מאָטל דער קרעמער, און נאָך חסידים אַרויפצובאַגלייטן די מלכת שבת. זייער זינגען ביי דער מלוה מלכה דעם „אל תירא עבדי יעקב", איז געווען פול מיט חן און התלהבות. ניין, די דאָזיקע אידן האָבן קיין מורא געהאַט פאַרן מאָרגען. אברהמעלע דעם מגיד'ס, וועלכער איז געווען אַ קבצן אויף דרוקעס, פלעגט טאַנצן און זינגען. „איך בין רייכער פון ראָטשילדן", פלעגט ער זאָגן. און אַלע זיינען אַוועק אין אַ ריקודל, הענט אויף אַקסל. ווער איז דאַן געווען גלייך צו זיי? זי האָט אויך געדיינקט די רביצין, וועלכע האָט אויסגעקוקט ווי אַ פּרינצעסין. איר באַבע, טעמע די טוקערין, פלעגט איר מיטנעמען צו דער רביצין אויף שבת־אויבס און דערציילט וואָס זי האָט געלייענט אין טייטש חומש, און דאַן טאַקע איר איבערגעגעבן די נייעס פון שטאָט. אַך, וואָס פאַר אַ לעבן! און דאַן האָט זי זיך דערמאָנט אָן בן ציון, דעם סופר'ס וועלכער האָט געוואוינט די צווייטע הויז פון זיי, לעבן בית המדרש. זי פלעגט זיצן אויף דער פריזבע און זיך געלערנט שטריקן אַ זאָק און ער איז געזעסן אין בית מדרש און פון צייט צו צייט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. זי איז געווען זיכער, אַז ער קוקט אויף איר... און ווען זי איז קראַנק געוואָרן... זי געדיינקט אַלעס, אַלעס... וואו איז ער איצט, בן ציון? אַך, די קינדערשע חלומות...

אויך יאַנקל דער קאָוואַל האָט זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. ער איז ממש אויפגעריכטעט געוואָרן. ר' אברהם פלעגט מאַכן אָפט אַ מנין

אין זיין קאַנטאָר, און יאַנקל באַס, אַזוי האָט ער זיך גערופן, האָט געדאַוונט פאַרן עמוד. מיט דער צייט האָט ער זיך אָנגעהויבן פילן ווי ער זאָל האָבן געוועזן אַן אמת׳ר חזן, און ניט לאַנג שפּעטער האָט ר׳ אברהם אבינו אַ וואונק געטאָן און יאַנקל איז טאַקע געוואָרן דער חזן אין אַ פיינער שול. מערקווירדיק איז, אַז די בעלי בתים האָבן טאַקע געלעקט די פינגער פון אים.

יאָרן זיינען דערווייל געפלויגן איינס נאָכן אַנדערן. אין דער וועלט זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען, אויך אין בן ציונ׳ס לעבן זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען. די וואָס האָבן אים אַזוי גוט געקענט, וואָלטן אים זיכער ניט דערקענט ווען זיי זעען אים. אָבער אינערלעך איז ער געוועזן דערזעלביקער. זיין נשמה איז געוועזן אַן איידעלע און געלייטערטע. ער איז געוועזן פאַרטאָן אין גייסטיקע ענינים און האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף די מיט וועמען ער איז געקומען אין באַרירונג.

ער האָט געגרינדעט אַ ישיבה און ער איז געוועזן ניט בלויז דער אָנפירער, נאָר אויך איר נשמה. זיין איבערגעבנקייט צו אידישקייט איז געוועזן אַזוי גרויס אַז זיין גאַנץ לעבן האָט ער געווידמעט צו דעם. ווער ער איז און פון וואַנען ער שטאַמט, און דערהויפּט וואָס ער האָט איבערגעלעבט, האָט קיינער ניט געוואוסט.

זי איז געוועזן אַ שוואַרץ־חנ׳עוודיקע אידישע טאָכטער, און ער איז ניט געוועזן גלייכגילטיק צו איר פון דער ערשטער מינוט ווען ער האָט מיט איר זיך באַקענט ביי זיינע לעקציעס, און ביים געזעגענען זיך מיט איר פאַרנדיק קיין אַמעריקאַ און ווען ער האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין אָפּיס. האָט זיך איינגעשטעלט אַ נאָענטע באַקאַנטשאַפט צווישן זיי און אָפטמאָל האָט ער פשוט געבענקט נאָך איר. ווען זי פלעגט פאַרלאָזן דעם אָפּיס, האָט ער געאָרנישט געקאָנט טאָן אָן איר — ער האָט געפילט אַז זי איז אַ טייל פון אים און אַ טייל פון דער אינסטיטוציע. ער האָט געדאַרפט שרייבן בריף צו רייכע מענטשן און זי איז געוועזן די וואָס פלעגט פאַרשטיין אויפן וואונק. קיין אַנדער מיידל וואָלט די אַרבעט פאַר אים זיכער ניט געקאָנט טאָן, האָט ער געטראַכט. און אירע בריף זיינען געוועזן גוטע. זיי האָבן געווירקט. די שעפס לעדער קאָמפּאַני אַזוי גוט ווי אַנדערע האָבן פאַרדאָפּלט זייערע ביישטייערונגען צו דער ישיבה.

אין פאַרלויף פון דער צייט האָט ער אַ סך מאָל געטראַכט וועגן אסתרן. עס איז געבליבן אַ וואונד ביי אים אין האַרצן, און די וואונד האָט זיך ניט געוואָלט פאַרהיילן וואָס ער זאָל ניט טאָן. וואו געפינט זי זיך, די גוטע אסתר? וואָס איז געוואָרן פון איר? זי איז אים געווען אַזוי געטריי.

ווער בתיה איז און פון וואַנען זי שטאַמט האָט ער ניט געוואוסט. פון אירע פּאַפּירן האָט ער בלויז געוואוסט אַז זי איז אויפגעצויגן געוואָרן

אין אַ יתומים הויז. מער האָט ער זי קיינמאָל ניט געפרעגט, ווארים עס איז ניט געווען פּאַסיק אויסצופרעגן זי וועגן אירע פּערזענלעכע ענינים.

קיין צווייפל ניט אַז אויך בתיה איז ניט געווען גלייכגילטיק צו אים. זי האָט געפילט אַ ליכטיקע פריידווען זי האָט אים געזען. בן ציון האָט געוואָלט אויסדריקן זיין צופרידנקייט מיט איר אַרבעט און האָט געזוכט אַ געלעגנהייט. צו איר געבורטסטאָג האָט ער איר געשענקט אַ גאָלדן זייגערל.

אסתר האָט זיך געפילט זייער גליקלעך ווען בתיה האָט איר אין איין שיינעם אָוונט דערציילט וועגן איר באַלעבאָס. זי האָט זיך אַ היבש ביסל גע־שעמט אָנפאַנגס. אָבער איר מוטער האָט זי שוין ניט צורו געלאָזן און ענד־לעך האָט זי זיך מודה געווען, אַז איר לעבן וועט ניט האָבן קיין ווערט אָן דעם מענטשן וועמען זי האָט אַזוי ליב. זי האָט דערביי צוגעגעבן אַז ער איז פיל עלטער פון איר. „אָבער וואָס מאַכט עס אויס, מאַמע? האָט זי גע־פרעגט נאַאיוו. דערביי האָט זי איר געשילדערט וואָס פאַר אַ גרויסער מענש ער איז און ווי גוט ער איז צו אַלעמען און באַזונדערס צו איר אַליין.

צו שטעלן זיך געגען האָט בכלל קיין זינען ניט אין אַמעריקאַ, בפרט נאָך אַז אסתר האָט ניט געהאַט אייגענטלעך וואָס אויסצוזעצן. זעענדיק ווי פאַרקאָכט איר איינציקע טאָכטער איז, איז דאָך געווען נוצלאָז ניט איינ־צושטימען.

בתיה און בן־ציון האָבן דאַן אָפּגעמאַכט אַז זייער חתונה זאָל פאָר־קומען אויף אַ שטילן, באַשיידענעם אופן און בלויז געציילטע מענטשן זאָלן איינגעלאַדן ווערן. זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ ליסטע פון אָנגעזעענע מענ־שען, דאַרונטער די גרויסע מנדבים פון דער ישיבה, ווי דעם פּרעזידענט פון דער שעפּס לעדער קאָמפּאַני.

ווען דער פּרעזידענט פון דער אברהם אבינו פּראָדאַקט קאָמפּאַני, צוזאַמען מיט זיינע שותפים, נחום און מאָטל, זיינען געגאַנגען צו דער התונה פונם פּראָפעסאָר אין דער ישיבה, האָבן זיי מיטגענומען יאַנקל דעם חזן אָדער יאַנקל באַס אַז ער זאָל באַזינגען חתן כלה.

ווען מרים, די סעקרעטאַרשע, האָט געקראָגן אַן איינלאַדונג פון אסתר׳ן און דער כלה, בעסי, איז זי איבעראַשט געוואָרן — זי איז געווען די איינציקע מחותנת׳טע פון כלה׳ס צד, און זי האָט זיך געוואונדערט וואָס וויפיל מאָל זי איז געווען ביי זיי, וועלכע זיינען צו איר געווען ווי שוועס־טער, האָבן זיי מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט וועגן פּראָפעסאָר.

חיים דער משגיח און קעלנער פון וויק געשעפט האָט געדאַרפט ברענגען אַ גרויסע באַשטעלונג פון די בעסטע וויינען און קאָניאַקס צו דער חתונה. ער האָט גענומען אַרבוזען ער זאָל אים העלפן. די באַשטעלונג איז פון שעפּס לעדער קאָמפּאַני, האָט חיים געזאָגט, קום.

„מיר וועלן זען אַ זייער געהויבנע שמחה... דער פּרעזידענט פון דער ישיבה, פּראָפעסאָר בענדזשעמענט האָט היינט חתונה... עס וועלן זיין אַ סך פּראָמינענטע געסט, פילאַנטראָפּן, מיליאָנערן, צווישן זיי דער פּרעזידענט פון דער שעפּס לעדער קאָמפּאַני, דער פּרזידענט פון אברהם אבינו פּראָדאָקט קאָמפּאַני, די שמעטענע פון שטאָט. מיר וועלן אויך אַריינכאַפּן אַ גוטן ביסן... מיר וועלן וואַרטן אין קיך. און צו דער צערעמאָניע וועלן מיר זיך אַריינכאַפּן אין זאַל.

אַלעס איז איינגעאָרדנט געוואָרן ריכטיק. די געלאַדענע געסט האָבן געוואוסט ווער דער חתן איז, וואָרים ווער האָט ניט געקענט דעם פּרעזידענט פון דער גרויסער ישיבה? די כלה דאַגעגן איז ניט געווען באַקאַנט: אויף דער איינלאַדונג איז געווען דערמאָנט בת שבע פּעקאָווסקי. מן הסתם שטאַמט זי פון אַ רייכע לומדישע משפּחה, האָבן מענטשן געטראַכט.

אין אַ באַזונדער צימער האָט דער רב גענומען גרייטן די כתובה. ער האָט געפרעגט אויפן חתנ׳ס נאָמען, און ווי איבעראַשט איז ער געווען, ווען דער חתן האָט אָנגעגעבן זיין נאָמען אַלס בן־ציון בן ר׳ גרשון. דאַן איז געפרעגט געוואָרן דער נאָמען פון דער כלה און ער האָט געקראָגן דעם ענטפער בת שבע בת בן־ציון און איר מוטערס נאָמען — אסתר. דאָס איז טאַקע געווען דער ריכטיקער נאָמען. ווייל איר מוטער האָט זי אַזוי פאַרשריבן אין אַנשטאַלט, וואו איר טאָכטער איז געבאָרן געוואָרן.

דער רב האָט זיך אָפּגעשטעלט; עס איז געווען אַ שאלה, און דער רב האָט צוגערופן דעם חתן וועגן דעם.

בת שבע, גיי אַריין אין אָפיס בעט דיין מאַמען אַריינצוקומען", האָט ער געזאָגט קאַלטבלוטיק.

אסתר האָט זיך צוערשט געוואונדערט וואָס איר טאָכטער גייט ניט מיט איר — זי איז געגאַנגען אַליין, הגם איר האַרץ האָט מאָדנע געציטערט.

ווען זי איז אַריין אין אָפיס, האָט זי אַ געשריי געטאָן: „בן ציון! בן־ציון!" און איז געפאַלן אין אונמאַכט.

ווען אסתר איז געקומען צו זיך פון דער איבעראַשונג, האָט זי פיל ניט געטראַכט און אַרונטערגענומען פון איר האַלז אַ גאָלדן מזוזה׳לע.

„דאָס איז די קמיע, די שמירה, וואָס דו האָסט מיר געגעבן", האָט זי געזאָגט. דערמיט האָסטו מיך מקדש געווען... פון דאַן אָן טראָג איך עס אויף מיין האַלז און מיין האַרצן... איך בין געוואָרן דיינע... בתיה איז דיין קינד, אַ כשר קינד. איך האָב אָפּגעהיט אַלעס ווי אַ כשר׳ע טאָכטער דאַרף אָפּהיטן... דיין מאַמע האָט מיך געלערנט ווי אַזוי זיך אויפצופירן... זי האָט געוואוסט דעם אמת — ווען דו ביזט געפאָרן צום רבי׳ן, בין איך געווען אין די הויכע מאָנאַטן... איך בין געפאָרן צו דיר שטעלן אַ חופּה, און גאָט איז

מיין עדות, אַז איך בין ערלעך און כשר... בת שבע איז אין דיר געראָטן. איצט וואָס דיינקסטו צו טאָן?"

בן ציון האָט גערופן בתיה׳ן: בתיה׳לע מיין טאָכטער. זי איז שוין געווען אין איר חופּה קלייד און אין שלייער. „בתיה מיין קינד", האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע — איך וויל דיר אַ סוד דערציילן. איך וויל אַז דו זאָלסט וויסן אַז גאָט האָט אונז אויסגעהיט פון אַ גרויסער זינד, פון דער שווערסטער זינד וואָס אַ מענטש קאָן באַגיין... איך בין דיין טאַטע און דו ביסט מיין טאָכטער".

בתיה איז שיער געפאַלן אין חלשות. בן ציון האָט זי אַרומגענומען: „שטאַרק זיך מיין טאָכטער" האָט ער זיך געבעטן ביי איר.

און קוקנדיק איר אין די אויגן אַריין האָט ער צוגעזעצט: „איך בין דיין פאָטער, ווי דו האָסט געטרוימט..." איצט מיין קינד זיי מקיים כיבוד אב און כיבוד אם... איך ווייס דו ביסט אַ גוט קינד, אַ גוטע נשמה... דיין טאַטע מאַמע׳ס גליק איז ביי דיר טייער ווי דיין לעבן... איצט גיב דיין מאַמען דיין חופּה קלייד און דעם שלייער.

בת־שבע האָט דערפילט אַז געמישטע געפילן ראַנגלען זיך אין איר. די פיס האָבן זי מער ניט געטראָגן. נאָר זי האָט זיך באַהערשט און מיט אַלע כחות געבליבן שטיין. זי האָט געקוקט אין דער ווייט און גאָר ניט געזען. די צונג האָט ניט געהאַט קיין ווערטער און מיט ציטערדיקע הענט האָט זי אַרונטערגענומען דעם שלייער און געגעבן צו איר מוטער. און איז אַריין אין אַ באַזונדערן צימער, האָט זיך איבערגעטאָן און אַרויסגעבראַכט דעם שלייער. מוטער און טאָכטער האָבן זיך צעקושט.

גייענדיק צו דער חופּה האָט אסתר געזען דורכן שלייער איר טאַטן, שעפּסלען, איר זיידן קאַדעש, דעם גוטן נחמ׳ען, שטייען אין איין ריי. זי האָט זיך געוואָלט געבן אַ ריס צו זיי און אַרומכאַפּן זיך מיט זיי און זיך צעקושן. אָבער דער געדאַנק אַז זי גייט מיט בן ציונ׳ען צו דער חופּה האָט זי צוריקגעהאַלטן. נאָך דער חופּה זיינען חתן כלה אַריין אין אַ באַזונדער זאַל, אסתר האָט געזאָגט בן ציונ׳ען אַז זי האָט געזען קאַדעשן און שעפּסלען. זיי זיינען אַריינגערופן געוואָרן אין זאַל וואו זיי האָבן זיך דערקענט און פאַר איבעראַשונג האָבן זיי געוויינט און זיך געפרייט. און באַלד גענומען טאַנצן אַ ראָד אַרום זיי.

די איינציקע וואָס זיינען ניט אַריינגעקומען זיינען געווען חיים און אַרבוזע. זיי האָבן געפראַוועט די שמחה אין קיך.

טעות הדפוס

פון אײַלעניש קומט קײן גוטס ניט אַרױס, װעל איך דאָ
אײניקע פאַרבעסערן.

●

זײט 10 — שורה 13 — — גײסט — דאַרף זײן — גאַסט.

זײט 137—שורה 7—ער האָט געװאָלט—דאַרף זײן—ער האָט ניט געװאָלט.

זײט 148 — שורה 31 — אים — דאַרף זײן — דיר.

זײט 188 — שורה 12 — זײן — דאַרף זײן — איר.

זײט 198 — שורה 9 — יאָקל — דאַרף זײן — יאַנקל.

זײט 227 — שורה 28 — װעט — דאַרף זײן — װעגן.